STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06166

FLAMEN

Stanislaw Brzozowski

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

[illegible]

12/8-50

סטאַניסלאַוו בזשאָזאָווסקי

פלאַמען

פון פויליש: נחמה עפשטיין

שול י. ל. פרץ
ביבליאָטעק

וואַרשע 1925

פלאמען

לויט די פאפירן נאך מיכאל קאניאווסקי

האט ארויסגעגעבן מיט א הקדמה

סטאניסלאוו בזשאזאווסקי

געזעצט: פ. קרימער פולאוו געבונדן בא א. קאמיען

St. Brzozowski PŁOMIENIE

Wydaw. Sz. Jaczkowski i S-ka

Warszawa, Leszno № 27/59.

Drukarnia „Oświata“ Warszawa

Tłomackie 4. Telefon № 236-02.

סטאניסלאוו בושאָואָווסקי

דער מוטער מיינער

אין טיפער דאנקבארקייט און

יראת־ הכבוד — די דאזיקע

איבערזעצונג — מתנה.

ערשטער טייל

הקדמה

דורכבלעטערנדיק די אַלטע רוסישע רעוואָלוציאָנערע צייטשריפטן, האָב איך דאָ נישט לאַנג באַגעגנט דעם נאָמען פון מיכאַל קאַניאָווסקי. כ'האָב מיר נאָך נישט באַוויזן אָפּצוגעבן קיין דין וחשבון, אַז דער נאָמען איז מיר גוט באַקאַנט, ווי פאַר מײַנע אויגן איז אַרויסגעשווומען כמעט קערפּערלעך אַ פּנים, וועלכעס איז נישט ענלעך געווען צו קיין איינעם פון די אַלע פּנימער, וואָס כ'האָב ביז אַהער געזען — מיטן בלויזן קאָפּ, מיט אַ משונהדיקן אויסדרוק פון די אויגן, וועלכע קוקן אַרויס פון אונטער די רויטע אָנגעשוואָלענע און ברעמענלאָזע אויגן-הײַטלעך. כ'געדענק, אַז ווען כ'האָב אים דערזען דאָס ערשטע מאָל (כ'בין דאַמאָלס געווען אַ קינד) — האָט זיך מיר אויסגעדאַכט:

„אָט אַזוי מוז אויסזען אַ מענטש, וועלכן מ'ראַטעוועט בעת אַ שׂרפה".

איך גלייב, אַז דאָס פעלן פון ברעמען, וואָס ס'האָט אויסגעזען טאַקע, ווי זיי וואָלטן געווען אָפּגעברענט, האָט מיך געבראַכט צום דאָזיקן אויספיר.

כ׳האָב מיך נישט געקענט באַפרייען פונם איינדרוק, אַז דער מאָדנער געהיימנישפולער פאַן מיכאַל, ווי ס׳האָבן אים אָנגערופן אַלע דערוואַקסענע, וועלכע פלעגן, ווי צוגויפגערעדט זיך, רעדן שטילער, אַרויסזאָגנדיק זיין נאָמען, — אַז דער דאָזיקער פאַן מיכאַל איז געווען אַ האַלב אָפּגעראַטעוועטער (קוים וואָס ער האָט זיך געהאַלטן אויף די פיס) נשרף, ס׳דאַכט זיך מיר, כ׳האָב אים אפילו אַמאָל געפרעגט וועגן דעם, דערלאַנגנדיק אים דעם שטעקן, וועלכער איז אים אַרויסגעפאַלן פון די הענט — און ער האָט אָנגעהויבן מיט מיר עפּעס צו שמועסן.

כ׳האָב געזען ווי אין פאַן מיכאַלס ברעמענלאָזע אויגן, וועלכע האָבן אויסגעזען אַזוי מאָדנע, אַז די משרתים בא אונדז פלעגן אים חושד זיין אין כישוף — האָט עפּעס אַ שימער געטון, ער האָט געוואָלט רעדן מיט מיר, אָבער די מומע אַדעלע, בא וועלכער מיר זענען געווען צו גאַסט, האָט מיך צוגערופן צו זיך. פאַן מיכאַל האָט זי אָנגעקוקט מיט אַ שמייכל און אַ פייף געטון. דאָס פלעגט מיט אים טרעפן גאַנץ אָפט. כ׳האָב אויך געהערט, ווי ער פלעגט עפּעס ברומען און רעדן צו זיך אַליין, אַרומגייענדיק איבער זיין באַליבטער גאָרטן-אַלעע פאַר דער אַלטאַנע און אָנשפּאַרנדיק זיך שווער אויפן שטעקן.

אין דער אַלטאַנע פלעגט ער פאַרברענגען גאַנצע טעג אין אַ גרויסער פאָטערשטול מיט אַ בוך אין דער האַנט. דאָס רוב אָבער פלעגט ער נישט לעזן, נאָר טראַכטן וועגן עפּעס, קוקנדיק ערגעץ פאַר זיך איבערן ביכל. כ׳פלעג אים דערפאַר אָבער טרעפן באַם שרייבן.

אין די געמיינזאַמע פאַמיליען-פאַרזאַמלונגען און אויספלוגן פלעגט ער זיך נישט באַטייליקן.

מיטן חוש פון אַ קינד האָב איך דערפילט בא אַלע דערוואַקסענע עפּעס אַן אַבערגלויבישע אומפאַרשטענדלעכע אימה פאַרן פאַן מיכאַל.

דער פורמאַן ספּירידאָן, מיט וועלכן כ׳האָב מיך אַמאָל אַרויסגעגנבעט באַנאַכט בשתיקה פון לערער פאַנגען קרעבסן, האָט פאַר

מײנע אױגן מיט עטלעכע װערטער אױסגעמאָלט א פּערספּעקטיװ פֿון געהײמנישפֿולער מאַכט און גרױזאַמקײט.

מיר זענען געזעסן אױפֿן ברעג...

ספּירידאָן האָט עפּעס געמײסטרעװעט באַם פֿײער און גערעדט, װי זײן שטײגער איז געװען, האַלב צו זיך אַלײן, האַלב צו מיר. ער איז געװױנט געװען צו רעדן צו די פֿערד און דעריבער איז ער געװען נישט קײן גרױסער איבערקלײבער אין צוהערער.

ער האָט דערצײלט װעגן דעם פֿעטער װאַלערי, װעגן אַלטן פֿאַן „אָקטאַװיאַן".

„א קלוגער פֿאַן געװען, אַלץ ט'ער געװוּסט. אז ער האָט געזאָגט, מ'זאָל זיך צװאײלן מיטן הײ, האָט געמעגט זײן דער ליכטיקסטער טאָג — איז דער רעגן געװען א זיכערער. אױף די װאָלקנס האָט ער זיך געקענט: בלױז אײן קוק געטון — און ער װײסט שױן, װאָס יעדער פֿון זײ װעט ברענגען.

און פֿערד װי ליב ער האָט געהאַט!

צו אונדזערע פֿערד איז אין דער גאַנצער גובערניע קײן גלײכן נישט געװען. אז ס'פֿלעגט זײן א יריד אָדער „קאָנטראַקטן קיעװער" — פֿאָרן אָן פּאַנעס צו אונדז — אָן דעם פֿאַן אָקטאַװיאַן — קײן טריט נישט. נו, װי קומט דער פֿאַן װאַלערעק צו אים. א פֿאַן װי א פֿאַן, אָבער קײן כאַראַקטער פֿאַרמאָגט ער נישט אין זיך. נו, װי קומט ער צו אים! דאַמאָלס, װען די פּאַנעס האָבן אין פֿאָלשע א בונט געמאַכט, א קריג הײסט עס א פּױלישע, א יונגל בין איך נאָך דאַמאָלס געװען באַ די פֿערד, הײבט זיך אָן א געהאַלט אין דאָרף, אַהער, אַהין — די פּאַנשטשיזנע, זאָגט מען, װעט מען צוריק אײנפֿירן, אָדער מען װעט װידער באַ די פּאַנעס די ערד צונעמען. און די פּאַנעס עצהן זיך, עצהן. אַלע טאָג קומט אַן אַנדערער. און פֿאַן אָקטאַװיאַן גײט אַרום אַן אַנגעכמורעטער, קנײטשט דעם שטערן. ס'װעט גאָרנישט זײן, זאָגט ער. און טאַקע װי ס'װאָלט גאָרנישט געװען, אַקערט ער, זײעט און זאַמלט, װי תּמיד. זענען געקומען אָפֿיצירן מיט מיליטער, קאַזאַקן — געקוקט, געקוקט און אַװעקפֿאָרן — זיך נאָך פֿאַרן פֿאַן געבײגט.

דעם פּאַנס אַ קרוב איז אין פּעטערבורג, גאָר אַ גרויסער גע-נעראַל געווען.

געקומען איז דאַן אַ קרובה דעם פּאַנס, פּאַני פלאָריאַנאָוואַס שוועסטער מיט איר מיידעלע אָליאַ — אין טרויער, דעם מאַן אירן האָבן ערגעץ די קאָזאַקן און אפשר גאָר די פּויערים גע-הרגעט. אַ בלאַסע אַזאַ איז זי געווען, אַ הויכע, אין טרויער, אַ פיי-נע פּאַני. דער אוריאַדניק איז אָנגעפאָרן און פרעגט:

— אַזוי און אַזוי, וואָס פאַר אַ רעכט האָט זי דאָ צו וווינען?

אָבער דער פּאַן האָט אים עפּעס אַזאַ וואָרט געזאָגט, אַז ער איז אַוועקגעפאָרן, ווי אַן אָפּגעשמיסענער. און אין דאָרף הייבט אָן דער עולם פאַרשידנס צו רעדן. מ׳שמועסט — די פּאַנעס האָט מען געהייסן בינדן, און צום מערסטן ניטשיפאָר, אַ יונג אַזאַ בּאַ אונדז געווען, אין סאָלדאַטן ט׳ער געדינט, אַ שרעקלעך דורכגע-טריבענע בריאה. אַ כלל — וואָס אַמאָל איז ערגער. אין קרעטש-מע זיצט מען עפּעס, ס׳הערן זיך גרויסע קולות. דעם פּאַן האָט מען וועגן דעם מודיע געווען.

די פּאַני מאַכט געוואַלטן:

— מ׳וועט אים דערהרגענען!

אָבער ער האָרכט נישט, הייסט זאָטלען דאָס פערד.

מ׳האָט אים דאָס פערד צוגעפירט, און אַליין ציטערט מען פאַר שרעק. — ווער ווייסט? און אַליין זענען מיר אויך אַהינגע-לאָפן, איך מיט טיכאָנען, ער איז נאָך דאַמאָלס אויך יונג געווען — טאָמער וואָס, וועט מען אים כאָטש ערשטעלן, זען צו ראַטעווען. אָבער ווי וואָלטן מיר אים גאָר געקענט באַשיצן!

צוגעלאָפן זענען מיר צו דער קרעטשמע, האָט מיך אַ שווי-דער אָנגעכאַפּט — דער פּאַן, זע איך, פאַרט אין סאַמען המון אַריין מיטן פערד, און דאָרט הערן זיך קולות, אַ לאַרם, ניטשי-פאָר פירט אָן און טענהט עפּעס. אונטערגעפאָרן איז דער פּאַן, אַראָפּ פון פערד, דעם ערשטן בעסטן געגעבן דאָס פערד צו האַלטן, און קיין אימה זעט מען בּאַ אים גאָרנישט, די האַנט טוט בּאַ אים קיין ציטער נישט, אַזוי ווי ער וואָלט קיין זאַך נישט געזען און נישט געהערט. פון פערד איז ער אַראָפּ און אין דער סאַמע מיט

פון עולם אַריין גלייך צו ניטשיפּאָרן; און דער עולם איז אַנט-
שוויגן געוואָרן ס'איז אַ מורא געווען צו קוקן. און דער פּאַן גייט
זיך דרייסט, גייט צו צו ניטשיפּאָרן, און ווי ער גיט אים אַ
פּראַסק אין פּנים אַריין און שפּעטער אין די ציין און נעמט אים
שטיקן ביים האַלדז:

— בינדט אים! — שרייט ער — און אין שטאָט אַריין
פירן: דעם עולם וועט ער בונטעווען, און ע נ ט פ ע ר ן וועלן מ'ר
אַלע דערפאַר! תיכּף בינדן און אויפן וואָגן אַרויפלייגן, און צום
איספּראַווניק וועל איך אַ בריוו געבן.

און באַלד האָט מען זיך פון עולם, ווער עס איז נאָר צום
נאָענסטן געשטאַנען, אַ וואָרף געטון אים בינדן, און ווען נישט דאָס
גליק, וואָלט מען נאָך אפשר דעם זעלבן אָוונט געקומען אין הויף
אַריין — ווער מיט אַ קאָסע און ווער מיט אַ האַק... אַ קלוגער
פּאַן געווען... אַ כאַראַקטער געהאַט, נו, ווי קומט דער פּאַן וואַ-
לערעק צו אים!...

— אין פּאַן מיכאַל — האָב איך אַ פרעג געטון.

ספּירידאָן האָט אַ מאָרנעם מאַך געגעבן מיט דער האַנט,
מיטן קאָפּ אַ שאָקל געטון, צום סוף האָט ער זיך צוגערוקט נעע-
טער און אָנגעהויבן צו שעפּטשען:

— און וועגן פּאַן מיכאַלעק, יינגעלע, איז פאַרווערט זיך
צו פרעגן, אַזוי, ווי דו וואָלסט אים קיינמאָל נישט געקענט... אַ
שרעקלעכער איז ער... ער האָט אין פּעטערבורג סאַמאָהאָ אימ-
פּעראַטאָ־אַ צום טויט געמשפּט...

באַהאַלטן האָט ער זיך פּאַר זיי, באַהאַלטן, אָבער זיי זענען
אומעטום נאָך אים: און די באַן מיט אים אויפגעריסן, אי זיין
שלאָס דעם קייזערלעכן אונטערגעצונדן און אים אַליין צום סוף מיט
אַ באָמבע צעריסן.

— דער פּאַן מיכאַל?... — האָב איך נעשעפּטשעט...

— פרעג זיך שוין גאָרנישט... אָט זיצט ער איצט אַ קאַ-
לעקע און מיט אַ שטעקן גייט ער אַרום, און ווער ווייסט אים,
קטאָ יעהאָ זנאַיע, וואָס ער טראַכט?... און ווי מען האָט עס אים
אָט אָ דאָ געזוכט. דעם פּאַן אָקטאַוויאַן אַליין האָט מען אין קיִעוו

אין דער תפיסה געהאלטן. און וואָס האָט געהאָלפן: גאָרנישט. הייל ווי זיי האָבן נאָר אויף אים דעם פסק-דין אַרויסגעטראָגן אינם געהיימען פאָלקס-געריכט — האָבן שוין אים, דעם פעטערבורגער צאַר, נישט די גווארדיע, נישט די האַרמאַטן, נישט די גאָלדענע לייב-יעגער גאָרנישט געהאָלפן...

און מורא האָבן זיי פאַר זיי, מורא האָבן זיי פאַר די שופטים פון פאָלק ער איז, פאַרשטייסטו. פאַן מיכאַלעק, אי אַ קאַלעקע, אי אַ קראַנקער, אָבער דער איספּראַווניק קומט כסדר, נאָר וואָס קומט אַרויס דערפון, ווער קען זיינע געהיימע מחשבות טרעפן. אויב ער האָט נישט דעם פּאַטערס גרויע האָלאָווושקאָ, נישט די פּאַניענקע אָלענקע געזשאַלעוועט און אויך זיין אייגן לעבן איינגעשטעלט, טאָ ווער-זשע וועט אים שוין בייקומען. דו זיי דיר אי אַ האָסודאַר, אי אַ אימפּעראַטאָר אין אַ געגילדטן מונדיר, דיך וועלן שוין פון אים נישט די מיניסטאָרן, נישט די גענעראַלן, נישט די פּאָפּן, און די צערקווע-גלאָקן נישט אַרויסרייסן, אויב ער האָט דיר שוין אינם געהיימען געריכט טויט אָנגעשריבן. און עס איז נישטאָ קעגן דעם קיין שום כוח.

דאָס פייער האָט געוואָרפן אויף ספּירידאָנס פּנים, אויף זיינע לאַנגע, ווייסע וואָנסעס אַ רויטע שיין, און ער האָט, אַן איינגעבויגענער איבער מיר, געשעפּטשעט:

— דער אמת איז באַ אים, און דעריבער איז אַלץ קעגן אים — גאָרנישט. קוים האָט ער שוין אויף זיין געוויסן בלוט גענומען, אָבער נישט פאַר זיך, און האָט זיך איינגעשלאָסן אין זיך, וועסטו אים שוין נישט איבערמאַכן. און ער גייט דאָ אַרום, גייט אַרום פּונקט ווי אַן אָדלער אין אַ שטייג: די נעגל האָט מען אים צעבראָכן, די פליגל צעפּעשניטן, און ער גייט אַרום, גייט אַרום און וועבט זיינע עלנטע מחשבות. גאַנצע נעכט איז באַ אים ליכטיק, און ער זיצט באַם אויוון, אָדער גייט אַרום איבער דער שטוב: און טוסטו אים אַ קוק אין די אויגן — כאַפּט דיך אָן אַ שרעק — אַזאַ מאַכט איז אין זיי. און זאָל גאָט היטן — זאָלסט אים עפּעס נישט מאַכן צו דער צייט. מיט די אויגן אַליין וועט ער דיך אוועקהרגענען: די נשמה וועט ער דיר פון בוזעם אַרויסנעמען. דער

איכפראַחניק קומט, פרעגט זיך נאָך, הייסט נאָכקוקן, ער זאָל חו־ נישט איז נישט אַוועקפאָרן, און אַליין האָט ער מורא פאַר אים... וויל אים אין די אויגן אריין נישט אַ קוק געבן...

די קינדערשע פאַנטאַזיע האָט געאַרבעט, נאָך אויפמערקזאַמער חי ביז אהער האָב איך זיך צוגעקוקט צום פאַן מיכאל און צו דער האַלטונג פון אַלע שטוב־מענטשן אין דער באַציִונג צו אים.

די האַלטונג זייערע איז מיר פאַרגעקומען וואָס אַמאָל משונה־דיקער.

איך האָב דייטלעך געפילט, אַז זיי האָבן מורא פאַר אים אין די אויגן זיך אָנצוקוקן עפּעס, זיך פונאַנדערצוזאָגן. איך האָב געזען, אַז קיינער האָט אים נישט ליב: פאַרקערט — יעדע באַוועגונג, יעדער זשעסט האָט געהאַט אין זיך סימנים פון אַ געהיימער מורא זיך אין אים נישט ווילנדיק אָנצורירן. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז אַלע האָבן אין אמתן מורא אפילו פאַר פאַן מיכאלס בליק.

און נישט נאָר פאַר זיין בליק:

בעת די מומע אַדעלע פלעגט אים דערלאַנגען אַ גלאָז טיי אָדער אונטעררוקן דעם טעלער, פלעגט זי דאָס טון עפּעס אַזוי מאָדנע, ווי זי וואָלט געשלעפּט אַ צעגליטע ברענענדיקע לאַסט. דער פעטער וואַלערי פלעגט רויט און בלאַס ווערן און אָנהייבן שטאַמלען, בעת דער פאַן מיכאל האָט בײַ אים עפּעס געפרעגט. איך בין איבערצייגט, אַז דעם פאַן מיכאלס טויט, וועלכער איז געשען עפּעס באַלד נאָך אונדזער אַוועקפאָרן, איז געווען פאַר די אַלע מענטשן אַן אמתע אויסלייזונג.

העלפנדיק אַמאָל דער מומע אַדעלען אין שפייכלער פונאַנדערצושטעלן די איינגעמאַכטסן, און אויסנוצנדיק איר באַרעדעוודיקייט, האָב איך נאָך לאַנגער וואַקלעניש (איך האָב אינסטינקטיוו געפילט, אַז יעדע פראַגע, וואָס האָט אַ שייכות צום פאַן מיכאל, צעטומלט די מומען און בכלל אַלע גרויסע בײַ אונדז), געפרעגט, צי איז עס אמת, אַז פאַן מיכאל האָט דערהרגעט דעם קייזער... די

מומע האָט אַרויסגעלאָזט פון דער האַנט אַ לעפל, וועלכער האָט זיך גענומען קייקלען מיט אַ געקלומפּער...

— האָב גאָט אין האַרץ, מיין קינד, רעד נישט וועגן דעם, רעד נישט, פרעג נישט: מען וועט דיך כאַפּן, מען וועט דיך אָנהייבן פאַרשן, די הויט וועט מען פון דיר פּאַסנווייז שינדן...

דאָס האָט מיר צוגענומען דעם חשק שוין ווייטער צו פרעגן, אָבער די מומע האָט זיך נישט געקענט באַרויִקן, עס האָט מיך געקאָסט אַ סך מי, איידער איך האָב איר דערקלערט, ווי אַזוי איך האָב באַקומען אַזעלכע געפערלעכע ידיעות, ווייל איך האָב נישט געוואָלט פאַראַטן ספּירידאָנען... די מומע האָט נאָך אייניקע מאָל איבערגעחזרט וועגן דעם, ווי מען שינדט די הויז פּאַסנווייז.

— און רעדן וועגן דעם איז אַ זינד, גאָטס צאָרן רופט מען אַרויס. דעם קאָשטשיאָל אָנערקענען זיי נישט — און דאָס שרעקלעכסטע — זיי גלייבן נישט אין גאָט: אָנשטאָט גאָט, זאָגן זיי, איז עפּעס דאָ עטער און אַ מענטש איז בלויז אַ רעדנדיקע מאַלפּע.

איך האָב שוין געוווּסט, אַז דאָס אַלץ האָט אַ שייכות צו מיכאַלס חברים. עס האָט אין מיינע אויגן נאָך מער פאַנטאַסטישן חן באַקומען. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער איז איינער פון די טיטאַנען, וועלכע דער טרוּמפירנדיקער יופּיטער (איך האָב דאַמאָלס מיט גרויס התמדה שטודירט די מיטאָלאָגיע) האָט אַראָפּגעשליידערט פון די הימלען און צוגעדריקט מיט דער ריזיקער לאַסט פון די בערג.

אַז ער פלעגט אַרומגיין איבערן גאָרטן, בעת עס האָט געהאַלטן פאַר אַ שטורם, ווען די מומע פלעגט איייליק פאַרמאַכן אַלע פענסטער, כדי אַ צוג זאָל נישט אַריינכאַפּן דעם דונער, און דער פעטער וואַלערי פלעגט באַהאַלטן זיין שופלאָד דעם גאָלדענעם זייגער און די שליסלען — פלעג איך געפינען אין פאַן מיכאַלס גלייכגילטיקייט אין באַצוג צו די דונערן, וועלכע הענגען איבער זיין קאָפּ, עפּעס אַ שייכות צו זיין אַפּיקרסות, דאָס אַפּיקרסות גופא

פלעגט זיך מיר פאַרשטעלן אין דער פאָרם פון בונט און עקשנות:

— דונער דיר דאָרטן, וויפיל דו ווילסט, און איך אָנערקען דיך נישט.

און איך האָב מיך באַמיט צו געפינען אין פאַן מיכאַלס פנים סימנים פון עפּעס אַ קאַמף און צעבונטעוועטער פאַרביסנקייט, אָבער ער איז געווען אַזוי ווי תמיד משונהדיק אומבאַוועגלעך ווי אַ פאַר־גליווערטער.

איינמאָל בלויז האָב איך געזען אַן אויפרעגונג באַם פאַן מי־כאַל — בעתן צוונט-ברויט איז געקומען צו פאָרן אַ גלח פון שכנות און האָט גענומען דערציילן וועגן דער „וווּנדערלעכער רעטונג פונם קייזער אַלעקסאַנדער דעם III־טן (אַרויסרעדנדיק די דאָזיקע ווערטער, האָט ער אַראָפּגעבויגן זיין היטעלע) פון אַ צוג, וועלכער איז צעבראָכן געוואָרן. גערעדט האָט ער וועגן דעם לאַנג און אַלץ זיך אײַמגעקערט צום זעלבן. איך האָב באַמערקט, אַז בעת מעשה האָט פאַן מיכאַל איינמאָל און נאָכאַמאָל אַ פייף געטון, און חען דער גלח האָט שליסלעך דערמאַנט עפּעס וועגן דעם, אַז מסתמא איז עס געווען אַ צופאַל, ווייל ער רעכנט נישט, אַז היינט זאָלן זיך נאָך געפינען אַזעלכע דרייסטע פאַרברעכער, דאַמאָלס האָט דער פאַן מיכאַל פלוצלינג זיך אָנגערופן אויפן קול צו טיכאָנען, וועלכער האָט זיך גדרייט אַרום טיש:

— העלף מיר אויפשטיין, דער קאָפּ האָט מיר אָנגעהויבן ווײ־טון פון דעם אַלטן אייזלס פלוידעריי.

אַלע זענען געבליבן זיצן, ווי צוגעשמידטע.

זינט איך לעב, האָב איך נישט געזען אַזאַ שרעקלעך דער־שטויבט פנים, ווי דאַמאָלס באַם גלח.

ער האָט האַסטיק גענומען טרינקען די הייסע טיי און האָט זיך געמיזט אוודאי שרעקלעך אָפּבריען, ווייל ער איז רויט געוואָרן, די אויגן זענען אים אַרויס פון די אויגן-לעכער. דער פעטער וואַ־לערי האָט זיך איינגעבויגן און האָט אים אָנגעהויבן עפּעס אַריינ־שעפּטשן. דער גלח האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ פאַר גרויס פאַר־וווּנדערונג. ערשט נישט לאַנג האָט מען אים איבערגעשיקט אין

אונדזערע קאַנטן און מסתּמא האָט ער דאָס ערשטע מאָל בעהערט די מעשה וועגן פאַן מיכאַל.

אויף מיר אָבער האָט די גאַנצע געשעעניש געמאַכט אַן אומגעהויער שטאַרקן איינדרוק.

דער פאַקט — אַז דעם גלח, אַ פערזאָן וואָס שטרעקט אויס תּמיד און איבעראַל אויטאָמאַטיש די האַנט צום קושן און וואָס באַווייזט זיך אין דערהיים דאָס רוב אין פייערלעכע מאָמענטן, ווי אַ חתונה אָדער לויה, דער פאַקט, אַז אַזאַ פערזאָן קען מען פּראָסט און פּשוט אָנרופן: אַלט אייזל, איז געווען אין מיינע אויגן אַן אמתע רעוואָלוציע, עס איז געווען נאָך אפשר אַ גרעסערער אַקט פון דרייסטקייט, ווי דאָס נישט גלייבן אין גאָט און דאָס נישט מורא האָבן פאַר זיינע דונערן אַפילו בעת אַ שטורם.

דער חרובער, פאַרקרענקטער פאַן מיכאַל האָט זיך אָנגעהויבן פאַרוואַנדלען אין אַ מיטאָלאָגיש געשטאַלט.

אין קורצן זענען מיר אָוועקגעפאָרן פון יענע מקומות.

עפּעס נאָך אַ צייט שפּעטער האָט זיך מיין פאַנטאַזיע פאַרנומען אומויפהערלעך מיט דעם פאַן מיכאַלס פערזאָן, בּ'סלעכווייז אָבער האָט דער מאַנגל פון עפּעס אַ פאַרבינדונג צווישן דער דאָזיקער געשטאַלט און דעם גאַנצן צוזאַמענשטעל און כאַראַקטער פון מיין אַרומיקן לעבן, פאַרצויגן די דאָזיקע געשטאַלט מיט אַ פאַנטאַסטישן און דערווייטערדיקן נעפּל. פאַן מיכאַל האָט זיך אָנגעהויבן פאַרוואַנדלען אין עפּעס פּונקט אַזאַ ווייטע און אַרויסגעלעזענע, נישט זיכערע זאַך, ווי די העלדן פון מאַין-רידס אָדער עמאַרדס מעשיות.

די ידיעה וועגן זיין טויט איז געווען דער לעצטער קלאַנג וועגן אים אין דער רעאַלער ווירקלעכקייט.

שפּעטער האָט אים שוין קיינער נישט דערמאַנט, קיינער האָט זיך מיט אים נישט אינטערעסירט, איך גלייב, אַז דווקא דער מאַנגל פון עפּעס אַ שיכות פון פאַן מיכאַל צו דעם אַלעם איבעריקן אין מיין לעבן און צו די אינטערעסן, וועלכע זענען דערין אַנטשטאַנען, איז געווען די סיבה, וואָס די זכרונות וועגן אים זענען געבליבן אימבאַרירט, ווי עפּעס אַ פרעמדע זאַך, וועלכע האָט

זיך צוליב א צופאל ארויסגעקריגן אין מיין זכרון. עס איז מיט אים קיין זאך נישט געווען פארבונדן. קיין איינער פון די געדאנקען וועלכע עס האבן דערוועקן אין מיר דאס ווירקלעכע ארומיקע לעבן פון יענער צייט, האט זיך נישט געבונדן מיט אט דער, זיך דא צו געווייטס פאסנדער געשטאלט. און אויף אזא אופן איז זי פארבליבן א פארגעסענע, אפגעזונדערטע, און דעריבער טאקע אומפארענדערלעכע. דערמאנען זיך — הייסט צונויפבינדן דעם אינהאלט פון דעם איבערגעלעבטן מיט די געשעענישן און איינדרוקן פון דעם ווייטן, קעגנווארטיקן לעבן. אונדזערע זכרונות ענדערן זיך און וואקסן מיט אונדז אינאיינעם, אונדז דאכט זיך בלויז, אז דער זכרון פארפעסטיקט, פאראייביקט, איינמאליק איבערשאפט ער אומאויסהערלעך.

די געשעענישן אדער די פערזאן, וועלכע זענען דער אביעקט פון די זכרונות, זענען בלויז ווי דער מארך, ווי א שטאנדהאפטיקע אקס פון שטענדיק זיך טוישנדיקע קריסטאליזירונגען. דאס לעבן רייסט פון זיי אפ אטאמען פון געפילן און געדאנקען, פארבייטנדיק זיי מיט אנדערע. אונדזער עבר איז תמיד בלויז אונדזער קעגנווארט. די זכרונות וועגן פאן מיכאל זענען געווען ווי א קריסטאל, וואס געהערט צו אן אנדערער וועלט. קיין שום קרובהשאפט האט אים נישט געבונדן מיטן איבעריקן אינהאלט פון מיין לעבן און פון מיינע געדאנקען. זיי זענען געווען טיף אין מיין זכרון, אומבאמערקבאר, אויפן סאמע גרונט, און די געדאנקען, געפילן פלעגן דורכפליסן איבער זיי, ווי עס פליסן דורך כוואליעס פון א טייך איבער א גראניט, וואס איז טיף אריינגעגראבן אין זאמדיקן באדן. — א מאדנע זאך, שפעטער אפילו, ווען איך האב זיך באקענט גענויער מיטן טעטיקייטס-כאראקטער פון דער „נאראדנאיא וואליא", האבן די דאזיקע ידיעות גארנישט אפגעפרישט די זכרונות וועגן דער פערזאן פונם פאן מיכאל, אפילו זיי נישט באריקט.

ערשט א דירעקטע אנדייטונג האט ארויסגערופן די זכרונות וועגן אים, זכרונות פולשטענדיק קאנקרעטע, נישט קיין איבערגעארבעטע דורכן געדאנק, און זיך איינגעשלאסענע, כמעט ווי קערפערלעכע. — דאס גייסטיקע לעבן פון די מענטשן, וועלכע מיר

קענען, שאַפן מיר אַליין פון די קוועלן פון אונדזער אייגענעם בייטיקן לעבן. אָבער פאַן מיכאַל איז געבליבן מחוץ אלע מיינע אינערלעכע מעטאַמאָרפאָזן. דעריבער טאַקע איז ער אויפגעשווומען בעת אַ צופעליקן צונויפאַמענשטויס, האָט אָפּגערוקט די כוואַליעס פון געדאַנקען און געפילן, וואָס האָבן גאָרנישט געזאָרגט וועגן אים, אויפגעשווומען פונקט אַזאַ, ווי ער איז פאַרזונקען דורכן צופאַל פון דער ערשטער באַגעגעניש.

מיין באַוווסטזיין און אַלע זיינע דערוואַרבונגען זענען פאַרבליבן אויף אַזוי פיל ווייט און פרעמד די דאָזיקע זכרונות, אַז איך האָב בלויז מיט אָנשטרענגונג מצד מיין ווילן געקענט פאַרבינדן — און דאָס אויך נאָר בלויז אויסערלעך פאַרבינדן — דאָס, וואָס איך האָב טעאָרעטיש געוווּסט וועגן די נאַראָדאָוואָלצעס מיט דעם קאָנקרעטן, גישט געענדערטן בילד פון פאַן מיכאַל אין מיין זכרון.

אויפגעשווומען איז ער פאַר מיינע אויגן פונקט אַזאַ אַבסאָלוט אומבאַקאַנטער, אומפאַרשטענדלעכער און גרויזאַמער, ווי ער האָט זיך באַוויזן פאַר מיינע קינדערישע אויגן:

אַ שטיק פאַרגליווערטע לאַווע אויף אַ בונט-בלומיקער רויקער לאָנקע, צווישן מעטשן שרעקעוודיקע, וועלכע האָבן זיך צום לעבן צוגעוווינט און דורך דעם איינגעהויקערט געוואָרן — ער, אַן אָפּגעברענטער פון דונערן און בליצן, אַ באַזיגטער, אָבער אומדערשרעקבאַרער, אַ חרובער, אָבער אומבאַזיגבאַרער טיטאַן-גבור. פון אונטער די אָפּגעברענטע אויגן-הייטלעך האָבן זיינע אויגן אַרויסגעקוקט און געשיקט זייערע בליקן איבער אונדזערע קעפּ ערגעץ ווייט אין דער וועלט פון גרויסע שלאַכטן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער הערט זיך תּמיד איין, צי טרייסלט נישט אויף אַן אונטערערדישער דונער דאָס דאָזיקע שטילע ווינקעלע פון פחד און נישטיקייט, אויף וועלכן מיר האָבן געשטיצט אונדזער לעבן.

איצט האָב איך שוין פאַרשטאַנען, פאַרוואָס דאָס האָט געמוזט אַזוי זיין, פאַרוואָס ער איז געווען צווישן אונדז אַזעלכער, וועלכער געהערט גאָר צו אַן אַנדערער וועלט.

עס האָט מיך פאַרגלוסט מער ועגן אים זיך צו דער־וויסן...

אזוי פלוצלינג איז ער אויפגעשווומען אויפן גרונט פון מיין זכרון, וועלכער האַלט אויף אין זיך געשעענישן, וואָס האָבן קיין שום באַדייטונג נישט און וואָס זענען ביז דערנידערונג אינהאַלטס־לאָז, ווי אַ פּאַראָסטעטער פלעק, ווי אַ שווערט אָדער שלעם, וואָס מען געפינט אומגעריכט צווישן דעם אַלטוואַרג אינדערהיים.

דעם פאַן מיכאַלס משפּחה איז געווען טיילווייז אויך מיין משפּחה. דאָס אָבער, וואָס פאַרשידענע איבערגעבליבענע מיטגלי־דער אירע פלעגן מיר דערציילן, איז געווען אַ געפּיל פון שרעק, פּרעמדקייט און פיינטשאַפט, וואָס האָט זיך פאַרשידנאַרטיק געביטן אין איינצלנע מוחות, וועלכע זענען נישט פעיק געווען אויפצונע־מען דעם עצם־ענין.

— אַ רוס געוואָרן — האָבן טייל געזאָגט — פאַרלוירן דעם גרונט פון אונטער די פיס. פאַר אומפאַרשטענדלעכע אמתן האָט ער דעם פאָטער, די גאַנצע פאַמיליע מקריב געווען. אַ שטאָלצער איז ער געווען, פיין זיך שטאַרק געהאַלטן, האָט געוואָלט אומעטום מיט אַלץ אָנפירן, האָט פאַראַכטעט אַלץ, וואָס איז היימיש... און בלוט האָט ער פאַרגאָסן, בלוט: — אַ מאָרד בלייבט תמיד אַ מאָרד.

אין גאָט האָט ער נישט געגלייבט, זיין שוועסטערקינד אַליע־שאַ האָט ער אויך באַגראָבן, מיט אים איז זי אַוועק „אויפן וואָרט" מיט אים „אין קאָמונע" געלעבט, אַליין וועש געוואַשן, אַליין וואַ־סער געשלעפּט, אין אַ פאַבריק, זאָגט מען, האָט זי געאַרבעט, ווי אַ פּראָסטע אַרבעטערין. און אַ תל איז געוואָרן פונם מיידל. און אַזאַ שיינע געווען, אַזאַ מילדע, אַזאַ געבילדעטע, גוטע...

און אַזאַ פּאַטריאָטין — האָט מיר דערציילט איינע פון אַליעס מומעס, אַ טויב־ווייסע זקנה: פון אַלעם האָט זי פאַרגעסן און אַוועק מיט אים אויף נויט, הונגער, דחקות.

און פאַר וועמען?

צו וואָס?

אין טולע זאָל מען זי צווישן אַרבעטער האָבן אַרעסטירט... זי — אַ פּריצישע טאָכטער און פּריציש אייניקל.

דעם זיידן האָבן די מאָסקאָלעס אין סיביר פאַרפייניקט: און זי איז דאָך אַהין אַוועק. און אַזוי געהאַסט האָט זי זיי, אַזוי געצערט און בלאַס געוואָרן, ווען מ'פלעגט איר וועגן מוראַוויאָוון דערציילן, וועגן ווילנע, ציטאַדעל, וועגן סוואָראָוון, וועגן פּראַגע, וועגן קילינסקין.

נישט קיין סך מער האָב איך מיך אויך דערוווּסט פונעם העררוואַלערי.

ער איז אויסגעפאָרן אין אוניווערסיטעט. אין גימנאַזיע האָט ער זיך געלערנט גוט, פלעגט קומען צו פאָרן, פלוידערן פאַרשידנס, ווי דאָס רוב יונגווארג בשעת די פעריען. קיינער האָט דאָרט קיין איבעריקע אַכט נישט געלייגט. מער נישט — דער פעטער פלעגט אין כּעס ווערן און דעם שטערן קנייטשן, בשעת ער האָט אים געדולט אַ קאָפּ מיט געמען פון פאַרשידענע רוסישע ליבעראַלן, צי ווי מען רופט זיי דאָרט. אַ ליבעראַל — מיר האָבן שוין גוט געוווּסט, ווי אַזוי מילוטין איז אין פּוילן אַ ליבעראַל. אַ ליבעראַל — און טוט, וואָס אים געפעלט, הגם ער ווייסט דאָך, אַז דאָס איז גזלה און גנבה, אָבער אים האָט מען שוין אינגאַנצן פאַרטומלט דעם קאָפּ. ס'זאָגט נאָך דער פעטער, אָדער דער פאָטער מייַנער... כאָטש שמיר אים מיט אָדעקאָלאָן — סיי ווי שטינקט פון אים מיט דזשיגעכץ, אָבער... ער האָט עפּעס אַזוינס געגומען טענהן, אַז עס איז דאָס לעבן נישט ליב געוואָרן; באַלד גייט אַוועק אַ סדרה; פויערים, דאָס אויסנוצן, פּריצישע אונטערדריקונג. דער פעטער האָט זיך נאָך באַמיט אַריינצוזאָגן... מיט דער רעגירונג האָבן זיך די פויערים פאַרבונדן, פאָוסטאַנצעס געבונדן, געהרגעט. אָבער גאָרנישט. ער האָט זיך שוין אַזוי אין די עם-הארצים איינגעליבט, אַז ער האָט זיך שוין צו קיינע אַרגומענטן נישט צוגעהערט.

און אַזוי האָט עס געדויערט אפשר אַ יאָר צייט.

דער פעטער פלעגט זיך שוין אַפילו נישט פרייען מיט זיין קומען.

ער איז אױפֿגעקומען, איז נעלם געװאָרן. מען האָט אים געזוכט. — אַ געװיסע צײַט פֿלעגט מען אַלע עטלעכע טעג קומען, אַרומרינגלען דאָס הױז, דעם גאָרטן, קאַפּױער מיט די פֿיס שטעלן, מען אַלץ איבערקערן, אַזױ האָט מען אים געזוכט. דעם פֿעטער אָקסאַװיאַן האָט מען אין תּפֿיסה געהאַלטן, געמײנט — ער באַהאַלט, ער מוז װיסן, דער גענעראַל אַלײן פֿון קיִעװ פֿלעגט קומען.

— איר אַלס פֿאָטער מוזט װיסן, אונטער אײַער השפּעה.

אָבער דער פֿעטער האָט אײדל און רויִק, װי נאָר ער האָט עס געקענט, איבערגעריסן:

— אויב אַזוי, פֿרײַ איך מיך טאַקע, װאָס כ'זע דעם הער גענעראַל, אַ מענטש אַן ערנסטן פֿון אַ גרויסן זאַמט, טאָ אפֿשר װעט איר מיר אויסטײַטשן, פֿאַרװאָס פֿאַרלירן אונדזערע קינדער אין די רעגירונגס-שולן דעם גלויבן, פֿאַרװאָס װערן זײ דורכגעדרונגען מיט פּרינציפּן, װעלכע זענען פֿרעמד דער נאַציאָנאַלער טראַ-דיציע.

דער גענעראַל האָט זיך געפּרוּװט מיט בײזן אַרויסדרײען, אָבער ס'האָט זיך נישט געלאָזט: נאָכדעם האָט מען שוין דעם פֿעטער אָקסאַװיאַן צוריק געלאָזט. אַ סטאַטיסט איז ער געװען, האָט פֿאַר-קערט אין די ערשטקלאַסיקע אײראָפּעישע סאַלאָנען, אין לאַמבער-טאָװער האָטעל פֿלעגט ער אײַנשטײן, זיגמונט קראַשינסקין פּערזענ-לעך געקענט.

און אַזוי איז אַריבער אַ פּאָר יאָר אַװדאי. ערשט פּלוצלינג דאָ אײנמאָל בײַנאַכט, שטילערהײט — ער באַװײַזט זיך. אַ מהומה, אין משך פֿון דרײַ טעג זענען אַלע געגאַנגען אויף די שפּיצן פֿינגער.

מ'װאַגט נישט אָפּשעכטן הענער.

ער מיט פֿעטער אָקסאַװיאַן האָבן זיך פֿאַרשלאָסן אין קאַ-בינעט.

אין אָנהייב איז שטיל, די רעדן מיט אַ שעפּטשען, אָבער דערנאָך װערט װאָס אַמאָל הילכיקער. פּלוצלינג האָט זיך די טיר האַסטיק אויפֿגעפּראַלט.

ער איז אַרויסגעלאָפן אַ בלאַסער אין גאָרטן אַרויס. דער פעטער קלינגט.

כ׳גיי אַריין.

ער איז בלייך ווי די וואַנט. מיר האָבן געמיינט — אַ האַרץ־שלאַג. מ׳האָט אים ווי ס׳איז אָפּגעמינטערט.

אַדורך אַ וואָך.

אַ נייעס:

אֶליעשאַ איז נישטאָ.

אַ בריוו האָט זי איבערגעלאָזט, אַז זי גייט מיט מיכאַלעקן, מיט אים איינעם „אַרבעטן".

דער פעטער אָקטאַוויאַן איז אין עטלעכע טעג גרוי געוואָרן.

זי, וועלכע מ׳האָט אים אָנגעטרויט, האָט זיין זון...

וואָס וועט ער זאָגן?

זיינע אפילו אַ ווייטערע קרובה, דער מומע עמיליעס — מיין מוטערס שוועסטערן־טאָכטער. די מומע עמיליאַ איז דאַמאָלס אין אויסלאַנד געווען. מיר זענען זיך מישב: מודיע זיין, צי נישט מודיע זיין. אפשר וועט זי זיך נאָך אָפּזוכן, באַזינען, צוריקקומען?

אָבער אָט קומט די מומע אַליין.

זי ווייסט שוין. זי איז צו זיך נישט ענלעך, טרייסלט זיך, קען נישט רעדן. זי און דער פעטער אָקטאַוויאַן האָבן זיך פאַרשלאָסן און צימער און וויינען.

עטלעכע חדשים האָט זיך די מומע אַזוי אָפּגעפּייניקט.

ס׳פלעגן אָנקומען פון אַליען ידיעות, אָבער כוונ־אַנגיק, ווו זי איז, האָט מען נישט געוווסט. די מומע איז אַמאָל אַריבערגעפאָרן קיין קיעוו, אָבער, גיי זוך! ס׳איז אַ מורא, אַז די פּאָליציי זאָל אַזוי אַרום נישט פאַלן אַמאָל אויף די שפּורן. אין אַ וואָך אַרום איז זי צוריקגעקומען אַ נידערגעשלאָגענע און נאָך מער פאַרעבּדערטע. קורץ נאָכדעם איז זי געשטאָרבן.

אַריבער ווידער עטלעכע חדשים!

איצט זוכט מען אַלעמען. ווו, וואָס, ווען — מיר ווייסן גאָר־נישט.

אין עטלעכע יאָר אַרום איז ערשט געקומען אַ ידיעה — גע־שטאָרבן אין דער תּפֿיסה, אָבער ווו, אין וועלכער, געדענק איך נישט. דער פּעטער אָקטאַוויאַן האָט דאַמאָלס געהאַלטן באַם שטאַרבן. ער האָט זיך געפּייניקט, גאַנצע נעכט איז ער אַרומגעגאַנגען, גע־רעדט אויפֿן קול, געוויינט, די האָר זיך געריסן פֿון קאָפּ. בריוו האָט ער געשריבן צו אים, צו מיכאַלן.

אָבער ווו זוכט מען אים?

וווהין שיקן?

און אַזוי איז ער געשטאָרבן און דעם זון נישט געזען.

אַ מינוט פֿאַרן טויט האָט ער געעפֿנט די אויגן, מיט דער האַנט אַ באַוועגונג געמאַכט, ווי ער וואָלט עמעצן גערופֿן — איך בויג מיך איין, און ער האָט בלויז באַוויזן אַרויסצושעפּטשען: מיכאַש, בענטשנדיק. זיין פֿאַרמעגן האָט ער פֿאַרן טויט מיט אַ רעיענטאַלן פֿאַרקויף־אַקט מיר איבערגע־געבן:

ער וועט זיך אפשר אָפּזוכן, די צייטן וועלן זיך ענדערן, וועסטו אים אָפּגעבן — און אים דירעקט איבערגעבן איז אומ־מעגלעך געווען. לויטן געריכטס־אורטייל האָט ער אַלע רעכט אָנגעווּוירן. ציווילער טויט. אַ מודעה אַזעלכע איז אָנגעקומען. ס׳זע־נען אַדורך עטלעכע יאָר. קיין שום ידיעה נישטאָ.

פּלוצלינג נאַ דיר!

פֿרילינגס־צייט געווען, אַ רעגן אַ שרעקלעכער, די וועגן פֿול בלאָטע, צעכליאַפּעט — נישט דורכצוגיין, פֿון שטאָט קיין שום ידיעות, נישט קיין בריוו און נישט קיין צייטונגען: אַ רחמנות אויף די פֿערד. און פּלוצלינג, מיטאָג־צייט באַווייזט זיך דער איספּראַווי־ניק — שטייף, אָפֿיציעל. כ׳בעט אים זיצן, צובייסן, ער וויל נישט.

— אַ וויכטיקער ענין — זאָגט ער — אויף אייער הויז האָט מען באַפֿוילן אויפֿזיכט צו האָבן. כ׳האָב שוין דעם סטאַראָסטע די פֿאַראָרדנונג איבערגעגעבן; טאָמער באַווייזט זיך אייער ק־וב,

מיכאַל, — בינדן, געמען אויסער אַ וואָך און צו מיר צו־שטעלן.

שטענדיק מאָמיליען־געפילן, האָב איך איין די דאָזיקע פונקציע נישט איבערגעגעבן, כאָטש מיר וואָלטן עס געקענט פאָדערן, פאַרן בירגערלעכן חוב וועגן די שטימע פון האַרץ אַנטשוויגן.

און דאַמאָלס האָב איך מיך ערשט דערוווּסט און וואָס עס האַנדלט זיך.

דאָס איז געווען נאָכן 13־טן מערץ 1881 יאָר. די פּיס, זאָג איך דיר, האָבן זיך אָנגעהויבן וואַקלען אונטער מיר: — כ'בין אַ פּאַר־פאַלענער, קלער איך, אים וועט מען נישט געפינען, וועט מען מיך נעמען. עמעצן מוזן זיי דאָך נעמען. דעם ק י ז ע ר אַליין האָט מען עס דאָך...

זאָג איך:

— הער פּאָלקאָווניק, איר קענט דאָך מיך, איך פאָר אין ער־גיץ נישט אַרויס, קיינער קומט נישט צו מיר...

— דאָס אמת, איז אמת — זאָגט ער — איך וועל פאַרשטייט זיך, וועגן אייך קיין שלעכטס נישט זאָגן. אָבער דער סטאַראָסטע וועט זיי אויפֿזיכט איבער אייער הויז געמען.

שלעכט — טראַכט איך מיר.

כ'פרעג, צי ס'קומט נישט פאַר קיין זאַמלונג אויף אַ מצבה. אָבער ער האָט מיך אַזוי שטרענג אָנגעקוקט:

— נישט וועגן דעם איר אים אַ מצבה צו שטעלן, די העגט האָבן זיך נאָך טון בלויז נישט אָפּגעטריקנט און איר מיט דער זאַמלונג.

דאָס האַרץ איז מיר אָנגעפאַלן.

— נישט מיר אָבער. — זאָג איך. — ער האָט אויך אונדז באַ־שוּלט. אַ פאַלשו ווערסל אויפן מאַמער אונטערגעשריבן.

בפּיון האָב איך עס אַזוי געזאָגט, ווייל כ'האָב דאָך געמוזט דערווייזן, אַז קיין שום סאָלידאַריטעט איז צווישן אונז מיט אים נישטאָ: כּדי זיי זאָלן דאָס פאַרמעגן נישט רירן, וואָרום דאָס איז אונדזערס אַ נאַציאָנאַל־קאָמף־פּלאַץ, אַ פּאַרפאַטס. —

און פֿאַר אים איז דאָך שוין אַלץ אײנס: סײ װי אַ מערדער, טאָ װאָס שפּילט אַ ראָלע דאָרט עפּעס אַ װעקסל.

דרײַ חדשים האָבן מיר געלעבט אין שרעקלעכן אומרו, אָבער ס'איז ניט־קשה אַדורך. צום סוף באַגעגנט איך דעם איספּראַװניק שוין װינטער־צײַט.

— קײן אױסלאַנד — זאָגט ער — איז ער אַנטלאָפֿן באַהאַלטן זיך.

טראַכט איך מיר, גאָט צו דאַנקען: ער װעט זיך ניט צוריקקערן. צי חײמס דינג, האָט אים דערװאָרט. כ'האָב אים אַפֿילו געװאָלט שיקן געלט — װײַל ער זיך שוין דאָרט אײַנאָרדנען באַקװעם, האָבן מבֿינה, אָבער דאָס איז דאָך אױך אַ געפֿערלעכע מעשה, כ'טראַכט, און טראַכט...

— װי אַזױ מאַכט מען עס?

און אַזױ איז װידער אַדורך אַ פּאָר יאָר. װידער קומט דער איספּראַװניק:

— אײַער קרובֿ מיכאל געפֿינט זיך אין דער פּעטראָפּאַװלאָװער פֿעסטונג, אין אַ זיכער אָרט. און אײַב עמעצער פֿון דער משפּחה װיל אים זען, איז עס ניט פֿאַרװערט...

אַזױ רעדט ער און גלאָצט מיט די אױגן, שטעכט מיך דורך מיט זײַנע בליקן. כ'דערקלער, מיר קענען אים װײַזן, כמעט װי באַריכטן, קײן סימפּאַטיע איז צװישן אונדז כמעט קײנמאָל ניט געװען. האָלט. אױך די פּאַטעטישע גערעדן אפֿשר ניט געגעבן, אָבער דער קריסטלעכער חובֿ הײסט העלפֿן, אײַב מ'באַדאַרף אַלזאָ געלט, קען איך עס גרײט צו געבן דורך די הענט פֿון דער מאַכט.

הונדערט רובל האָט דער איספּראַװניק גענומען און חזרט אַלץ איבער.

— און זען זיך מיט אים טאָמער װיל עמעצער פֿון דער פֿאַמיליע — איז ניט פֿאַרװערט.

אַ קײַלעכן אונטערגעשטעלט' מיטל — אײַב ניט, צװאָס װאָלט ער אַזױ צוגעשטאַנען, דערקלער איך אים אַלזאָ:

— אין יעדער פֿאַמיליע טרעפֿט זיך אַן אומגליק, די בעסטע

דערציִונג העל־ט נישט דערצו. רחמנות האָבן אויף מערדער אַפֿילו האָט גאָט באַפֿוילן, אָבער מיכאַל קאַניאַווסקי האָט מיין פֿאָטער, זיין פֿעטער — שווער באַליידיקט, מיין שוועסטער־קינד באַגראָבן, אַזוי אַז אייגנטלעך הייסט די פֿליכט פֿון כבוד פֿאָדערן בײַ אים באַפֿרי־דיקונג, אָבער ער האָט שוין אָנגעווירן אַלע רעכט, אַזוי, אַז איך פֿאַר־שטיי — אַז ער איז צו אַן ערן־געריכט אינגאַנצן אומפֿעיִק, בין איך שוין מוחל מיין תביעה, מיט געלט קום איך אים צו הילף, אָבער זען וויל איך אים נישט.

דער איספּראַווניק האָט מיר אַפֿילו די האַנט געדריקט.

— דערלויבט מיר, כ'זאָל אייך גראַטולירן, וואָס איר פֿאַר־מאָגט אַזעלכע געפֿילן — האָט ער מיר דערקלערט.

און איך זע: עס איז געלונגען. מ'זאָגט, ס'איז געווען אַ חשד, אַז דאָס פֿאַרקויפֿן פֿון פֿאַרמעגן איז געווען בלויז אַן אָנשטעל, אָבער פֿון יענער צייט אָן האָט מען אויפֿגעהערט צו פֿאָרשן: און אַ שטיק ערד איז אין פּוילישע הענט פֿאַרבליבן.

אָט אַזוי דאַרף מען דיפּלאָמאַטיזירן.

נישט וועגן מיר האָט זיך עס דאָך געהאַנדלט: ווען מ'וואָלט געקענט, וואָלט איך תיכף מיכאַלן דאָס פֿאַרמעגן אָפּגעגעבן. כ'דאַרף נישט יענעמס, אָבער דאָס איז דאָך אויך אַ נאַציאָנאַל אייגנטום און קיין שום טענות האָב איך צו מיכאַלן נישט געהאַט.

ס'איז קלאָר: אַן אומנאָרמאַלער איז ער געווען, דאָס גאַנצע לעבן אַ היציקער און אפֿשר גאָר אַ פּיקסאַט. און אַליין האָסטו שפּעטער געזען: ס'האָט אים בײַ גונדז קיין זאַך נישט געפֿעלט, געלט פֿלעגט ער נעמען, וויפֿיל ער האָט געוואָלט. און גאָר אַ סך פֿלעגט ער טיילמאָל נעמען און האָט עס ערגעץ־ווו אַוועקגע־שיקט, און ווען נישט מיין פּאָליטיק דאַמאָלס, וואָלט מען אים אוודאי דאַמאָלס נישט אָפּגעגעבן. כאָטש מ'האָט אים געהאַלטן פֿאַר אַן אויסגעיענדיקן און אינגאַנצן אומבאַוווסטזיניק; נו, דאַמאָלס פֿלעגט נישט איינפֿאַלן אַפֿילו, אַז אַ מענטשלעך אויג וועט אים נאָך זען אַ לעבעדיקן. כ'האָב געמיינט, זיי וועלן אים אָנהייבן פּייניקן, ער זאָל זיי אויסגעבן, וואָס ער ווייסט, און זיי וועלן אים שוין

אזוי לאַנג פייניקן, אַז קיין זכר וועט פון אים נישט בלייבן...

ס׳איז אַדורך אַ צייט.

אָנגעקומען אַ ידיעה:

ער איז פאַרמשפּט צום טויט און אַלס מילדערונג פון דער שטראָף, איז דער טויט-אורטייל פאַרביטן אויף אייביקע קאַטאָרגע. ס׳איז שוין דער סוף — טראַכטן מיר. שוין פאַרפאַלן איז דער מענטש אויף אייביק. אַדעלינטשאַ אפילו האָט זיך באַרויקט, אין שטענדיקער אויפרעגונג האָט זי געלעבט.

אָבער אויך דאָס איז נאָך נישט דער סוף געווען.

מיר האָבן שוין אָנגעהויבן צו פאַרגעסן אָן מיכאַלן, קומט פּלוצלינג אַן אויפפאָדערונג פון גוּבערניע:

דער גייסטיק-קראַנקער מיכאַל קאַניאָווסקי ווערט צוליב דער בקשה פון זיין קרוב — דעם און דעם — דאָ ווערט מיין נאָמען אָנגערופן — אָפּגעגעבן אונטער דער אויפזיכט פון זיין משפּחה.

איך האָב קיין בקשה נישט דערלאַנגט, קלער איך מיר:

ס׳איז אַ דייטלעך שפּיצל פון דער פּאָליציי, אָבער אין אַ האַלבער שעה אַרום פּאַרט אָן מיט דער פּאָרפּאָסט עפּעס אַ פּרוי אין טרויער. לכתחילה האָב איך איר נישט שטאַרק געטרויט, אָבער זי האָט געהאַט אַזאַ שטרענגן בליק. אינגאַנצן ווי אַ מאָנאַכין, און וועגן מיכאַלן האָט זי זיך אָפּגערופן מיט גרויס דרך-ארץ און מיט-געפיל. דאָס האָבן מיכאַלס אַלטע פריינט אַלץ איינגעאָרדנט, און די בקשה מיט מיין נאָמען אונטערגעשריבן.

— אַזוי האָט עס באַדאַרפט זיין — האָט געזאָגט די דאָזיקע דאַמע — ווען זיי וואָלטן זיך געוואָלט צוטשעפּען, וואָלט איר געקענט לייקענען, נאָר, אַז ס׳האָט זיך איינגעגעבן, איז דאָך אוודאי גוט.

און אָט בין איך נאָך אים געפאָרן.

מ׳האָט מיר אים אָ גיגעבן.

ער קען מיט קיין אבר נישט אַ ריר טון, רעדט כמעט גאָר נישט, שטאַמלט עפּעס, מער טויט, ווי לעבעדיק. כ׳האָב שוין גע-מיינט, ס׳וועט אויפן וועג געמען אַ סוף מיט אים, אָבער כ׳האָב אים

דערפירט אַהיים. און ביסלעכווייז איז ער צוריק צו זיך געקומען. פאַר דער מאַכט — דער איספּראַווניק פלעגט אין אָנהייב אָפּטער, דערנאָך זעלטענער קומען, — האָט ער געמאַכט אָן אָנשטעל, אַז ער איז משוגע, אָבער דעם אמת זאָגנדיק, מיין איך. אַז ער איז טאַקע געווען נישט באַם קלאָרן זין. צו זיך אַליין פלעגט ער רעדן גאַנצע נעכט.

הערסט דיך צו און ס'דאַכט זיך דיר, אַז דאָס רעדן צוויי אָדער דריי מענטשן. אָדער נאָך האָט ער געהאַט אַ מאָדנע געוווינהייט: שטעלט זיך אוועק בײַ דער וואַנט און קלאַפּט אין איר. טײלמאָל קלאַפּט ער אָפּ אַ היפּשע ווײַלע. שריפטן און צײַטונגען האָט ער אַראָפּגעבראַכט אויף מיין נאָמען. רוסישע צום מערסטן. די, וואָס מיר פלעגן האָבן פּוילישע, פלעגט ער כמעט נישט לעזן, עפּעס אומבאַקאַנטע בלעטער פלעגט ער זיך אויסשרייבן. ער פלעגט לעזן, לעזן, דאָס פּנים האָט אים געפלאַמט, ער פלעגט שילטן אויפן קול, פון כעס פלעגט ער אָפּטמאָל צערייסן די צײַטונג אויף פּיצלעך, און פרעגסטו בײַ אים עפּעס, ענטפערט ער דיר עפּעס אַזוי משונהדיק, אַז ס'איז שווער צו פאַרשטיין: — קורץ אַזוי, אָפּגעהאַקט, בייסנדיק, געפּייניקט האָט ער זיך שטאַרק: ווייזט אויס, געוויסנס-ביסן האָבן אים געמאַטערט: דאָך מענטשלעך בלוט פאַרגאָסן; נו, און דערצו נאָך דער פאָטער און אָלעשאַ. מיט אונדז רעדן האָט ער נישט געוואָלט, אין אַלטע פאַפּירן פלעגט ער זיך גריבלען, געשריבן עפּעס. פאַפּירן זענען נאָך אים — אַ מאַסע געבליבן. אָן שום מי איז מיר געלונגען איבערצוצייגן דעם פאַן וואַלערי, אַז האַלטן אַלע פאַפּירן קען פאַר אים זיין אין אַזאַ צײַט אפילו געפערלעך.

אויף אַזאַ אופן בין איך געוואָרן דער באַזיצער פון די כתבים און נאָטיצן פון מיכאַל קאַניאַווסקי.

צווישן זיי האָב איך געפונען אַ כתב-יד, וואָס צעט זיך אויף אַ סך העפטן און וועלכער שטעלט מיט זיך פאָר איין גאַנצקייט — דאָס איז אין אַ געוויסער מאָס אַ ספר-זכרונות, טײלמאָל ווידער ווי אַ דערציילונג, פּערזענלעכע אייַנדריקן, אָדער גאָר עפּעס, ווי ווידיעס, מיט אַ געוויסער קינסטלערישער אָנשטרענגונג איבערגעגעבן.

אויף אַ באַזונדער צעטל האָב איך געפֿונען אַ באַמערקונג אָנגעשריבן מיט אַ בלייפֿעדער.

„כ׳בין אָפּגעריסן פֿון לעבן — אַ צוזאַמענשטויס מיט מיר קען זיין געפֿערלעך — און וואָס לעבעדיקער דער מענטש — אַלץ געפֿערלעכער; איך ווייס נישט, וואָס ס׳קומט פֿאַר אין לאַנד: כ׳פֿיל אונטערן זאַמד בלוט און פֿלאַם. אָבער דאָס זאַמד, דאָס זאַמד שטיקט אַלץ צו מיט אַ שווערער שיכט.

אויב ס׳וועלן ווען עס איז דערגיין די דאָזיקע ווערטער.״

דאָ איז דער זאַץ איבערגעריסן.

אויך אין אַנדערע כתבֿ־ידן און פּאַפּירן האָב איך געפֿונען אָנווייזונגען, אַז געשריבן האָט פֿאַן מיכאַל זיינע זכרונות מיטן מיין, אַז זיי קענען ווערן פֿאַרעפֿנטלעכט. —

איך גיב זיי איבער צום געברויך פֿון דער עפֿנטלעכקייט.

אפשר וועט מיר מיט דער צייט געלונגען, אַ דאַנק ידיעות, געשעפּטע וועגן אים אַליין פֿון אַנדערע קוועלן, צו דערגענצן אָט דאָס בילד פֿון מענטשן, געשעענישן און געפֿילן, וואָס זענען דורך אים דאָ געמאָלט געוואָרן.

אויף די חורבות

I

1

עס וואָלט זיך געגלוסט וועגן גאָרנישט צו קלערן און קודם כּל אָן קיין זאַך זיך נישט צו דערמאַנען. עס קען זיך דאַכטן, אַז דאָס איז נישט שווער: איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָפּווענדן דעם געדאַנק פון דעם, וואָס וועט זיך שוין נישט אומקערן און לעבן מיטן איינדרוק פון מאָמענט.

עס זענען פאַראַן אַזוי פיל זאַכן, וועלכע זענען נישט פאַרבונדן איינע מיט דער צווייטער, וועלכע זענען גאָר פשוט. ס'זענען דאָ אַזוי פיל אופנים פון פילן, זען, דענקען, מיר דאַכט זיך, אַז פון יעדן לעבנס-מאָמענט וואָלט מען געקענט אָנהייבן אַ שפּאָגל נייעם אַרט לעבן. אויפפּאַסן זיך אַליין, אַזוי ווי מען איז און נישט מער.

די ערשטע צייט, די ערשטע טעג פלעגט מיר אַלץ פאַרשאַפן פאַרגעניגן.

איך האָב געקוקט מיט דורשטיקע בליקן אויף דעם גרינעם גראָז, איך האָב מיך מחיה געווען מיטן גערויש פון די ביימער, עס איז מיר געווען אומענדלעך גוט. איך האָב וועגן גאָרנישט גע-

קלערס, איך האָב מיך בלויז צוגעקוקט צו יעדער זאַך, זיך געפרייט מיט איר זיין. אַבי זי איז דאָ. עס איז נישט וויכטיק, וואָס פאַר אַ באַדייטונג עס האָבן פאַר אַנדערע לעבעדיקע מענטשן געוויסע אירע אייגנשאַפטן: מאַנכע זענען פאַר זיי אָנגענעם, אַנדערע ווידער מיאוס און צעפשטויסנד, דאָס לעבן איז תמיד עגאָיסטיש און איינזייטיק:

איך האָב געטראָגן אין מיר דעם יושר פון טויט.

איינמאָל האָב איך עפּעס ערגעץ געזען אַן אַלט בית עולם, אַזאַ אַלטס, אַז די ערד דערויף איז שוין באַשטאַנען בלויז פון די געוועזענע מענטשלעכע קערפּערס. דאָס גרינס אויפן בית עולם איז געווען וווּנדערבאַר פריש און זאַפטיק. אין דערלופטן האָט געקלונגען אַן אומויפהערלעך זומען פון אינזעקטן, ווי עפּעס אַ לעבעדיקע מוזיק, זי האָט זיך געהערט גלייכצייטיק אומעטום: אינם גראָז, אין דערלופטן, עס האָט געקלונגען מיט איר יעדע באַוועגונג פון אַ צווייג אָדער בלאַט, וועלכע דער ווינט האָט געגלעט. מען האָט דאָ געהאַט דעם איינדרוק, אַז דאָס רוישט דאָס לעבן גופא, אַז דאָס הערט זיך זיין דופק, זיין אומויפהערלעך צאַפּלען, אַז דאָס שאַלט און קלינגט דאָס געבוירן ווערן און שטאַרבן אַליין.

איך מיין, אַז ווען דאָס דאָזיקע בית עולם וואָלט פאַרמאָגט איין גרויסע פילנדיקע נשמה, וואָלט עס דאַמאָלס איבערגעלעבט אַזאַ אייביקע שמחה, וואָס עס לעבט יעדעס גרעזעלע, יעדעס ווערעמל.

יענע פאַרשטאָרבענע, וואָס פלעגן זיך דאָרט ביסלעכווייז פאַרוואַנדלען אין גראָז און אין מחנות קליינע ווערעמלעך, וועלכע האָבן געזשומעט אין דער לופטן — זיי האָט זיך אויך אַוודאי געמוזט אַמאָל דאַכטן, אַז וויכטיק, באַדייטנדיק און גוט איז בלויז דאָס, וואָס עס געפינט זיך אין זיי, אַז אויסער זיי איז אַלץ גלייכגילטיקייט און טויטקייט. יעצט האָט פון זיי גענומען אַרויסוואַקסן אַ ברייטערע רויִקערע חכמה איך מיין אָבער נישט, אַז די גרעזער און שטרויכער זאָלן זיי האָבן געשעפּטשעט אין די קברים אַריין אַ וואָסערע גישט איז זכרונות.

עס איז מיר גוט געווען כל־זמן דער זכרון האָט זיך נישט געוועקט.

און געוועקט האָט ער זיך עפּעס ווי מיט איינמאָל פון אַלע זייטן, כסדר און אומגעריכט. אַ בלאָז פון אַ ווינט, אַ גליטש פון אַ צווייג, וואָס פלעגט פלוצלינג אָפּגיסן דאָס פּנים מיט פרישן טוי. דאָס געזאַנג פון די פייגל אין באַגינען — דאָס אַלץ פלעגט פלוצלינג אויפוועקן אין דער נשמה עפּעס אַ לאַנג פאַרלוירענעם מאָמענט, ווען עס האָט אויך פונקט אַזוי געשאַלט דאָס פייגל־געזאַנג.

און עס פלעגט אויפשטיין תחית־המתים דער אַנגעווירעוועטער באַגראָבענער מאָמענט, אַזוי לעבעדיק, אַז ווי אויפסניי אַנווזונד, אַז איך פלעג דייטלעך הערן שטימען, פילן דאָס באַרירן פון הענט און איך פלעג בלייבן נאָך מער אַן אבל.

עס איז אוממעגלעך געווען זיך צו ראַטעווען פון די זכרונות.

זיי האָבן געוואַנדלט איבער אַלע פאַרוואָרפענע ווינקעלעך פון מיין בענקען און פילן, ווי בייזע רוחות בעת אַ לבנה־נאַכט אין אַ פאַרלאָזענעם שלאָס.

אויף אַלץ, וואָס איך האָב געזען, האָב איך אָנגעהויבן קוקן מיט געשטאָרבענע אויגן. אַלץ איז מגולגל געוואָרן אין אַ דערינערונג.

יעדע זאַך האָט זיך מיר געדאַכט שעפטשן: „קיינמאָל מער".

די שטילקייט איז געוואָרן דאָס קול פון זכרון.

איך ליג אָן באַוועגונג, איך זע גאָרנישט, איך קלער וועגן קיין זאַך נישט. אַרום איז פינסטער, טויט, אַרום מיר איז שטיל. די וועלט און די נשמה זענען געוואָרן ווי אַ ליידיק אָפן קבר. עס איז קיין זאַך נישטאָ, אַ חוץ דעם חושכדיקן וואַרטן.

ווען פלוצלינג דערמאָן איך מיך...

ניין, דאָס שאַפט זיך פון זיך אַליין. די שטילקייט פאַרוואַנדלט זיך אין יענער אַנאַליקיר שטילקייט, בעת מיר האָבן אַלע, אָפּגעטיילט איינער פון צווייטן מיי תפיסה־מויערן, זיך צוגעהערט

צום קלענסטן געריש, כדי אויפצונעמען דאָס לעצטע, וואָס מיר האָבן געזאָלט פון זיי הערן, זייערע טריט, בעת מען האָט זיי גע־פירט צום טויט.

און איך כאַפּ מיך אויף און חיים, אַז איך וועל מיך שוין נישט דערוואַרטן אַפילו אויף די דאָזיקע שרעקלעכע, לעצטע טריט, אַז אַפילו דאָס איז שוין אויך פאַרלוירן.

און פּלוצלינג ווערט מיר אַזוי טייער יענער פּיין, אַז עס דאַכט זיך מיר, עס איז נישטאָ קיין גרעסער גליק, ווי צו וואַרטן מיט אַ האַרץ, וואָס צאַפּלט זיך פונקט ווי אַ גלאָק אין פלאַמען, אָדער ווערט מיטאַמאָל פאַרגליווערט אין אַ שטיק אייז, וואָס הערט זיך איין.

איך הייב מיך אויף, איך באַריר מיט די אָנגעווייטיקטע הענט מיין אויסגעמאַטערטן גוף, און עס לאָזט זיך נישט גלייבן, אַז איך, דער זעלבער, דער פאַרמאַטערטער האַלב־קאַליקע, חרוב־געוואָרענער און אויסגעלאָשענער, וואַנדל דאָ, און אַז דאָס אַלץ איז געווען געווען...

פון אַלע זייטן שווימען אָן מחנותווייז בליקן, עס שמייכלען צו מיר אויסגעלאָשענע אויגן, זיי גייען אַלע דורך פאַר מיר, איך זע זייערע טייערע, באַגייסטערטע פּנימער, איך זע זיי, איך שפּרינג אויף און ווייס, איך ווייס מיט יענעם קורצן שאַרפן באַוווסטזיין, מיט וועלכן מען פילט די קעלט פון אַ מעסער, וואָס איז אַריינגעזועצט אין האַרצן:

זיי פוילן ערגעץ אין פאַרלאָזטע, צעטרעטענע קברים, און איך בין פאַרוואָגלט אויף דער וועלט, אַ מאַכטלאָזער מת, וועלכער טראָגט אויף זיך די קללה פון זכרון.

איך בין מתפּלל צו אַלע זאַכן, בעטנדיק זיי זיי זאָלן ווערן אַנדערש.

אַנדערש, נישט אַזוי ווי איך האָב זיי געזען דעמאָלס.

איבערצייג מיך אַליין מיט כּלערליי לאָגישע אומבאַשטרייט־באַרע סילאָגיזמען, אַז קיין שום רגע קומט נישט צוריק, חזרט זיך קיינמאָל נישט איבער, אַז דער וואָס באָדט זיך, פאַרזינקט נישט

צוויי מאָל און די זעלבע וואַסער־כוואַליעס, אָבער פאַר מיר זענען זיי תּמיד די זעלבע:

דאָס זעלבע גראָז, דער זעלבער לבֿנה־שיין, די זעלבע זונען־שטראַלן.

די גאַנצע וועלט איז געוואָרן אַ וועבערין פון געשפּענסטער. עס איז נישט פאַראַן קיין איין זאַך, אויף וועלכער עס זאָל נישט זיין די לאַסט פון עבר.

דער כּוח פון בלומען צעקלינגט זיך פלוצלינג אין דער נשמה מיט פּיעראָוסקאַיאַס געלעכטער.

אַ צווייג פאַרטשעפּעט מיך, און איך דערפיל אויף מיין אַקסל די הענט פון זשעלאַבאָוון.

אָט דאָס שפּינוועבס האָב איך שוין אַמאָל געזען: פּונקט אַזוי האָט געצאַפּלט דערין און הילפלאָז געברומט אַ פליג.

און פלוצלינג באַווייזט זיך פאַר מיינע אויגן דאָס צעקנייטשטע מיאוסע פּנים פון קלעמענסן. איך זע דעם גוטמוטיק־קלוגן שמייכל אין זיינע גרויע אויגן, עס צעשפּרייטן זיך די פאַרוועלקטע ליפּן, באַווייזנדיק די קרומע, געל געוואָרענע ציין.

און פלוצלינג ווערט דאָס האַרץ פאַרקלעמט פון די שטאַרקסטע יסורים.

איך פאַרמאַך די אויגן, איך קנויל מיך צונויף אין זיך, איך בעט, איך בעט ווי אַ קינד:

— גיי אַוועק, גיי אַוועק, אָליאַ.

און איך פיל, ווי זי לייגט מיר אַוועק איר האַנט אויפן קאָפּ.

— אָליאַ! אָליאַ!

אין משך פון לאַנגע יאָרן האָב איך מיך נישט געקענט דערבעטן ביים זכּרון, ער זאָל מיר אַרויסרופן דיין אַנגעוויינטעם אָנבליק. איך האָב מיר נישט געקענט דעררופן נישט צו דיינע אויגן, נישט צו דיינע טייערע, אַש־גרויע האָר. דעמאָלס בין איך דאָך געווען אַ גבֿיר און איך האָב מיר נאָך געקענט פאַרגינען צו פאַרגיסן טרערן נאָך דער פאַרגאַנגענהייט. עס האָט מיך אַרומגערינגלט

אונדזער אָדלער-סביבה, מיר האָבן נאָך פאַרמאָגט דונערן אין די הענט און פייער אין האַרצן און צאָרלייך זענען מיר געווען.

אָליאַ, היינט קום נישט צו גיין. יענער מיכאָל, דיין אמאָליקער מיכאָל, מישוק-ניעווידימקאַ איז געשטאָרבן, פאַרלוירן געגאַנגען, נישטאָ שוין מער.

— און כ׳בעט און בעט און בין מיט בלוטיקע טרערן מתפלל:

— צו וואָס שיינט מיר די לבנה אין קבר אַריין?

— און צו וואָס פאַלט אַראָפּ דאָס דופטיקע בלעטל פון דער רויז?

— צו וואָס וועקט דעם נאַכטיגאַלס געזאַנג דאָס פאַרשטאָרבענע האַרץ?

גיי אַוועק, אָליאַ, און קום נישט, קום נישט צו גיין. איך ווייס דו וועסט פאַרשווינדן, און ווען דו קוקסט, זאָגן דיינע אויגן נישט מער, ווי נאָר „נישטאָ".

בלויז דאָס אַליין נאָר קענען זאָגן דיינע ווייכע, דיינע סאַמעטענע אויגן.

און זיי זענען דאָך געווען די שיין, דורך וועלכער ס׳האָבן געלויכטן פאַר מיר אי זונען, אי שטערן, און איצט קוקט אַרויס פון זיי אויף מיר דער טויט און דער קבר, דער שוואַרצער תהום פון זכרון:

נישטאָ, נישטאָ.

נאָך אַן אויסגעברענטן וואַלד בין איך געבליבן דער צו אַש געוואָרענער חרובער שטאַם. פון טויטן גוף איז אַרויסגעוואַקסן אַ בינטל בלאַס-גרינע בלעטלעך. שוואַך זענען זיי, אָרים, אָבער זיי זענען דאָ, זיי רוישן, עס חלומט זיך דעם געשטאָרבענעם בוים וועגן הונדערטיעריקע דעמבעס, וועגן דופטיקע נאָדל-ביימער, וועגן זילבער-שטאַמיקע בעריאָזעס: ס׳חלומען זיך אים שטורם-ווינטן, אָדלער-געשרייען הויך אונטער די שוואַרצע כמאַרעס.

רייסט אָפּ דאָס גרינס, לייגט אָן אַ פייער און צעאַקערט דאָס אַש.

און זאָלן ראָבן קומען און אָפּזינגען דאָס איינציקע, דאָס לעצטע ליד:

פאַרגליווערט שוין פלאַמענדיקע הערצער,
פאַרלאָשן שוין זעענדיקע אויגן,
אין דר'ערד איינגעטרעטן שוין העלדישע קברים,
דער טויט האָט פאַראַקערט די בליִענדע פעלדער —

אַז נאָר דער טויט קוקט מיט זיינע הוילע אויגן-לעכער.

— געוואַקסן דעמבעס, געוואַקסן,
ביזן הימל דערגרייכט;
מיט זייערע שטאָלצע קרוינען
פון דונערס מעכטיקייט געלאַכט.
דער טויט דער מושל געקומען,
אָקסן איינגעשפּאַנט,
איינגעשפּאַנט שוואַרצע, בלינדע
אין שווערן גורל-אַקער.
חו זיי וועלן דורכגיין,
בלייבט אַ סטעפּ פאַרברענטע.
שוואַרץ-הויל און אין-סופיק
דאָרט שוין אייביק ציִען
וועט בלויז נאָר פון זכרון
די פּיין, די נישט געשטילטע.

איך בין דאָך איצט אין דעם הויז, וו כ'האָב געוווינט מיט דיר אינאיינעם, אַליאַ! כ'זע אַלע טאָג די מענטשן, וואָס האָבן דיך געקענט, מיט וועלכע דו האָסט גערעדט. ס'רינגלען מיך אַרום מעבל און ווענט, וואָס געדענקען דאַרפן זיי דעם קלאַנג פון דיין שטימע, דאָס גערויש און באַרירונג פון דיינע קליידער — און דאָך דערמאָנט מיר דאָס אַלץ גאָרנישט.

כ'טראַכט, אַז דאָס איז מיין באַוווסטזיין אַזוי וואָך איך

דער זייט, ברייט זיך צום אָנפאַל און האָט פונאַנדערגעשטעלט זיי-נע שומרים.

זכרונות קומען פלוצלינג: איך הער נישט, כ׳פיל נישט זיי-ער דערנענטערן זיך, אָט זענען זיי שוין לעבן מיר, עס רוט שוין דיין האַנט אויף מיינע אויגן.

אָ, פאַרמאַך זיי!

אַזוי וואָלט גוט געווען צו שטאַרבן.

און ווען כ׳וועל אויסגיין, עפענען וועט זיך דער זכרון, ווי אַ ריי נישט באַוווינטע צימערן, אַ ליידיקער, קאַלטער, שווייגנדי-קער.

גאַרנישט, גאַרנישט...

ס׳קוקט דאָס אַלטע מעבל און שווייגט.

אינדרויסן איז אַ האַרבסטיקע מרה־שחורה, אַ לאַנגע, אומענד-לעכע מרה־שחורה.

כ׳האָב מיך פאַרשלאָסן אין דער אַלטער העלפט פונט הויז, כ׳קען דאָ יעדעס ווינקל, יעדע, יעדע קלייניקייט. כ׳וואָלט געקענט אין דער פינסטער טאַפּנדיק, טרעפן צו יעדער נייטיקער זאַך.

דער רעגן שווענקט די שויבן; פון צייט צו צייט קלאַפּט אין זיי אָן אַ צווייג פון אַ בוים. דער אַלטער גאָרטן איז זיך שטאַרק צעוואַקסן. ס׳קוקן אריין צו מיר מיינע אַלטע פריינט: לי-פּעס, טאָפּאָלן, ווייַנענדיקע בעריאָזעס.

זיי קוקן.

עס שאָקלען זיך אַזוי טרויעריק זייערע נאַקעטע צווייגן. זיי בעדעקן דעם קליינעם מיכאַש מיט זיין העלן געקרייזלטן קעפּל און די בלויע אויגן. זיי זען איצט אַ הויל שיידל אין קנייטשן און אין שראַמען.

דער רעגן רוישט אין ווייַנט.

די אַלטע ביימער קלאַפּן אין די שויבן, פרעגנדיק:

וואָס איז מיט דיר, וואָס איז מיט דיר געשען? ווו ביסטו געווען, ווו ביסטו געווען?

מיר זענען דאָ געשטאַנען טאָג ווי נאַכט אויפן ווינט און

רעגן, געקוקט אין די פענסטער, אונדזערע צווייגן האָבן געקלאַפּט, געקלאַפּט אין די שויבן, ווען ס'איז דאָ נפטר געוואָרן דער אַלטער גריין-גרויער באַלעבאָס.

ווו ביסטו געווען?

ווו ביסטו געווען, דו, איינזאַמער משונהדיקער מענטש?

ס'זינקט אַראָפּ אויף די הענט דער בלויזער קאָפּ, ס'שטיקן די טרערן, ס'ווערט צעריסן דאָס האַרץ פון שלוכצן.

און דער רעגן גיסט, גיסט.

און די צווייגן קוקן אין פענסטער אַריין און ווידושן זיך.

ווי אַ קינד וויינט ער, ווי אַ קינד שלוכצט ער — דער אַלטער משונהדיקער מענטש — מישוק-ניעווידימקאַ.

2

האָ, האָ! וואָס פאַר אַ האַר דו ביסט, וואָס פאַר אַ האַר, וואָס פאַר אַ פריץ, אַלטער מישוק!

פריץ דו, גביר, גליקלעכער מענטש! — האָסט וועגן דיין גליק גאָרנישט געוווּסט, וועגן דיין גליק נישט געוווּסט.

זענען געקומען גוטע מענטשן און געזאָגט, זענען געקומען גוטע מענטשן און אַ טרייסט געבערענגט.

גוטע מענטשן האָבן ווייכע הערצער: זיי ווייסן, שווער איז צו לעבן מיטן טאַטנס קללה, מיטן טאַטנס האַס אויף זיך, וואָס וועט זיך שוין קיינמאָל נישט אָפּטון, ווייל ס'האָט אים די שוואַרצע שווערע ערד צוגעדעקט.

גוטע מענטשן קלערן — שווער איז, שווער איז זיך צו דערמאָנען אָן יענע נעכט, ווען די אַלטע ביימער קלאַפּן אין די שויבן, ווי דו האָסט זיך געזעגנט אויף שטענדיק, אויף דעם אייביק טויטן, קיינמאָל נישט באַגעגענען זיך מיט די פאָר

פּאַטערלעכע הענט — וואַרימע, ווייכע, מיט די פּאָר אויגן, וואָס קוקן פון דער וואַנט, פון פּאָרטרעט אַראָפּ, מיטן גרוי-העלן קאָפּ וואָס האָט אין די איינזאַמע פאַרסמטע נעכט אַזוי פיל שוואַרצע מחשבות אַדורכגעטראַכט.

דו, מישוק, גרויסער, מעכטיקער פּריץ, דו האָסט געמיינט, אַז דאָס פּאַטערלעכע האַרץ, וואָס קלאַפּט שוין איצט נישט, איז פאַרגליווערט, פאַרשטיינערט געוואָרן אין דעם אומבאַרחמנותדיקן צאָרן — דאָס אויסגעמאַטערטע, אַלטע פּאַטערלעכע האַרץ.

נישט אמת, מישוק, דו האָסט אַזוי געקלערט: — און דאָס האָט דיך געפּייניקט.

וואָרום ווי דען-זשע? קענען פּאַטערס ווילן געגאַנגען, דעם פּאַטער צעבייזערט!

גוטע מענטשן, מישוק, האָבן דיר אַ טרייסט געשענקט. גוטע מענטשן, מישוק, זיי האָבן ווייכע הערצער.

די פריי דיך, מישוק, פריי דיך.

ער האָט געוויינט — הערסט? ער איז דאָ אַרומגעגאַנגען, אַרומגעגאַנגען; גאַנצע נעכט איז ער אַרומגעגאַנגען, געבראָכן די הענט. דער רעגן האָט גערוישט, די צווייגן האָבן געקלאַפּט. ער האָט געמיינט, אַז דו ביסט עס, אַז דאָס איז ווי דאַמאָלס בשעת יענער נאַכט.

ער פלעגט לויפן צו דער טיר עפענען און פלעגט שטיין מיטן בלויזן קאָפּ באַנאַכט אויף ווינט און רעגן און רופן אין דער שוואַרצער נאַכט אַריין:

מיכאַש, מיכאַש.

האָ, האַ, מישוק, ווי רייך דו ביסט; דיר האָבן גוטע מענטשן איצט דערציילט, וואָס פאַר אַן אוצר דו פאַרמאָגסט.

נישט עפּעס אַ ליאַדע אוצר!

ווייסטו וויפיל יאָר עס געדויערט אַ שלאָפלאָזע נאַכט, וואָס ווערט פאַרבראַכט אין וואַרטן, בעת מען וואַרט אויף עפּעס, וואָס וועט שוין מער נישט קומען.

די ווייסט עס, דו ווייסט עס, מישוק.

דו און שוואַרצע נעכט — איר זענט ווי ברודער און שוועס-טער.

און ווייסט וויפיל טרערן מען קען אויסוויינען אין פאַרלויף פון אזא נאַכט?

און יעדע טרער — זי איז שווער געווען, ווייל עס האָט גע-וויינט מיט איר דאָס אַלטע, שטאַרקע האַרץ.

און אראָפפאַלן פאַלגט זי אויף די זילבער-גרויע וואָנסעס, רינען איבער זיי.

מישוק, מישוק, דיר האָט מען אזוי פיל פאַטערלעכע טרערן געשענקט.

און מיט יעדער טרער קען מען זיך פארסמען אויף איי-ביק.

3

די אַלטע ביימער רוישן, רוישן, רוישן.
דער רעגן פליסט אַראָפּ פון די שויבן, ווי טרערן.
עס איז שטיל... דער אַלטער זייגער שעפּטשעט, שנאָרכט, קרעכצט.

אָנגעאַרבעט האָט ער זיך: — נישט בילע וואָס האָט ער געמאָסטן. ער האָט געמאָסטן די נעכט, בעת עס האָט אויף זיין גרויסן געלעגער געגוססט דער אַלטער האַר. דער אַלטער מאַן איז אויסגעגאַנגען און כסדר זיך צוגעהערט.

אָט גייט ער צו צום פענסטער, גיט אַ קלאַפּ. דאָס אַלטע געהער קען אָפּנאַרן, ער קען נישט דערהערן.

ער פלעגט אויפשפּרינגען, זעצן זיך אויפן בעט און זיך איינ-הערן, איינהערן:

און דער ווייגער:

ציק, ציק... האָט געמאָסטן.

ער האָט געמאָסטן קורצע, שנעלע, לעצטע ווײַלעס. דאָס אַלטע האַרץ האָט שטיל געקלאַפּט.

נאָך, נאָך: — ער וועט קומען, וועט דערזען, וועט דערהערן — איך וועל אים זאָגן.

ציק... ציק... האָט געזיפּצט דער זייגער.

עס קערט זיך נישט צוריק גאָרנישט, גאָרנישט...

עס קומט נישט צוריק, עס קומט נישט צוריק קיינער נישט, קיינער נישט...

דער רעגן האָט געשווענקט די שויבן, די צווייגן האָבן געקלאַפּט, און די רגעס זענען געפאַלן איינע נאָך דער צווייטער — פּלינקע, אומבררחמנותדיקע.

און יעדע פון זיי, ווען זי פלעגט קומען, פלעגט זי זאָגן: „נאָך", און ווען זי פלעגט אַוועקגיין, האָט זי געשעפּטשעט: „מער קיינמאָל נישט", „מער קיינמאָל נישט".

„מער שוין קיינמאָל נישט", „מער שוין קיינמאָל נישט" — האָט געקרעכצט דער זייגער.

און ענדלעך איז געקומען אַ רגע און האָט אַ שעפּטשע געטון:

„קיינמאָל נישט!"

עס איז אַראָפּגעפאַלן אויף די אויגן דער שוואַרצער שלייער פון דער נאַכט, און אויף די מחשבות אַ שטיין.

דאָס אַלטע האַרץ האָט בלויז באַוויזן אויסצושעפּטשן:

מיכאַש, איך בענטש...

אוי, אַ גביר ביסטו, אַ גביר, מישוק-ניעווידימקאַ — גוטע מענטשן האָבן דיר אַן אוצר געשענקט

4

און וואָס האָסטו דאָ, אַלטעטשקער — אין די לאַנגע נעכט געטראַכט?

וואָס האָסטו פאַרשטאַנען?

פאַרוואָס האָסטו אַזוי געוויינט?

צי האָט געקלאָגט אין דיר בלויז דאָס אַלטע פאָטערלעכע האַרץ, אָדער האָט עס געליטן דער כּבוד פון דיין יחוס?

צי האָסט בלויז מיך אַזוי באַוויינט, אָדער האָסט דיך מיטן גאַנצן עבר געזעגנט?

און וואָס-זשע האָסטו מיר געוואָלט זאָגן, אויב איך וואָלט געקומ׳ן? און ווען האָסטו עס גערופן, ווען דערוואַרט? צי מיכאַש קאַניאָווסקי, דיין מיכאַש, וועלכן דו פלעגסט אויף די קני נעמען, בעת דו האָסט אים אָוונטן-לאַנג דערציילט, ווי אונדזערע זיידעס און עלטער-זיידעס האָבן געשלאָגן דעם דייטש, דעם שוועד און טערק? און ווו וואָלסטו יענעם מיכאַש געזוכט איבער דער וועלט?

דאָס איז אַלץ שוין באַגראָבן אין איין אַלטן, גרויסן קבר. און עפּעס עס דאַרף מען נישט, הערסט, אַלטעטשקער, מען דאַרף נישט. איך זאָג עס דיר אַזוי, ווי דאַמאָלס. וואָס עס איז געשטאָרבן, וועט שוין קיין תּחית-המתים נישט אויפשטיין און גוט אַזוי, וואָס עס וועט נישט אויפשטיין, הערסט, עס איז גוט אַזוי, ווייל ווען די מתים וואָלטן זיך אויפגעהויבן, וואָלסטו נאָך אויף זייערע פּנימער אַדורכגעלעזן דאָס שרעקלעכע וואָרט: „חרפּה“.

און יענער מיכאַש, וועלכער האָט די פאַרברעכער און אונטערדריקער באַוויינט, וועלכער האָט געבענקט נאָך זיי, ער איז געשטאָרבן, געשטאָרבן אינאיינעם מיט זיי. אים האָט מישוק מיטן האַרץ אַרויסגעריסן און אין בשותּפותדיקן קבר אַריינגעשלידערט, און

וואָס וואָלטן מיר געקענט זאָגן איינער דעם צווייטן. דו און איך? איך, מישוק, אַ מענטש, וועלכער האָט שוין געהאַט אזוי פיל נע-מען, אַז ער ווייסט נישט, וועלכער עס איז זיין אייגענער.

עס איז מיר אַ רחמנות אויף דיר, אַלטעטשקער און אויף דיין מיכאַשן איז מיר אַ רחמנות. איצט וואָלט איך שוין געקענט אייך באַדויערן, וויינען אויף אייך.

מער ווי צו דעם טויג איך שוין נישט.

כ'שטעל מיר פאָר דיין פאָרטרעט און קוק אין דיינע אויגן. כ'קוק אין דיינע אויגן און קלער, כ'באַמי מיך צו טרעפן, מיט וואָס פאַר אַ נשמה דו האָסט מיך אין קבר אַריין געלייגט. וועמען האָסטו דיין ברכה איבערגעלאָזט? וועמען האָט זיך דיר געוואָלט זען? מיכאַלן, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט, פון רעכטן וועג אַראָפּ און זיך אין תהו ובהו אַריינגעוואָרפן, אָדער מיך, מישוקן?

מיך?

אַזוי זעסטו, אַלטעטשקער, ערשט קען איך שוין רעדן מיט דיר.

— מיכאַל איז שוין נישטאָ, מישוק נישטאָ, ביידע זענען זיי שוין באַגראָבן. איצט שטיי איך פאַר דיר, ווי דו, אַן אַלטער, ווי דו, אַ פאַרמאַטערטער, ווי דו, אַן עלנטער.

איצט וואָלטן מיר זיך שוין אפשר פאַרשטאַנען, אָבער מיט יענעם, מיט מישוקן, וועגן וואָס וואָלסטו גערעדט מיט אים? און ווען ער וואָלט אפילו פאַרשטאַנען אין דיר דעם אַלטן טאַטנס ווייטיק, און ווען ס'וואָלט אין זיין אייגענער ברוסט דאָס האַרץ ווי אַ הונט געבילן, מיט די שאַרפע ציין די ברוסט געריסן, וואָלט ער דיר אויך נישט גאָכגעגעבן אַפילו אויף קיין האָר און וואָלט אין דיין לעצטער שעה דיך צו טרייסטן דאָך פון זיין גלויבן נישט אָפּגעטרעטן.

וועגן וואָס וואָלטן מיר געקענט רעדן איינער מיטן אַנ-דערן?

מיר אַלטע מענטשן, וועלכע האָבן זייער גאַנץ האָב און גוטס פאַרלוירן, באַגראָבן: מיר ווייסן שוין נישט פון קיין שום קאַמפן, פון קיין שום אידעען. וועגן דעם זאָלן שוין אַנדערע, זאָלן לע-

בעדיקע קלערן. און מיר מעגן זיך וועגן אונדזער אומעט, איינזאמ־קייט און עלנט אדורכשמועסן.

נאר וואס פאר א שמועס וועט עס זיין...

ווען דו וואלסט געלעבט, אלטעטשקער, וואלט איך גענומען דיינע הענט און אוועקגעלייגט אויף מיין בלויזן קאפ: און דו וואלסט פארשטאנען, אז מיכאל איז שוין נישטא, מישוק איז נישטא, און ס'זענען בלויז געבליבן אומגוצלעכע זכרונות וועגן דעם, ווי מעגטשן האבן אמאל געלעבט, ווי זיי האבן מיט שארפע, גיפטיקע ווערטער איינער דעם צווייטן די הערצער געבלוטיקט.

און מיר האבן איינער דעם אנדערן אזוי פיל יענע גיפטיקע ווערטער געזאגט.

נאר דו מיין נישט, אז כ'וועל דיר מישוקן אוועקגעבן און אז כ'וועל מיך צוליב דיר פון אים אפווענדן, דערפאר בלויז, וואס דו האסט געהאט א זונעלע מיכאל מיט א הערלעכן קעפל און ווייל דו האסט נאך אים אין לאנגע שלאפלאזע נעכט גע־וויינט.

דו ביסט ארים און איך בין ארים. —

און מישוקן וועל איך דיר נישט אוועקגעבן.

און דאס וואלט איך בלויז געוואלט וויסן, צי האסטו צו מי־שוקן אדער מיכאלן דיינע ארעמס אויסגעשטרעקט.

כ'מ״ין אבער, ווי קומסטו צו מישוקן, וואס פאר א שייכות האסטו געקענט האבן צו אים, וואס האסטו געקענט וויסן פון אים, דו אדעליקער פון דור דורות?

און אפשר מיינסטו, אז כ'בין אהערגעקומ״ן זיך מודה זיין, אז דו ביסט גערעכט געווען, אז כ'קום צו דיר צוריק, דער פאר־בלאנ״זשעטער מיכאלעק, בעטן מחילה פאר דעם אלעם, וואס מישוק האט אפגעטון, אז כ'וועל מיר על חטא קלאפן פאר דער שיין פון די אמאליקער זכרונות.

אויב דו מיינסט אזוי, אלטעטשקער, קענסטו נישט מישוקן, קענסטו זיין הארץ נישט און קענסט נישט מישוקס נייע פעסטע גלויבן, און מישוקס אמונה איז שטארק, ווייל ברייט איז זי, ווי די שווארצע ערד, ווייל פון איר איז זי ארויסגעוואקסן. און דו האסט

געמיינט, אַז מישוק האָט די אַרויסגעלעזן פון גייע, שלכּכּט ביכער.

און דו קוקסט אויף מיר און שמייכלסט, ווי דיין שטייגער איז — קלוג, פּריציש.

דו זאָגסט: נו וואָס? דיינע געדאַנקען שמייכלען: נו וואָס? אַ סך אויסגעקעמפּט? תּליה, קאַטאָרגע, אייביקע תּפיסה.

זיך באַגראָבן, אַליין באַגראָבן, און די פריינט דיינע האָבן שוין קראָען צעריסן אויף שטיקער, אָדער זיי פוילן ערגעץ הינטער די תּפיסה-מויערן.

און איך וועל דיר נישט זאָגן, אַז ס'איז מיר מישוק נישט קיין שאָד און אַליע און די חברים — פריינט-אָדלערס.

נאָר דאָס וועל איך דיר יאָ זאָגן, אַז ווען עס וואָלט פון מיר אָפּהענגיק געווען דאָס אַלץ אומצוקערן, וואָלט איך, דער קאַ-לעקע, דער האַלב-טויטער, נאָכאַמאָל געזאָגט.

— אַזוי באַדאַרף עס זיין. — אַזוי גרויס איז אין מיר מי-שוקס ירושה.

כ'וואָלט גענומען אַ צייטונג, כ'וואָלט דיר אָנגעהויבן אַלטעטש-קער צו לעזן, וואָס ס'טוען דיינע פּריצישע אַדעליקע אייניקלעך, ווי זיי לאַשטשען און חנפען זיך. נאָר אויף מישוקן זאָלסטו קיין בייז וואָרט נישט זאָגן.

דו קוקסט אויף מיר פון דער וואַנט אַראָפּ און פרעגסט מיט די קלוגע אויגן:

פאַרוואָס?

און איך זיץ פאַר דיר און קלער מיר, אַז ס'איז געווען אַמאָל אַ צייט, ווען כ'וואָלט געקענט אויף דער שאלה אַ תּשובה געבן. מישוק וואָלט דיר געענטפערט, ער האָט געוווּסט, ווי אַזוי דאָס איז און פאַרוואָס דאָס אַלץ האָט געמוזט אַזוי זיין.

און וואָס ווילסטו נאָך פון מיר?

וואָס איז מיר געבליבן? פרעגסטו.

צו שטאַרבן, אַלטעטשקער, צו שטאַרבן...

5

דער שניי האָט ביסלעכווייז אַלץ פאַרשאָטן; קוקסט אַרויס דורכן פענסטער, אַלץ איז באַדעקט מיט אַ גרויסער ווייסער טוך.

און גאָרנישט...

ליידיקע וועגן אין גאָרטן, ס׳הענגען אַראָפּ צו זיי די ווייסע צווייגן פון די ביימער.

קיינער גייט נישט איבערן גאָרטן, קיינער וועט שוין נישט קומען צו מיר, בלויז דער טויט.

דער שניי האָט באַדעקט די קברים: קיינער ענטפערט נישט די קראָען.

דער אַלטער טיכאָן האָט געמאַכט פייער אין אויוון.

דאָס האָלץ ברענט און קנאַקט. כ׳פאַרמאַך די אויגן — און ס׳וועבן זיך חלומות אָן אַ שיעור.

און דאָס אַלץ איז געווען, געווען. און קיינמאָל וועט זיך שוין קיין זאַך פון דעם אַלעם נישט צוריקקערן.

כ׳פאַרמאַך די אויגן און קלער נישט. און איך ווייס, אַז ווען איך וועל זיי עפענען, וועל איך דערזען פאַר מיינע אויגן דאָס זעלבע.

דאָרט אויפן טישל ליגט אַ שטויס פּאַפּירן. די האַנט, וועל־כע האָט זיי פאַרשריבן, ליגט שוין לאַנג אין אַן אומבאַקאַנטן קבר.

כ׳ווייס, אַז איך וועל זיין גליקלעך, ווי אַ מלך, ווי אַ גאָט, ווען כ׳וועל זיי לעזן, ווען זי וועט צו מיר אָנהייבן רעדן פון די דאָזיקע בלעטלעך אַרויס, וועלכע זענען פאַרשריבן מיט אויסגע־וועפּטע טינט.

אָבער כ׳ווייס, אַז די שטימע וועט אַנטשווּיגן ווערן, און כ׳וועל בלייבן אַליין...

בענקשאַפט! בענקשאַפט.

שלעכט איז צו האָבן פריינט אין די קברים, אוי שלעכט. אַזוי פיל ליבעס-ווערטער האָט דאָס האַרץ פאַרמאָגט און איך האָב זיי אייך קיינמאָל נישט געזאָגט, ווען איר האָט נאָך געלעבט.

איצט וועקט זיך דאָס אַלץ.

כ׳שטרעק אויס די אָרעמס צו אייך. דאָס האַרץ אַליין שעפּטשעט עפּעס, שמייכלט צו אייך, וויינט.

בלויז דאָס פייער קנאַקט אין אויוון.

און הינטערן פענסטער איז שטיל... שניי און שניי.

די אַלטע צווייגן האָבן זיך אַנגעבויגן איבערן געסל, און איבער דעם געסל וועט שוין דאָ קיינער נישט קומען צו מיר.

* *

*

איצט ווייס איך שוין, אַליענקאַ, וואָס מיר איז געבליבן: כ׳וועל מיך דאָ אָוועקזעצן, דערמאָנען זיך... ס׳וואַנדערן אין אַלטן זכרון די טייערע שאָטנס, ווי גייסטער אין אַ לבנה-נאַכט.

בייזע רייד שיטן זיך אויף אייך, מיט בלאָטע ווערן באַוואָרפן אייערע קברים. געצאָלטע שרייבערלעך פאַרשוועכן אייערע נעמען. דער אַלטער מישוק, ער וואָלט אייך אַנדערש געשיצט, אָבער דער איצטיקער — ער קען נישט מער, ווי נאָר דערמאָנען זיך, דערמאָנען.

איך וועל זיך אָוועקזעצן דאָ באַם אויוון און דערציילן דיר, אַליענקאַ, דיר, אַלטעטשקער, זיך אַליין: וואָס ס׳איז געווען, ווי אַזוי ס׳איז געווען, ווי ס׳האָבן אָדלערשע הערצער געפלאַקערט, געצאַפּלט זיך, ווי די נאַכט האָט זיי פאַרשלונגען... און דיינע בלעטלעך, אַליענקאַ, וועל איך נישט אָוועקגעבן קיינעם: מיט זיך וועל איך זיי מיטנעמען, אין קבר אַריין. איך ווייס, אַז פאַר געשטאָרבענע איז אַלץ איינס, אָבער שטאַרבנדיקע נייטיקן זיך אין טרייסט.

און איך בין אזוי איינזאַם, פאַריתומט, אזוי איינזאַם.
אזוי איינער אַליין מיט מיין זכרון, ווי מיט אַ פאַרלאָזענער הויז, אין וועלכן ס'וואָגלען נאָר באַגראָבענע מאַרטירער-שאָטנס צרום.

* *

*

קינדער-יאָרן

II

1

כ'געדענק אַ ליכטיקן פרילינגס-טאָג.

די ערד האָט זיך ווייך געבויגן אונטער די פערדישע פיס, די פערד זענען געגאַנגען איינס לעבן אַנדערן אַזוי, אַז אונדזערע פיס האָבן זיך אַלע רגע צוזאַמענגעשטויסן.

אויף ביידע זייטן פונם שמאָלן וועג זענען געווען וועלדלעך פון קוסטעס און משונהדיק אויסגעבויגענע ביימער. אונטן האָבן געמורמלט טייכלעך. דאָס וואַסער איז אַראָפּגעפלאָסן מיט טויזנטער זילבערנע צינגלעך און אָדלערלעך און האָט אָנגעפילט די לופט מיט אַ שטיל מעלאָדיש געזאַנג.

פון צייט צו צייט פלעגט דורפלעכטן די דאָזיקע פליסיקע מוזיק אַן איבערגעשראָקן קול פון עפּעס אַ פויגל. איבערן בלויען הימל זענען געשווומען לייכטע וואָלקנדלעך.

ס'איז אונדז גוט געווען און ס'האָט זיך נישט געגלוסט צו רעדן.

איך האָב אָבער אָנגעהויבן אויפן אַלטן שטייגער:

— אָט דאָ וואָלט גוט געווען אָנצוהייבן דעם פאַנג.

אַדאַש האָט מיך אָנגעקוקט, ווי שטאַרק פאַרוואונדערט. און אַ ווײַלע אַרום האָט ער געזאָגט:

— וואָס רעדסטו — פון ווערדל וואָלט דערנאָך שווער געווען זיך ארויסצובאַקומען.

דערנאָך האָט ער אַ שמיץ געטון זײַן פערד.

פון נעכטיקן אָוונט אָן האָבן מיר זיך נאָך נישט באַוויזן אַדורכצושמועסן. איך האָב אים אָפּגעטרעטן דאָס בעסערע פערד, און איצט איז מיר שווער געווען אים צו דעריאָגן. — ביסלעכווײַז האָבן מיר, ווי אויך די פערד, זיך צעהיצט פון דעם געיעג און מיר זענען געשפּרונגען איבערן וועג מיט די בײַטשן דורך די בלעטערלאָזע צווײַגן. ענדלעך האָט אַדאַש פאַרהאַלטן דאָס פערד און אַראָפּגעשפּרונגען אויף דר׳ערד. אויף דעם אָרט איז אין ווערדל אַרײַנגעפלאָסן מיט האַסט אַ שטראָם, טראָגנדיק מיט זיך ריזיקע צעפוילטע שטאַמען פון ביימער.

ווען כ׳בין צוגעריטן, איז שוין אַדאַש געזעסן אויף אַ פּיען.

כ׳בין אַראָפּגעשפּרונגען פון פערד.

— דו טראַכסט גאָר אַלץ וועגן דעם זעלבן? — האָט ער געזאָגט.

כ׳האָב מיך פאַרוואונדערט, ווײַל כ׳האָב אין דער זעלבער רגע דערפילט, אַז כ׳האָב מיך געטראַכט אויף דער דאָזיקער פראַגע. גלײַכצײַטיק האָב איך אויך דערפילט, אַז מיר וועלן זיך שוין נישט צוריקקערן צו די אַמאָליקע שמועסן.

מײַן דערמאַטערנדיקע פאַנטאַזיע האָט זיך שוין באַמיט צו פאַרקלאָסיפיצירן די דאָזיקע לאַגע. וואָס וועט דאָ זײַן אייגנטלעך: אַן איבערלעבטע שפּאַלטונג צווישן צוויי חברים, אַן אַנטרישונג...

ווײַל ס׳איז אונדז שוין קלאָר געווען אין משך פון אַ יאָר צײַט, אַז מיר וועלן בײדע אָפּשפּילן אַ גרויסע ראָליע.

מאַזיני און גאַריבאַלדי.

מיר האָבן בלויז נישט געקענט באַשליסן, וועמען פון אונדז ס׳וועט אויסקומען צו זײַן הויפּטמאַן און וועמען פאַרשווערער.

איבעריקנס האָבן מיר וועגן דעם נישט גערעדט דייטלעך.

דאָס איז געווען אַ מין געפּיל-שפּיל צווישן אונדז ביידע.

נישט אָפּגערעדטערהייט האָבן מיר זיך באַמיט איינער דעם צווייטן נישט צו שטערן די שטימונג.

אָבער אַדאַש איז תמיד געווען מער איינגעשלאָסן און פאַרמאַכט אין זיך.

און שוין נישט איינמאָל האָב איך געטראַכט, ווי אויפן שלאַכטפעלד, געקרוינט מיט גרויסן כבוד פון נצחון איבערן שונא און ליבע פון מיין פאָלק, נייג איך, דער הויפּטמאַן, מיין קאָפּ פאַר יענעם איינזאַמען אומבאַקאַנטן גאון, פאַר אַ מענטש, וועמענס לעבן ס׳וועט זיין איינזאַמקייט און אייביקע געהיימניש...

קורץ גאָכדעם וועט ער שטאַרבן. אָדער דאָס וועט נאָך געשען פאַרן נצחון. און דעמאָלס וועל איך אַוועקפירן די חילות אויף זיין קבר און כ׳וועל זאָגן:

— Ecce victor — אָט איז דער זיגער.

און וויפיל מאָל האָב איך שוין געהערט אַרום מיר דאָס ברומען פון האַרמאַטן, דעם געקלומפּער פון געווער, דאָס סווישטשען פון קוילן און דאָס געשריי פון המון.

מיין קאַשטאַן האָט מיך שוין נישט איינמאָל געטראָגן איבער פעלדער מיט רוישנדיקע איינגעבויגענע זאַנגען, ווי דורך מחנות, וועלכע מאַכן פריי דעם וועג פאַר זייער אויסלייזער.

איך האָב גוט געוווסט, אַז אַדאַש לעבט אין אַן ענלעכער וועלט.

אונדזערע ווערטער פלעגן זיך דערקענען איינע די צווייטע אָן מי, ווי אַ צווילינג, וואָס איז געבוירן אין דער זעלבער שעה.

כ׳האָב אַדאַשן נישט געזען אַ האַלב יאָר.

ער איז דעמאָלס אַלט געווען אַכצען יאָר, עלטער פאַר מיר מיט עטלעכע חדשים.

— מיר האָבן זיך לאַנג נישט געזען, — האָט ער געזאָגט.

דאָס איז מיר פאָרגעקומען, ווי אַ פייערלעכע הקדמה.

— די צייט שאַפט אָפּגרונטן, שנעלער ווי מען באַמערקט זיי...

כ׳האָב זיך באַמיט צו טרעפן, וואָס וועט ווייטער זיין און כ׳האָב געטאַפּט דעם דופק.

ענדלעך האָט ער געזאָגט צו מיר:

— צי ביסטו עפּעס געוואָר געוואָרן?

מיר זענען געווען איבערצייגט, אַז אַרום אונדז מוזן שוין זיין פאַרשווערונגס-עלעמענטן, אַ גרייטע און אַ מעכטיקע אָרגאַניזאַציע. אַנדערש האָבן מיר זיך נישט געקענט אויסטייטשן די אַרומיקע שטילקייט און רו. אַזוי פיל בלוט, אַזוי פיל בזיונות; און גאָרנישט. רויק, שטיל. דאָ מוז עפּעס זיין.

דאָס איז די גרויזאַמע שטילקייט פאַר אַ שטורם.

און אויפמערקזאַם פלעגן מיר זיך צוקוקן צו אַלע באַגעגנטע מענטשן אָט דער באַהאַלט עפּעס — האָבן מיר געקלערט, און שוין נישט איינמאָל האָבן מיר אָנגעצייכנט פאַר אונדזערע באַקאַנטע ראָלן, פון וועלכע ס'האָט זיך זיי אפילו נישט געחלומט.

דעם גלח קולעשאַ זענען מיר חושד געווען אין גרויזאַמע מחשבות.

אַדאַש האָט אפילו באַהויפּטעט, אַז ער האָט באַוועגונגען פון אַ זעלנער.

דאָס וועט זיין מאַצקעוויטש, איז בײַ אונדז געבליבן.

איך האָב געהאַט זייער אַן אומאָנגענעמע איבעראַשונג, געפינענדיק אַמאָל שפּעט אין אָוונט אונדזער מאַצקעוויטשן אין אַ פאָזע גאָרנישט קיין צווידייטיקע מיט ד'ער שיינער אַלענאַ, דער פרוי פון אונדזער פורמאַן מיקאָלאַי...

צי קען אַ בונטאָווניטשיק פאַרפירן אַ טאָכטער פון פאָלק?

אַ צייט האָבן מיר זיך אפילו באַמיט צו שאַפן אַ בלוטיקע דראַמע.

וואָס קומט פאַר אין מיקאָלאַיס נשמה. וואָס פאַר אַ בונט? וואָס פאַר אַ ווילדער צאָרן?

איינמאָל אָבער האָבן מיר דערהערט, ווי ער האָט אויסגעשריגן שיכורהייט:

אויב דער קשאָנדז וועט מיר אָט שוין נישט געבן אַ קאָרבאָוואַניעץ, טאָ וועל איך אים; — איך, דעם וועג צום דזשעקאָן ווייס איך...

און אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָבן מיר געזען, ווי דער גלח האָט מיט זיינע זעלנערישע באַוועגונגען געפּאַטשט מיט זיין ווייסער האַנט איינמאָל נאָכן אַנדערן איבערן פּנים מיקאָלאַיען, וועלכער איז מיט אַ קאָפּ העכער געווען פון אים.

מיקאָלאַיס קאָפּ האָט זיך געשאָקלט נאָך יעדערן קלאַפּ און זיך באַמיט אים אַ קוש צו טון אין עלנבויגן.

די דאָזיקע געשעעניש האָט אויף אַ צייט געענדערט דעם לויף פון אונדזערע געדאַנקען, ווייל דאָ איז געווען נאָך איין אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייט. אַלענאַ.

ווי קען זי עס?

צי ליבט זי דעם גלח?

טאָ ווי קען זי לעבן מיטן מאַן?

— פרויען זענען אַלע אַזוי — האָט אַדאַש באַשלאָסן — כ׳בין זיכער — האָט ער צוגעגעבן, — אַז אין תוך קלערן זיי אַלע וועגן אויסגעלאַסנקייט.

די סודות פון דער פרויען־נשמה האָבן אונדז אָנגעהויבן אַזוי שטאַרק אינטערעסירן, אַז די פּאָליטישע פּלענער זענען געווען אין סכנה.

— צי ווייסטו? — האָט אַדאַש געזאָגט, — אַז ס׳זענען פאַראַן פרויען, וועלכע מ׳קען קויפן?

כ׳האָב געלעזן וועגן דעם באַ שעקספּירן. די סצענע, ווו דאָס געזויבטע מיידל דערוווּסט זיך, אַז זי איז אַרויסגעשטעלט צום פאַרקויף, פּלעגט אויף מיר תמיד מאַכן אַ מאָדנעם איינדרוק.

— זיי טון עס קעגן זייער אייגענעם ווילן...

— אוודאי, גיי גלייב זיי דאָרט, — האָט זיך אַדאַש אָנגערופן, — איך בין איבערצייגט, אַז Bourien׳קע וווּנדערט זיך, וואָס דו טשעפּעסט זי נישט.

Bourien׳קע דאָס איז געווען די גוווערנאַנטקע פון מיין שוועסטערקינד אָליאַ.

כ׳האָב זיך פאַרוויטלט...

כ׳האָב עפּעס אַ ברוגז געטון, אַז מיר דאַרפן נישט קלערן וועגן פרויען.

אונדזער לעבן מוז דורכפליסן אָן ליבע און גליק.

— יאָ, — האָט אַדאַש דערקלערט, — אָבער מ׳קען נישט אין זיך שטיקן די תאווה, די תאווה איז אַ כוח, איבעריקנס דערפילן נישט איינמאָל די פליכטן פון אַדיוטאַנטן אינם לאַגער פון די אויפשטענדער יונגע פריילינס, וועלכע זענען פאַרליבט אין הויפטמאַן.

אין אונדזערע שמועסן האָט די דאַזיקע טעמע אָנגעהויבן אַרויסשווימען וואָס אַמאָל אָפטער.

איינמאָל באַנאַכט האָט מיך אַדאַש אַ פרעג געטון:

— הער אויס. ווי וואָלסטו געהאַנדלט, ווען דו וואָלסט געפאַנגען גענומען אַ טאָכטער פון דיין שונא, פון עפּעס אַ גרויסן פאַרברעכער.

ס׳האָט מיך אַ ברי געטון; ענלעכע געדאַנקען זענען מיר שוין נישט איינמאָל אויפן זין געקומען. —

דאָס מאָל האָב איך נאָך די פעריען באַגלייט אַדאַשן ביז קראַסנאַיע.

דאָרט האָבן מיר געטוישט און אַ ביסל צוגעפּאַשעט די פערד,

דערנאָך האָט אַדאַש געזאָלט פאָרן ווייטער.

באַם מיטאָג האָבן מיר אויסגעטרונקען אַ פלעשל מעד, וועלכעס טיכאָן האָט אונדז אַריינגעלייגט אין קיישל, אַדאַש האָט באַפוילן נאָך מיטאָג צו דערלאַנגען קאַווע און קאָניאַק. אַריינגעטראָגן האָט אַלץ אויף אַ טאַץ אַ יונג מיידל מיט אַ ברוינלעך פּנים און שוואַרצע אויגן די אויגן אירע האָבן לייכט געציטערט. ווי פון אַן איינגעהאַלטענעם שמייכל אָנגעטון איז זי געווען אין אַ ווייס קאַפּטל. בעת זי האָט געשטעלט די טאַץ אויפן טיש, האָט איר האַנט און ברוסט כמעט ווי באַרירט אַדאַשס פּנים.

זיין געזיכט האָט אויפגעפלאַמט.

ווען דאָס מיידל איז אַרויס, האָט זיך אַדאַש געווענדט צו מיר:

— ווייסט — האָט ער געזאָגט — כ׳בין זיכער, אַז זי איז אַ זאַ?

נאָכמיטאָג איז אדאַש אָפּגעפאָרן.

ס׳איז אונדז געבליבן צו וואַרטן נאָך אַ שעה.

כ׳בין געלעגן אויף דער צווייטער קאַנאַפּקע אין דער אכסניא. ס׳איז געווען דעמפּיק. כ׳בין איינגעשלאָפן מיט פּיינלעכע חלומות. ס׳האָט מיך אויפגעוועקט עפּעס אַ גערויש. כ׳האָב געעפנט די אויגן; דאָס האָט ס׳מיידל גערוימט פון טיש...

— ווי הייסטו? — האָב איך אַ פרעג געטון.

—ביילע — האָט זי געענטפערט און זיך פאַר־רויטלט...

כ׳האָב זיך אויפגעהויבן פון דער קאַנאַפּע און ציטערנדיק פון דעם געדאַנק פון מיין אייגענער דרייסטקייט, האָב איך אוועקגע־לייגט מיין האַנט אויף איר פּלייצע.

דאָס מיידל איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך. אירע פּלייצעס האָבן לייכט געציטערט אונטער מיין האַנט.

אין אַ מינוט אַרום האָט זי זיך אָפּגעקערט, און אירע אויגן האָבן מיך אָנגעקוקט מיט שפּאָט און אַן אָנצינדיקן אַרויס־רוף.

נישט וויסנדיק, וואָס איך טו, האָב איך זי אַרומגענומען און אָנגעהויבן קושן. זי האָט זיך נישט אַנטקעגנגעשטעלט.

פּלוצלינג האָט זי זיך אַרויסגעגליטשט פון מיינע הענט.

אין דער טיר האָט זיך באַוויזן ספּירידאָן, דער פור־מאַן.

— מיר קענען נישט פאָרן, פּאַניטש, מ׳וועט מוזן איבערנעכ־טיקן — שיווקאַ האָט אָנגעהויבן לאָמען...

עפּעס אַ ווילדע שמחה און אַ שרעק האָבן מיר פאַרקלעמט דאָס האַרץ.

כ׳האָב געפילט, אַז כ׳וועל עס טון.

איך וועל מיר קויפן אַט דאָס מיידל און איך וועל זי האָבן.

אין דער דאָזיקער פאָרם האָט זיך באַ מיר קריסטאַליזירט מיין געדאַנק.

כ׳האָב געפילט אַ תענוג פונם געדאַנק אַליין, אַז מ׳קען קויפן,

באַזיצן ווי אַ זאַך אָט דאָס יונגע געהיימנישפולע פּרויען־לייב. צו מיר ווען געהערן אירע ליפּן, אירע ברוסטן, איר גאַנצע ציטערנ־דיק בויגזאַם געשטאַלט.

גלייכצייטיק האָב איך געפילט די געמיינקייט פון דעם אַלעם.

כ׳בין אַרויסגעלאָפן פון צימער.

דאָס שטעטל איז געווען קליין און זומפּיק.

אויפן מאַרק האָבן שפּאַצירט עטלעכע יידן.

איינער פון זיי איז, דערזעענדיק דעם אומבאַקאַנטן, צוגע־גאַנגען מיט אַ כיטרן בליק.

— דער פּאַן דאָבראָדזשעי נייטיקט זיך אפשר אין עפּעס?

— ניין.

— אפשר טאַבאַק?

— ניין.

ער האָט געזאָגט שטילער:

— אפשר אַ שיין מיידל? כ׳האָב זייער אָנשטענדיקע מייד־לעך...

— כ׳באַדאַרף קיין זאַך נישט...

— ווי קען עס זיין — איר דאַרפט נישט? אַזאַ יונגער פּאַן? ווי קען עס זיין? זי איז גאָר אַן אָנשטענדיק מיידל —

איך האָב מיך קוים באַפרייט פון אים.

כ׳בין אַוועקגעלאָפן אויסער דער שטאָט, כ׳האָב מיך אַרויפבאַקומען אויף עפּעס אַ בערגל און זיך דאָרט אַוועקגע־זעצט.

וואָס איז עס? — האָב איך געקלערט. קומט עס אַלזאָ פּאָר אַזוי אָפן און סיסטעמאַטיש. דער קערפּער פון אַ פרוי איז אַ זאַך, וועלכע מ׳קען קויפן, פאַרקויפן. מיט אַ ווײַלע צוריק האָב איך מיר געקענט קויפן אַ מיידל, וואָס כ׳האָב אויף מיין לעבן נישט געזען, און זי וואָלט מיך געמוזט קושן, צערטלען.

וואָס טוט זיך מיט די נשמות פון די דאָזיקע פרויען? צי האָבן זיי נשמות?

צי פילן זיי, אַז זיי זענען מער נישט, ווי אַ זאַך?

און אפשר האָבן זיי עס אין אמתן ליב: ביילע האָט דאָך מיך אַליין פאַרטשעפעט.

וואָס-זשע איז אַזוינס די — פרוי?

פאַר מיינע אויגן האָט זיך געצויגן אַ גאַלעריע פרויען-געשטאַלטן — מיינע שכנות.

צי זענען זיי אויך אַזעלכע?

צי זענען זיי אַנדערע בלויז דערפאַר, ווייל זייער לעבן האָט זיך אַנדערש אויסגעשטאַלטעט.

צי קען אַזאַ פאַני הענריעטאַ ליבן איר מאַן? און זי האָט דאָך קינדער. ער אַליין, מיט זיין בויך, מיט זיין רויטער נאָז...

איך האָב געזען פאַר מיר אַזאַ עקלהאַפט משונהדיק בילד, אַז כ'האָב מיך געשטיקט פאַר עקל. און גלייכצייטיק איז עפעס געווען אַ זיסער טעם באַם אריינקוקן אין דער גרענעצלאָזער אונטערטעניקייט פון אָט דער שיינהייט.

פאַני הענריעטאַ איז געווען אונדזער פּראָווינציעלע שיינהייט. בשעת טאַנק-אָוונטן און אויפנאַמען, בין איך נישט איינמאָל כורעים געפאַלן פאַר איר רייצנדן חן. איך האָב געציטערט פאַר שרעק, זי זאָל נישט באַמערקן מיין קינדערישע התלהבות. איצט האָב איך מיך מחיה געווען מיט דעם גיפטיקן געדאַנק.

דיין מאַן — דער שיכור און קאָרטנשפּילער קען אין יעדן מאָמענט טון מיט דיר דאָס, וואָס איך וועל היינט טון מיט ביילען.

כ'וועל עס טון.

דאָס איז שוין געווען אַן אינערלעכער באַשלוס בא מיר.

אויב ס'איז אַזוי, ווי ס'איז, דאַרף מען אַרויסציִען אייגענע קאָנסעקווענצן.

כ'האָב געפילט אַ טיפע נקמהדיקע פאַראַכטונג צו דער פרוי. און גלייכצייטיק האָב איך געקלערט, צי אַדאַש לעבט אויך איבער

אַליין, מיט זיך אַליין, אַזעלכע שטיקנדיקע פנייַלעכע מאָ־ריענטן.

וואָס קומט פאָר אין דער נשמה פונם מענטש?

און וואָס איז דאָס אַלץ?

כ׳האָב געקוקט מיט איבעראַשטע אויגן אויף דעם שמוציקן שטעטל.

ס׳נעסטן אין בלאָטע הונדערטער מענטשן. זיי פאַרבינדן זיך ערגעץ אין די שמוציקע קעלערן און פרוכפּערן קינ־דער.

און דאָס הייסט לעבן?

און שפּעטער קומט די שעה, ווען זיי פאַרמאַכן די אויגן אויף אייביק, און דאַמאָלס שליידערט מען זיי אין דר׳ערד אַריין — די ווערעם זאָלן זיי פרעסן.

און אַזוי ענדיקט זיך אַלץ.

און אַזוי וועט זיין מיט מיר.

מ׳וועט מיך באַגראָבן פּראָסט און פשוט אין דר׳ערד. מ׳וועט מיך פאַרמאַכן אין הילצערנעם קאַסטן. און איבער מיין קאָפּ וועט פאַרקומען דאָס זעלבע, אָן אַ סוף.

כ׳האָב דערפילט אַזאַ יאוש, פון וועלכן כ׳האָב ביז אַהער נישט געוווּסט. אַ שטאַרקן דורכדרינגענדיקן בונט קעגן דעם טויט.

איר הערט! איך וויל נישט, דאָס זאָל זיין? איר הערט — כ׳וויל נישט, ס׳זאָל קומען די שעה, בשעת כ׳וועל ליגן אַ מת אין דער שוואַרצער ערד. כ׳וויל נישט, כ׳וויל נישט!...

אין קלויסטער האָט מען אָנגעהויבן קלינגען.

איך האָב מיך צעלאַכט.

אומשטערבלעכע נשמה, מחילה, דין וחשבון — כאַ, כאַ כאַ...

עס האָט זיך מיך געגלוסט גיין אין קלויסטער אַריין אויס־שרייען: ס׳איז ליגנט:

ס׳איז ליגנט דאָס אַלץ: די הייליקע בילדער, די גלאָקן, סאַק־ראַמענטן.

און איינציייטיק האָט מיר געשניטן דאָס האַרץ, ווי אַ טעמפּ מעסער.

און וואָס קומט אַרויס פון דעם?

צי וועסטו צוליב דעם נישט שטאַרבן? צי וועסטו צוליב דעם מנצח זיין דעם טויט?

איך האָב געהאַסט דאָס לעבן אין דער רגע.

צו וואָס בין איך געבוירן געוואָרן, אַז איך זאָל איצט לעבן און וואַרטן אויף דער שרעקלעכער זאַך, וועלכע מוז געשען.

צו וואָס בין איך דאָ?

איך בין נישט געווען, און איצט בין איך דאָ און מאַטער מיך און וועל מיך אַזוי מאַטערן אָן אַ סוף; ווי אַ וואָרעם, וואָס איז אַרויפגעזעצט אויף אַ שפּילקע.

און עס איז נישטאָ קיין אויסוועג, קיין האָפנונג.

ער איז שוין דאָ און וואַרט אויף מיר, דער טויט.

איך וועל ליגן אויפן בית-עולם, אין דער ערד.

איך וועל נישט פּטור ווערן פון דעם עקל, עס וועט שטענדיק קומען די זעלבע פאַרשטיינערונג, טויט און צעלייגונג.

און אַזוי איז מיט יעדן איינציקן.

אין דעם מאָמענט האָב איך פאַרגעסן אָן די פרויען, אָן ביילען. איך האָב פאַרגעסן, אַז מיר דאַרפן דורכפירן אַ קאַמף מיטן שונא, מאַכן פאַרשווערונגען.

צו וואָס? צו וואָס?

איך אַליין בין דאָך נישטיק, ציטערנדיק פאַרן שאָטן פון טויט, וועלכער וועט מיך איינשלינגען, איך, וואָס וועל ווערן אַרייַנגעשליידערט אין דער ערד די ווערעם זאָלן מיך עסן.

דער זעלבער בין איך, דער זעלבער.

מיט אויסגעמאַטערטע ביינער, אַ נידערגעשלאָגענער האָב איך מיך דערשלעפּט צו מיין דירה.

עס איז שוין געווען שפּעט. מען האָט מיר דערלאַנגט אָוונט-ברויט. איך האָב געהייסן ברענגען בראָנפן, איך האָב אויסגעטרונקען דריי צי פיר גלעזלעך. ביילען האָט מען נישט געזען.

די שטוב איז געווען אַ דעמפּיקע און שמוציקע.

דורכן אָפענעם פענסטער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אויפן פאַראומרייניקטן מאַרק, האָט זיך נישט אַריינגעקראָגן קיין שום פריי־ער הויך. אַ הוילקייט האָט אַרומגענומען דאָס האַרץ. אונטער דער ווירקונג פון דעם בראָנפן האָבן אין קאָפּ געשימערט אָפּגעריסענע שטיקער געדאַנקען.

דאָ אַלזאָ פליסט דורך באַ מענטשן זייער לעבן. דאָס איינ־ציקע, נאָך וואָס עס וועט גאָרנישט איבערבלייבן.

וועגן וואָס טראַכט דער גרויער ייד, דער אייגנטימער פון דעם איינפאָר־הויז, ער האָט דאָ דורכגעלעבט צענדליקער יאָרן, אין דאָ יונג געווען און אַלט געוואָרן. דאָ וועט ער שטאַרבן. און די ערד איז דאָך אַזוי גרויס. עס זענען דאָ לענדער אומבאַקאַנ־טע — מיט אַנדערע מענטשן און אַנדערע לאַנדשאַפטן. און דער מענטש גייט אַזוי אַראָפּ אין קבר, נישט האָבנדיק געזען קיין שום זאַך.

וואָס קומט פאַר אונטערן שיידל פון די מענטשן, וועלכע לעבן דאָ אַדורך יאָרן?

צי האָט אַמאָל געליבט אָט די אַלטע שמוציקע יידענע אין שייטל, וועלכע האָט זיך פאַרקוקט מיט אַזאַ משונהדיקער אומזיניקייט אין דעם מיסט־קאַסטן, וואָס געפינט זיך הארט אונטער די פענסטער פון איר שטוב?

און נאָך אַן אַנדערער געדאַנק, נאָך אַן אומוואַרשיינלעכע־רער.

הייסט עס, אַז אויך אין יענעם טאָג, בעת מען האָט געשלעפּט צווישן די רייען פון די קאָזאַקן דעם געפאַנגענעם קאַשטשושקאָ, אויך אין יענעם טאָג, ווען דאָרט האָט געבלוטיקט אין איין האַרץ דאָס גאָלדענע לאַנד — איז דאָ און אויף טויזנטער אַנדערע ערטער, און הערצער פון טויזנטער מיליאָנען מענטשן־מאַרעווקע־בערג — פאָרגעקומען דאָס זעלבע.

דער מענטש! דער מענטש!

וויפיל דורות נעגערס האָט מען אויסגעהרגעט, מיט הינט אויף די בוימוואָל־פּלאַנטאַציעס דערפּייניקט.

וואָס קומט איצט פאַר מיטן מענטש?

טויזנטער עסקימאָסן ווערן געפרוירן אין זייערע שניי-בוידן, די הינט פון די פלאַנטאַטאָרן שפּירן נאָך די נעגערס, הונדער-טער טויזנטער פרויען זענען אַרויסגעשטעלט אויפן מאַרק און גייען איבער פון הענט צו הענט. אַ שמוציקער דענקנדיקער שימל?

וואָס פאַר אַ זין האָט-זשע דאָס אַלץ? און צי האָט עס עפּעס אַ זין?

און אויף אַן אומדערוואַרטעטסטן אופן האָבן זיך אָנגעהויבן אַנטפּלעקן פאַר מיר די משונהדיקסטע בילדער און השערות.

איך וואָלט געקענט אַוועקפאָרן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אָנ-נעמען דעם איסלאַם, האָבן אַ האַרעם, איינקויפן טשערקעסקעס, גרעטשאַנקעס, טורטשאַנקעס. אַלע וואָלטן זיי געקוקט אויף מיר מיט איבערגעשראָקענע אויגן.

איך וואָלט געקענט איצט זיין אַ נעגער, אויף וועלכן מען רייצט אַן אַ הינט.

איך וואָלט געקענט זיין אַ פּויער און צוהערן זיך אונטערן פענסטער אין קאַרשן-סאַד, ווי דער פריץ שענדט מיין פרוי.

די פרוי, דאָס באַקעטע פרויען-לייב, האָט אַלץ אָפטער גע-נומען שימערן אין מ״ינע געדאַנקען.

איך האָב נישט אָנגעצונדן קיין פייער און זיך געלייגט.

פליגן האָבן געזשומט איבער מיר.

זייער באַרירן פלעגט מיר דורכנעמען מיט עקל.

איך לעב דאָך נאָך, איך בין נאָך אַ מענטש, נישט קיין באַרג מיסט.

און דאָס אַלץ, דאָס אַלץ, וואָס שוועבט מיר אַדורך אין זי-נען ווי אַ גרויזאַמער חלום איז דאָך נישט קיין פאַנטאַזיע, נישט קיין אויסגעטראַכטע זאַך, נאָר אַן אמת.

אַן אמת איז אָט דאָס אין בלוט און אין אכזריות אָפּגעטונקטע לעבן, דאָס בהמהשע לעבן פון די מענטשן, וועלכע ווייסן גאָרנישט וועגן זיך.

כּריסטאָס האָט דעם מענטש אויסגעלייזט!

הא, הא!

די טיר האָט אַ סקריפּ געגעבן.

— דער גנבעדיקער הער שלאָפט שוין? — האָט אַ פרעג געטון דאָס הייזעריקע קול פון איינפאַר־הויז־אייגנטימער.

איך האָב מיך אַ ריר געטון.

דער ייִד האָט אָנגעצונדן א שוועבעלע און פאַרשטעלנדיק עס מיט דער האנט, צוגעקומען נענטער.

ער האָט זיך איינגעבויגן איבער מיר...

— צי וויל נישט דער גנבעדיקער הער, ביילע זאָל אהער־קומען? עס האָבן זיך שוין אַנדערע געסט נאָכגעפרעגט אויף איר, אָבער איך וויים, דעם יאַשניע דאָבראַדזשעיס זון פון טאָפּאָלוווקע: אַזאַ גאסט, אַזאַ גאסט! מיין פאָטער איז מיטן יאַשניע פאַן צעלע־סטין מיטגעפאָרן, ווען ער איז נאָך גאַפּאָליאָנען געגאַנגען. ער האָט בעהאַנדלט, פערד צוגעשטעלט... אַזא פאַן! אַזאַ פאַן!

דער ייִד האָט אַ טשמאָק געגעבן.

— און אַזוי איז ער אומגעקומען. וואָס דאָ האָט זיך געטון! די יאַשניע פּאַני כראַבינאַ, זיין מאַמענקע, האָט זיך דערפון דער־וווּסט... אוי ווי... און וואַסער לויה עס איז געווען. וויפיל שוואַר־צע טוך עס איז דאָס אין קאָשטשיאָל געווען. אוי ווי!... אַזאַ פאַן! און אַ ברען געווען — נו, נו! טאָ וועל איך הייסן ביילען, זי זאָל אַריינקומען — האָט ער פלוצלינג פאַרענדיקט.

איך האָב געשוויגן.

אין האַרץ איז זיך צעוואַקסן אַן אומדייטלעכע זיכער־קייט.

עס איז אַריבער אַ לענגערע צייט.

די טיר האָט ווידער אַ סקריפּ געטון.

איך האָב נישט אָנגעצונדן קיין פייער...

דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט רויבעריש און שטיל...

עס האָבן זיך דערנענטערט לייכטע, שטילע טריט. זי איז געגאַנגען ווי אַ וואַרימער נעפּל־וואָלקן.

איך האָב אויסגעשטרעקט אַן אָרעם, ער האָט אָנגעטראָפן די האָר, די נאַקעטע שולטערן.

דער קערפּער פון מיידל איז אַ הייסער, אומגלויבלעך־אמתער אַרויפגעפאַלן אויף מיר.

איך האָב זי געהאַט אין מיינע הענט, די ווירקלעכע און וואונדערלעכע שעפּונג: די פרוי.

דער גרויזאַמער חלום איז מגולגל געוואָרן אין לייב און בלוט.

כ'האָב אַריינגעקוקט אין דעם מיידלס אויגן, ס'איז געווען אין זיי עפּעס ווי אַ פאַרוווּנדערונג.

די הענט מיינע האָבן געוואַנדערט איבער איר קערפּער, די ליפּן האָבן געפּלאַפּלט:

ביילע, ביילע. .

כ'האָב נישט געוווּסט, וואָס כ'טו.

אַן אַנדערער מענטש, וועלכן כ'האָב נישט געקענט, האָט זיך געוואָרפן אויף אָט דעם יונגן קערפּער, זיך איינגעזויגן אין אים, געכאַפּט מיט די צעגליטע ליפּן אירע אַקסלען, געביסן זיי מיט עפּעס אַ יאָמער. אָדער ער האָט זיך ווידער אויפגעהויבן און געשלעפּט אין זיינע אָרעמס אַריין דאָס מיידל, געקוקט אויף איר מיט אַ פאַרשטיינערטן בליק.

אָט דאָס איז זי — דער סוד פון די פאַרבאָרגנסטע מחשבות — די נאַקעטע פרוי — די זאַך.

און ס'האָבן זיך ווידער פיבערהאַפט צענויפגעקלעמט די אָרעמס.

אויפן גרונט פון דער נשמה האָט עפּעס אכזריותדיקס גע־רונען, געלעכצט נאָך אַ גרעסערן תענוג, נאָך אַ נייעם באַ־וויז פון מאַכט איבער אָט דעם אָטעמדיקן קערפּער.

פון דעם מיידלס ברוסט האָט זיך געהערט אַ שטילער זיפץ.

זי האָט זיך כּסדר אויפגעהויבן און געזעצט.

ס'האָט זי באַרישט די דאָזיקע ליידנשאַפט און שגעון.

וויפיל מאָל האָט זי שוין געמוזט ליגן אין די אָרעמס יע־דעס מאָל פון אַנדערע מענטשן.

זי איז אויפגעשפּרונגען און איינגאַנצן אַ נאַקעטע אַרומגענו־

מען מיין האַלדז מיט די אָרעמס. מיטן סוד פון אירע שוואַרצע אויגן האָט זי געקוקט אויף מיר.

דורך די פאַרהאַקטע ציין האָבן זיך אַרויסגעריסן אומפאַר־שטענדלעכע ווערטער.

— דו!

זי האָט מיך אַ צי געטון צו זיך אויפן האַרץ אַרויף.

— מיין ליבער, מיין ליבער!

איך בין דיר אַזוי דאַנקבאַר, אַזוי דאַנקבאַר.

און ווי אַ ספּאַזם פון געוויין האָבן זיך גענומען שיטן ווערטער.

— דו האָסט מיך נישט געשלאָגן, דו האָסט מיך נישט געבריט מיט קיין פּאַפּיראָס אויפן נאַקעטן לייב און נישט געלאַכט, ווען איך האָב געוויינט.

איך בין דיר געפעלן אַזוי, ווי כיוואָלט טאַקע געווען דיינע.

דו האָסט אויף מיר נישט געשריגן, ווי אויף אַ בהמה.

אין אירע אויגן האָבן געגלאַנצט טרערן.

כהאָב איר אָנגעהויבן עפּעס צו דערציילן. כ׳האָב גערעדט וועגן דעם, אַז מענטשן זענען אומגליקלעך, אַז איך וועל שטאַרבן און זי וועט שטאַרבן, אַז ס׳איז נישט באַוווּסט, צוליב וואָס ס׳האָט זיך אויסגעטיילט פון דער שמוציקער וועלט־מאַסע דער געדאַנק.

כ׳האָב איר דערציילט, אַז מיליאָנען פרויען געפינען זיך אין אַזאַ לאַגע.

— מיך רעדט מען צו, כ׳זאָל פאָרן קיין ריגע, — האָט זי מיר דערציילט, אָבער כ׳האָב מורא, יוזשע פלעגט פאָרן קיין אָדעס. און אַ וואָסערע איז זי צוריקגעקומען!... אַזאַ שיין מיידל געווען, און יעצט וואָס — אַ שקעלעט — אַזוי דאַר און הוסט. און וואָס זי דערציילט. פינף, זעקס געסט אַ נאַכט. און באַטאָג, ווי ס׳מאַכט זיך. און די ערגסטע זענען די מאַטראָזן. און איך בין געוויר גע־וואָרן, אַז ריגע איז אויך אַ פּאָרט. אָבער ס׳וועט אוודאי אויסקו־מען צו פאָרן. דאָ איז אויך שלעכט. און מ׳קען גאָרנישט אָנזאַמ־לען. ווען מ׳זאָל אַזוי קענען אוועקפאָרן אין אַ גרויסער שטאָט אַריי

און האָבן נישט מער ווי איין געליבטן, אָבער ער וואָלט געמוזט זיין אַ פּריץ, טראָגן אַ דין דופּטנדיק העמד.

און אַזוי זענען מיר געזעסן איינער לעבן צווייטן, איינגע-הילטע אין דער קאָלדרע, האַלב-נאַקעטע.

דורך די אָפענע פענסטער האָבן זיך געהערט טענער פון אַ האַרמאָניקע. עפּעס אַ שיכורער האָט געזונגען מיט אַ הייזעריק קול.

פלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ געשריי.

ביילע האָט אויפגעציטערט.

— דאָס שרייט לאה — האָט זי געזאָגט — ס'האָט זי יענקל צום סטאַנאָוואָי געפירט. ער שלאָגט תמיד, בשעת ער איז שיכור, מיט אַ ראַפּניק.

אירע פּלייצעס האָבן געציטערט מיט אַ נערוועזן שוי-דער.

און נאָך איינער אַן אַקציזנער.

זיי פאַרמאַכן די לאָדנס, לאָזן אַראָפּ די ראָלעטן און הייסן טאַנצן נאַקעטערהייט.

איינער שפּילט אויף דער האַרמאָניע און דער צווייטער טאַנצט. און אויב מען וויל נישט, ברייט ער די הויט מיטן פּאַפּי-ראָס, אָדער שלאָגט מיטן ראַפּניק. און ווען ער וואָלט כאָטש באַ-צאָלט! אָבער — זי האָט מיט פאַראַכטונג אָנגעבלאָזן די ליפּן — וואָס גיט ער, וואָס קען ער געבן. און דער אַקציזנער איז אַ באַ-ווייבטער. און אַמאָל האָט אים דאָס ווייב אַזוי געפּאַקט באַם סטאַ-נאָוואָי מיט רוזשען; זי פלעגט נאָך דאַמאָלס נישט פאָרן קיין אָדעס. ווי זי פאַלט אַריין — און אַ פּראַסק אים אין פּיסק אַריין און דערנאָך רוזשען. מיט די נעגל האָט זי איר דאָס גאַנצע פּנים צעגראַפּטשעט און שפּעטער האָט זי זי אַזוי ווי זי איז געווען, אַ נאַקעקע, פון דער שטוב אויף דער גאַס אַרויסגעיאָגט. מיט הייס וואַסער האָט זי זי געוואָלט אָפּבריען. כ'מיין, כ'וועל פאָרן קיין ריגע. דאָרט, זאָגט מען, איז דאָ אַזאַ הויז, וווּ ס'קומען בלויז גע-נערעלער. און מ'שלאָגט נישט. די באַלעבאָסטע לאָזט מיט קיין פינגער נישט אָנרירן.

— און צו וואָס איז דאָס אַלץ? — האָב איך געפרעגט.

— וואָס צו וואָס?

צו וואָס איז דאָס לעבן? נו, און וואָס וועט שוין זיין דער סוף פון דעם, אַזוי צי אַזוי, דאָ צי דאָרט, וועסטו אַלט ווערן, ס׳וועט פון דיר אַ תל מאַכן אָט דאָס לעבן, און וואָס?

זי האָט עס נישט געקענט באַנעמען.

אמאָל דערשלאָגט מען זיך צו עפּעס. און טיילמאָל ליבט זיך אַן אָפיציר איין און נעמט אהיים צו זיך. און איבעריקנס — וואָס? ווי קען איך מיר דען איצט אַנדערש אַן עצה געבן? אַזוי — קאָן איך נישט ווייניקסטנס, וואש נישט, לויף נישט אַרום מיט קוישן איבער דער שטאָט. ווען כ׳וואָלט נאָך געהאַט אַ קלייד: אָט אַזאַ — מיט אַ דעקאָלטער — האָט זי געוויזן — אַ זיידן קלייד און הענטשקעס און שיך.

זי האָט מיר פאַרוואָרפן די הענט אויפן האַלדז און זיך בא מיר אויף די קני אוועקגעזעצט.

כ׳וועל דיך צערטלען, קושן, און אַלץ, וואָס דו ווילסט, קענסטו טון מיט מיר, אַלץ, וואָס דו ווילסט, אָבער גיב מיר געלט. גיב מיר אַ סך געלט, צען רובל וועסטו מיר געבן? הא, ווועסט געבן!

כ׳האָב אויסגעשטרעקט די האַנט צום שופלאַד.

געלט האָט מען מיר קיינמאָל נישט געקאַרגט, כ׳האָב צוגויפגעשאַרט, וואָס כ׳האָב געהאַט. ס׳איז דאָרט געווען אוודאי אַ רובל דרייסיק. ביילע האָט נישט געציילט, זי האָט דערפילט אין דער האַנט, אַז ס׳איז דאָ אַ סך מער ווי צען רובל.

פון איר האַלדז האָט זיך אַרויסגעריסן אַ ווילדער פויגלגעשריי.

זי איז אַראָפּגעשפרונגען פון מיינע קני און האָט אָנגעהויבן טאַנצן פאַר מיר עפּעס אַ משונהדיקן, ליידנשאַפטלעכן, משוגענעם טאַנץ.

ס׳האָט מיר געשווינדלט אין קאָפּ.

ווען כ׳האָב מיך אויפגעכאַפּט, איז ביילע געשלאָפן.

זי איז געלעגן אויפן רוקן מיט די הענט פאַרלייגט אונ־טערן קאָפּ. זי האָט מיר אויסגעוויזן אָפּשטויסנד, אומפאַרשעמט. כ׳האָב נישט געקענט פאַרשטיין, כ׳האָב נישט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי כ׳האָב געקענט פאַרטראָגן לעבן זיך אָט דעם אויסגעלאָ־סענעם, פאַרשמוצטן קערפּער.

כ׳בין אויפגעשטאַנען און זיך אָנגעהויבן אָנטון.

ביילע האָט געעפנט די אויגן און אַ קוק געטון אויף מיר נישט דערקענענדיק.

פּלוצלינג האָט זי זיך דערמאָנט.

זי האָט אַ כאַפּ געטון דאָס געלט פון טיש און אָנגעהויבן אָנטון דאָס העמד.

— זאָג, האָט זי זיך געווענדט צו מיר, אַז דו האָסט מיר גע־געבן דריי רובל, אויב נישט, וועט מען מיר אַלץ צונעמען. און זי איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב.

מיט אַ שווערן און פאַרנעפּלטן מוח בין איך אַהיימגעפאָרן מיט אַ געפיל, אַז כ׳בין באַגאַנגען אַ פאַראַט.

אין משך פון עטלעכע טעג האָב איך נישט געהאַט די העזה זיך צו דערנענטערן צו די געדאַנקען, מיט וועלכע כ׳האָב שטענדיק געלעבט. כ׳האָב נישט געלעזן די באַליבטע ביכער. גע־דאַנקען האָבן זיך געוועבט מאַכטלאָזע און לאַנגווייליקע. איבער אַלעם אַנדערן האָט דאָמינירט דאָס געפיל, אַז די צייט פליסט אַוועק.

ס׳פלעגן דורכפליסן מאָמענטן אומרחמנותדיקע, גלייכגילטיקע און יעדער פון זיי פלעגט דאָך מיטטראָגן מיט זיך אַ טיילכל פון מיין לעבן. זיי פלעגן דורכגיין פוסטע און אויך אייביק פאַרלוי־רענע. אין מיין פאָטערס ביבליאָטעק זענען מיר געקומען אונטער דער האַנט „ג ע ד א נ ק ע ן" פון פאַסקאַל; כ׳האָב זיך איצט פאַר־טיפט אין זיי, אָט די, ווי באַרג־שפּיצן, מעכטיקע אַפאָריזמען האָבן אויסגעדריקט דאָס, וואָס אין מיר איז פאַרגעקומען. כ׳האָב בלויז נישט געקענט דערגרייכן די מדרגה פון אַנטוישונג אין גלויבן. אומזיסט פלעג איך מיך דערמאַנען דאָס, וואָס פאַסקאַל זאָגט וועגן גייסטיקן אויטאָמאַט. אין משך פון דער נאַכט פלעג איך

קניענדיק שטיין שעהן־לאַנג אויף דער קאַלטער פּאָדלאָגע, כ'פּלעג איבערחזרן די ווערטער פון „פּאָטער אונדזער" און פּלעג שאַפן מיינע אייגענע פאַרצווייפלטע ליידנשאַפטלעכע תפילות. אָבער טיף אין האַרץ האָב איך געוווסט, אַז ס'וועט גאָרנישט אַרויסקומען פון דעם, נאָכמער, כ'האָב געפילט, אַז כ'וואָלט זיך פאַראַכטעט, ווען כ'וואָלט געגלייבט. כ'האָב געפילט, אַז דאָס וואָלט געווען אַ ירידה. אָבער מענטשן טרינקען דאָך, האָב איך געקלערט. כ'האָב מיך באַמיט איבערצוצייגן זיך אַליין, אַז אומזיניק אין דערנידערנדיק איז מיין שרעקלעכע, ווי אַ שפּיז דורכשטעכנדיקע שרעק פאַרן טויט. אַזוי פיל מאָל האָב איך דאָך געטרוימט, אַז כ'וועל שטאַרבן אויפן שלאַכטפעלד. ס'איז געווען אומזיסט. דאַמאָלס האָב איך נישט באַנומען דעם טויט. איצט איז ער געשטאַנען פאַר מיר פּנים אל פּנים, גלייכצייטיק האָט זיך אַנטוויקלט אין מיר אַ שטילע, מוראדיקע פאַראַכטונג צום לעבן. דער געדאַנק, אַז אַלע נאַכט אָטעמען מענטשלעכע קערפּערס אין ליידנשאַפטלעכן שגעון — האָט מיך אָנגעפילט מיט עקל.

ליבע, לעבן, אַלץ איז מיר פאַרגעקומען, ווי אַ לאַנגווייליקע, לאַקריצדיקע קאָמעדיע.

ביסלעכווייז האָב איך מיך אָנגעהויבן צוריקקערן צו מיינע אַמאָליקע חלומות.

איצט האָב איך עס שוין אָבער געטון אָן בטחון און מיט אַ שלעכט געוויסן.

און דעריבער האָב איך מיט אַ געוויסער אימה געטראַכט וועגן דער באַגעגעניש מיט אַדאַשן, און ז'עריבער האָב איך מורא געהאַט, אַז די דאָזיקע באַגעגעניש זאָל מיר נישט צונעמען די טרוימען־מעגלעכקייט גופא. כ'פּלעג מיר אַליין איינרעדן, אַז איך טראַכט שטאַרקער ווי תמיד וועגן אַ לעבן פון קאַמף און ראַנגלעניש מיטן שונא.

טיף אין האַרץ איז אָבער געלעגן פאַרגליווערט די גלייכגילטיקייט.

פוילן, אומאָפּהענגיקייט, וואָס קומט אַרויס דערפון? דו וועסט דיך ענדערן?

צי וועט זיך ענדערן דער גלח קולעשאַ, דער פּעטער פלאַ-ריאַן, העלכער ציטערט פאַר זיין קרבן, וואָס שלאָגט אים.

צי וועט דאָס מענטשלעכע לעבן אויפהערן צו זיין דאָס, וואָס עס איז: אַ משונההדיקער, שמוציקער אומזין?... צי וועל איך נישט פונקט אַזוי צעשווימען ווערן אָן אַ זכר, אויף אייביק אומקומען דאָרט אונטער דער לאַסט פון דער בית-עולם-ערד? צי וועט זיך ענדערן כאָטש עפּעס פון דעם אַלעם?

ניין, אַלץ וועט בלייבן פונקט אַזוי אומרחמנותדיק ציל-לאָז.

אָבער ווען מען וואָלט צוגענומען אויך די חלומות, וואָלט געבליבן בלויז נאָר די אומדערטרעגלעכע, הוילע פּוסטקייט. גלייכ-צייטיק האָט מיך אָנגעהויבן אויפרעגן אַלץ, וואָס כ'האָב נאָך מיט עטלעכע חדשים צוריק אויפגענומען מיטן פולן גלויבן.

כ'געדענק מיט וואָס פאַר אַ פאַרוואונדערונג אַליאַ האָט אַ קוק געטון אויף מיר, ווען כ'האָב איר אַמאָל, צוליב דעם וואָס כ'האָב נישט געהאַט קיין אַנדערע אוידיטאָריע, אַרויסגעזאָגט, וואָס איך קלער וועגן די ביכער, וועלכע מיר האָבן ערשט נישט לאַנג געהאַט געלעזן צוזאַמען.

ס'איז נישטאָ וואָס צו קלאָגן אויף די טויגענישטן און קלאַג-מוטערס, צוליב זיי ליגן מיר אין דר'ערד.

ווער האָט געהייסן דעם קעניג יאַן גיין אויף ווין? דער פּויפּסט? וואָס גייט אים אָן דער פּויפּסט? קאַשטשיושקאָ האָט באַ-דאַרפט צעטיילן צווישן די פּויערים די ערד, די פּריצים אויסהענ-גען, וואָלט ער די מאַסקאַלעס פאַרטריבן.

און צו וואָס הייסט מען אונדז קלערן וועגן דעם אַלעם?

פאַרוואָס לאָזט מען אונדז נישט לעבן?

דאָס מיידל איז אַנטלאָפן פון מיר, און פון דאַמאָלס אָן, וויפיל מאָל איר מוטער פלעגט אָנהייבן מיר אין די אויגן עפּעס אַ באַליבטע מעשה אירע צו דערציילן, פלעגט זי שטענדיק קוקן אויף מיר ווי מיט בקשה אָדער שרעק.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט זי מיר געזאָגט, בעת מיר האָבן זיך באַגעגנט:

„די מאמע האָט קיינעם נישט. דער טאַטע איז געפאַלן פאַרן פאָטערלאַנד, דאַרף מען זי אַלזאָ נישט מצער זיין. די מאמע איז שוין אַלט און זי האָט שוין גאָרנישט אַחוץ די זכרונות, אַז איך וועל אונטערוואַקסן, וועל איך אַלץ אָוועקגעבן די פויערים.

דאַמאָלס אָבער האָב איך קיין צייט נישט געהאַט זיך צו פאַרנעמען מיט אַליען.

אַלע געדאַנקען מיינע זענען אינגאַנצן באַהערשט געווען בלויז פון דעם איינציקן:

גאָט און דער טויט.

כ׳פלעג האָבן מאָמענטן, בעת כ׳פלעג זיך אַליין אויסזען שולדיק אין אַלע מיינע ספקות, בעת כ׳האָב זיך געשראָקן, אַז ס׳וועט קומען אויף מיר דערפאַר אַ שטראָף.

כ׳האָב שוין נישט געקענט גלייבן, אָבער כ׳האָב מיר אויך נישט געקענט פאָרשטעלן קיין וועלט אָן אַ גאָט און אָן אויסלייזער.

ס׳פלעגט מיר בלייבן די פוסטקייט, די ווייטיק און די שרעק.

האָב איך טאַקי אויפגעציטערט, בעת אַדאַש האָט מיך אין וואַלד קורץ אַ פרעג געטון — צי גלייבסטו נאָך אין גאָט?

כ׳האָב נישט אויפגעהויבן די אויגן און געענטפערט טרוקן:

ניין.

אַדאַש איז אויפגעשטאַנען און זיך נערוועז דורכגעגאַנגען איבער דעם שטיקל ליידיקן שטח, צום סוף האָט ער געזאָגט:

— מיט וואָס פאַר אַ מענטשן איך האָב מיך באַקענט, מיט וואָס פאַר אַ מענטשן. דו ווייסט, אַז קאַראַקאָזאָוו האָט גאָרנישט צוליב דער באַפרייונג פון די פויערים געשאָסן אויפן קייזער. ער איז געווען אַ סאָציאַליסט.

דאָס ערשטע מאָל האָב איך דאַמאָלס אין אַ געשפרעך נישט אין קיין ביכל באַגעגנט דאָס דאָזיקע הייליקע וואָרט.

און אַדאַש האָט גערעדט.

ער האָט געזאָגט, אַז מענטשן גייען אַראָפּ דורות־ווייז אין די

קברים, ווארטנדיק דאָרט אויף יענער וועלט אויף יושר און לוין. זיי פילן אַלזאָ, אַז דאָס לעבן דאָ איז אַן אומזין, אַז נישט וואָלטן זיי נישט געגלויבט, אַז ס'איז דאָ, אַז ס'איז נייטיק אַן אַנדער לעבן.

די פאַרשטייסט, זינט עס עקזיסטירט דער מענטש, גייען מענטשן אַרום מיט דער איבערצייגונג, אַז דאָס וואָס זיי לאָזן איבער נאָך זיך, איז נישט געווען קיין לעבן, זיי פילן, אַז זיי האָבן נישט געלעבט, אַז מ'האָט זיי אָפּגענאַרט אַ גאַנץ לעבן. און די גאַנצע געשיכטע — דאָס איז אַן אַראָפּשטייגן אין קבר אַריין פון אויסגעפּייניקטע אָפּגענאַרטע מיליאָנען. און דער מענטש האָט די העזה זיך אָנצורופן דאָס קלוגע באַשעפעניש.

איצט האָבן מיר שוין אָנגעהויבן רעדן איינער נאָכן אַנדערן, מיר האָבן אַרויסגעכאַפּט איינער באַם צווייטן זאַכן, געדאַנקען, ווענדונגען.

מ'דאַרף קעמפן פאַר דעם, אַז דער מענטש זאָל שוין דאָ לעבן, דאָס גליק און לעבן זאָלן אים נישט דורכרינען צווישן די פינגער, ער זאָל זיי האָבן.

צי פאַרשטייסטו, פאַרוואָס ס'פלעגן מוזן האָבן אַ מפּלה אונדזערע אויפשטאַנדן? דער פויער איז געווען גלייך מיט דער בלאָטע, וואָס איז אַריינגעדריקט אין דר'ערד.

און צי איז אים נישט אַלץ איינס געווען, וואָס דערפון וועט אַרויסוואַקסן?

און צי איז אונדז נישט אַלץ איינס?

פּאָטערלאַנד — דאָס איז פּונקט אַזאַ צופאַל, ווי אַלע אַנדערע זאַכן. דער מענטש קומט אַרויס פון אַ חיה. ס'זענען אַנטשטאַנען מינים זייגע.

וואָס־זשע פאַר אַ שייכות האָט דער שכל דערצו?

צי האָסטו געלעזן דאַרווינען?

דאָס איז אַלץ שקר, וואָס זיי פויקן דאָ, אַז קיינער אָנערקענט אים נישט. די גאַנצע וועלט האָט שוין אָנגענומען זיין תורה, דאָס ווילן מיר בלויז אין פוילן זיך ראַטעווען מיט שמעקן ווייַרויך. אָבער אין אייראָפּע איז אַנטשטאַנען אַ ריזיקע אינטערנאַציאָ־

באַלע געזעלשאַפט, װעלכע שטרעבט דערצו, אַז די װעלט זאָל גע-הערן צו די אַרבעטנדיקע.

און אײנע נאָך דער אַנדערער זענען אַרױס פֿון זײן מױל אידעען, אײנע דרײסטער פֿון דער צװײטער.

דער מענטש — דאָס קינד פֿון צופֿאַל, בלוט און נאַכט האָט זיך אַלײן געריסן צו דער מאַכט איבער זיך.

צי װילסטו, צי װילסטו קעמפֿן מיט זײ אײנײנעם פֿאַר מענטש-לעכער רעכט, פֿאַר דער מענטשהײט?

ס'איז געװען איבעריק צו פֿרעגן.

מיר האָבן זיך צוריקגעקערט אַהײם גליקלעכע און שטאָל-צע.

אױף עפּעס אַ זײטיקן װעג האָב איך באַמערקט אַ פֿרױ, װעל-כע האָט געשלעפּט אַ משא האָלץ.

כ'האָב אָנגעװיזן אַדאַשן אױף איר מיט די אױגן.

ער האָט אַ שמײכל געטון, און מיר האָבן זיך אַ לאָז געטון אין גאַלאָפּ.

די פֿרױ האָט נישט געטראַכט, אַז ס'זענען פֿאַרבײ איר אין דער רגע צװײ משיחן.

די לאַסט פֿון האָלץ איז דערפֿון נישט לײכטער געװאָרן. בשעת כ'בין אַראָפּ פֿון פֿערד, האָבן מיך פֿלוצלינג אַרומגעכאַפּט די זכרונות װעגן בײלען מיט זײער עקל, כ'האָב מיר אױסגעװיזן מיר אַלײן אױף אײביק פֿאַרפֿאַלן.

אָבער כ'האָב נאָך דאַמאָלס נישט געװוּסט, האָב איך מיך פֿאַר זיך אַלײן פֿאַרטײדיקט...

נישט קוקנדיק דערױף, האָב איך אָנגעכאַפּט אַדאַשן בײַ דער האַנט.

— הער אױס — האָב איך געזאָגט, צי װײסטו, איך האָב אַמאָל דאָ נישט לאַנג שטאַרק באַװוּלט אַ פֿרױ.

אַדאַש האָט מיר אַ קוק געטון אין די אױגן און טרױעריק אַ שמײכל געגעבן.

— אױך דו — האָט ער געזאָגט — שױן, און שפּעטער פֿלוצ-לינג צוגעגעבן:

— טראַכטן וועגן זייערע חטאים קענען נאָר לײדיק־גײער. אַ מענטש דאַרף גיין אין דער צוקונפט.

בשעת ער פלעגט אַרויסזאָגן איינעם פון אַזעלכע זאַצן, פלעגט ער מיט די אויגן בעטן אָנערקענונג פאַר זיין העכערקייט. אין דעם איז זיין חן באַשטאַנען.

*

אַדאַש ביעלעצקי איז געווען אונדזערס אַ ווייטער גליד־שוועסטערקינד.

האָבנדיק פאַרלוירן אַ גרויס פאַרמעגן, האָט זיין פאָטער זיך באַזעצט אין אַ קליין פּאָדאָלער שטעטל און געלעבט פון דער שטי־צע פון די קרובים.

באַ אַדאַשן אין שטוב האָט אַלץ געלעבט מיט די זכרונות פון די אַמאָליקע גוטע צייטן, מיט רכילות, און פאַלשן יראת־שמים. קיינער פלעגט דאָ נישט הויך רעדן. פאַרקערט, אַלע האָבן גערעדט מיט אַ זיסן, געשטילטן טאָן, באַנוצנדיק זייער אַ גרויסע צאָל פאַרקלענערונגס־ווערטער.

מומענקע, גלחל, טאַטענקע, מאַמענקע. — פלעגט מען נישט אַרויסלאָזן פון מויל.

דאָס האָט לחלוטין נישט געשטערט, אַז דאָס לעבן פון אַדאַשס פאָטער, פון זיין מוטער און די צוויי שוועסטערן זאָל באַ־שטיין אין כסדרדיקן עסן איינער דעם צווייטן.

איך קען מיר נישט דערקלערן, ווי אַזוי עס האָט זיך אין דער דאָזיקער סביבה געגומען אַדאַש. כ׳האָב מיך באַקאַנט מיט אים, ווי מיט אַ 14־יעריקן יינגל. און ער האָט מיך באַלד פאַרוווּנ־דערט מיט דער אַנטשידנקייט פון זיינע מיינונגען און דער אַנט־שלאָסנקייט פון ווילן. זיין גייסטיקער אָרגאַניזם האָט געמוזט אָדער פאַרפאַלן גיין אין דער דאָזיקער סביבה, וועלכע ס׳האָט מיט זיך פאָר־

בעשטעלט די משפחה פון די ביעלעצקיס, אָדער ער האָט געמוזט פון זיך אַליין אַרויסקריגן אַן אייגענע שוץ. אַדאַש האָט עס געפונען אין דער איראָנישער פאַראַכטונג פון אַלץ, וואָס עס האָט אים אַרומגערינגלט.

איך קען מיר אַליין נישט קלאָר מאַכן דעם כאַראַקטער פון זיינע געפילן לגבי די עלטערן און שוועסטערן. דאָס איז נישט געווען קיין שום רחמנות, נאָר אַ קאַלטע און אַנטגילטיקע אַנטוישונג, אַ שטיל און סיסטעמאַטיש איבערגיין צום סדר־היום.

אָט אין דער נאָענטסטער סביבה האָט זיך אַדאַש אויסגעלערנט פאַרלאָזן זיך אויסשליסלעך אויף זיך אַליין, נישט געטרויען קיין שום אויטאָריטעט. דערביי האָט זיך דער אויסערלעכער אומצוטרוי און די איראָניע באַצויגן אויף אים גופא. וועגן זיך אַליין פלעגט ער רעדן מיטן טאָן פון פאַראַכטונגספולן מוחל־זיין און שפּאָט, וועלכע ס'פלעגן אים כאַראַקטעריזירן אין זיינע באַציונגען צו אַנדערע. מ'האָט אים באַדאַרפט גוט דערקענען, כדי צו באַמערקן, אַז ער דערלויבט זיך צו טרוימען וועגן גרויסע און דערהויבענע זאַכן. טיף אין האַרץ האָט ער פאַרמאָגט אַ פאַרלאַנג נאָך אמונה און אַ שטאַרקע התפעלות־פעיִקייט. אַ סך יאָרן האָב איך נישט געהאַט קיין חבר אין מיינע יאָרן. דערפאַר אפשר איז אין דער באַציִונג צו מיר שנעל פאַרשוווּנדן יענע האַרטנעקיקע מחיצה, הינטער וועלכער אַדאַש פלעגט זיך פאַרמאַכן מיט זיין איבערלעכן לעבן.

אין משך פון די לאַנגע אָוונטן און נאָכמיטאָגן האָבן מיר אויסגעגאָסן איינער פאַרן צווייטן אַלץ, וואָס ס'האָבן באַוויזן אויסצואַרבעטן אונדזערע אייגענע מוחות און הערצער. ס'האָט זיך נישט געפאָדערט קיין סך צייט, מיר זאָלן פאַרשטיין, אַז פאַר קיינעם פון אונדז איז קיין סוד נישט, וואָס פאַר אַ שיכטן פון גלייכגילטיקייט, אפיקורסות, ציניִשקייט און עגאָיִזם ס'באַהאַלטן זיך אונטער דער פאַלשקייט פון די פאַטריאָטישע פראַזן.

די מעדאַליאָנען מיט דער הייליקער מאַמען, האָט אַדאַש געזאָגט אַמאָל מיט כעס. דאָס האַרץ וועלן זיי אַרויסנעמען אָט מיט די מעדאַליאָנען. זאָלן זיי אָדער עפּעס טון, אָדער אומקומען, קאָפּ

אין וואנט שלאָגן, אָדער זאָלן זיי אויפהערן צו קרעכצן איבער דעם אומגליקלעכן פאָטערלאַנד.

בשעת מיר האָבן באַקומען עפּעס אַ ביאָגראַפיע פון גאַרי־באַלדי, זענען מיר אַריין אין אמתן שגעון.

פון דאַמאָלס אָן האָבן מיר נישט גערעדט וועגן קיין שום אַנדערער זאַך.

אָבער פון צייט צו צייט פלעגט זיך אַדאַש פאַרטראַכטן:

און וואָס וועלן מיר שפּעטער טון מיט די טומלער? אָט די אַלע געהייליקטע מומיעס וועלן דאָך דאַמאָלס ערשט נעמען אַרויס־קריכן און אָנקווען. איצט באַהאַלטן זיי זיך נאָך אין די ווינקע־לעך.

מיר האָבן נישט געקענט באַגרייפן די רו אַרום אונדז, און מיר פלעגן אומ־יפה־נרלע׳ זיך ריכטן, אַז יעדער טאָג קען אונדז ברענגען די בשורה וועגן אַן אויסברוך, וועלכער גרייט זיך. מיר האָבן זיך איינגעהערט, אָבער נישט געהערט קיין זאַך, אַ חוץ דעם סאָפּען פון פּחדנות, דעם מאַכטלאָזן זיפצן, אָדער דייטלעכער מליצה.

דעם פאָטער מיינעם פלעגט אַדאַש אַכטן פאַר זיין שווייגן און רויִקייט.

דיין אַלטער האָט כאַראַקטער, פלעגט ער זאָגן. ער האָט זיך אַזוי פאַרהאַקט, אַז צו אים וועט שוין קיין זאַך קיין צוטריט נישט האָבן. וועגן זיין משפּחה ווידער פלעגט ער תּמיד האָבן עפּעס צו דערציילן.

— מיין „טאַטונטשיאַ“ — האָט ער דערציילט — האָט, נאָך דעם קייזערס באַשערמטע ווערן פון קאַראַקאַזאָוו, געמאַכט אויף זיין פּריוואַטן חשבון אַן אילומינאַציע און געגאַנגען דעם איספּראַווניק גראַטולירן אין אַ פראַק און אַ ווייסן שניפּס.

און וועגן בערעזאָווסקין פלעגט ער זאָגן:

— ער מוז שטאַמען פון רוטענער, ווייל קיין שום פּאָליאַק האָט זיך קיינמאָל מיט קייזער־מאָרד נישט באַפלעקט.

דעם פרילינג האָב איך טאַקע געזאָלט אַוועקפאָרן צו אַדאַשס משפּחה, כדי דאָרט מיט אים איבערעם צו באַלייגן דעם רייף־עקזאַמען.

מיר האָבן זיך געפּרייט, וואָס מיר וועלן פאַרברענגען אַ פּאָר חדשים צוזאַמען.

שפּעטער האָט אַדאַש געזאָלט פאָרן קיין קיִעוו, ווו עס איז געווען באַם אוניווערסיטעט עפּעס אַ סטיפּענדיע אויפן נאָמען פון די ביעלעצקיס. איך האָב געטרוימט וועגן פּעטערבורג אָדער וועגן אויסלאַנד. איצט, בפרט, בעת מיר האָבן געהאַט אַן אומדערשעפּטן סכום פון טעמעס און געדאַנקען אין אונדזער בייעם גלויבן, האָט אונדז געלאָקט דאָס צוזאַמענזיין אויף עטלעכע חדשים.

דערביי האָט אַדאַש נישט אויפגעהערט איבערצוחזרן:

— וואָס פאַר אַ מענטשן דו וועסט דערקענען, וואָס פאַר אַ מענטשן!

צום סוף האָבן מיר אין אָנהייב מאַי זיך געפונען אין נעמי-ראָוו.

דער אַלטער פאַן יאַנוארי ביעלעצקי האָט אונדז שוין אין טויער מקבל פּנים געווען.

— שוין איינמאָל אַ גאַסט! ס'אַראַ גאַסט! — האָט ער אויס-געשריגן, פונאַנדערשפּרייטנדיק די הענט. — דער קוזין אָקטאַוויאַן. אַ גאַסט אין שטוב — איז גאָט אין שטוב. כאָטש די ביעלעצקיס זענען אַציננד צוליב דער אומבאַשטענדיקייט פון גורל אַראָפּ פון זייער אַמאָליקער הויך, דאָך בין איך נאָך אום שטאַנד אויפצונעמען אַזאַ גאַסט, מיין פריינט, ווי איך וואָלט דעם פאַן אָקטאַוויוש אַליין אויפגענומען. אייער פאָטער, מיין פריינט, אַ סטאַטיסט, אָ, אַ מיני-סטאָרישער קאָפּ, אַ דיפּלאָמאַט, מיין פריינט.

דאָס זונדל וועט אוודאי אין טאַטענקעס אַריינגעראָטן. דאָס עפּעלע פאַלט נישט ווייט פון ביימעלע.

דער אַלטער פאַן האָט אַזוי אַן אַ שיעור געפּלוידערט, זשע-סטיקולירנדיק און טרעטנדיק אויף איין אָרט.

עס זענען אָנגעקומען אויך די איבעריקע שטוב-מענטשן.

— און מיר קומען גראָד — ליבער קוזין, — האָט אויסגע-רופן די מאַמע, — פון דעם מאַי-גאָטעסדינסט. ווי דער קשיאָנדזש וויקאַרי האָט דאָס גערעדט, ווי אַ מלאך! גינטשיאַ האָט זיך צע-וויינט און בינטשיאַ איז נאָך איצט אַנטציקט.

— אַ וואָרט פון אַ כהן איז אַ דערקוויקונג פאַר דער נשמה — האָט געזאָגט דער הער יאַנוואַרי.

— דעם אומגליקלעכן פאָלק זענען נישט מער איבערגעבליבן, ווי נאָר תפילות. זיי פליען אַראָפּ אין אונדזער גרוב, ווי אַ טויב, און שפּייזן אונדז מיט זייערע קערנער. איך קני אַלע טאָג און זאָג: גאָט האָט צוגענומען, און גאָט וועט אָפּגעבן, געלויבט זאָל זיין זיין נאָמען.

און דער קשיאַנדזש ווינצענטי איז אַזאַ פּאַטריאָט — האָט געזאָגט פּאַננאַ גינטשיאַ — היינט האָט ער הויך אָנגערופן גאָטס מוטער — מלכּה פון פּוילן.

— אוי... אוי... — האָט געמאַכט פּאַן ביעלעצקי, ער ריזיקירט, ער ריזיקירט, אָבער גאָט איז וואַך איבער זיין אויסדערוויילטן.

— אָדער בעת ער האָט געזאָגט — האָט צוגעגעבן פּאַננאַ בינטשיאַ — אַז אויף אַ שטרענגן לייב וועסטו זיך אָן אימה זעצן און אויף אַ גרויזאַמען לעמפּערט וועסטו רייטן, האָט ער עס דאַמאָלס זיכער עפּעס אַנדערש געמיינט. ווייל יעדעס מאָל בעת דער דרשה, וואָס ער גיט אַ טראַכט, וועגן אַ פּאַטריאָטישער זאַך, גיט ער אַ זיפץ... — אָבער ווי! — האָט אַדאַש געזאָגט — ער ווישט זיך די נאָז אָפּ.

— יונגערמאַן, — האָט געזאָגט פּאַן ביעלעצקי — יונגערמאַן, איך פאַרזיכער דיך, אַז נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס איך האָב אויף דיין טיש געפונען אַ ביכל, וואָס דערווייזט, אַז דער מענטש קומט אַרויס פון אַ מאַלפּע — ביסטו דאָך מיין זון, און איך וועל נישט וועלן ליידן, אַז ביעלעצקי זאָל זיך דערלויבן אויף אַ חלול-השם. ווייל וואָס איז אונדז דען געבליבן אַ חוץ אמונה? דאָס איבעריקע איז אַלץ פאַרגענגלעך, און גאָט איז אייביק, ווי עס האָט געזאָגט טערטוליאַן.

איך בין געזעסן, ווי אויף צעגליטע קוילן. אָבער אַדאַש האָט זיך דאָס אַלץ גאָרנישט גענומען צום האַרץ.

מיר וועלן אַריינגיין צו מיר אין צימער אַריין, האָט ער גע-

וואָגס. דאָס האָט דער אַלטער, האָט ער צוגעגעבן אויפן וועג, לכבוד דיר אַזוי אויסגעשאָסן, אָבער ער וועט זיך אָפּקילן.

דאָך איז ער נישט שטיל געבליבן. אין אַ ווײַלע אַרום האָבן מיר דערהערט פון קיך שרעקלעכע קולות. עס האָט געוויינט עפּעס אַ פרוי, מיט אַ דינעם קולעכל האָט געשריגן פרוי ביעלעצקאַ, עס האָט געהילכט די שטים פון פאָטער.

— עס הייבט זיך שוין אָן — האָט געזאָגט אַדאַש. — באַ-רויִק דיך, דאָס מאָנט די קעכין געלט, זי טוט עס איינמאָל אין דער וואָך.

בעתן אָוונט-ברויט איז געקומען דער באַגייסטערטער קשיאַנדז חינצעוויטש און עפּעס אַ באַאַמטער, איך ווייס נישט דייטלעך, צי אַ פּאָסט-טעלעגראַפישער, אָדער פון געריכט.

דער באַאַמטער האָט געטרונקען אַ גלעזל נאָך אַ גלעזל די פּאָמאַראַנטשוווקע, און דער קשיאַנדז האָט געווײַלט די דאַ-מען.

פון צייט צו צייט האָט ער געהאַלטן פאַר פּאַסיק צו ווענדן זיין אויפמערקזאַמקייט אויף מיר און מיך צו באַערן מיט עפּעס אַ פראַגע. דערוויסנדיק זיך, אַז איך האָב בדעה צו פאָרן קיין פּעַ-טערבורג, האָט ער געזאָגט:

— פאַרשטייט זיך, אַז איידל בלוט אין אַדעליקע מנהגים גע-פינען זיך אויסער דער סכנה, אָבער איך האָב געהערט. אַ סך גע-הערט וועגן דער אפּיקורסות, וואָס פאַרשפּרייט זיך דאָרט באַ דער יוגנט. אין גאָט גלייבן זיי נישט, דעם קאָשטשאָל אָנערקענען זיי נישט, אַ מענטש איז באַ זיי אַ חיה און פרייע ליבע פריידיקן זיי.

— ליכטיקער קשאַנדז — האָט געזאָגט די פרוי ביעלעצ-קאַ — און אָנגעוויזן מיט די אויגן אויף די טעכטער...

— אָ, איך אַנטשולדיק מיך — האָט געזאָגט דער גלח, אָבער די ווערטער פון אַ גייסטלעכן זענען, ווי אַ לייכט ווינטל, וואָס וועט די בלומען נישט פרירן, נאָר פאַרקערט, ריינע ליליען ווענדן זייערע בעכערס צו אים און לאָזן אַרויס וווּנדערבאַרע ריחות.

— זיי האָבן — האָט זיך אָנגערופן דער באַאַמטער — 8 הונט אויפגעגעסן.

— ווער? — האָט געפרעגט פאַן ביעלעצקי.

— די גיהיליסטן — האָט ער געזאָגט — די אַפּיקורסים. דאָס זאָל זיין אַ פאָראורטייל. זיי ווינען דאָך אַלע צוזאַמען, האָט איינער פון זיי געהאַט אַ הונט, און איך קען אייך זאָגן, זיי האָבן דעם הונט אויפגעגעסן.

— ווען דער הייליקער גייסט פאַרלאָזט דעם מענטש, ווערט ער אַזוי ווי נבוכדנצר, וואָס שפּייזט זיך מיט גראָז — האָט געזאָגט דער גלח, — און איבעריקנס, ווי באַלד אַ מענטש איז אַ חיה און אַ הונט איז אַ חיה, טאָ פאַרוואָס זאָל איין חיה נישט פרעסן די צווייטע? נישט אמת? און ס'איז זיך גאָרנישט צו ווונדערן, ווי אַזוי דער אָפּלייקענונגס-גייסט האָט זיי געקענט אַזוי פאַרטומלען די מוחות. ווייל וואָס-זשע זאָגט דער דאַרווין זייערער? מענטש און חיה איז איינס און דאָס זעלבע, אַז מיר וועלן נעמען אַ כינע-זער אָדער אַ נעגער, אָדער אַן אַנדערן ווילדן מענטש און וועלן אים אויפקלערן מיטן ליכט פון הייליקן גלויבן, וועט ער ווערן אַזוי, ווי יעדער פון אונדז. צי האָט עס אָבער באַוויזן עמעצער אויפצוטון מיט אַ חזירל, אַ הינטל, אָדער מיט אַן אַנדערער בהמה, וועלכע לעבט אפילו צוזאַמען מיט מענטשן, אָבער בלייבט דאָך בּאַ איר בהמהשער נאַטור.

— מ'שלאָגט זיי נישט — האָט געזאָגט דער באַאַמטער, — דאָס איז די גאַנצע צרה. איך וואָלט דאָרט אַזוי... גלייבסט נישט? — הונדערט שמיץ, גלייבסט נישט? — נאָך הונדערט, און באַלד וואָלטן זיך דיר ליכטלעך פאַר די אויגן אָנגעצונדן.

— אייך, גנעדיקער הער, האָט מען אַ סך געשלאָגן, — האָט זיך אַדאַש געווענדט צו אים.

— אדאַם, אויסוואורף דו, — האָט אויסגעשריגן פאַן ביע-לעצקי — כ'פאַרבאָט דיר. דו מיין נישט, אַז דו ביסט אַ מאַטו-זשיסט. איך, דיין פאָטער, זאָג דיר, אַז אויב דו וועסט די רגע נישט איבערבעטן דעם געערטן הער און גאַסט, טאָ וועל איך, דיין פאָטער, אייגנהענטיק, הערסט, אויפן אַלטן פוילישן שטייגער, איך

בין אַ מענטש פון אַלטן דור און וועל נישט לייגן קיין אַכט אויף די יאָרן.

אַדאַש איז אויפגעשפּרונגען אַ בלאַסער.

— זאָל דער פּאָטער נישט פּרוּוון — האָט ער געזאָגט דורך די ציין?

— וואָס? וואָס? — האָט דער אַלטער זיך געקאָכט — מיט וואָס פאַר אַ טאָן — צום פּאָטער! פאַר פרעמדע מענטשן אין די אויגן. אוי, דערלעבט יאָרן. ווען קאַרפּינסקי האָט געענדיקט די שול, האָט דער פּאָטער, אַריינגייענדיק אין שטוב און וועלנדיק זיך איבערצייגן, צי דער זון האָט נאָך אין זיך עפּעס גאַטספּאָרכטיקייט און ערע פאַרן פּאָטער, געגעבן אים אַ פּאַטש און וואָס האָט געטון דער איידעלער בחור? ער האָט זיך איינגעבויגן צום פּאָטערס האַנט און זי אויפגעהויבן צו די ליפּן. און היינט... דו וועסט איבערבעטן דעם חשובן הער, צי נישט?...

— אָבער וואָס ווילט איר — האָט געזאָגט דער באַאַמטער — איך האָב קיין פּאַריבל נישט. אַ פּאָטער דאַרף האָבן דאָס רעכט צו שיקן אין פּאָליציי מיט אַ צעטל: אַזוי פיל און אַזוי פיל ברי־עדיקע און פרישע, און מ׳וואָלט אים אַריינגעציילט און פטור. און וואָס שייך, צי מ׳האָט מיך געשלאָגן, וועל איך זאָגן גאַנץ פּשוט — אַ סך געשלאָגן. איך בין אין סעמינאַריום דערצויגן געוואָרן, טאָ קען איך זאָגן, אַז מ׳האָט מיך איבער דריי הונדערט מאָל געשלאָגן און נישט אַבי־ווי. מיט זאַלץ און מיט אויפהייבן האָט מען געשלאָגן. און דער פּאָטער אַפאַנאַט האָט גע האָט ריטער, גענעצטע אין שפּירט, בויגזאַמע און שטאַרקע. מ׳האָט געשלאָגן, און איך דאַנק גאָט, וואָס מ׳האָט געשלאָגן, ביזן טויט וועל איך עס נישט אויפהערן צו דערמאַנען. אַנגעליטן זיך, אָבער אָנגעזאַמלט שכל, כאַראַקטער. אונדז האָט מען אין בורסע נישט זייער איבערן קאָפּ געגלעט. מיך אַליין האָבן, כ׳בעט אייך אַנטשולדיקן, שיער נישט די לייז אויפגעגעסן, ווייל קיין לוקסוס איז נישט געווען. האָט מען זיך טאַקי אויסגעלערנט דעם גראָשן און דאָס שטיקל ברויט צו שעצן. און ווי נאָך, הונדערטער מאָל האָט מען מיך געשמיסן,

דערפאַר בין איך טאַקי נישט קיין קאָמוניסט און זאָג זיך נישט אָפּ פון מיין הייליקן גלויבן און שעץ טאַטע־מאַמע. אָט וואָס.

איצט האָט אָנגעהויבן יאָמערן די פרוי ביעלעצקאַ.

אַזוי פיל נישט דערשלאָפענע נעכט, אַזוי פיל קרבנות, אַזוי פיל עגמת-נפש — און צי איז דאָ דערפאַר עפּעס אַ דאַנק, אַ דרך־ארץ?

מיטן פאָטער, ווי מיט זיינס גלייכן. מיט די פויסטן איז ער גרייט זיך אַ וואָרף צו טון אויף אים.

און די מוטער?

די מוטער?

צי איז דאָ עפּעס אַ דאַנקבאַרקייט פאַר דער מאַמען? אַ דרך־ארץ פאַר איר? אַ מאַמע איז אויך אַוודאי אַ פאַראורטייל, אוי די חכמה, די חכמה. אויף דעם נעמט מען באַ זיך ארויס דעם ביסן פון מויל און מען שטופט אַריין דאָס קינד אין שול, אַז מען זאָל דערנאָך זיין אייגענע מוטער מיט דארווינען פאַרגלייכן.

— ריטער האָט מען אָפּגעשאַפט — האָט געזאָגט דער באַאַמטער — און דאָס שלאָגן. אַ יונגער מענטש איז, ווי אַ הינטל: אָן קלעפּ קען ער קיין זאַך נישט פאַרשטיין.

דאָס אָוונט-ברויט האָט שוין געהאַלטן באַם סוף.

אַדאַש האָט זיך אויפגעהויבן.

— די עלטערן זיצן נאָך — האָט אויסגעשריגן פאַן ביעלעצקי — דאָ איז נישט קיין קאָמונע, נישט קיין קרעטשמע, דאָ איז אַ שטוב.

— דער עקזאַמען איז איבערמאָרגן — האָט אַדאַש געענטפערט — איך מוז מיך צוגרייטן. קום, מיכאַל.

און נישט קוקנדיק אויף קיין זאַך, איז ער אַרויס.

איך האָב מיך אָפּגעטראָגן נאָך אים.

— דער אַלטער — האָט ער געזאָגט — האָט נעכטן פאַרשפּילט אין קאָרטן — מאַכט ער איצט אַ גיהנום, קום.

דער אָוונט איז געווען אַ וואַרימער. אויפן לאַנגן בעמיראָווער הויפּט-געסל, וואָס איז געווען באַזעצט מיט ביימער, האָבן זיך געצויגן גרופּקעס שפּאַצירנדע. עפּעס אַ דורכגייענדע דאַמע האָט גע-

פרעגט בײַ איר באַגלייטער, פּאַרוואָס טייל בלומען שמעקן און טייל נישט.

— איך דערקען מײַן פאָטערלאַנד — האָט געזאָגט אַדאַש און גענומען דעקלאַמירן:

Wszystko tak, jak było,
Tylko się ku starości nieco pochyliło.

(אַלץ איז ווי געווען, נאָר צו אַלטקייט זיך אַ ביסל גע־נויגט.)

מיר האָבן זיך אַרײַנגעדרייט אין אַ זײַטיק געסל, אַ טונקלס און אַ בלאָטיקס.

דער טאָג איז געווען אַ טרוקענער, אָבער דאָ האָט די בלאָ־טע אוודאי קיינמאָל נישט געטרוקנט. געשאַפן האָט זי זיך איבע־ריקנס נישט אַזוי פיל פון די רעגנס, וויפל גיכער פון דעם שמו־ציקן וואַסער, וואָס מ'פלעגט אַרויסגיסן אויפן געמיראָוועט שטיי־נער פון די פענסטער גלייך אויף דער גאַס.

ענדלעך זענען מיר צוגעקומען צו עפּעס אַ באַלויכטענעם הויז.

אַדאַש איז צוגעגאַנגען צו איינעם פון די פענסטער און האָט אָנגעקלאַפּט.

ס'פענסטער האָט זיך געעפנט און ס'האָט זיך אַרויסגעבויגן עפּעס אַ צעשויבערטער קאָפּ.

— אָ, דאָס ביסטו, אינדיק — האָט ער געזאָגט — קום אַרײַן.

די שטוב איז פול געווען מיט רויך. אויפן טיש זענען גע־שטאַנען עטלעכע פלעשלעך ביר, ס'זענען צעלייגט געווען ביכער און העפטן.

— כ'שטעל פאָר — האָט געזאָגט אַדאַש — מיכאַל קאַ־ביאָווסקי, און דאָס איבעריקע, ווערט שוין אַליין באַקאַנט.

— מיכאַילאָוו — האָט געזאָגט אַ יונג אפשר זעכצניעריק ייִנגל, מיט אַ העלן משונהדיק סימפּאַטישן פּנים און מיט אַ הויכן שטערן.

— קאסיאנאָוו — האָט אָפּגעבראָכן דער באַזיצער פֿונם גע-קרויזטן קאָפּ.

— קאָרוטאַ — האָט זיך אָנגערופֿן דער דריטער, אויפֿשטייענדיק פֿון בעט.

ער איז געווען מאָדנע מיאוס. אינדערמיט פֿון בלאַסן סקראָ-פֿוליעזן פּנים האָט געשטעקט די גרויסע קאַרטאָפֿליע-נאָז. די קליי-נע אויגן זענען געווען נישט רעגלמעסיק אַריינגעזעצט, אַזוי, אַז איינס פֿון זיי האָט זיך געפֿונען אַ סך העכער פֿונם צווייטן.

— וורָאַנסקי — האָט זיך פֿאָרגעשטעלט דער לעצטער פֿון דער געזעלשאַפֿט, אַ הויכער ברונעט מיט אַן איינגעפֿאַלענער ברוסט, מיט אַ בלוטלאָזן פּנים און טונקעלע אויגן, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן קראַנק געווען אויף אַן אָנצינדונג.

— און ווו איז קאָט? — האָט געפֿרעגט אַדאַש.

— צוועק נאָך בראָנפֿן — האָט געענטפֿערט וורָאַנסקי, קוקנ-דיק אויף דר'ערד.

— ווידער? עי, וורָאַנסקי, שלעכט וועט זיין.

— כ'ווייס אַליין, אַז ס'איז נישט גוט, אַ שאָד די רייד — האָט אָפּגעבראָכן דער אָנגעפֿרעגטער — איך קען אָן בראָנפֿן נישט קלערן. לעבן לאַנג וועל איך נישט, ווייל איך כאָטש שטאַרבן מיט באַוווּסטזיין, נישט מיט קיין פֿאַרטומלטן קאָפּ. אַז כ'טרינק נישט, דרייט זיך מיר דער קאָפּ, און די געדאַנקען זענען לאַנגווייליק, ווי דער דאַמפּ פֿון קאָכעדיקער וועש אין אַ וועשעריי.

— און דו, ווי דערליידסטו עס? — האָט זיך אינדיק גע-ווענדט צו מיכאַילאָוו — באַרימט זיך: כ'וועל נישט לאָזן טרינקען, כ'וועל נישט דערלאָזן צום פֿלעשל.

מיכאַילאָוו האָט אַ קוועטש געטון מיט די פּלייצעס און גע-זאָגט אומגערן:

— אַ טאָג שוין אַזעלכער, אויך איך וועל היינט טרינ-קען.

— לאָז צו רו — האָט קאַסיאַנאָוו אַדאַשן אַריינגעבראָכט אין אויער אַריין — כ'וועל דיר שפּעטער זאָגן, שטער נישט.

ס׳איז געקומען קאָט, דאָס הייסט אייגנטלעך קאָסעצקי און האָט אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע אַ פלאַש בראָנפן.

— ס׳איז דאָ — האָט ער געזאָגט — גראָד 61 גראַד.

וורואָנסקי איז אַרויס פון הינטערן אויוון און איינס נאָכן אַנדערן סיסטעמאַטיש אויסגעטרונקען דריי גלעזלעך. ער האָט אָנגעגאָסן אַ פערטס און געזאָגט, אָנשטעלדיק זיין בליק אויף אים:

— איצט וועט בײַ אונדז זיין גאָר אַן אַנדערע מוזיק.

וועגן די עקזאַמענס האָט קיינער נישט גערעדט. איבעריקנס, האָבן נישט אַלע אָנוועזנדע געזאָלט צו זיי צוטרעטן.

מיכאַילאָוו איז ערשט געווען אין זעקסטן קלאַס, און קאָרוטאַ ווידער האָט באַשלאָסן גאָרנישט צו פּרוון דאָס מזל.

אינם קליינעם שטיבל האָט געקרישט, ווי אין אַ ביני-שטאָק.

— וויאַזאָווסקי איז משוגע געוואָרן — האָט געזאָגט קאָרוטאַ וועגנדיק זיך צו אַדאַשן.

— דאָס איז געווען פאַרויסצוזען.

— איך וווּנדער מיך, ווי אַזוי זיי אַלע ווערן נישט משוגע. דער מענטש געוויינט זיך צו אַלעם, אַזוי, אַז קיינער פון אונדז וווּנדערט זיך שוין גאָרנישט, וואָס אַזוינס, ווי אונדזערע גימנאַזיעס קענען גאָר עקזיסטירן. אָבער דו קום נאָר אַריין אין אַזעלכער מיט אַ לעבעדיקער נשמה און פּרווו לעבן דאָרט, — האָט מאָנאָלאָגירט וורואָנסקי — טאַקע, באַרעכן נאָר, מיר זענען פינף, זעקס הונדערט נפשות, לאָמיר זאָגן, מענטשן-מאַטעריאַל, פלייש פאַר די פּעדאַגאָגן. און אַ דרייסיק פּערזאָן זענען זיי. און איצט דאַרפן זיי אַ גאַנץ לעבן אויסשניצן פון אונדז...

— וואָס?

— דאָס וואָס זיי געפעלט?

— ניין, דאָס וואָס איז זיי פאָרגעשריבן.

— זיי דאַרפן אונדז לערנען נישט דאָס, וואָס זיי ווילן און קלערן, און מיר דאַרפן דאָס אַלץ לערנען, כדי קיינמאָל וועגן קיין זאַך נישט צו האָבן קיין אַנונג. נו, און וואָס קען אַרויסקומען דער-

דאָס נישט אויסלאָזן. אַט האָט אַ מענטש געלערנט אַנדערע אין משך פון. דאָס איז אַ געל הויז און מער ווי מיט אַ געל הויז קען זיך פון צוואַנציק, דרייסיק יאָר וועגן יופיטערן, יונאָנען, נו, און ער האָט געגלייבט, אַז ער איז אין אמתן יופיטער דער אַלמעכ־טיקער.

און וואָס איז אַ וווּנדער.

מ׳שנירט איין די מוחות, ווי די כינעזערינס שנירן זיך די פיס, און שפּעטער וווּנדערט מען זיך, וואָס עס זענען אויף זיי באַלן אַרויסגעשפּרונגען.

— דאָס איז אַ גוזמה — האָט געזאָגט קאָרוטאַ — באַ אונדז איז נישט אַזוי שלעכט. אַלץ אָנשטענדיקע מענטשן. אָט, ווען דו וואָלסט אַריבערגעפאָרן קיין קאָמעניעץ.

— אַ גוזמא? — האָט זיך וורואָנסקי אָנגעצונדן — זאָג־זשע מיר, מיין מלאכל, צי איז מיר נישט אלציינס, וואָס פאַר אַן אייגנ־שאַפטן ס׳האָט דער וואָרעם, וואָס פרעסט מיך אויף?

אָנשטענדיקע מענטשן.

דאָס האַרץ האָבן זיי מיר, די פיינע מענטשן, אויסגעגעסן, און איצט שטאַרב איך — לאָז אָפּ. מיכאַילאָוו, לייקן שוין נישט; אַז דו האָסט מיר שוין דערלויבט צו טרינקען, ווייס איך שוין, אַז דער טויט קומט שוין, אַ שטאַרבנדיקן ווילסטו נישט מצער זיין. דו אַליין ווילסט מיט מיר טרינקען.

גוזמא?

און ווער האָט מיר אָנגעשטאָפּט דעם קאָפּ מיט בבא־מעשיות, אַזוי אַז איך וועל איצט נאָר מיט מיסט אין האַרץ אַוועקשטאַרבן. דער הייליקער דריי־גייסט, נשמה, און אַזוי ווייטער אָן אַ סוף.

— וואָס־זשע האָבן זיי געזאָלט טון, נישט זיי באַשטימען דאָך דעם פּראָגראַם.

— נישט זיי באַשטימען דעם פּראָגראַם, כ׳ווייס, מיין טייע־רינקער, דאָס, דערפאַר אָבער רופט מען דאָך דיך מענטש, אַז דו זאָלסט נישט לאָזן מאַכן פון זיך אַ מאַשין צו דערהרגענען מענטשן. און זיי זאָלן אַלע משוגע ווערן און מ׳זאָל זיי האַלטן אין שטייגן, ווי ווילדע חיות.

— לאָז צורו, לאָז צורו, דו רעגסט דיך אויף אומזיסט — האָט קאָטעצקי צו אים געטענהט.

— אומזיסט — האָט וורובלעווסקי חוזק געמאַכט — דיר, גנעדיקער הער, איז גוט. דו ווייסט דיר, אַז דו וועסט נאָך גיין אין דער זון, אָנלעזן זיך מיט גוטע ביכער, אָ־זאַפּן זיך מיט ליכטיקע געדאַנקען. און מיר ווער וועט דאָס לעבן אָפּגעבן? עולם־הבא! גיבזשע מיר איצט עולם־הבא, אויב דו האָסט צוגעזאָגט.

— נישט מיר זענען די ערשטע — האָט עמעץ אַ ברום געטון.

מיכאַילאָוו האָט אַ קלאַפּ געטון מיט דער פויסט אין טיש.

— יאָ, נישט מיר זענען די ערשטע, כסדר און אָן אָן אויפהער באַ אונדז און אומעטום דערהרגעט מען דעם מענטש. בלוט איז אויף אַלץ. יעדער מענטש, וואָס שטאַרבט אין צרות, הונגער און חשכות, דאָס איז אָן אייביקע באַשולדיקונג. יעדער טויט, יעדעס פאַרדאַרבענע מענטשלעכע לעבן, דאָס איז אָן אורטייל אויף דעם אַלעם, וואָס ס'איז דאָ.

— טאָ, וואָס זאָל מען טון, שריי יאָ, שריי נישט, סיי ווי חעט קיין זאַך נישט העלפן — האָט קאָרוטא פילאָזאָפירט.

מיכאַילאָוו האָט אַ בליץ געטון מיט די אויגן.

— כּל־זמן אַ מענטש פאַרשטייט נישט, אַז מ'הרגעט אים, מ'שענדט אים, מ'קאַלעטשעט אים — קען מען אים מוחל זיין. אָבער מיר טאָרן עס שוין מער נישט דערלאָזן, מיר טאָרן זיך נישט צוריקקערן אין דעם יאָך. אַ קאַמף אויף לעבן און טויט, אַ קאַמף...

— כּדי אַנדערע מענטשן זאָלן דאָרט עפּעס אַמאָל האָבן אַ בעסער לעבן — האָט אָפּגעלאַכט קאָרוטאָ.

— כּדי איך אַליין זאָל קיין שקלאַף נישט זיין. וואָס גייען מיך אָן אַנדערע דורות, פאַר מיר קעמף איך, צוליב מיר.

— אַנדערע האָבן אויך אַזוי געזונגען און האָבן אוודאי איינגעשטילט זייערע טענער — האָט געברומט דער סקעפּטיקער.

מיכאַילאָוו איז געשטאַנען.

הער אויס קאָרוטשאַ! דו האָסט צוויי וועגן פונדאַנען — אָדער גיין מיט אונדז...

— וווהין, מיט וועמען — מיט אייך?

— דאָס איז נישט וויכטיק! — מיט די, וועלכע זאָגן, אַז זיי וועלן נישט דערלאָזן אַרום זיך קיין שום עוולות פון מענטשן, אַז זיי וועלן זיך אין קיין שום עוולה נישט באַטייליקן, אַז קעגן יעדער עוולה וועלן זיי קעמפן — אָדער גיי אַוועק אַ הין, וווּ ס'זע-גען אונזערע שונאים.

— נו, נו, פאַרגעס דיך נישט.

— מ'קען אַזוי נישט רעדן.

מיכאַילאָוו האָט נישט אָפּגעטרעטן.

— דאָס איז נישט קיין געלעכטער. אויב בײַ אייך איז אַלץ בלויז רייד, בין איך אייך קיין חבר נישט.

— צי ווייסטו עפּעס וועגן דעם, ווו די געפינסט זיך, ווייס-טו וועד ס'רעגירט דאָ, ווי אַט דאָס לאַנד הייסט?

— איך ווייס, רוסלאַנד, דאָס לאַנד פון קנעכטשאַפט, דאָס לאַנד פון דעם צאַר אַלעקסאַנדרס שקלאַוון, דאָס לאַנד פון דעם פויערים-באַפרייער, אָבער דאָרט, ווו עס טרעט מיין פוס, ווו איך לעב, ווי ווייט איך גרייך, דאָרט רעגיר בלויז איך אַליין.

דער שמועס איז איבערגעריסן געוואָרן.

— מאַריאַ פּאַוולאָוונאַ איז נעכטן אַנטלאָפן פון מאַן — האָט געזאָגט קאָסיאַנאָוו.

מיכאַילאָוו איז אויפגעשפרונגען.

— אַנטלאָפן? וווהין, איר ווייסט נישט?

— וווהין האָט זי געזאָלט אַנטלויפן? — צו דער מוטער.

— דאָרט איז אַ געוויין. דער פאָטער מאַכט קולות, ער וועט זי בײַ די האָר צוריק צום מאַן אַוועקשלעפּן, די מוטער, די שכנטעס אָכצן און זיפצן.

— און זי...

— גאָרנישט, האָט זיך פאַרשלאָסן אונטער זיבן שלעסער און זיצט זיך, זיי וואַרטן אויס. זיי זאָגן, מיט הונגער וועלן זיי זי נעמען.

— און דער מאַן ?

— דער מאַן ? נעכטן האָט ער געטרונקען, היינט לויפט ער אַרום איבער דער שטאָט, ווייזט די באַקאַנטע דעם קאַנטשוק זיי־נעם.

אַדאַש האָט מיר אָנגעהויבן דערקלערן. די געשיכטע איז אינגאַנצן אַן אָרטיקע „Couleur locale” (אָרטיקע פאַרב), ווי דאָס רופט זיך אין דער טעאָריע פון ליטעראַטור. מען האָט אַ יונג מיידל חתונה געמאַכט מיט אַ קאַפּיטאַן — אַ שיכור. אַ רייכער האָט ער געזאָלט זיין, אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט דאָס פאַרמעגן פאַרשפּילט אין קאָרטן. דאַכט זיך, ער האָט אויסגעשטעלט אויפן נדן. דערווייל איז קיין נדן נישטאָ, הייבט די חיה אָן צו שלאָגן דאָס ווייב. גאַנצע טעג קען זי נישט אַרויס פון שטוב, נישט מעגלעך פאַר מענטשן זיך צו ווייזן. דאָס פּנים בלויז בלויע צייכנס, דאָס אויג אונטערגעהאַקט. און אַזוי אָן אַן אויפהער. קיין וואָך גייט נישט אַריבער אָן געשלעג. און אַ מיידל איז עס געווען מיט געדאנק און האַרץ. אַ מענטש געקענט אויסוואַקסן, און אַזוי האָט זי איין וועג: זיך אויפהענגען אָדער שלאָגן זיך מיטן מאַן, ווער עס וועט בעסער קענען.

דאָ האָט זיך געעפנט די טיר, און ס'איז אַריינגעלאָפן אַ דרייצניעריק שול־יינגל מיט ראָזע בעקלעך, שווער אָטעמדיק:

— דמיטרי אַנטאָנאָוויטש ! — איז ער צוגעלאָפן צו קאַסיאַ־נאָוון. — דער מאַן האָט די שוועסטער אַהיים אַוועקגעשלעפּט, ער דראָט, ער וועט זי דערהרגענען.

ס'איז שטיל געוואָרן.

פלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ געקלומפּער. דאָס האָט וורא־נסקי אַ וואָרף געטון דאָס פלעשל אויף דער ערד.

— גוּ, טויט איז טויט. — דאָס אָבער וועט נישט זיין, מיר זאָלן זיך רויִק דערצו צוקוקן. אויף מיר וואַרט סיי ווי דער טויט. לאָמיך כאָטש וויסן לכל־הפּחות, אַז כ'האָב עפּעס אויפגעטון אויף דער וועלט אַ פיינע זאַך.

קאַסיאַנאָוו האָט אים אָנגעכאַפּט בײַ דער האַנט.

— ביסט שיכור, וואָס מיינסטו עס ?

װראַנסקי האָט זיך פֿון אים אָרויסגעריסן.
— איך בין בלויז דאַמאָלס ניכטער, װען כ'בין שיכור. און די געדאַנקען, ברודער, זענען שוין בא מיר איצט אינגאַנצן קלאָר. איר דאַרפֿט זיך נישט מישן אין דעם עסק, איר װעט נאָך צונױ קומען, און איך בין שוין סיי ווי אַ פֿאַרפֿאַלענער.
— דאָס איז גאָרנישט — האָט געזאָגט מיכאַילאָװ — איך גיי מיט דיר.
— אויך איך — האָט געזאָגט אינדיק.
— אויך איך — האָב איך איבערגעחזרט
מיר גייען אַלע.
— רעדן װעל איך נאָר — פֿיר נאָר, קליינער.
— דעם װעג װייס איך, דורכן גאָרטן װעט זיין נעענטער, — האָט געזאָגט אַדאַש.
און ער האָט אונדז טאַקע אָנגעהויבן פֿירן דורך אַ גאָרטן, דורך עפּעס פֿאַרװאַקסענע שטעגלעך.
ענדלעך זענען מיר אַריבערגעשפּרונגען איבער עפּעס אַ פּלויט.
פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַן אוממענטשלעך געשריי.
— קאַטיאַ װיינט — האָט אויסגעשריגן דאָס יינגל.
אין מיר האָט עפּעס אויפֿגעבראַויזט און פֿאַרגליווערט געװאָרן. איך האָב געפֿילט, אַז דאָס זעלבע מוז אויך פֿאָרקומען אין אַנדערע. מיר האָבן אָנגעהויבן שטעלן גרעסערע טריט, אָבער װראַנסקי איז כסדר געגאַנגען פֿאָרויס מיט גרויסע שריט.
פֿונם הויז, צו װעלכן מיר האָבן זיך דערנענטערט, האָבן זיך געטראָגן קולות װאָס אַמאָל נעענטערע און װײַטערע. אונ־טער די פֿענסטער זענען געשטאַנען עטלעכע מענטשן. דאָס האָבן די שכנישע קעכינס און שכנות זיך צוגעקוקט צו דער עקזעקוציע.
— אַװעק פֿון װעג, חמורים! — האָט אויסגעשריגן װראַנס־קי און מיר האָבן נישט דערקענט זיין שטימע.
עמעצער האָט געפּרוּװט אים דעם װעג פֿאַרשטעלן, אָבער פּלוצלינג האָט װראַנסקי מיט אַן אומדערװאַרטן כּוח דערלאַנגט יע־

נעם אַזאַ העפטיקן שטויס, אַז די טונקעלע געשטאַלט איז נעלם געוואָרן, פאַלנדיק מיט אַ יאָמער אויף דער ערד.

וראָנסקי האָט אַ ריס געטון די טיר און זי געעפנט.

מיר זענען אריין נאָך אים.

מיר זענען אַדורך אַ פּאָדערהויז און געבליבן שטיין אין דער טיר פון אַ צימער. פאַר אונדזערע אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט אַ שרעקלעך בילד.

צוגעבונדן צום אָנלען פון אַ שטול, איז געזעסן אַ יונגע פרוי מיט אַ צעבלוטיקטע פּלייצע. איבער איר איז געשטאַנען דעם קאַ-פּיטאַנס דענשטשיק מיט אַ נאַהייקע אין דער האַנט. פון דער יונגער פרויס פּלייצע איז אַראָפּגעפלאָסן בלוט. מיט די ציין האָט זי גע-צופּט דאָס שנירל, מיט וועלכן עס זענען געווען צונויפגעבונדן אי-רע הענט. אַנטקעגן איר איז געזעסן דער קאַפּיטאַן, אַ נידעריקער מאַנספּערשוין מיט אַ רונדן פּנים און האָט גערייכערט אַ לולקע. בשעת מיר זענען אַריין, האָט ער אַרויסגערעדט דאָס וואָרט עלף.

דאָס וואָרט איז אים שטיין געבליבן אין דער קעל.

דערזעענדיק אונדז, איז ער שטום געבליבן. ער איז אויפ-געשפּרונגען. אָבער מיט איין שפּרונג איז וראָנסקי געווען לעבן אים. מיט דער רעכטער האַנט האָט ער אים אָנגעכאַפּט באַם האַלדז און גענומען ווערגן. מיכאַילאָוו האָט אַרויסגעריסן באַם דענשטשיק די נאַהייקע, איך און אַדאַש האָבן אויפגעבונדן דער פרויס הענט.

— טוט זיך אָן, — האָט וראָנסקי אויסגעשריגן. — מיכאַי-לאָוו, זע אַז איר זאָלט מיר אין איין אויגנבליק פאַרשווינדן.

קאַסיאַנאָוו האָט זיך געראַנגלט מיטן דענשטשיק.

וראָנסקי ווידער האָט כסדר געהאַקט מיטן קאָפּ פון האַלב-דערשטיקטן קאַפּיטאַן אָן ברעג שאַנק.

— איינס, צוויי — האָט ער געחזרט.

דער קאַפּיטאַן האָט געקאָפּעט מיט די פיס, זיך געריסן, געהאָלט בייסן.

פּלוצלינג האָט ער וראָנסקין אומגעוואָרפן און זיך אַרויסגע-ריסן. אין דעם זעלבן אויגנבליק האָט אים אָבער קאָרוטאַ געכאַפּט

מיט די פעסטע אָרעמס און צוגעשמידט צו דער שטול. ווראַנסקי האָט זיך אויפגעהויבן פון דר׳ערד, אַ הוסט געטון, דאָס בלוט האָט זיך אים אַ לאָז געטון פון מויל.

די טיר האָט אַ סקריפּ געגעבן — דאָס איז דעם קאַפּיטאַנס פּרווּו אַנטלאָפן מיט מיכאַילאָוון.

מיר זענען צוגעלאָפן צו ווראַנסקין.

דער דענשטשיק האָט באַוויזן זיך אַרויסצורייסן און זיך אָפּצוטראָגן.

דער קאַפּיטאַן האָט זיך געשליידערט און געברומט. פון ווראַנסקיס מויל איז געפלאָסן דאָס בלוט אין צוויי דינע שטראָמען.

קאַרוטאַ האָט רויק גערעדט:

— זיך, ברודערקע, זיך, הונט איינער, אַז נישט — דערהרגע איך דיך אויף טויט. איך האָב פיינט, ברודערקע, צו שפּאַסן. און מיר איז אַלץ איינס. הייב איך אָן שלאָגן, צעברעך איך די ביינער, זיץ רויק, זיי מוחל.

ס׳האָבן זיך געלאָזט הערן שווערע טריט, אין דער טיר האָט זיך באַוויזן דער אוריאַדניק, וועלכן דער דענטשיק האָט אַראָפּגעבראַכט.

לעבן דעם אוריאַדניק האָט זיך אָבער באַוויזן נאָך אַ געשטאַלט. דאָס איז געווען אַ דאַרער מיטל-געוויקסיקער העַר מיט אַ פּנים פון אַ מעפיסטאָ.

— Quod erat demonstrandum — האָט ער געזאָגט. — פאַרשטייט זיך, ווראַנסקי, ביעלעצקי און קאַסיאַנאָוו. מיכאַילאָוין האָב איך באַגעגנט אויפן וועג. ער האָט אָבער דערזען דאָס בלוט, וואָס איז געפלאָסן פון ווראַנסקיס מויל און צוגויפגעקנייטשט די ברעמען.

— איר האָט עס נייטיק באַדאַרפט.

— לאָזט אָפּ דעם קאַפּיטאַן — האָט ער זיך געווענדעט צו קאַרוטאַן.

דער קאַפּיטאַן האָט זיך געהיצט און געשריגן:

— אַרעסטירן, אַרעסטירן, אין קייטן שמידן אָט דעם גזלן — האָט ער אָנגעוויזן אויף וורײַנסקין — און יענע יאָגן...

דאָ האָט ער באַנוצט אַ שטאַרקן אויסדרוק... — איך וועל איר ווײַזן... אַרעסטירן, אַרעסטירן!

דער הער אינם גרויען קאַפּעליש, דער גימנאַזיע-אינספּעקטאָר — קוזניעצאָוו איז רויִק צוגעגאַנגען צום אויפגערעגטן קאַפּיטאַן און אַוועקגעלייגט די האַנט אים אויפן אַקסל.

— ליבער הער קאַפּיטאַן — האָט ער געזאָגט — וואָס וואָלט איר געזאָגט, ווען אַ חזיר וואָלט אַרײַן צו אײַך אין גאָרטן און אַ תל געמאַכט פון אײַער געליבטן מיט מי אויסגעהאָדעוועטן בוים?...

— ווי אַ חזיר אין אַ סאָד איז ער אַרײַן — האָט אויסגעשריגן דער קאַפּיטאַן — אַזוי טאַקע...

— שטילער, ליבער הער — האָט געזאָגט קוזניעצאָוו. — צי זעט איר אָט דעם קראַנקן מענטש, יאָ? הערט-זשע: שוין עטלעכע און צוואַנציק יאָר, ווי איך בין אַ לערער, דאָס איז געווען מײַן בעסטער מאַטעמאַטיקער, דער בעסטער קאָפּ, וועלכן כ'האָב באַצייכנט. אין משך פון עטלעכע און צוואַנציק יאָר דער איין און איינציקער, וועגן וועלכן כ'האָב מיר געזאָגט: אין דער ביאָגראַפיע פון דעם דאָזיקן מענטש וועט זײַן אָנגעשריבן, אַז זײַן לערער איז געווען וואַסילי אַנדרעיעוויטש קוזניעצאָוו. און דאָס, זעט איר, איז געווען מײַן האָפענונג, מײַן טרוים. איצט ווייסט איר, ווי איך מוז פאַרהאַסן אַ מענטש, וואָס האָט מיר מײַן האָפענונג צעשטערט. אויב ער וועט נישט געזונט ווערן, ראָט איך אײַך, צו פאַרשווינדן איינמאָל פאַר אַלעמאָל, הער מאָראָשקין, ווייל איך בין אַ רויִקער און סיסטעמאַטישער מענטש. פאַר דער הײַנטיקער געשיכטע מיט אײַער פרוי אַליין וואָלט מען אײַך געקענט טיף באַגראָבן. און אויב מיט דעם דאָזיקן מענטש וועט עפּעס פּאַסירן, וועט איר באַ מיר גאָר מיאוס אָפּשניידן. איר וועט זיך גאָרנישט באַווײַזן אומצוקוקן — ווי עס וועלן זיך צעפליִען אַלע אײַערע אָרדנס און שליפעס, און איר וועט אפשר נאָך עפּעס אַלס צוגאָב באַקומען: אַ גרוי קורטקעלע.

— איך אינטערעסיר מיך נישט מיט קיין מענטשן, הער מאַראַשקין, נאָר טאָמער האָט איר עפּעס אַ חטא, וועל איך אים שוין אויסגעפינען. אַזוי איז למשל פּאַרהאַן אַ מעשה מיט דער נאַרישער אוודאַטיען, וועל איך די דאָזיקע מעשה אויפגראָבן. פאַרשטייט איר מיך — הער מאַראַשקין, אַזעלכע מעשיות, ווי אייערע, האָבן אין רוסלאַנד אויפן געוויסן 99 מענטשן אויף הונדערט. כל־זמן די אויפמערקזאַמקייט איז נישט געווענדט אויף זיי, איז אַלץ אין אָרדנונג, אָבער קוים ווערט די אויפמערקזאַמקייט יאָ געווענדט:

פיוט !

אַנשטאָט אַ דזשענטלמען האָט איר אַ קאַטאָרזשניק

און דאָס איז דער גאַנצער אונטערשיד פון אַ דזשענטלמען ביז אַ קאַטאָרזשניק.

און איצט וועל איך שוין ווענדן אויף אייך די אויפמערקזאַמקייט, הער מאַראַשקין. און אָט וועט מען למשל אָנשרייבן צום באַטשאַלניק פון קאָרפּוס, אַז איך, אַלס גימנאַזיע־אינספּעקטאָר מאַך אויפמערקזאַם דערויף, אַז אייער געפינען זיך אָט אין דער שטאָט איז אַן אָביעקט פון אויפגעבראַכטקייט פון די שילער פון דעם אַנשטאַלט, וואָס איז מיר אָנפאַרטרויט.

איר הערט, ס'איז גלייכער, איר זאָלט באַמערקן, אַז דאָ אינם שטעטל דינט אייך נישט די לופט, אַ סך גלייכער. און איך זאָל אייך שוין מער נישט טרעפן, הער מאַראַשקין, און אויב איר זענט פרום, גיט צדקה, אַז דער דאָזיקער מענטש זאָל געזונט ווערן, ווייל, אויב נישט, וועט זיין שלעכט.

הערט זיך צו, אייער ווייב געפינט זיך איצט באַ מיר אין שטוב, באַ מיין ווייב, און דער דאָקטאָר, פאָלקאָוניק זאַקס, מאַכט איצט אַ פּראָטאָקאָל וועגן אייער פרויס פּלייצע. און איך מאַך אייך אויפמערקזאַם, אַז אייער פרוי וועט בלייבן באַ מיין פרוי, וועלכע איז אַ קראַנקע פּערזאָן און נייטיקט זיך אין רו. און זי מוז האָבן רו... זי וועט האָבן רו, ווייל מיט פּערזאָנען, וועלכע באַאומרויקן מיין פרוי, וועל איך מיר שוין אַליין אַן עצה געבן. און איר דזשענטלמענס, האָט ער זיך געווענדט צום אוריאַדניק און דענ-

שטשיק — אָפּ פונדאַנעץ און האַלטן זאָלט איר די צונג הינטער די ציין... דיך, ליבינקער, — האָט ער זיך געווענדט צום דענשטשיק — קען מען באַ יעדער צייט שיקן אין די אויסבעסערונגס-ראָטעס — און דיך, טייערערע שומר פון אָרדנונג, וואָלט מען אויך באַדאַרפט פון דיין אָרט אַראָפּטרייבן, אז דו האָסט נישט געהערט, וואָס דאָ טוט זיך. נו, און איצט — פיוט. סערווּס, הער קאַפּיטאַן. און זייט אַזוי גוט, איך זאָל אייך שוין מער נישט באַגעגענען, ווייל אויף אייך וועט זיך אַ חוזק דער מעשה מיט דער נאַרישער אַוודאָטיע נאָך עפּעס אָפּזוכן. העלפט אים אַרויסגיין, האָט ער געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף ווראָנסקין, אויפזעצן אים אויף א דראָזשקע און אין גימנאזיאַלן שפּיטאָל אַריין. און אייך, מיינע הערן, ראַט איך צו האַלטן די צינגלעך הינטער די ציין, מיטן דירעקטאָר ווידער וועל איך מיך שוין אַליין דורכשמועסן.

— דאָס איז אַ מענטש! — האָט געזאָגט אינדיק. — בעת מיר האָבן זיך געזעצט אויף דער דראָזשקע. איצט קען מען שוין זיין רויִק בנוגע יעקאַטערינאַ פּאַוולאָוונאַן, אַז קוזניעצאָוו פאַראינטערעסירט זיך נאָר מיט ווּעמען, מעג שוין יענער רויִק שלאָפן.

ווראָנסקי האָט גערעדט צו זיך אַליין.

— איצט וואָלט איך געוואָלט לעבן, איר האָט געהערט, וואָס ער האָט געזאָגט? כאָטש פינף יאָר, כאָטש דריי יאָר לעבן. ווי איך וואָלט עס געאַרבעט! איצט, ברודער, שוין אויס בראָנפן, קיין טראָפּן נישט. אַך, ווי גוט עס וואָלט דאָס געווען צו לעבן. דער ווילער וואַסילי אַנדרעיעוויטש. אַזוי ווי ס׳וואָלט מיר עמעץ אַ קוש געגעבן די נשמה, אַ ווילער, כאָטש איין יאָר נאָך לעבן. איצט חייס איך שוין מ׳וואָלט נאָך געקענט עפּעס אויפטון. אַך, ס׳אַראַ שאָד, וואָס איך וועל מוזן שטאַרבן.

— איר וועט לעבן — האָב איך געזאָגט, שטיקנדיק זיך פון טרערן.

— הערט אויף... ניין... מסתמא נישט...

— פונוואַנען זאָלן כיחות זיך נעמען, אַזאַ לעבן. און זי איז נישט מוחל — די נאַטור: איר איז אַלץ איינס. די גלייכונג וועט זי דיר שטענדיק אויסשרייבן X=0 און דעם טויט. פּטור, ווי הערצען

זאָגט. כ׳בין שטענדיק הערצענען מקנא געווען, וואָס פּאַר אַ גליקלעכער ער איז געווען געלעבט צווישן אַזוינע מענטשן, געהאַט אַזוינע פריינט. דער ים, בערג, מוזיק. און מענטשן, ווי דער ים, ווי מוזיק. עס גלוסט זיך נישט שטאַרבן. אַוועקפאָרן אויף דרום און וווינען אין אַ ווייס, ריין הייזל. געזאַנג זאָל זיך הערן. די פענסטער געעפנט אויפן ים. אין טראַכטן, טראַכטן. איר ווייסט נישט, וואָס דאָס איז אַזוינס מאַטעמאַטיק. איר מיינט: צאָלן, צאָלן! — ניין! זי זינגט דאָך און שפּילט, ווי קריסטאָל. די נשמה ווערט אינגאַנצן פאַרזונקען אין קלינגענדיקן, דורכזיכטיקן קריסטאָל. די זון זאָל אַרומגיין איבערן בלויען הימל. און אַלץ שיינע פרויען, פרייע מענטשן, אַז קיינער זאָל זיך נישט דערוועגן אָנצורירן אַ צווייטן און ס׳זאָל אפילו זיין אַן אַנדער לשון. ס׳זאָל קיינער אויף דעם פאַרשימלטן שקלאַפישן לשון נישט רעדן. כ׳וואָלט עס אָנגענומען אַלץ באַם האַלדז און אַזוי געהאַקט אָט דעם חמורישן געמיינעם שיכּורן קאָפּ אַ שאָד, וואָס כ׳האָב נישט דערהרגעט. דאָרט, דאָ, איבעראַל אַרום און אין אונדז איז אַזאַ שטילקייט, אַזאַ הייליקע שטילקייט. אַך, ברידער, ווי ליב איך האָב געהאַט תמיד שטילקייט, מאַטעמאַטיק, דאָס איז אַזאַ שטילע, שטילע, טיפע מוזיק. שווייגן און האַרמאָניע. אַזאַ פולקאָמער גאָלדענער טאָן. און שוין מער גאָרנישט. און פונוואַנען איז דאָס אַלץ, שמוץ, קולות, בלוט. די שטילקייט. ווען איך וואָלט געוווסט, אַז זי איז דאָ, טאָ מעג שוין דאָרט נישט זיין קיין וואָראָנסקי, קיין מאַטעמאַטיק. פון מיר וואָלטן זשאַבעס אַרויסגעוואַקסן, און זי וואָלט סיי ווי געווען אַזוי, ווי זי איז תמיד דאָ. בלויז דאָס איינציקע וויסן. און נאָך צוהערן זיך, ווי זי שווייגט הייליק, בלויז דאָס, און שפּעטער מעג איך שוין אפילו שטאַרבן. אָבער נישט דאָ שטאַרבן, נישט דאָ! דאָ שמייסן דיך נאָך אויפן בית־עולם מענטשן איבערן פּנים. אַך, נישט דאָ. צום בעסטן וואָלט געווען צו לעבן כאָטש נאָך עטלעכע יאָר. וואַסילי אַנדרעיעוויטש — אַ ווילער.

דער קאָפּ האָט אים געברענט. ער האָט געהאַט אַ סך היץ, און האָט אָנגעהויבן צו רעדן פון היץ.

די גרויסע אינטעגראַלע גלייכונג — האָט ער געזאָגט —

שטילקייט... אין חשבון מוזן פאַרקומען פעלערן. אויב דער מענטש איז אַ טעות, קען מען שוין ממילא גאַרנישט וויסן וועגן דער פול־קאָמענער גלייכונג. אָבער זי איז דאָ און זי לאַכט אַזוי העל־בלוי פון אונדז אָפּ.

3

יעדער פרייערע מינוט פלעגן מיר איצט פאַרברענגען לעבן וראַנסקיס בעט.

געלעגן איז ער אינם שילער־שפּיטעלכל, אין אַ ריינעם ווייסן הייזל אין גאָרטן. בלייענד בעז און אַקאַציע האָבן אַריינגעקוקט צו אים דורכן פענסטער. אַ צווייַ, דריי מאָל האָט אים געשיקט אַ בוי־קעט רויזן די פרוי קוזניעצאָוואַ. און איינמאָל, אַזוי אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, האָט מען געבראַכט אַ גרויסן בינט בלומען מיט אַ צעטל: קאַטאַזשינאַ מאַראַשקינאָוואַ. די פרוי מאַראַשקינאַ האָט טאַ־קע אין דעם טאָג פאַרלאָזט אונדזער שטעטל, טעראָריזירט ווערנדיק פון קוזניעצאָוו, האָט איר דער קאַפּיטאַן אַרויסגע־געבן דעם פּאַס און נאָך עפּעס אַ דאָקומענט, וועלכער האָט איר געזאָלט פאַרלייכטערן דאָס באַקומען אַ גט.

מיט וראַנסקיס געזונט האָט עס אָבער גאַרנישט געהאַלטן בעסער.

די היץ איז נישט געפאַלן און דער קראַנקער פלעגט פון טאָג צו טאָג ווערן שוואַכער. גאַנצע טעג פלעגט ער איצט ליגן אָן באַוועגונג, נישט רעדנדיק קיין וואָרט, טראַכטנדיק וועגן עפּעס, אָדער טרוימענדיק מיט פאַרמאַכטע אויגן.

ערשט אין אָוונט פלעגט ער ווערן מונטערער.

דאָס פּנים פלעגט פלאַמען, די אויגן האָבן געגלאַנצט — און ס'איז אוממעגלעך געווען אים צו צווינגען, ער זאָל זיך נישט אָנ־שטרענגען און זיך נישט מאַטערן מיטן רעדן.

— מיין מוח — פלעגט ער זאָגן — פילט פאַר אַ גרויסע אַרבעטסלאָזיקייט און איז טעטיק מיט זיין גאַנצער דאַמף-קראַפט.

מיר פלעגן זיצן בא אים ביז שפעט איינדערנאַכט. און דאָס רוב פלעגט עמעצער פון אונדז בלייבן לעבן אים. ס׳פלעגט אויך אַריינקומען אָפט וואַסיל אַנדרעיעוויטש.

אין ערך עטלעכע טעג נאָך דער געשעעניש, האָט ער דער-דערציילט, כדי אַ ביסל הייטערער צו מאַכן דעם קראַנקן, ווי אַזוי ער האָט אונדז פאַרהיטן פון דירעקטאָרס צאָרן.

דער דירעקטאָר פון גימנאַזיע איז געווען אַ באַשעפעניש, וואָס איז אויסערלעך געווען געוואַלטיק ענלעך צו אַ סאַמאָוואַר. אַ מענטש מיט אַן אויסערגעווינטלעכער גוטמוטיקייט, אָבער מיט קינדישע אַמביציעס און מיט היסטערישע ווייבערישע קאַפריזן.

אונטער דער ווירקונג פון עפעס אַ — idée fixe — אָדער עקשנות פלעגט אַרויס פון די כלים און האָט געקענט זיין שעד-לעך. אַלץ איז געווען אָפּהענגיק דערפון, ווי אַזוי די זאַך וועט אים פאַרגעשטעלט ווערן.

וואַסיל אַנדרעיעוויטש איז יענעם אָוונט אויסגעפאָרן גלייך אין קלוב אַריין. דאָרט האָט מען געקענט אין אַ קליין שטיבל תמיד טרעפן טיכאָן וואַסיליעוויטש טיכאַנראַוואָון און לוקאַ איוואַנאָוויטש זיעליעניעווסקין. לוקאַ איוואַנאָוויטש איז געווען אַ קלאַסיקער אין פולן זין פון זיין אומגעהויער קליינער וווּקס, דער קאָפּ אינגאַנצן אָן אויסגעפליכטעטער, אָן וואָנסעס, מיט אַ ביסעלע האָר אויפן קין. ער האָט געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ געהיימנישפולן יאַפּאַניש פי-גורקעלע, וואָס איז אויסגעשניצט פון העלפאַנט-ביין.

אין קלוב פלעגט ער זיך צוזאַמענטרעפן מיטן דירעקטאָר אַלע טאָג שוין יאָרן צייט, דעם אָוונט פלעגט מען אָנהייבן פון אַ פאַרטיע בילאַרד. זיי האָבן אָבער געשפילט איילנדיק און אָן שום פאַרגעניגן; ווי צוליב אָנשטעל.

נאָך דער געענדיקטער פאַרטיע פלעגן זיי אַריינגיין אין אַ קליין שטיבל — און דער אמתער גענוס פלעגט זיך ערשט אָנ-הייבן.

קודם־כל פלעגט לוקאַ איוואַנאָוויטש אַרויסשלעפּן פון דער קעשענע אַ קליינע אויסגאַבע פון סאָפאָקל און ביידע פּעדאַגאָגן פלעגן אָנהייבן לעזן, פאַרשטעלנדיק עפּעס אַ סצענע.

שפּעטער פלעגן זיי הייסן ברענגען טיי, און טיכאָן וואַסי־ליעוויטש פלעגט אָנהייבן דערציילן וועגן זיין געפּלאַנטער נסיעה קיין מאָנטע־קאַרלאָ.

ער האָט אין משך פון אַ יאָר צוואַנציק געטרוימט אָוונט־לאַנג, ווי אַזוי ער וועט אַוועקפאָרן קיין מאָנטע־קאַרלאָ, וועט צו־ריקקומען קיין רוסלאַנד, וועט זיך קויפן אַ ווילע אין קרים, וועט האָדעווען רויזן און לערנען די קלאַסיקער.

לוקאַ איוואַנאָוויטש פלעגט כמעט אַלע טאָג אויסהערן דעם דאָזיקן פּלאַן.

אין דעם מאָמענט אָבער, ווען דער גליקלעכער דירעקטאָר פלעגט שוין צעשטערן איין באַנק נאָך דער צווייטער און אָן אָנ־געלאָדענער מיט געלט טראַכטן וועגן צוריקקער, דאַמאָלס פלעגט לוקאַ איוואַנאָוויטש איבערגיין אין דער אָפּאָזיציע.

— און איר וועט גאָרנישט האָבן דערפון — פלעגט ער זאָגן — ווייל כ׳וועל אייך גלייך דערהרגענען און דאָס געלט אייך צונעמען.

— וואָס הייסט דערהרגענען...

— גאָר פּראָסט און פּשוט, דאָרט זענען שוין אָרגאַניזירט גאַנצע באַנדעס און זיי שפּירן נאָך. אין קופּע פון וואַגאָן וועט מען אייך אויך דערשטעכן און דורכן פענסטער פון וואַגאָן אַרויסוואַרפן.

— כ׳וועל מיר דאָך קויפן אַ רעוואָלווער — האָט דער די־רעקטאָר זיך פאַרטיידיקט.

— נאָך בעסער, וועט מען אייך מיט אייער אייגענעם רע־וואָלווער דערשיסן, איר וועט זיי פאַרשפּאָרן הוצאות, — האָט דאָס זייניקע ווייטער געטענהט דער אומדערמנותדיקער זיעלע־ניעווסקי.

אין אַ ווײַלע אַרום פלעגט ער צוגעבן:

— מ׳קען אויך מיט אַ בלום אָפּסמען.

— מיט אַ בלום? — האָט זיך געוווּנדערט דער דירעקטאָר.

— אפילו מיט אַ ציגאַר קען מען אָפּזמען אָדער מיט טאַבאַק. איר גיט בלויז אַ שמעק — און עס איז שוין נאָך אַלעמען.

— איך געם קיינמאָל נישט קיין טאַבאַק באַ אומבאַקאַנטע.

— מיט קוראַרע דערהרגעט מען אויך אויסגעצייכנט. אין פינגערל האָב איך מיר אַ פאַרסמטן שטיין; פאַרבייגייענדיק גיב איך אייך אַ קראַץ די האַנט, כלומרשט ווי נישט ווילנדיק האָב איך עס מיך פאַרטשעפּעט אין דעם געדראַנג. „Excusez Monsieur" און עס ווייזט זיך אַרויס, אַז עס איז נישט „Excusez" נאָר: „Requiem aeternam"..

— יעדער טראָגט דאָך אָבער הענטשקעס.

— געלט קען מען אויך פאַרגיפטן — האָט געזאָגט לוקאַ איוואַנאָוויטש. — אָט אַ פאַרגיפטעט פּעקעלע אַזוינס מיט באַנקנאָטן. איר ציילט און דערפון הייבט זיך אויף אַן אומבאַמערקבאַרער שטויב, ער דערגייט ביז צו די באַזלעכער, צום מויל און — פיוט!

— מענטשן געווינען דאָך אָבער יאָ — האָט געשטאַמלט דער דירעקטאָר גאַר אַן אָפּגעסמטער...

— און מען דערהרגעט זיי טאַקע, ווען נישט די פּאָליציי!

און לוקאַ איוואַנאָוויטש האָט אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן דער געשיקטקייט פון די דעטעקטיוון.

ווערן אַ שפּיאָן — דאָס איז געווען זיעלעניעווסקיס באַהאַלטנסטער טרוים.

אַלע טאָג פאַרן שלאָף און אינדערפרי באַם טרינקען די קאַווע, פלעגט ער שמידן פּלענער פון פאַנטאַסטישע נאָכשפּירונגען, פלעגט שעפּן תענוג פון די נסים, פון שפּיציקע איינפאַלן און דורכגעטריבנקייט, וועלכע ער וואָלט באַוויזן.

דער אויספאָרשונגס-ריכטער איז געווען געצווונגען אָנצושרייבן צום קרייז-קוראַטאָר, ער זאָל פאַרווערן זיעלעניעווסקין צו מישן זיך אין די אויספאָרשונגען, ווייל צוליב דעם טומל, וועלכן

ער פלעגט מאַכן אַרום יעדן ענין, זענען עטלעכע געפּערלעכע פאַרברעכער פאַרשוווּנדן דער מאַכט פון די אויגן.

ס׳איז באַוווּסט געוועזן אַ פאַל, אַז אַ באַנדיט, וועלכן די פּאָליציי האָט ענערגיש געזוכט, האָט אַ גאַנצע ריי חדשים געוווינט באַ לוקאַ איוואַנאָוויטשן אַ״ס דינער און פלעגט אים העלפן נאָכשפּירן די פאַרברעכנס, וועלכע ער איז אַליין באַגאַנגען.

— יעדער איינציקער פון אונדז, מיינע הערן, מוז אין זיך שאַפן עפּעס אַ מאַניע, וועלכע זאָל אים אָפּהיטן פון אמתן משוגעת — פלעגט זאָגן קוזניעצאָוו — און ס׳זענען אין אמתן צום גרויזאַמסטן די, וועלכע באַציִען זיך ערנסט צו זייער פאַך, אַזוי ווי עס איז אָן שום באַשײנוּנגען און שלייערן. פאַרשידענע מענטשן האָב איך געזען צווישן די רוסישע פּעדאַגאָגן אין משך פון 25 יאָר: און אַ חוץ פולשטענדיקע שיכּורים, האָב איך צווישן זיי נישט באַגעגנט קיין איין נאָרמאַלן מענטש. אַ לעבעדיקער מענטש מוז מיט עפּעס לעבן. און לעבן מיט דער יעצטיקער שול קען נאָר עפּעס אַ טאָרקוועמאַדאָ. און ס׳טרעפן זיך, כ׳פאַרזיכער אייך, ס׳טרעפן זיך פולשטענדיק אינקוויזיטאָרישע נאַטורן, ערשטקלאַסיקע טאַלאַנטן.

קיין טאָרקוועמאַדאָ איז אונדזער דירעקטאָר נישט געווען, אָבער אין זיין אָנגעפּרעסענעם גוף זענען איינגעוואָרצלט געווען שוואַכע ווייבערישע נערוון, און ס׳פלעגן אים באַפאַלן קאַפּריזן און אויפרעגוּנגען לחלוטין נישט קיין פאַרויסגעזעענע.

— ער קרומט זיך ווי אַ פּאַפּאַדיאַ אַ שוואַנגערע, — פלעגט זיך קוזניעצאָוו אויסדריקן.

איינער פון דירעקטאָרס קאַפּריזן איז געווען צו רודפן די קינפטיקע ניהיליסטן.

נאָך קאַראַקאַזאָווס פאַרשווערונג איז די דאָזיקע מאַניע צוליב עפּעס אַ צירקולאַר פון מיניסטעריום באַ אים נאָך שטאַרקער געוואָרן. עס פלעגן דערציילט ווערן אַנעקדאָטן וועגן דעם דירעקטאָרס דרשות, וועלכע האָבן געזאָלט ווירקן אויף דער מאָראַלישער פאַרבעסערונג פון די שילער.

דעם קרבן זיינעם פלעגט דער דירעקטאָר אַריינשטופּן מיט זיין אַרויסשטעקנדיקן בויך ערגעץ אין אַ ווינקל פון זיין קאַנצע-

לאַריע און טרעטנדיק אויף איין צַרט און מאַכנדיק מיט די הענט פלעגט ער אָנהייבן זיינע דרשות:

— אַ ניהיליסט, אַ סאָציאַליסט, — פלעגט ער קווּטשען מיט זיין צעבראָכענער ווייבערישער שטימע — אין גאָט גלייבסטו נישט, זשאַבעס שניידסטו. ציצעראָן געפעלט דיר נישט. האָמערן אָנערקענסטו נישט. שטיוול שטעלסטו העכער פון דער איליאַדע. וואָס, האַ? קיין אויטאָריטעטן אָנערקענסטו נישט. וואָס גייט דיך אָן אַן אויטאָריטעט. איך האָב גרויע האָר. אָבער פאַר דיר עקזיסטירט בלויז די זשאַבע, די זשאַבע! די זשאַבע און אַ שקאַלפּעל. און דו געפין מיר דאָס געוויסן מיט אַ שקאַלפּעל. וואָס? גרויע האָר — דאָס איז אַ פּאָראָורטייל, טראַכסטו דיר, זע נאָר, ווי ער האָט זיך עס צערעדט, אָבער איך וועל דיר מאַקע ווייזן, ליבענקער, איך האָב אויך געהאַט אידעאַלן, איך בין אויך געווען יונג אָבער אין מיינע צייטן האָבן מיר יונגעלייט געהאָרכט גראַנאָווסקין. יאָ. אַז איך האָב אָנגעהויבן צו לעזן סאָפאָקלעסן אין אָריגינאַל, האָב איך געקויפט אַ ליכט אין קירך אַריין. הע! מען דאַרף באַדאַנקען דעם אייבערשטן. סאָפאָקלעס האָט אַנטיגאָנאַ אָנגעשריבן, אָבער פאַרוואָס סאָפאָקלעס, פון וואַנען סאָפאָקלעס?... איר זאָגט שטאָף. אַוודאי, אַוודאי, פון אייער שטאָף איז אַנטיגאָנאַ אַרויסגעשפּרונגען... דאָ האָט גראַנאָווסקי עליו-ה לום... אָבער וואָס אַרט דאָס אייך, פאַר אייך — אַבי נאָר מאָלעשאָט... כעמיע... שוין אין גריכנלאַנד זענען געווען סאָפיסטן, אָבער אַזאַ פלאַטאָן... לאַך נישט, דו פויגל איינער, לאַך נישט נישט אַזוינע ווי דו האָבן שוין פון פלאַטאָנען אָפּגעלאַכט, און קיין גוטן סוף האָט קיינער פון זיי נישט געהאַט. ווי פאָרגעשריטן! איך בין אויך פאָרגעשריטן. אַזוי איז עס, זאָג איך דיר. איך האָב גרויע האָר, אָבער פאָרגעשריטן בין איך. און פאַרוואָס פאָרגעשריטן, ווייל מיט קלאַסישע מילך גע-שפּייזט...

— O Kalos kagathos! Humanitas. —

מען קען אייך! די ענציקלאָפּעדיסטן האָבן אויך געמיינט, Concordet האָט זיך געמוזט פאַרסמען. און דו מיינסט, אַז די וועלט וועט עס צום ערשטן מאָל גיין בײַ אייך זיך לערנען. בו,

אדרבא ואדרבא, לערן דו אַן עלטערן מענטש. ווייז מיר די זשאַבע דיינע... איך קען אייך שוין... איצט איז מען שטיל און שפּעטער מאַכט מען אַ ליאַרם. דו — דאָס דייניקע, — און איך דאָס מייניקע: בײַ אייך איז אַלץ אַ געלעכטער. צוערשט גלייבסטו נישט אין גאָט און דערנאָך איז שוין אַלץ אָן אַ זייט, מוטער — אַ פּאָראורטייל! פּאָטער — אַ פּאָראורטייל! איך — אַ פּאָראורטייל! אַנטיגאָנאַ! ליבע צום ברודער. ווי מיר ברודער! דאָס איז אַלץ אָפּגעשטאַנענקייט, און איך זאָג טאַקע, אַז עס וועט קיין זאַך דערפון נישט אַרויסקומען. דו וועסט מיר שוין דיין גיפט נישט אַרויסלאָזן. די מוטער וועסטו דערשטעכן, גאָט וועסטו פון הימל אַראָפּשלעפּן. מיך דערהרגענען, דעם קייזער דערהרגענען, גריגאָרי קאַרלאָוויטשן דערהרגענען. אָבער דאָס אַלץ וועט נישט געשען, ווייל איך וועל דיך נאָך הײַנט אַרויסטרייבן.

גריגאָרי קאַרלאָוויטש איז געווען איינער פון די גימנאַזיאַלע אויפזעער, וועלכן די שילער האָבן באַזונדערס געהאַסט.

האָבנדיק באַפרידיקט זיינע רעדנערישע פאַרלאַנגען, פלעגט דער דירעקטאָר דאָס רוב ווערן ווייכער און בײַ דער דרשה פלעגט עס בלייבן.

אַרייַנגעקומען אין קלוב-שטיבל און באַגריסט זיך, האָט קוזניעצאָוו גלייך אָנגעהויבן די אַטאַקע פון דער עמפינדלעכסטער זייט.

— דער קאַפּיטאַן מאַראָשקין האַלט, אַז קלאַסישע בילדונג ווירקט שלעכט אויפן כאַראַקטער פון דער יוגנט.

דער דירעקטאָר איז אויפגעשפרונגען.

— ווי האָט איר געזאָגט? דער קאַפּיטאַן מאַראָשקין? תיכף שרייב איך אָן צום דיוויזיאָנס-גענעראַל. דער קאַפּיטאַן מאַראָשקין צעשטערט די יסודות, קלאַסיציזם איז דער יסוד פון בירגערלעכע געפילן, לערנט אונדז איידעלער ווערן.

— דער קאַפּיטאַן זאָגט, אַז קלאַסיציזם איז נישט צוגעפּאַסט פאַר אונדזער קלימאַט.

— אַן אַלטער סאָפיזם. דער מענטש איז אומעטום אַ מענטש. איך פרעג אייך, צי קען מען לויטן גראַד פון געאָגראַפישער בריי-

קיין אורטיילן וועגן מאָראַלישע באַגריפן? כ׳בעט אייך זייער, ענט־פערט מיר דערויף.

— אָבער נישט איך, נאָר דער קאַפּיטאַן האַלט, אַז דער קלאַסיציזם שאַפט אינגאַנצן נישט קיין ריכטיקע באַגריפן וועגן מענטשלעכע באַציִונגען.

— אינגאַנצן נישט קיין ריכטיקע באַגריפן! דער גרויסער פילאָזאָף העגעל האָט פון דער „אַנטיגאָנאַ" אַרויסגעוועבט אַ גאַנ־צע יורידישע טעאָריע. אָבער, וואָס גייט אונדז אָן העגעל. ער מוז גאָר זיין אַ ניהיליסט, דער קאַפּיטאַן. אין דער אַרמיי איז שוין אויך דאָ דער דאָזיקער גיפט. מאָרגן וועל איך זאָגן דעם ריט־מייסטער פון די זשאַנדאַרמען בלויז איין וואָרט:

העגעל און גראַנאָווסקי.

ער וועט אים שוין ווייזן. וואַרט נאָר צו, מיין טייערינקער, אַז דער קלימאַט איז נישט פּאַסיק! זיי וועלן דיר טאַקע ענדערן דעם קלימאַט. ער האָט זיך מיט טשערנישעווסקין אָנגעלייענט. דער קלימאַט! אַ נייע נייעס. ביז אַהער איז געווען גאָט, און איצט האָט זיך גאָר צוגעהויבן אַ מעשה־קלימאַט. מיט בלומען וועלן זיי דער־הרגענען, אָדער מיט טאַבאַק, זאָגט לוקאַ איוואַנאָוויטש. אָבער פאַרוואָס האָסטו דערהרגעט? איך בין נישט שולדיק. דער קלימאַט איז שולדיק. איך וועל דיר שוין ווייזן, ווי די יוגנט צו דעמאָראַ־ליזירן. איך פרעג אייך, ווער איז דאָ באַלעבאָס — איך, צי קאַפּי־טאַן מאָראָשקין? איין וואָרט פרעג איך בא אייך, איך צי מאָראָש־קין? מער גאָרנישט. גוט, גוט! פאַרשטייט זיך, אייך איז בלויז וויכטיק מאַטעמאַטיק, עקספּערימענטאַלע פיזיק. פיין, זייער פיין. זאָל זיין באַלעבאָס דער קאַפּיטאַן מאָראָשקין, זאָל ער זיין באַלע־באָס. איך וועל מאָרגן קומען און וועל זאָגן:

גאָט איז נישטאָ, סאַמאָקלעס איז נישטאָ, ס׳איז דאָ אַ קלי־מאַט, מער גאָרנישט. און מיר האָבן אַ רעגירונג, מיר האָבן פּאָלי־ציי. פיין, איך וועל בלויז פרעגן באַם ריטמייסטער פון די זשאַנ־דאַרמען, צי מעג מאָראָשקין פאַרשפּרייטן ניהיליזם.

— אָבער וואַרט אַ ווײַלע — האָט ער אים איבערגעשלאָגן — דאָס האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי! באַלד! וורָאנסקי האַלט: אַז פּרוי־

צן דאַרף מען נישט שלאָגן, בפרט מיט אַ נאַהייקע, מאָראָשקין ווידער מאַכט געוואַלטן: אַרעסטירן, צורעסטירן, דאָס איז קלאַסישע דערציִונג.

— אָט דאָס איז עס, דאָס איז עס — האָט זיך געהיצט דער דירעקטאָר, — איך האָב געזאָגט, דאָס איז אַלץ טשערנישעווסקי. אַ פרוי מעג איך אָפּטרעטן מיין פריינט, ווי אַ זאַך. אין גרייכנלאַנד פלעגט טרעפן, אָבער דאָס איז דאָך גאָר אַן אַנדערע תקופה, און פּלאַטאָן האָט בלויז געראָטן. איבעריקנס, האָבן זיך די געטערעס אויסגעצייכנט מיט בילדונג: אָבער דער מענטש שטאַמט דאָך פון אַ מאַלפּע, טאָ וואָס-זשע איז שוין דעמאָלס אַ מוטער? אַ כוטער — דאָס איז אַ פאָראורטייל. אַ ווייב — אויך אַ פאָראורטייל. וואָס-זשע דען איז דאָ? קיין זאַך איז נישטאָ. פאַרשטייט זיך. און שפּעטער זאָגט מען, אַז מ׳מעג שלאָגן מיט אַ נאַהייקע. זייער גוט. די פאַמיליע איז דער יסוד פון דער מלוכה. יאָ, צי נישט? כ׳פרעג באַ אייך, ווי איז לויט אייער טריגאָנאָמעטריע, צי איז עס אויך בלויז קלימאַט? צי מעג מען אין אונדזער קלימאַט צעשטערן די פאַמיליע?...

— אָבער איר לאָזט דאָך מיך נישט קומען צום וואָרט. מאָראָשקין האָט אַלזאָ געהייסן זיין דענשטיק שלאָגן די פרוי מיט אַ נאַהייקע...

— נאַטירלעך, אויף דעם האָט מען זיך געקענט ריכטן. אויף גאָרנישט מער ווי אויף דעם. און איך דערקלער אייך, אַז כ׳וועל עס נישט דערלאָזן. דאָ געפינט זיך יוגנט, דאָ איז אַ גימנאַזיע. כ׳וועל אים הייסן שמידן קייטן, און איך וועל אים לערנען ביהייליזם. פרעג איך באַ אייך, ווו זענען עס די זשאַנדאַרמען? צי האָבן מיר נאָך עפּעס אַ רעגירונג? דערנאָך חידושט מען זיך, וואָס עס געפינט זיך אַ קאַראַקאָזאָוו. ער האָט זיך אויך מיט די מאָלעשאָטס אָנגעלייענט... ס׳איז אין די צייטונגען געווען. דער אָפיציר האָט אָנשטאָט דעם הייליקן בילד אין ווינקל מאָלעשאָטס ווערק געהאַלטן, פאַר זיי דאָס אייל-לעמפל געברענט. נו, וואָס איז דערפון ארויסגעקומען? נאָכדעם האָט ער דעם פאָלקאָווניק אויפן פּראָנט אַ ביס געטון אין אויער אריין... אויב מ׳וועט דעם דאָזיקן מאָראָשקין

נישט פאַרשיקן קיין סיביר, פאַר איך אַוועק. איך האָב אויך אַ ווייב. וואָס פאַר אַ ווערט האָט עס בײַ אים? היינט מיט דער באַ-הייקע אויף זײַן ווייב, און מאָרגן אויף מ׳ינער, און שפּעטער וועט ער זאָגן: דער קלימאַט איז אַזעלכער, היצן!

— וורלאַנסקי ליגט שוין טאַקע אין שפּיטאָל טויט קראַנק, שפּייט מיט בלוט.

— די מינוט אַרעסטירן און אַרויסשיקן פון שטאָט צום פעלד-געריכט. כ׳שרייב אָן צום קייזער אַליין. צי קומט אַ באַאַמטן שלום-בית? צי מעג אַ קאַפּיטאַן צעשטערן די פאַמיליע און בייסן שילער.

ער האָט אים אַ קאַפּ געטון — האָט געשמייכלט קוזניעצאָוו.

— אַלץ איינס די פאַרמען פון חיהשקייט זענען פאַרשידע-נע. נאַטירלעך, טשערנ-שעווסקי האָט אָנגעשריבן, אַז אַ מענטש איז אַ חיה, טאָ פאַרוואָס-זשע זאָל ער נישט קאַפּען. די מינוט גיי איך אַהין. איך אַליין וועל אים ווייזן... און מ׳דאַרף בײַ אים צונעמען אָט די אומגליקלעכע פרוי.

— זי געפינט זיך שוין בײַ מײַן פרוי.

— זייער גוט, איך וועל דאָ קיין ניהיליזם נישט דערליידן. דער הער קאַפּיטאַן וועט שוין האָבן בײַ מיר צו פייפן און צו בלאָזן. אָבער וורלאַנסקי, וורלאַנסקי האָט קיינמאָל נישט געקענט סאָ-פאָקלעסן.

— ער פלעגט גוט איבערזעצן פּלאַטאָנען — האָט געזאָגט לוקאַ איוואַנאָוויטש.

— איך טענה דאָך תמיד: אָדער ניהיליזם, אָדער סאָפאָקלעס, אָדער פּלאַטאָן, אָדער טשערנ-שעווסקי. און איצט איז פיין? ס׳איז ווידער אַ מאַראַשקין צוגעקומען...

— אַלזאָ, מײַנע הערן, איר קענט זײַן אינגאַנצן רויק. ווען מאַראַשקינען וואָלט איינגעפאַלן צו מסרן, וואָלט אים דער דירעקטאָר אַזוי באַקליידט, אַז ער וואָלט שוין נישט געקענט אַרויס-קריכן.

— ווי כ׳האָב שוין דערמאָנט, האָט מאַראַשקין דאָך נישט גע-וואָגט צו מסרן. נאָך מער ווי דער דירעקטאָר האָט אים איבעראַשט

קוזניעצאָוו. און נישט נאָר אונדז, אָבער אויך זיין פרוי האָט שוין מצד אים קיין שלעכטס נישט געדראָט.

די נאַטור. אָבער האָט נישט מוחל געווען.

וורענסקיס געזונט-צושטאַנד האָט נישט דערלאָזט שוין קיין שום ספקות, אַז זיין גלייכונג איז אין פּרינציפּ שוין געלעזט געוואָרן, אַז אַ ליאַדע טאָג וועט זי שוין לעזן אין זיך די גרויסע שטילקייט.

ער האָט שוואַך אַ שמייכל געטון, בשעת קוזניעצאָוו האָט פאַרענדיקט זיין דערציילונג מיט די ווערטער:

— איר זעט, מיינע הערן, אויך אונדזער רוסישע קאָנסטיטוציע האָט זיך אירע גוטע זייטן.

— יאָ, יאָ — האָט ער געזאָגט נאָך וואַסילי אַנדרעיעוויטשס אוועקגיין — דאָס רוסישע לעבן האָט זיך זיינע גוטע זייטן, און אַלע באַזאַמען זענען גאָר גוט. און אַזוי ביסלעכווייז מאַכן זיי אַ תל פון מענטש. נישטאָ קיין שום אכזריות דערביי — כאָטש נעם און לייג זיי אַלע צו אַ וואַנד צו — אָט אַזוי קומט מען אום. ווי עפּעס עמעצער וואָלט בכיוון עס געוואָלט. און איך וואָלט אַ פּרעג געטון בײַ טיכאָן וואַסיליעוויטשן, בײַ דעם גוטן מענטש, וויפיל דורות העלפט ער שוין אַזוי צו שטיקן און צו דריקן מיט זיין גוטסקייט. ניין, זונדעלע טייערס, דו שטאָפּ דיר בלויז אָן דעם קאָפּ מיט כלערליי נאַרישקייטן — אָבער קיין שום שלעכטס ווינטש איך דיר נישט.

— ס'איז נישט זיין שולד — האָט געזאָגט קאָרוטאַ.

— וואָלסט שוין כאָטש אַצינד ווייניקסטנס צורו געלאָזט. גענוג שוין צו רייצן זיך. דער איינציקער מענטש, וועלכן כ'האָב עפּעס צו פאַרדאַנקען, איז מיין מוטער. מיט איר ווייסט מען ווייניקסטנס ווי אַזוי זיך צו האַלטן. וועסטו איר נישט מיט איינמאָל אַלע ציין באַווייזן, עסט זי דיך לעבעדיקערהייד אויף.

די עקזאַמענס זענען זיך געגאַנגען מיט זייער געוויינטלעכן סדר, און וורענסקיס געזונט האָט געצאַנקט.

אויף דער ידיעה וועגן זיין קראַנקהייט, וועלכע מ'האָט געשיקט צו זיינע עלטערן, איז אָנגעקומען אַ בריוו פון דער מוטער:

„מענדל דער שניידער האָט קיין דירה-געלט נישט באַצאָלט, פון די קו האָט זיך, וואָס אַן אמת, געקעלבט, נאָר דאָס קעלבל איז געפגרט. דער פאָטער האָט פאַרשפּילט אין קאָרטן אַ רובל, און פראַסקאָוויאַ די קעכין האָט צעבראָכן אַ האַלב טוץ טעלער. איך בין שוין פופצען יאָר קראַנק, אָבער אין בעט אַריין לייג איך מיך נישט. ווייל איך געדענק מיינע מוטער-פליכטן. דאָס לינקע אויג האָט שוין כמעט אינגאַנצן אויפגעהערט צו זען, און אין דער פלייצע שטעכט נישט קוקנדיק אויף דעם, אַרבעט איך אין קלער תמיד, ווי צו נעמען געלט, כדי דיין טייערסטער טאַטעשי זאָל האָבן וואָס צו פאַרשפּילן אין קאָרטן. ער ליגט איצט און קרעכצט, געל ווי אַ ציטרין, פון שיכּרות. גאָט האָט מיך פאַר מיינע זינד געשטראָפט מיט אַזאַ מאַן, און אויך פון די קינדער, זע איך, איז נישטאָ וואָס צו קלויבן קיין נחת אויף שיכּרות און אויסגעלאַסנקייט קענען קיינע געלטער נישט קלעקן. דעם פאַרגאַנגענעם חודש האָב איך דיר געשיקט בייע הויזן. מענדעל האָט פאַר זיי אַראָפּגערעכנט צען רובל פון זיין חוב. אַז אַ מענטש האָט גאָט אין זינען און פאַרגעסט אויך נישט וועגן דער מאַמען, איז גאָטס ברכה מיט אים."

און אַזוי ווייטער — אָנגעפּיקט גאַנצע פיר זייטן.

וואָנסקי האָט אַ שמייכל געטון.

— אַט דאָס איז עס: די אמתע גייסטיקע פאָטאָגראַפיע! פונקט ווי דער אָריגינאַל!

אין די ערשטע טעג און וואָכן פון זיין קראַנקהייט האָבן אים נאָך אינטערעסירט אויסערלעכע געשעענישן ביסלעכווייז אָבער האָבן זיך אַלע זיינע געדאַנקען אָנגעהויבן קאָנצענטרירן אַרום דעם טויט. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט, וועלנדיק טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש. די געדאַנקען פלעגן אָבער מיט אַ הינטער-וועגל זיך אומקערן צו דער זעלבער זאַך.

— אַ וווּנדערבאַרע זאַך, — האָט ער אַמאָל געזאָגט. — איך לעב זייער פיין. און דעריבער בין דאָ איך עפּעס באַזונדערס, פאַר זיך. איצט, אַוואָסטערס וועט זיין מיין לעבן. אַזוינס, אָדער אַן אַנדערס, אָפּהענגיק פון דעם, ווו איך וועל געבוירן ווערן. דאָ, צי אין מזרח-אינדיען, צי אין כינע, מיט הונדערט יאָר פריער אָדער

שפּעטער. בין איך אַלזאָ אייגנטלעך נישטאָ, נאָר עס איז דאָ דאָס, וואָס עס גיט מ ר אַלע אינהאַלטן, אַלע געדאַנקען און געפילן. איך ליב נישט און האַס נישט קיין שום אַנדערע זאַכן אַ חוץ נאָר די, וועלכע געפינען זיך אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, וואָס רינגלט מיך אַרום. מאַטעמאַטיק אַ שטייגער. צי קען איך אין אמתן מאַטעמאַטיק? ניין, אין אַ הונדערט יאָר אַרום וועלן שוין גאָר זיין אַ סך אַנדערע זאַכן. בין איך דאַך אייגנטלעך נישטאָ, נאָר עס איז דאָ עפּעס אַן „אַזוינס", און דערווייל שטאַרב איך, איך נאָר אַליין, איינמאָל פאַר אַלעמאָל, אויף אייביק. קיין זאַך וועט מיר נישט אומקערן דאָס, וואָס עס איז מיר צוגענומען געוואָרן. טאָג-איין, טאָג-אויס, שעה-איין, שעה-אויס האָט מיר עפּעס ביסלעכווייז אַרויס-געגנבעט מיך אַליין, צי קען מען נישט משוגע ווערן פון אַזאַ גע-דאַנק. אומויפהערלעך שטאַרבן מענטשן, זיי שטאַרבן באמת אום-רחמנותדיק .. דערווייל האָבן זיי קיין זאַך נישט גענאָסן, נישט פון אמת, נישט פון ממשותדיקן לעבן. אַ מענטש האָט ביז אַהער באָרנישט געלעבט. און מיר גנבענען אַזוי' אַלע איינער באַם צווייטן דאָס לעבן. ווי קענען עס מענטשן נישט פאַרשטיין, ווי קענען זיי נישט פאַרשטיין, אַז איך קען זיין בלויז דאָס, וואָס די אַלע אַנדע-רע דערלויבן מיר צו זיין. מיר שפּילן זיך נאָר כסדר. און עס וועט קומען צו פאָרן צו מיר איצט מיין מאַמעלע און זי וועט זאָגן: „זונעלע, זיי מיר מוחל — איך ווייס, זי וועט נישט קומען, נאָר לאָמיר זאָגן, אַז יאָ. נו, און וואָס קומט אַרויס דערפון? דאָס גע-מיינע שטיק וועט מיר קיינמאָל נישט מוחל זיין. דיין צייט איז אַדורך און עס איז אַ סוף איינמאָל פאַר אַלעמאָל.

ער האָט געהאַט שטאַרק היץ.

— קאָרוטאַ, צי דיך אַרט נישט דיין נאָז... איך האָב מיין גאַנץ לעבן נישט געקוינט פאַרטראָגן מיינע דאַרע אויסגעבויגענע פיס און די לאַנגע הענט. און איצט טראַכט איך מיר אַליין, אַז מ'דאַרף עס עוקר מן השורש זיין. אָבער דיין נאָז! און דו וועסט שוין אַזוי פאַרבלייבן אויפן גאַנצן לעבן. און מיט קיין זאַך קען עס דיר נישט באַלוינט ווערן. פאַרוואָס ביסטו אַזוי מיאוס, קאָרוטאַ. אַ מענטש דאַרף נישט זיין מיאוס. כ'וואָלט אַזוי געוואָלט אַ פרוי

זאָל מיך ליב האָבן. אַזאַ אמתע פרוי מיט דופטיקע האָר און שיי־נע אויגן. מיר האָט קיינמאָל קיין פרוי נישט קיין קוש געטון מיט ליבע. אַלץ פלעגט זיין פאַר געלט, שיכּרערהייט. און כ׳האָב אַט אַזוי אין לעבן גאָרנישט געהאַט, אַזוי פּולשטענדיק גאָרנישט. כ׳האָב מיר תּמיד געקלערט, כ׳וועל אָנזאַמלען אַ סך געלט און וועל מיר קויפן העלמאָלצס גאַנצע אויסגאַבע, אַ סך, אַ סך ביכער. און איצט וועל איך שוין קיינמאָל קיין זאַך נישט לעזן. מ׳טאָר נישט אַדורכ־לאָזן די צייט. מ׳דאַרף קיינמאָל נישט וואַרטן. אָרימע לייט הייסט מען זיין געדולדיק, מ׳דאַרף נישט זיין געדולדיק, מ׳דאַרף נעמען, נעמען. ס׳איז גוט, וואָס איך וועל שוין נישט זיין, ס׳איז גוט אַזוי. אינדערפרי, ווען כ׳פלעג אויפוואַכן, פלעגט מיך עקלען פון מיר אַליין, ווי פון איינעם, וואָס דאַרף אָנטון שמוציקע וועש, ווייל ער האָט נישט קיין אַנדערע. און אַזוי וועט מיר שוין גוט זיין, אָבער עס זאָל שוין לאַנג נישט דויערן. און נאָך איין שיינעם טאָג, אַ סך בלומען, זון. איין טאָג.

מיר האָבן זיך נישט באַמיט צו לייקענען, צו איבערצייגן אים, אַז ער וועט נישט שטאַרבן. מיר האָבן באַמערקט, אַז דאָס רעגט אים אויף.

— באַ אונדז אינדערהיים איז איצט אַ גרויסע וועש — האָט ער אַמאָל געזאָגט — אָנהייב חודש. דער פאָטער האָט נאָך אַ ביסל געלט און שלעפט זיך אַרום איבער די שענקן. אָדער ער זיצט בײַ לוקעריען: ס׳איז דאָ דאָרט איינע אַ פרוי, זי פּאַטשט אים אין פּנים, אָבער האָט פאַר אים אויך אַ פריינטלעכע מינע. די מוטער גייט אַרום איבער דער שטוב און שווייגט. שווייגנדיק אַזוי, שלייפט זי זיך ווי אַ מעסער.

ענדלעך איז קלאָר געוואָרן, אַז וורעאָנסקיס טעג זענען שוין געציילט.

איין פרימאָרגן איז געשען אַן אומפאַרויסגעזעענע זאַך. ס׳האָט זיך באַוויזן דער פאָפּ מיטן דיאַטשאָק. וורעאָנסקי פלעגט אין דער צייט זיין דאָס רוב אַפּאַטיש. ער איז אויפגעשפרונגען, האָט זיך אויפגעזעצט אויפן בעט איבערגעשראָקן, ווי אַ דאַרער און שרעקלעכער פויגל.

אַ חוץ מיר איז קיינער נישט געווען לעבן אים.

— מ'דאַרף נישט — האָט וורואַנסקי אַ געשריי געטון — מ'דאַרף נישט.

דער פּאָפּ האָט גענומען אַרויסרעדן עפּעס זאַצן, ער האָט דערמאַנט דאָס בית-דין-צדק, זינד.

וורואַנסקי האָט געציטערט אינגאַנצן.

— כ'וויל נישט, כ'וויל נישט, כ'גלייב נישט, כ'גלייב אין קיין זאַך נישט. לאָזט מיך רויִקער שטאַרבן. דעם טויט נעמט בײַ מיר נישט צו וויי־ניקסטנס.

דער פּאָפּ איז אָבער נישט נתפּעל געוואָרן.

ער איז צוגעגאַנגען בעט־טער.

וורואַנסקי האָט אים אָנגעכאַפּט בײַ דער האַנט.

— די לעבעדיקע, די לעבעדיקע ראַטעוועט, די טויטע לאָזט צורו. באַנט פון אייער קלויסטער איז דאָ אַ הויז, וווּ צען מיידלעך קומען אום, טאָג־איין, טאָג־אויס, יעדע נאַכט ווערן זיי פאַרקויפט פיל מאָל. גיי דאָרט אַהין און קוק דיך צו. גיי דאָרט אַהין בײַ־נאַכט מיטן צלם און זיי זיי מציל. אָדער גיי אַריבער אין אָוונט אין אַלטן סאָד אַריין און זע די אַלע, וואָס וווינען דאָרט אין די גריבער אינאיינעם מיט די קינדער, פרויען און זקנים. דאָרט אַהין גיי. אַ מיין גאָט! איך וויל פון אייך גאָרנישט, גאָרנישט. איר אַלע פּייניקט מיך. גייט אַוועק, אַוועק פון דאַנען, כ'וויל שטאַרבן איינזאַם.

ער האָט אַ כאַפּ געטון דעם צלם און אים אַ וואָרף געטון מיט אַ טראַסק אויף דער ערד.

עס האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ סצענע.

דער פּאָפּ האָט געשריגן.

מען האָט געבראַכט דעם דאָקטאָר.

קוים מיט צרות איז געלונגען איינצושטילן דעם פּאָפּ.

דער דאָקטאָר האָט גערעדט וועגן דער היץ, אָבער וורואַנסקי האָט זיך נישט געקענט באַרויִקן.

— אפילו דעם טויט ווילן זיי מיר מיאוס מאַכן.

עס איז געווען זונטיק. אַ הערלעכער זוניקער טאָג. אין דער־

פּרי האָט פּרוי קוזניעצאָווא געבראַכט אַ גרויסן בינט מאַי-גלעקלעך.

מיר זענען זיך צונויפגעקומען אַלע צוועלף אַ זייגער.

ווראַנסקי איז געלעגן אָן באַוועגונג און האָט שווער געאָטעמט.

דער דאָקטאָר האָט נאָכן באַטראַכטן אים אַ קוק געטון אויף קוזניעצאָוון.

מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער טויט דערנענטערט זיך.

די שטימונג איז דאָך געווען אַ רויִקע.

ווראַנסקי האָט זיך נישט אָנגערופן, ס'האָט אָבער אויסגעוויזן, אַז ער הערט זיך צו, און בשעת מיר האָבן גערעדט שטילער, האָט ער געדרייט מיטן קאָפּ.

ווען קוזניעצאָוו האָט זיך איינגעבויגן צו אים, האָט ער אים אָנגענומען בא דער האַנט און ארויסגעשעפּטשעט:

— און אָט וועט טאַקע קיין ביאָגראַפיע נישט זיין.

וואַסילי אַנדרעיעוויטש האָט זיך באַמיט צו שמייכלען? דאָס האָט זיך אים אָבער נישט איינגעגעבן.

מיכאַילאָוו האָט שטילערהייט גערעדט וועגן גלויבן.

— ער האָט געהאַט זיין אייגענעם לאָגישן סיסטעם. אָן גאָט וואָס זאָל מעגלעך זיין, אַ חוץ דער ענערגיע, וועלכע איז אונדז באַקאַנט, איז נישטאָ. אַזוי איז עס. און ס'קען נישט מעגלעך זיין קיין שום אַנדער אַריינד־ינגען אין לויף פון די געשעענישן. תפילה, תעניתים, נזירות, דאָס אַלץ קען נישט האָבן קיין שום באַדייטונג אויסער אונדז אויף דער וועלט. אָבער ווען כ'וואַרף אַ קערנדל אין דר'ערד אַריין, ענטפערט מיר גאָט. און דאָס זעלבע איז אויך, ווען כ'שאַף אַ מאַשין; דאָס איז עס. עס איז דאָ אין אונדז און אויסער אונדז. די וועלט פאַרשטייט אונדזערע געדאַנקען. זיי קומען פון איר און זי עקזעסטירט פאַר זיי. איר וואַרפט די נשמה אין וועלט־רוים און זי לעבט דאָרט, און קערט זיך אום צו אונדז אַ נייע, אַ שמייכלענדיקע, ווי אַ בלום.

ער האָט געוואָלט ווייטער רעדן, אָבער פּלוצלינג האָט זיך די טיר געעפנט מיט אַ טראַסק.

אויף דער שוועל איז געשטאַנען אַ הויכע פּרוי פון אַ יאָר פופציק, אין אַ הוט, וואָס איז באַפּוצט געווען מיט צוויי רויזן. גיסט צוגייענדיק צום בעט, האָט זי אויסגעשריגן:

— אין קופּערל זענען נישטאָ די בייע הויזן. כ'האָב נישט געפונען אויך דאָס בלויע העמד. דאָס אַלץ האָט שוין ווידער אוועק־געוואַנדערט צו צוויטקעסן אויף בראָנפן...

— שטילער — האָט זיך אויפגעהויבן קוזניעצאָוו.

— איך בין די מוטער — האָט זיך פאַרגעשטעלט די געקו־מענע — אַ מוטערס רעכט איז הייליק. איך האָב אין שול אַריינ־געגעבן אַ געזונט יינגל. און דאָ וואָס? קיין שום נחת נישט. געלט זיך אויסגעלערנט אויסצוברענגען. די הויזן האָבן צען רובל געקאָסט.

וורוּנסקי האָט זיך אויפגעזעצט אויפן בעט, ער האָט אויס־געשטרעקט די דאַרע האַנט, געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער ער האָט זיך פאַרקייכט און אָנגעהויבן קאָנוולסיוו הוסטן.

אין דער טיר האָט זיך באַוויזן אַ נייער פּאַרשוין.

דאָס איז געווען אַ הויכער מאַנספּערשוין, מיט אַ פליכע־דיקן קאָפּ, אין אַ צעפליקטן אָנצוג, אין פאַרבלאָטיקטע שטיוול. די לאַנגע באָרד זיינע האָט אים פאַרדעקט די ברוסט.

— ווו זענען מיינע דונערן? — האָט ער געשריגן.

— כ'וועל אומברענגען, אויף אַש צערייבן.

דאָס איז געווען וויאַזאָווסקי.

וורוּנסקיס הוסט האָט אויפגעהערט. עפּעס ווי אַ שמייכל האָט אים אויסגעקרומט דאָס מויל, פון וועלכן ס'האָט געפלאָסן בלוט.

— אויף אַש וועל איך צערייבן — האָט וויאַזאָווסקי גע־שריגן.

— אייער זון שטאַרבט — האָט קוזניעצאָוו אַריינגעשעפּטשעט ווראָנסקיס מוטער אין אויער אַריין.

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט צאָרן. פּלוצלינג האָט זי, ווייזט אויס, דאָך פאַרשטאַנען, ווייל זי איז געפאַלן אויף די קני לעבן זון.

— מיקאַלענקאַ, עופעלע מיינס, בן־יחיד מיינער.

ווראַנסקי האָט מיט אָנשטרענגונג איר די האַנט אויסגע־ריסן און געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי ער וואָלט זי געוואָלט אָפּ־שטויסן.

וויאַזאָווסקי האָט עפּעס געברומט, איז צוגעגאַנגען צו מיכאַי־לאָוון און אָנכאַפּנדיק אים בײַ אַ האַנט אים עפּעס געזאָגט:

— מ'דאַרף אַ ליכט... אַזוי פּירט מען זיך. ווען מיין ווייב איז געשטאָרבן, איז געווען אַ ליכט.

דערנאָך האָט ער אויך אָראָפּגעקניט בײַם בעט — מיט אַ שווערן קרעכץ.

4

מיר האָבן ווראַנסקין מקבר געווען מיט צוויי טעג שפּע־טער.

דאָס בית־עולם איז געלעגן עטלעכע וויאָרסט פון שטעטל בײַ אַ קליינעם פּרויען־קלויסטער. אין אַ שיינעם נאָכמיטאָג זענען מיר געגאַנגען נאָכן אָרון איבערן זאַמדיקן וועג.

ווראַנסקיס געשיכטע איז געווען גאָר אַ פּשוטע.

אַ קינד מיט אַ שטאַרקער עמפּינדלעכקייט, מיט אַ טעטיקן און נאָך לופטן און ליכט לעכצנדיקן מח, איז ער געבוירן געוואָרן אין אַ דורכשניטלעכער פאַרווילדעטער פאַמיליע פון אַ באַאַמטן. מיר איבערשאַצן שטאַרק דעם אַלגעמיינעם קולטור־מצב פון די מענטשן, וועלכע לעבן אויסערלעך לויטן נוסח פון געוויסע ציווי־ליזירטע מנהגים. די ציוויליזאַציע קומט נישט אין קיין כעמישער פאַרבינדונג מיט אַ סך וועזנס, וועלכע זי רינגלט אַרום. זיי זענען פאַרזונקען אין איר און פאַרבלייבן אָבער בײַ זייער ווידערשטאַנד־פעיקייט. די צווייטע פאַרווילדעטקייט, וואָס שאַפט זיך שוין נאָכן פאַרזינקען אין דעם ציוויליזאַציע־אָפּפאַל, זעט אויס אַ סך מאָל אַ

סך שרעקלעכער, ווי די אַמאָליקע — די פּרימיטיווע. איבעריקנס, זענען אין ווראָנסקיס פאַמיליע נישט געווען אַפילו אָט די ציוויליזירטע שמאַטעס. די פויסט האָט דאָרט תּמיד געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל. די פאַמיליע, אַזוי ווי זי איז אין דער היינטיקער וועלט, מוז תּמיד זיין אַ צענטער פון אַנטי-געזעלשאַפטלעכע געפילן. די פאַמיליע שפּילט אין דער באַציִונג צו דער אַרומיקער וועלט די ראָל פון אַ הייל, אין וועלכער די רויב-חיה טראָגט אַוועק איר רויב. כּל-זמן מענטשן לעבן הויפּטזעכלעך דערפון, וואָס זיי רייסן אַרויס אויף אַזאַ אָדער אַנדערן אופן איינער דעם צווייטן דעם ביסן פון מויל, וועט די פאַמיליע נישט אויפהערן צו זיין דאָס געפילס-לאַבאָראַטאָריום, אין וועלכן די צום מערסטן עגאָיִסטישע, רויבערישע, אַנטימענטשלעכע אינסטינקטן ווערן איבערגעאַרבעט אויף אַן אידילישן שטייגער, נישט ענדערנדיק זייער עצם-אינהאַלט. צוליב דער פאַמיליע ווערן באַגאַנגען די גרעסטע געמיינקייטן. זי גיט די גרעסטע צאָל תּירוצים. דאָ ווערט די אָפענע אָדער באַהאַלטענע רויבעריי מגולגל אין פליכטן צו אַ מוטער, פאָטער, ברודער, שוועסטער אָדער קינדער. אין ווראָנסקיס פאַמיליע זענען די דאָזיקע פאַרהעלטענישן אַרויסגעטרעטן מיט אַ זאָאָלאָגישער בולטקייט.

די מוטער זיינע איז געווען אַן אומגליקלעכע פרוי. זי חאָט געזען אַרום זיך דאָס לעבן אין זיין גאַנצן נאַקעטן אמת.

דערצויגן האָט זי זיך אין דער קליינטשיקער באַאַמטן-וועלט, אין וועלכער דער אמת וועלפישער לעבנס-דורשט בינדט זיך מיט אַן אַבערגלויבישער שרעק פאַרן לעבן. זי האָט גאָר אינגיכן דערזען, אַז איר מאַן באַזיצט נישט די פעיִקייטן, וועלכע זענען נייטיק, כּדי זיך צו דערהאַלטן אויף דער אויבערפלאַך פון דעם דאָזיקן זומפּ, אין וועלכן קאָנקורענטן שטופּן אַריין אומרחמנותדיק איינער דעם אַנדערן.

ער איז זיך געווען אַ שטיל, פאַרוואָרפן מענטשעלע. ער האָט זיך פּשוט נישט פאָרגעשטעלט, אַז ער איז אַ מענטש, ווי זיינע מאַכטהאָבער, פאַר וועלכע ער האָט געציטערט. ער האָט זיך אַליין

פּאַרקוואַליפֿיצירט און נאָר פֿאַרלאַנגט רו, אַ פּאַרטיע פּרעפֿעראַנס און אַ נאַכט־קנייפּעלע. בײַ דער פֿרוי זײַנער האָט ווידער געאַרבעט די אַמביציע, אונטערגעהעצט פֿון דער שרעק. אין איר האַרץ האָט זי געהאַט פֿעסט פֿאַרשריבן די זאָאָלאָגישע געזעצן פֿון איר סבֿיבֿה. דאָס צוזאַמענלעבן פֿון די צוויי מענטשן איז געווען אַ קליינלעכער גראָשנדיקער גיהנום.

מ׳פֿלעגט דאָ, זײַענדיק אין כּעס, אַלץ אויפֿמײשן. שרעקלעכער פֿאַרן געשלעג זענען געווען די ווערטער, וועלכע פֿלעגן אַנטפּלעקן פֿאַר די קינדער מיט אַן אומבאַשטרײַטבאַרער קלאָרקייט פֿון קאַטעכיזם די חיהשע באַציִונג צו דער וועלט. אויף דער גאַנצער וועלט אַ חוץ דער פֿאַמיליע האָט מען געקוקט ווי אויף רויבֿ אָדער אַ שונא. צווישן די שונאים האָבן זיך געפֿינען מענטשן מעכטיקע, קעגן זיי האָט מען געקעמפֿט מיט כיטרעקייט. און איבער אָט דעם גאַנצן זיך קעגנזײַטיק בײַסנדיקן מאַרעווקע־באַרג האָט געלעבט עמעץ אַן אַלמעכטיקער — גאָט, אין דער באַציִונג צו אים האָט זיך געפֿאָדערט וואָס מער ליגנט און די גרעסטע דורכגעטריבנקייט. דער דאָזיקער גאָט האָט זיך געמישט אין אַלע לעבנס־פֿראַגן. ער האָט געזאָלט באַשטראָפֿן ווראָנסקיס פֿאָטער פֿאַר דעם פֿאַרשפּילטן האַלבן רובל אין פּרעפֿעראַנס, ער האָט געזאָלט משפּטן די קעכין פֿאַרן צוגנבֿענען אַ גילדן, צו זײַן משפּט האָט די פֿרוי ווראָנסקאַ גערופֿן די הענדלערקע, וועלכע פֿלעגט אַמאָל באָרגן בײַ איר פֿינף רובל, צאָלנדיק איר וועכנטלעך אַ רובל פּראָצענט. ווען דער דאָזיקער רובל פֿלעגט זיך נישט ווײַזן, פֿלעגט פֿרוי ווראָנסקאַ אויסדריקן איר גרויסע פֿאַרוווּנדערונג, וואָס אויף גאָטס וועלט האַלט זיך גאָר אויף אַזאַ הכנעהדיקע מיאוסע בריאה, ווי אָט די דאָזיקע פֿרוי, וואָס שילט אין שווערט, אַז אָט הײַנט, שבת, גיט זי אָפּ דעם חובֿ. צו דעם זעלבן גאָט פֿלעגט אַפּעלירן די קעכין דאָמנאַ, בעת ס׳פֿלעגט זי פּאַטשן אין פּנים דער פּריסטאַ׳ז, אַז נישט איר קינד איז עס געפֿונען געוואָרן אַ דערטרונקענס אינעם אָפּטריט. דער זעלבער גאָט ווידער האָט געזאָלט עדות זאָגן. אַז טאַקע דאָמנאַ האָט עס דערטרונקען איר נײַגעבוירן קינד — לויט די ווערטער פֿון דער באַשולדיקערין — אַקולינאַ. צום מערסטן האָט גאָט געזאָלט

אנטשיידן, אַז דאָס קינד האָט געהאַט צו פֿאַרדאַנקען זײַן געבוירן ווערן דעם שיכּורן קאַפּריז פֿון ווראַנסקיס פֿאָטער. די קלאַנגען פֿון תּפֿילות, שבֿועות פֿלעגן זיך דאָ תּמיד צעמיפֿגיסן מיט די קלאַנגען פֿון פּעטש.

דאָס רובֿ פֿלעגט איינער שלאָגן דעם צווייטן, בעת עס איז געווען אַ רייד וועגן גאָט.

איך בין נאָכגעגאַנגען דער טרומנע און געטראַכט, צי שטעלט אייגנטלעך נישט פֿאַר מיט זיך יעדע איינציקע פֿאַמיליע, נישט קוקנדיק אויף דעם פֿאַרשידענעם טאָן, דעם זעלבן אַרט לעבן. צי איז נישט פֿאַר די קינדער דער פֿאָטער תּמיד אַ געהיימניש־פֿולע בריאה, וועלכע גייט אַרויס אויפֿן פֿאַנג נאָך רויב, און די מוטער אַ סאַמקע, וועלכע וואַרט אָפּ דעם רויב, כּדי אָנצוקאָרמען אירע קינדער.

און ווען די דאָזיקע דאגה איז נישט דאָ, איז דען בע־סער?

דאָס קינד וואַקסט אויף מיטן באַוווּסטזײַן, אַז אים געהערט על פּי דין, און מיט דער הילף פֿון דער מאַכט פֿון עפּעס אַ נאַ־טירלעכן מוז דאָס אַלץ, וואָס איז נייטיק פֿאַר אַ באַקוועמען לעבן.

האַרט בײַ דער טרומנע איז געגאַנגען ווראַנסקיס פֿאָטער, איבער זײַנע געלע וואָנסעס זענען געפֿלאָסן טרערן. עס האָט אויך געוויינט די מוטער.

נאָכן געענדיקטן גאָטעס־דינסט אין צערקווע האָט זיך דער פֿאָטער פֿונם פֿאַרשטאָרבענעם דערנענטערט צו אונדז.

מען האָט שטאַרק געשפּירט פֿון אים בראָנפֿן.

— גאָט האָט געגעבן, גאָט האָט צוגענומען — האָט ער בע־האַלטן אין איין איבערחזרן. און איך בין געבליבן אַזוי ווי איובֿ. און עס איז געקומען דער מדבר־ווינט. אַ גוטער געווען דער פֿאַר־שטאָרבענער... ניקאָלענקאַ.

ער האָט זיך צעוויינט.

— איך בין מיר אַ מענטש אַ פּראָסטער, קיין שום חכמה האָב איך דאַרט נישט געלערנט. אַפֿילו פֿאַר קיין צעבראָכענעם שי־

ליגנער נישט, אָבער ער האָט דעם פאָטער נישט פאַראַכטעט. עס פלעגט טרעפן, די מוטער — ער האָט זיך אומגעקוקט — פלעגט ערגעץ ווו אַוועקגיין, טוט ער אַ שפרונג צו צום אַלקער און שלעפט אַרויס אַ פלעשל... און ער פלעגט קריגן באַצאָלט דאָס זייניקע. מיין פרוי איז אַ היציקע, טאַ, צי וועט איר גלייבן, מיינע הערן, אַז ער פלעגט, מאַנכעסמאָל צוליב מיר פעטש קריגן.

אַ שרעק, ווי זי האָט ליב צו שלאָגן.

אַ טבע אַזעלכע.

טאָמער עפעס נישט אַזוי, ווי זי וויל — באַלד געשלאָגן. און מיר זענען מענטשן, ווייסט איר דאָך אַ וואָסערע, מענטשן פון קליינעם מין. צי איז מעגלעך, אַז אַלץ זאָל זיין אַזוי, ווי מען וויל?

זי קען עס נישט פאַרנעמען.

זינאַידאַ פּאַוולאָוונאַס טאָכטער האָט אַ קלאַוויר, זי שפּילט, און דאָס פענסטער האַלט זי אָפן. זי באַווייזט מיט דעם איר דער-ציִונג און דעם „bon ton", נו, איז עס אַ מעגלעכע זאַך, אַז אויך איך זאָל קומען צו אַ קלאַוויר? אָדער מיט די הויזן די מעשה! די הויזן האָט מיר ניקאָלענקאַ אַוועקגעגעבן, באַשר מיינע זענען צעריסן געווען. אַ חרפה אַזוי צו גיין צו דער אַרבעט. נו, און אַזוי ווי עס האָבן זיך מיר דאַמאָלס אונטערגערוקט אַנדערע הוצאות — איז שוין אַזוי געבליבן. שוין אויף שטענדיק אַזוי. קוקסט דיך צו צו איר, איז אַ רחמנות. זי דערלויבט זיך אַליין נישט דעם אָטעם צו כאַפּן. זי איז תמיד בייז אויף עפעס און אומרויִק צוליב עפעס אַ כאַראַקטער האָט זי אַ שטאָלצן און אַ קאָפּ או... או... אַזאַ קאָפּ האָט באַדאַרפט האָבן אונדזער איספּראַווניק.

ער האָט זיך פאַרטראַכט.

— אַ שאָד אָבער ניקאָלענקע — האָט ער אָנגעהויבן. — איך האָב שוין, דעם אמת זאָגנדיק, געקלערט: אָט וועט ער ענ-דיקן דעם אוניווערסיטעט, וועט באַקומען אַ שטעלע, און מיך אויף דער עלטער נעמען צו זיך.

און איצט וואָס?

אַ מענטש האָט געלעבט, זיך געמאַטערט און צוליב וואָס?

כ'ווייס נישט צו וואָס? מענטשן קענען דאָך נישט געבוירן ווערן בלויז דערויף, אַז זיי זאָלן איבערשרייבן פּאַפּירן און שפּילן אין אַ פּרעפערענס.

נאָך דער לויה האָט אונדז וואַסילי אַנדרעיעוויטש איינגע־לאַדן צו זיך — ניקאָלאַי ווראָנסקין צו דערמאָנען און אַליין זיך צו געזעגענען.

די עקזאַמענס האָבן זיך שוין געענדיקט און מ'האָט בעדאַרפט טראַכטן וועגן אָוועקפאָרן.

מיר זענען געזעסן אין דער אַלטאַנע בײַ אַ פלעשל ווײַן. וואַסילי אַנדרעיעוויטש האָט נערוועז געצופּט די באָרד.

— אַרכימעד האָט געזאָגט: גיט מיר אַזאַ פּונקט, וואָס איך זאָל מיך קענען שטעלן אויף אים אויסער דער ערד, און איך וועל רירן די ערד פון אָרט... און איך זאָג בלויז: גיט מיר אַזאַ פּינ־טעלע, וואָס מען זאָל קענען לעבן דערויף, אַזוי, אַז די רוסישע בלאָטע זאָל נישט טריפן אין דער נשמה אַריין. און אומזיסט וועט איר עס זוכן מיט דער גאַנצער געאָמעטריע און טריגאָנאָמעטריע: איר וועט נישט געפינען. עס וועט זיך שוין שטענדיק געפינען איין פּאָדעם אַזעלכער, וואָס וועט דעם מענטש ביזן גרוּבּט אַראָפּ־שלעפּן.

— בלויז דאָס אַליין האָב איך שטענדיק געוואָלט — אָפּ־לעבן דאָס לעבן אין אַ זייט, רויק. איך פאַרלאַנג שוין קיין זאַך נישט. די ערד פון איר אָרט וועל איך נישט אָפּרוקן. לאָמיך בלויז קיין עוולות נישט פילן אין הארץ.

עמעץ פון אונדז האָט זיך אָנגערופן, אַז מיר וועלן אים דער־מאָנען צום גוטן.

— אַבּער, מײַנע הערן, איך האָב מיך באמת פאַרזונדיקט קיין זאַך נישט צו טון... אָט זענען אַריבער צוואַנציק יאָר. עס וואָלט זיך געגלוסט זיך אַליין עפּעס אַ דערמאָן טון. און וואָס־זשע וועל איך זיך דערמאָנען? דאָס, ווייניקסטנס, האָב איך יאָ געטון: איך האָב נישט קאַליע געמאַכט און נישט צעדרייט קיין מוחות, אָבער איך בין געשטאַנען און האָב געקוקט, ווי אַנדערע האָבן עס

געטון. עס זענען דאָך פאַרהאַן פּעדאַגאָגישע ראַטן, האָב איך מיך שוין דאָרט אַלץ אָנגעהערט און פאַרשוויגן.

ער האָט אָנגעגאָסן די גלעזלעך.

מיר האָבן ווידער אויסגעטרונקען.

— איבגאַנצן, מייִנע הערן, — אינגאַנצן — אַ גרויסן טאָסט דערקלער איך...

און ער האָט נאָך אַמאָל אָנגעקלאַפּט דאָס גלעזל מיט זײַן גאָנטסטן שכן.

— פאַרן אונטערגאַנג — האָט ער געזאָגט — פאַרן אונטערגאַנג אָט פון דעם אַלעם!

ווי ווייט דו זאָלסט נישט גרייכן מיטן זכרון — אַלץ איז בלאָטע, בלאָטע, בלאָטע!

— דאָ, ער האָט אָנגעוויזן אויף אַ הויז אין אַנטקעגנאיבערדיקן גאָרטן, האָט געוווינט אַ גלח, אַ פּרעפעקט. געווען אַ מענטש מיט שכל. ער פלעגט פון איין זייט צוגיין צום פלויט, איך פון דער אַנדערער און מיר פלעגן אַזוי נישט איינמאָל שמועסן. איך פלעג אים דערציילן וועגן לאָבאַטשעווסקין און ער פלעגט מיר ברענגען אויסצוגן פון הענע-ווראָנסקי, פלעגט איבערזעצן קאַנטן. ביז אַזייגער איינס, צוויי בײַנאַכט פלעגן מיר מאַנכעסמאָל שטיין אין אַ זומערנאַכט און שמועסן. מ'פלעגט פאַרגעסן אָן רוסלאַנד, אָן אַלץ. מאַטעמאַטיק, מייִנע הערן, איז אַ גרויסע זאַך. זי איז פונקט ווי פליגל, און אויף די דאָזיקע פליגלען פלעגן מיר צוזאַמען פליִען.

— און צי וועט איר וועלן גלייבן, מייִנע הערן, אַז ס'איז נישט אַוועק קיין צוויי יאָר — און מ'האָט אָט דעם זעלבן גלח געפירט דאָ איבער דער גאַס אַ געשמידטן אין קייטן — דאָס איז געווען אין דריי און זעכציקסטן יאָר, — און אַז איך בין דאָ געשטאַנען בײַם טירל, געשטאַנען און זיך אפילו נישט באַגריסט מיט אים. געקוקט האָט ער אויף מיר מיט די בלויע אויגן זײַנע. דער גרויער קאָפּ האָט זיך בײַ אים געשאָקלט. עפּעס אַ קאָזאַק איז אונטערגעלאָפן און האָט אַרויסגעוויזן דעם פּאַטריאָטיזם: אים אַ זעץ

געטון אין רוקן און איך בין געשטאנען, ווי כ'וואָלט אים אײַנגאַנצן נישט געקענט.

— וואַסילי אַנדרעיעוויטש — האָט זיך אָנגערופן אַ פרויען־שטימע הינטער אונדז, און דאָס געדענקסטו שוין נישט, אַז דו ביסט צו אים דעם אַנדערן טאָג קיין בראַצלאַוו אין תפיסה אַרײַנגעפאָרן און צום גענעראַל־גובערנאַטאָר קיין קיִעוו?

— דאָס האָסטו מיך שוין געהייסן.

— נישט אמת, — האָט זיך די פרוי פאַרויסלט אַרײַנקומענדיק — ווי קענסטו גאָר רעדן אַזוי. קיין ערלעכערן און כּשר־טיקערן מענטש פון דיר האָב איך קיינמאָל נישט געזען.

— לאָז צורו, וויעראַ. אַ מענטש קען זיך אַליין צום בעסטן. און נאָכאַמאָל מײַנע הערן, אונטערגיין זאָל דאָס אַלץ.

מען האָט דערלאַנגט אַ צווייט פלעשל.

— און דאָס וויל איך אײַך נאָך זאָגן, מײַנע הערן, דער מענטש דאַרף זיך קיינמאָל נישט שוינען. פון געאָמעטרישן שטאַנדפונקט דאַרף מען אויף זיך אַליין קוקן: און וואָס־זשע בין איך, דאָס קליינע פינטל, עס זאָל כּדאַי זײַן וועגן מיר צו טראַכטן. און געדענקען דאַרף מען, אַז יענץ איז אייגנטלעך דאָס אומענדלעכע, און נישט איך.

פון גאָרטן האָבן זיך געהערט שטימען פון קינדער, וועלכע האָבן זיך דאָרט געשפּילט.

— און שווער איז, מײַנע הערן — האָט קיזניעצאָוו געזאָגט — נישט וועגן זיך, נאָר וועגן צט די דאָזיקע גאָלד־געקרויזטע קעפּלעך פון געאָמעטרישן שטאַנדפּונקט אַ טראַכט צו טון. נאָר דאָס שווער איך אײַך, אַז עס וועט קומען אַ צײַט, ווען איך וועל אויך זיי אַנדערש נישט זאָגן: דער מענטש דאַרף זיך נישט שוינען.

מיר האָבן זיך געזעגנט מיט וואַסילי אַנדרעיעוויטשן.

מיר האָבן געוואָלט פאַרברענגען בצוזאַמען די דאָזיקע לעצטע קורצע זומער־נאַכט.

איך בין אַהיימגעלאָפן אײַנפּאַקן די זאַכן און זיך געזעגענען מיט אַדאַשס עלטערן. צווישן אים און זײַנע טאַטע־מאַמע זענען די באַציִונגען געווען מער אָנגעשטרענגט, ווי תמיד.

אדאַש האָט געזאָלט אַוועקפאָרן אויף אַ קאָנדיציע, כדי אויס־צומיידן די שטענדיקע שטעך-ווערטער. אויף מיר האָט הער ביעלעצקי אויך קרום געקוקט, ער האָט זיך בלויז איינגעהאַלטן צוליב מיין פאָטערס גרויסן פאַרמעגן.

די לאַגע האָט זיך נאָך מער פאַרשאַרפט זינט דעם פאַרפאַל מיטן גלח ווינצענטי.

בא אונדז איז געווען אַ מנהג, אַז די מאַטוזשיסטן פלעגן גיין פאַרן ערשטן עקזאַמען צום גלח, ער זאָל זיי בענטשן.

מ'פלעגט געוויינטלעך מאַכן אַ געלט-זאמלונג, און דאָס דאָזיקע געלט נאָך אַ גאַנצער צערעמאָניע איבערגעבן דעם גלח אין עפּעס אַ געהאָפטען, אָדער מיט פאַטשערקעס אויסגענייטן בייטעלע. דערפאַר פלעגט דער גלח נאָך אַלע עקזאַמענס אָפּריכטן אַ פייערלעכע גאָטעסדינסט מיט אַ דרשה, וועלכע איז ספּעציעל געווענדט געווען צו דער יוגנט. היי־יאָר אָבער איז דער גלח געווען קראַנק. דער דאָקטאָר האָט אים פאַרווערט אָפּצוריכטן די תפילות צוליב דער פייכטקייט און קעלט, וואָס האָבן געהערשט אין קאָשטשיאָל.

מאַכן אַ זאַמלונג איז נישט געווען צוליב וואָס.

נישט קוקנדיק אויף דעם האָבן די פרומערע געהאַלטן פאַר אַ חלול-הקודש צו באַקומען די ברכה אומזיסט.

דער ערשטער איז צוגעגאַנגען צום גלח איינער פון די ברודער טורסקי. בשעת דער גלח האָט געמורמלט זיינע השבעות, האָט אים טורסקי אַריינגערוקט אַ באַנקנאָט אין אַרבל אַריין. —

דער גלח האָט זיך גלייך געכאַפּט און די איבעריקע, וועלכע פלעגן שפּעטער צוגיין, האָט ער שוין אונטערגעשטעלט דעם אַרבל אַזוי, אַז דאָס עסק זאָל זיין לייכטער.

אַלץ איז געגאַנגען כשורה כל-זמן עס זענען צוגעגאַנגען נאָך דער ברכה יינגלעך פון אַזעלכע פאַמיליעס, וועלכע היטן אָפּ די טראַדיציעס און לעבן מיט די נאַציאָנאַלע אידעאַלן. עס איז אָבער געקומען צו אַדאַשן.

און דאָ איז פאָרגעקומען עפּעס אַזוינס, וואָס מען האָט נישט פאַרגעזען.

דער גלח האָט שוין אַ צייט לאַנג געברומט די לאַטיינישע

חערטער, אָבער אין אַרבל אַריין איז קיין זאַך נישט צוגעקומען. רעכנענדיק, אַז אַדאַש האָט נישט באַוויזן באַצייטנס אָנצוגרייטן קיין געלט, איז דער גלח איבערגעגאַנגען פון איין ברכה צו דער צווייטער, האָט אָפּגעהאַלטן אַ גאַנצע דרשה.

אַדאַש איז געשטאַנען קאַלטבלוטיק און געקוקט אויפן גלח.

שפּעטער האָט דער גלח פאַרזיכערט, אַז ער האָט אפילו געיִנטלט מיטן לינקן אויג.

ענדלעך איז די לאַגע געוואָרן אומדערטרעגלעך: איך האָב דערפילט, אַז איך וועל אַרויסשיסן מיט אַ געלעכטער. נישט ווילנדיק עס זאָל קומען דערצו, בין איך אַרויסגעלאָפן. עפּעס אַ צנועה, וואָס איז געשטאַנען פאַרן גלחס טיר האָט געטענהט, אַז איך האָב אפילו אַ טראַסק געטון מיט דער טיר.

אין אַ ווײַלע אַרום איז אַרויסגעלאָפן אַדאַש אַ רויטער פון איינהאַלטן זיך פון געלעכטער.

יענעם טאָג האָבן מיר לאַנג נישט געקענט אַ קוק טון איינער דעם צווייטן אין די אויגן אַריין אָן געלעכטער, ווײַל ס'פלעגט זיך אונדז אַלץ דערמאַנען דעם גלח ווינצענטיס פּנים.

אינדערהיים האָט זיך דערווײַל געגרייט אַ שטורם.

באַ בינטשיאַן און בינטשיאַן האָבן די פּנימער געפלאַמט, בשעת מיר זענען אַרײַנגעקומען.

די פרוי ביעלעצקאַ איז געלעגן אויפן אָטאָמאַן, האַלטנדיק דעם קאָפּ אין אַ פאַן, וועלכע איז געהאָנגען אויף אַ האָק. דאָס איז געווען דאָס בעסטע מיטל קעגן מיגרען און דער ריכטיקסטער סימן פון גײַסטיקע לײַדן.

הער ביעלעצקי איז אַרומגעגאַנגען אָן אַ שניפּס און כסדר זיך געכאַפּט באַם האַלדז, באַווײַזנדיק אַזוי אַרום, אַז ער שטיקט זיך.

בשעת אַדאַש איז אַרײַנגעקומען, האָב איך מיטאַמאָל דערהערט אַ געשריי.

— אַלע ביעלעצקיס קענען נישט אײַנליגן רויִק אין די קברים. מײַן חשובער קוזין און זײַן פאַמיליע האָבן זיך מיאוס גע-

לאַנגווײלט. לאַנגווײל ווידער שאַפט די בעסטע שטימונג פאַר פאַמיליען-טראַגעדיעס.

אַלע, אפילו די מומע ביעלעצקאַ, וועלכע האָט זיך קורירט מיט דער פאַן, האָבן זיך פשוט שרעקלעך מחיה געווען מיט דער מעגלעכקייט אַרײַנצופלעכטן אין זייער איינטאָניק און פאַרבלאָזלעבן עפּעס אַזוינס, וואָס איז ענלעך צו אַ געשעעניש.

איבערציי‍גונגען זענען נייטיק באַזונדערס אינם פאַמיליען-לעבן, ווי אַן אידעישע באַגרינדונג און נאָכמאַכונג פון יענע היסטערישע סצענעס, נאָך וועלכע די אויסגעמאַטערטע אײנדרוקסלאָזע נערוון לעכצן אַזוי ווי נאָך שפּייז.

איצט האָט די גאַנצע פאַמיליע געציטערט, די געלעגנהייט זאָל נישט פאַרשווונדן. ס'איז זיך אָבער נישט געווען וואָס צו שרעקן ווען איך מיט אַדאַשן זענען געווען ביידע אויפגערעגט פון די עקזאַמענס און פון ווראַנסקיס טויט.

— דו ווייסט — האָט אויסגערופן הער ביעלעצקי — אַז איך, דיין פאָטער, האָב געמוזט רויט ווערן פאַר שאַנדע צוליב דיר. מ'האָט מיך געפרעגט, צי אַזוי זען עס אויס די אַלט-פוילישע מנהגים בײַ מיר אין שטוב. און איך האָב נישט געקענט ענטפערן. כ'בין געשטאַנען אַ שולדיקער און געטראַכט, פאַר וועלכער זינד עס קומט מיר נאָך אָט דער דערנער-קראַנץ.

אויב דער שטאָלץ פון מיין אַדעליקן שטאַם איז די שולד, פאַר וועלכן דו שטראָפסט מיך, רבונו של עולם, דורך מיין אייגן בלוט, טאָ זיי-זשע וויסן, אַז מיר זענען שטאָלץ מיט דעם, וואָס מיר זענען גרייט געווען ביזן לעצטן טראָפּן בלוט צו פאַרטיידיקן דיין גלויבן.

דערביי האָט ער זיך פאַרקייכט און געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי איינער, וואָס ווערט דערשטיקט.

— אַדאַש, קינד מיינס, — האָט זיך אָפּגערופן מיט אַ יאָמערלעכער שטימע די פרוי ביעלעצקאַ — באַזין זיך, ביסט אויף אַ שלעכטן וועג אַרויף. דו שטאָלצירסט מיט דיין בילדונג און דו שעמסט זיך אַוודאי, וואָס דו האָסט אַזאַ נאַרישע מוטער, אָבער אַזעלכע ווי איך בין, אַזעלכע מוזטו דאָך מיך שוין האָבן און מיין

אײגענעם פּראָסטן שכל פֿאַרמאָג איך. דער גלח איז גערעכט, וואָס ער איז אויפֿגעבראַכט. עס וועט דערגײן צו דער מימע וואַלענטינאַ און זי וועט צוריקציִען איר שטיצע. און דער פּעטער עמיליאַן — אַזאַ פֿרומער מענטש.

— די כראַבינאַ פּעלאַגעאַ האָט זיך הײנט מיט מיר אַזוי קאַלט באַגריסט, אַז איך וועל שוין נישט וואַגן צו גײן צו איר אויף דעם דאָזיקן פֿאַרבעטענעם אָוונט-ברויט.

די פֿאַמיליע האָט זיך געפֿילט ווי אַ פֿיש אין וואַסער.

אַדאַש, אַ פֿאַרטויבטער, אַ פֿאַרשריגענער, האָט אין אַ געווויסן מאָמענט מאַשינעל אַ פֿײף געטון.

די פֿרוי ביעלעצקאַ איז אויפֿגעשפּרונגען.

— אַרויס — האָט אַ געשרײ געטון דער הער ביעלעצקי — דאָס זענען גראָב-יונגערישע מאַניערן. אין ריילסקיס דרכים וועסטו גײן, אַוועק פֿון מײנע אויגן. דרך-ארץ פֿאַר דעם טאַטנס גרויע האָר. דאָ איז אַ פּוילישע שטוב.

— וועלכע מען אילומינירט לכּבוד דעם קײזערס רעטונג — האָט אַדאַש אַ געשרײ געטון. — דאָ איז נישטאָ קײן שום פּוילן. וואָס גײט דעם פֿאָטער אָן עפּעס אַ פּוילן, דאָס איז נישט קײן טויז און נישט קײן געצײכנטע קאָרט.

הער ביעלעצקי איז אַ פֿאַל געטון אויף אַ שטול און אָנגעהויבן באַוועגן מיט די פֿיס, ווי אַ מענטש וואָס טרינקט זיך.

— ער שטאַרבט! — האָט אויסגעשריגן נינטשיאַ.

— האָסט דערהרגעט דעם פֿאָטער — האָט געיאָמערט די פֿרוי ביעלעצקאַ.

אַדאַש איז אַרויסגעלאָ‌ַן אין גאַס אַרײן.

מיט מיר זענען זי הערשאַפֿט ביעלעצקי אויך געווען אָנגעצויגן, באַזונדערס דער שײנער מין, נאָכדעם ווי איך האָב אויף דעם צווייפֿלען פֿון דער פֿרוי ביעלעצקאַ, צי מײן פֿאָטער וועט שטיצן מײן האַנדלונג קעגן דעם גלח ווינצענטי, געענטפֿערט, אַז איך קען מײן פֿאָטער און אַז דווקא פֿאַר אים, ווי פֿאַר אַ קלוגן, רעליגיעזן מענטשן, איז יעדער רעליגיעזער אָנשטעל עקלהאַפֿט און רופֿט אַרויס בײַ אים אומצופֿרידנהײט

— דעם גלח ווינצענטי שעצט די כראבינע פעלאגעיא.

— מיין פאטער שעצט אבער נישט די כראבינע פעלאגעיא — האב איך געזאגט.

כ׳האב געהערט דערנאך, ווי די פרוי ביעלעצקא האט זיך אפגערופן צום מאן:

— צי וועסטו דערלויבן דעם דאזיקן יונגאטש צו באליידיקן דיין פרוי?

כ׳האב זיך אלזא געזעגנט מיט דער מומען און מיט די קוזינעס זייער קאלט, דערפאר אבער האט מיך הער ביעלעצקי באגלייט מיט א שמועס.

— ס׳איז מיר א חידוש — האט ער געזאגט, — אויף אונדזער קוזין אקטאוויוש, וואס ער האט דעם קוזינעק נישט ארויסגעשיקט ערגעץ אין אונדזערס א שול קיין גאליציע, ווייל אויב מיר, קבצנים, מוזן ליידן, אז אונדזערע קינדער זאלן זיך אויסמישן מיט דער ווילדער באנדע, איז אן אנדערע זאך. אבער ווער עס קען... פארשטייט זיך, פארשטייט זיך, דער קוזין אקטאוויאן איז א סטאטיסט, א סענאטארישער קאפ, כ׳האב עס תמיד געטענהט. אבער ס׳איז שווער, טייערסטער, שווער צו קוקן דערויף. צי איז דען אדאש געווען אזוי? היינט קוקט דער קוזינעק אנדערש דערויף, כ׳ווייס. דעמאקראטיע, פרינציפן, גאטעניו! כ׳בין אויך יונג געווען, מיין טייערינקער. נישט דער איז דער אמתער גאט, וואס געפינט זיך אין סיקסטינער קאטעדרע, נאר דער, וואס גייט מיט א צעפלאשעטער בארד, מיט א שווערד אין דער האנט בראש פון די פעלקער. יא! יא! אבער פון דערפארונג און פון טיפער איבערצייגונג זאג איך, אז ס׳איז דא אן אונטערשייד צווישן אינדז. בא אונדז איז אפילו אזא מיעראסלאווסקי געווען א מענטש מיט פאנטאזיעס. און דא ווידער די דעמאקראטיע זייערע, אמתע עם־הארצות!

איר יונגוואַרג, מיינט, אז מיר ווייסן שוין נישט, קלערן שוין וועגן קיין זאך נישט. אבער מיר, טייערער קוזינעק, טראכטן טאג און נאכט אין אונדזערע קאבינעטן און הויפן. יאנוארי ביעלעצקי זאגט עס דיר. דער מאנגל אין פרינציפן וועט זיי אומברענגען, נישטא קיין יסודות. און עס קען אנדערש נישט זיין: נישטא קיין

מענטשלעכע ווירדע, קיין גלויבן איז נישטאָ און קיין פּאַטריאָטיזם, קיין ליבע צום פאָטערלאַנד. בײַ זיי איז אַפילו נישטאָ דאָס וואָרט: פאָטערלאַנד. פאַרשטייסטו מיך, קוזינעק, קיין באָדן איז נישטאָ. און עס וועט זיך נאָך צעפאַלן דאָס אַלץ. קיין געזעלשאַפטלעכער חוש איז נישטאָ. הײַנט ביסטו אַ באַאַמטער, אַ פּריץ און מאָרגן אַ פּויער: און עס וועט קומען אַזאַ צײַט, ווי גריכנלאַנד אינם אַלטן רוים עס וועט זיך אַריבערזוויזן, אַז אָן אונדז — קען מען נישט קיין טראָט טון. און מיר וואַרטן איצט. קיין זאַך נישט, נאָר וואַרטן און די פּרינציפּן אָפּהיטן. — דער קוזין אָקטאַוויאַן האָט שוין אוודאי דאָס אַלץ פאַרגעסן. אָבער די פּרינציפּן, מײַן קוזינעלע, יאַנואַרי ביעלעצקי זאָגט עס דיר. איך האָב דאָרט אויך יונגערהייט אַזוי און אַזוי, אָנשוויבגען, פילאָזאָפיע, אָבער הײַנט, מיט איין פוס אין קבר, זאָג איך, ווי יענער חכם; אַ האַלבע חכמה פירט אַוועק פון גאָט, אַ גאַנצע קערט צוריק צו אים. און אַזוי איז עס. אַ געניטער זקן זאָגט עס דיר. אויף דײַן לעבנס־וועג נעם דיר מיט די דאָזיקע עצה פון אַ דערפאַרענעם קרוב. אונדזערע פּרינציפּן — דאָס איז אונדזער מאַכט. —

כ׳געדענק זיי די סטאַטיסטן פון די קלענערע הויפן און פּאַלאַצן. די רויִנירטע בירגער און מאַגנאַטן — אויפשטייענדיק פונם גרינעם טישל, בײַ וועלכן זיי האָבן געשפּילט אין דעם אַזאַרטפולן „djabełek” אָדער פּרעפעראַנס. צוריקקומענדיק פונם אָוונטברויט מיט באַלערינעס, אָדער פונם יאָרמאַרק, ווו מ׳האָט נאָכגעגעבן דעם שלאַכטיצקן טעמפּעראַמענט. אָדער אָפּרייסנדיק זיך פונם באַליבטן פּאַסיאַנס, וועלכן מ׳פלעגט אומדערמידלעך דורכקלאַפּן צו אַכט, צען שעה אין מעת־לעת — האָבן אויך זיי אַלע געהאַט דאָס דאָזיקע אײנציקע וואָרט אויף די ליפּן. דעריבער איז זיך נאָך מער צו וווּנדערן, וואָס זיי זענען אַזוי זיכער געווען איבערצייגט, אַז דאָס שפּילט אין זייער לעבן עפּעס אַ ראָל. זיי האָבן בעגלייבט, אַז זיי פאַרטיידיקן יענע פּרינציפּן זייערע, אַז זיי בלײַבן זיי טריי. זיי האָבן נישט געצווייפלט, אַז זיי און זייער סביבה זענען עפּעס הגבֿרס. ס׳האָט זיך זיי געדאַכט, אַז זיי הערשן אי-

בערן לעבן, אַז זיי האָבן דאָס רעכט אויף אַלץ אַ קוועטש צו טאָן מיט די פּלייצעס אין אַלצדינג גרינגצושעצן.

אָ, ווי אומבאַמערקבאַר פּלעגט מען דאָ אַלע טאָג רויִק, מיט אַ ליבן שמייכל אויפן פּנים און מיט דער מילדקייט פון אַ טויב אין האַרץ דערהרגענען נשמות און מוחות.

דאָ פּלעגן זיך שאַפן און איבערחזרן משונהדיקע לעגענדעס.

מיט אַ שטאָלצן שמייכל פּלעגט מען דערציילן איינער דעם אַנדערן ווי קליאַטשקאָ האָט באַזיגט ביסמאַרקן. בלויז פאַר אים אַליין, פאַר זיין שאַרפזיניקייט און זיין געטריי זיין די פּרינציפּן האָט מורא דער אייזערנער קאַנצלער.

מען האָט דאָ נישט באַמערקט, מען האָט דאָ נישט געוואָלט באַמערקן, אַז פון טאָג צו טאָג וואַקסט אַרום אונדז אַ ניי, אונדז שוין פרעמד, אונדז שוין אומבאַקאַנט, אומפאַרשטענדלעך לעבן.

דאָס זענען אַלץ געווען בלויז אויסטראַכטענישן פון מאָמענט, קאַפּריזן פון דער מאָדע, דער שוים פון געשעענישן, איבערפלעכלעכע און גאָר אומבאַדייטנדיקע.

איך, אַ מענטש אַ רויִנירטער, אַן אַרויסגעשליידערטער פון די ראַמען פון לעבן, פאַרשילט דיך נאָך היינט, דו אויפרירנדע גוטסקייט פון די פּוילישע פאַמיליעס.

אָבער וואָס קומט אַרויס פון צאָרן און פאַרביטערונג.

אַזוי האָט עס געמוזט און מוז זיין.

כ'ש'עק מיך בלויז, אַז ס'וועט קומען אַ טאָג, ווען מיר וועלן זיך אויפכאַפּן צווישן דער מענטשהייט אומגוצלעכע און הילפלאָזע.

מיט וואָס פאַר אַ פּריצישער רויִקייט, מיט וואָס פאַר אַן אינטימער גרינגשעצונג פון מיינונגען מ'פּלעגט דאָ קלאַפּן איבערן אַקסל מענטשן און אידעען.

דער פּאַסיאַנס-חכם, אָדער דער נאַציאָנאַלער מאַרטירער, וועלכער האָט זיך געלאַנגווייליקט צווישן איין פּאַרטיע און דער צווייטער, צווישן איין יאַרמאַרק-קרעטשמע און דער צווייטער, האָט זיך

מיט אַ נאָכגעבנדיקן שמייכל צוגעקוקט, ווי זיין זון פלעגט אויפ־שטיין מיט אַ צעהיצטן קאָפּ פון דאַרווינס אָדער באָקלס ווערק.

און וויפיל גרינגשעצונג דאָ איז געווען, ווי מ׳האָט עס געקענט איינוואָרצלען די דאָזיקע גרינגשעצונג צום מענטש, צו געדאַנקען, צו דער זעלבסטווירדע.

וויפיל מאָל און מיט וואָס פאַר אַ הנאה פלעגט דער פעטער פלאָריאַן דערציילן, אַז מ׳שמייסט אין די שולן מיט ריטער. כ׳גע־דענק, ווי ער האָט זיך געוויצלט, בשעת מ׳האָט אין אָדעס געזאָלט דער פריילין ווזשאָסעק, וועלכע איז אַרעסטירט געוואָרן פאַר איינאָרדנען עפּעס אַ פּאַטריאָטישע גאָטעס־דינסט געבן אין דער פּאָ־ליציי עטלעכע שמיץ.

ס׳איז אין דעם געווען אַן אמתדיק מחיה זיין זיך. ס׳פלעגט אויפלעבן די פּסיכאָלאָגיע פון די סטאַראָסטעס קאַניאָווסקיס און לצים אין דער מיטרע „Panie Kochanku“.

כ׳געדענק, ווי דער פעטער האָט זיך פאַרוואונדערט, בשעת די מומע עמיליע האָט אָנגעהויבן פאַרטיידיקן דאָס באַליידיקטע מיידל.

— מ׳מעג דאָך פון אַלצדינג לאַכן. אַז אַ מענטש וואָלט שוין קיין געלעכטער נישט געטאָרט מאַכן!

און געלאַכט האָבן זיי אומאויפהערלעך פון זיך, פון זייערע קינדערס צוקונפט, פון דער וויסנשאַפט, פון דער גאָרער וועלט. קיינער איז דאָ קיינמאָל נישט געווען אויפריכטיק מיט זיך אַליין. דער אינערלעכער און אויסערלעכער אמת זענען געווען איינמאָל פאַר אַלעמאָל פאַריאָגט פון דער דאָזיקער געדאַנקען־אַטמאָס־פערע.

דעם פעטער פלאָריאַנס געלעכטערן זענען געווען באַרימט. ער פלעגט זיי אַרומטראַכטן וואָכנלאַנג, וואָכנלאַנג פלעגט ער זיי דורכפירן אין לעבן.

כ׳געדענק אַזאַ פאַל:

פאַרן טויער פון אונדזער פּאַלאַץ האָט זיך געצויגן אַ לאַנ־גער פּאָסט־טראַקט. דער פעטער פלעגט זיך דאָ אַנידערזעצן און פירן שמועסן מיט די פאַרבייגייערס. ס׳איז געווען אַ היץ. אַ תבואה־

העבדלער, אַן אַלטער ייִד, מיט וועלכן אונדזער משפּחה האָט געפירט געשעפטן אין משך פון עטלעכע יאָר, האָט זיך דורכפאָרנדיק אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע און געבעטן אַ גלאָז וואַסער. דער פעטער האָט אָנגעקלונגען נאָכן קעלנער. און ווען דער ייִד האָט אָפּגעטרונקען, האָט ער, ווינקנדיק, געפרעגט דעם דינער.

— האָסט אַרײַנגעשאָטן?

— אַרײַנגעשאָטן — האָט געענטפערט דער אויסגעדרעסירטער דינער.

זעלמאַן, אַן עטלעכע זעכציק־יעריקער ייִד, איז קראַנק געוואָרן פון שרעק. ער איז געווען זיכער, אַז ער האָט אויסגעטרונקען מיטן וואַסער עפּעס טריפס.

די שלאַכטע פלעגט לאַכן הערנדיק די דאָזיקע מעשה. און ווען זעלמאַנס זון, האָט מיט עטלעכע חדשים שפּעטער, קומענדיק צום פאָטער אויף די פעריען פון אוניווערסיטעט, געשיקט דעם פעטער אַן אַרויספאָדערונג, איז דאָס אָנערקענט געוואָרן פאַר אַ פּראַכטפולן אַנעקדאָט.

— דעם אַלטן זעלמאַנס אַ זון... כאַ, כאַ, משה זעלמאַן.

כ׳בין דאַמאָלס אַלט געווען זיבעצן יאָר. כ׳האָב געהייסן זאָטלען דאָס פערד און בין אָוועקגעריטן אין שטעטל אַרײַן, וווּ זעלמאַן האָט געוווינט.

דער אַלטער איז נישט געווען אינדערהיים. אין אַ סאַלאָן, אָן אָנגעשטעלטן מיט מעבל, האָט מיך אויפגענומען אַ יונגערמאַן מיט אַ בלאַס פּנים, באַוואַקסן מיט שוואַרצע האָר און מיט אַ פּאָר גרויסע אומעטיקע אויגן.

— איך בין קאָניאַווסקי — האָב איך געזאָגט — מײַן פעטער איז באַגאַנגען קעגן אײַער פאָטער אַ נידעריקן טאַט. ער האָט זיך דערצווינגען אויף באַגריפן, וועלכע די מענטשלעכע ווירדע איז שטענדיק אײַנגאַנצן פרעמד געווען. אויב איר ווילט, וועל איך זיך שלאָגן מיט אײַך.

זעלמאַן האָט אַ שמייכל געטון, ער האָט מיר אויסגעשטרעקט זײַן האַנט.

— וואָס־זשע פאַר אַ זין וואָלט עס געהאַט, ווען איך וואָלט

בעגאַנגען אייך שיסן און איר מיך. דעם פעטער אייערן וואָלט איך געוואָלט אָנלערנען, אויב ער ווייסט נישט אַזאַ זאַך, אַז א ייִד איז אויך אַ מענטש. מיין פאָטער האָט קיינעם קיין עוולה נישט געטון, זיין איינציקע שולד איז נאָר דאָס, וואָס ער האָט דערלויבט די פּריצים זיך צו מאַכן געלעכטערן מיט אים. אויך איצט האָט ער זיך מיט גרויס כּעס געוואָרפן אויף מיר, ווען ער האָט געהערט וועגן מיין אַרויסרוף. ער האָט זיך דערשראָקן, עס זאָל מיר עפּעס נישט געשען, ער האָט אפילו געוואָלט פאָרן צו אייער פאָטער, ער איז אפשר אויך געפאָרן, כאָטש כ'האָב אים געבעטן, ער זאָל עס נישט טון. אָבער מיט אייך, פאַרוואָס זאָל איך מיך גיין שלאָגן? מיט אייך איז מיר זייער אָנגענעם זיך צו באַקענען.

מיר האָבן אָנגעהויבן שמועסן.

דער יונגער זעלמאַן איז געווען אַ פּאָעט. שפּעטער, ווען ער האָט שוין נישט געלעבט, האָט מען זיך אין גאַנץ רוסלאַנד נישט געקענט גענוג אָנזעטיקן מיט זיין לירִיק. אין זיי האָט גע-צאַפּלט אַ מוראדיקער אומעט און אַ שטאַרקע לוסט צום לעבן, אַ גרויסע ליבע צו גליק און איבערצייגונג, אַז דאָס גליק וועט קיינמאָל נישט קומען.

מיר האָבן גערעדט וועגן ליטעראַטור און וועגן דער ייִדי-שער לאַגע.

צווישן אַנדערע זאַכן האָט זעלמאַן געזאָגט.

— פון אייער פּוילישער גוטסקייט קען מען לייכט פאַר-פירט ווערן. אויף אייך, אַז ס'פאַלט אָן אַ משוגעת, וועט איר דעם פאַכטער לעבן זיך באַם טיש זעצן. ער זאָל זיך אָבער נישט פאַר-שטעלן, אַז דאָס קומט אים. איר זענט גוטע מענטשן. איר האַלט, אַז אויך צו אַ ייִד דאַרף מען גוט זיין.

כ'האָב אײַנגעבויגן דעם קאָפּ.

— האָט קיין פאַראיבל נישט — האָב איך געזאָגט, — איך בין דאָך נישט אויסן גראָד אייך, כ'קען אייך נישט, איבעריקנס זענט איר נאָך יונג. נאָר ס'טוט מיר וויי, וואָס אייך איז אַזוי שלעכט. אָבער איר זענט דאָך אַזוי קיין מענטשן נישט.

בעת כ׳בין צוריקגעקומען, איז ענין-זעלמאַן בשעתן אָוונטברויט ווידער אַרויפגעשווומען.

ס׳האָט עפּעס געמוזט פּאַסירן. ווייל דער פּאָטער איז געווען מרה-שחורהדיק און דער פעטער פלאָריאַן האָט זיך געבלאָזן.

— אַבער, זייזשע אַזוי גוט, זיי אַזוי גוט, וואָס שאַדט עס מיר — האָט דער פעטער גערעדט — איך קען צו אים פאָרן אין אַ פראַק און אין אַ ווייסן שניפּס. ס׳ערשטע מאָל הער איך אַזאַ מעשה, מאָרגן וועט מיר טיכאָן אָדער ספּירידאָן שיקן סעקונדאַנטן.

ווען כ׳האָב אויפן פּאָטערס פראַגע געענטפערט, ווו כ׳בין געווען, האָט אויסגעבראָכן אַ שטורם.

דער פעטער פלאָריאַן האָט זיך אויפגעהויבן פון דער שטול און איז צוגעגאַנגען צו מיר נייגנדיק זיך נידעריק:

— אַ דאַנק פאַרן לערנען, אַ גרויסן דאַנק, די אייער זענען היינט קליגער פון די הינער. און וואָס זאָל איך טון? שטעלן זיך אין ווינקל, צי דו וועסט מיך אויסציִען אויף דר׳ערד: זיי אַזוי גוט, זיי אַזוי גוט, שעם דיך נישט, וואָס איז דען? כאָטש כ׳בין דיינער אַ פעטער, עס איך דאָך ברויט פון דיין פּאָטערס גנאָד, וואָס עפּעס זאָלסטו מיך זשאַלעווען, אדרבה, גיב דיר נאָך.

מיין פּאָטער איז אויפגעשטאַנען פון טיש און איז אַרויסגעגאַנגען.

ס׳איז מיר געווען אומאָנגענעם, ווי מ׳קען זיך נאָר פאָרשטעלן. ווי געהאַסט האָב איך די דאָזיקע פאַלשע, קלאָגערישע הוזיות, דאָס דאָזיקע הילן זיך אין א מאַרטירער-מאַנטל.

באַנאַכט האָט מיך באַגעגנט אין גאָרטן די מומע עמיליע:

— האָסט באַליידיקט דעם פעטער, דו ווייסט דאָך, וואָס פאַר אַ זיידענער מענטש ער איז. ווען איז אַרויסגעגאַנגען, האָט ער געווישט די טרערן. כ׳פאַרשטיי דיך, אָבער גלייב מיר, אַז דו נעמסט דיר דאָס שטאַרק צום האַרץ. זיי פילן עס גאָרנישט אַזוי שטאַרק. דער ייִד האָט זיך דערשראָקן צוליב זיין בעזונט.

כ׳האָב געטראַכט מיט אַ געוויסער שרעק וועגן די דריי

לאַנגע חדשים, וואָס ס׳וועט מיר אויסקומען צו פאַרברענגען אָט דאָ אין דער סביבה. אין פאַרלויף פון די פסחדיקע ימים־טובים האָט שוין די מומע געקוקט אויף מיר מיט פאַרוואורף. כ׳האָב מיך אַנט־שלאָסן אָפּגעזאָגט צו גיין אין קלויסטער אַריין.

דער פאָטער האָט מיך ווי נישט ווילנדיק אַ פרעג גע־טון.

— די מומע האָט עגמת־נפש, דו ווייסט דאָך, ווי צוגעוווינט זי איז צו די דאָזיקע פאַרבען. ס׳איז קיין וואונדער נישט, ס׳איז איר שוין גאָרנישט איבערגעבליבן אַ חוץ איר קינד, און איבערגעלעבט האָט זי אַ סך.

ס׳איז מיר שווער געווען צו רעדן וועגן דעם מיטן פאָ־טער.

כ׳האָב קיינמאָל נישט געוואַגט צו זיין מיט אים אינגאַנצן אויפריכטיק.

— כ׳וואָלט נישט געוואָלט מצער זיין די מומען — האָב איך געזאָגט — אָבער כ׳וויל אויך קיינעם נישט נאַרן.

מיר האָבן זיך שוין צו דער דאָזיקער פראַגע מער נישט צו־ריקגעקערט.

דער פאָטער מיינער איז געווען פרום אויף זיין שטייגער.

יאָרנלאַנג פלעגט ער זיך נישט ווייזן אין קאָשטשיאָל. אָבער כ׳האָב געזען איינמאָל, צי צוויי מאָל, ווי ער האָט געקניט, זיך גע־שלאָגן אין האַרץ און פון די אויגן זענען אים געפלאָסן טרערן.

איינמאָל איז עס געווען בשעת עפּעס אַ לוויה, דאָס צווייטע מאָל בשעת דער רייזע. מיר זענען אַריין אין אַ קלויסטער. קיינער איז דאָרט נישט געווען.

דאָס מאָל האָט אויף מיר זיין תפילה אין דער פולשטענדי־קער אייג אַ קייט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם.

ווען מיר זענען אַרויסגעגאַנגען, האָט מיך דער פאָטער אָנ־געגומען בײַ דער האַנט.

— זיך אַליין דאַרף אַ מענ״ש קיינמאָל נישט פּאַראַטן, בּאַ קיין אומשטענדן דאַרף ער זיך נישט פּאַראַטן. מ׳טאָר נישט זיין קלוגער ווי דאָס געוויסן.

ס׳איז מיר שווער געווען צו פאַרשטיין דעם פּאַטער, און עד היום בּין איך נישט זיכער, צי לייען איך טאַקע דאָס צעפלאָנטערטע און געמעקטע כּתב פון די זכ ונות, אָדער כ׳רעד מיר דאָס בּלויז איין. כ׳האָב הייס געליבּט מיין פּאַטער. ס׳איז מיר שווער אים צו פאַרשטיין און צו אורטיילן. אין תּוך גענומען איז ער, אויפן גרונט פון מיין בּאַוווּסטזיין, פאַרבּליבּן פאַר מיר דאָס זעלבּע, וואָס ער איז פאַר מיר געווען, בּשעת כ׳בּין אַ קינד געווען: אַן אָביעקט פון יראת־הכּבוד. כ׳האָב מיך געבּונטעוועט קעגן אים, און מיינע געדאַנקען האָבּן זיך אַרויסגעריסן אויסער די ראַמען פון זיין וועלט. נישט איבּערגעריסן געוואָרן איז אָבער דער האַרץ־פּאָדעם פון די קינדער־יאָרן. איך מיין, אַז אַ געפיל, וואָס איז טיף איינגעוואַקסן אין האַרץ, ווערט קיינמאָל נישט אויסגעוועפּט. ס׳זענען פאַראַן אין אונדז וועלטן פון איבּערלעבּענישן און געפילן, אין וועלכע מיר פאַרבּלייבּן שטענדיק קינדער.

כ

— ווען גאָט האָט בּאַשאַפן די קאַניאַווסקיס, איז ער געווען צעשטרייט אין ער האָט איבּערגעזאַלצן — פלעגט זאָגן דער פּעטער פלאָריאַן.

אַן אַנדערט מאָל ווידער פלעגט ער אָנהייבּן אונדזער יחוס־בּריוו מיטן קערבּדל פון יענעם עפּל, מיט וועלכן אדם האָט זיך דערשטיקט.

— יעדער קאַניאַווסקי שטעקט אין דער וועלט אַזוי, ווי אַ בּיין אין האַלדז. וואַרפט אים אַריין אין אַ מיל, וועלן די שטייגער פלאַצן און קיין מעל וועט נישט אַרויסקומען.

די נאַטור האָט אונדז טאַקע אויסגעהאַקט פון האַרטן מאַ־טעריאַל. ס׳איז מער פאַרבליבן סקאַנדינאַוויש בלוט, פלעגט זאָגן איינער פון אונדזערע קרובים, וועלכער איז געווען טיף איבערצייגט, אַז די פוילישע שלאַכטע האָט אַ נאָרמאַנדישע אָפּשטאַ־מונג.

דאָס לעבן האָט געקענט און האָט געוווּסט, ווי אַזוי אונדז צו ברעכן, ס׳האָט אָבער נישט באַוויזן קיינמאָל אונדז צו צעלאָזן אין זיך, צו אַסימילירן. ס׳פלעגט שטענדיק פאַרבלייבן עפּעס אַ ווידערשטענדיק זייטיק רעשטל.

פון אייביק אָן פלעגן די קאָניאַוּוסקיס פירן מלחמה מיט אַלע אַרום זיך און צווישן זיך.

מ׳דערציילט, אַז, ווען ס׳האָט אין XVII־טן יאָרהונדערט עפּעס אַ בישאָף מיטן נאָמען קאָניאַוּוסקי זיינעם אַ קרוב מחרים געווען פאַר אפּיקורסות, האָט יענער אינמיטן העלן טאָג אים אַרויסגעגנבעט פון זיין אייגענעם שלאָס, אים צו זיך אין שלאָס אַוועקגעפירט און אים דאָרט אַזוי לאַנג געפּייניקט אין אַ גרוב מיט תעניתים און איינזאַמקייט, באַמיִענדיק זיך איבערצוצייגן דעם פּראַ־לאַט אין דער ריכטיקייט פון קאָפּערניקס טעאָריע אָדער אַנדערע „נייע געדאַנקען“, ביז דער אַלטער און איינגעשפּאַרטער גלח האָט אַרויסגעלאָזט דעם לעצטן אָטעם און דער פרייגעזאָגענער חברה־מאַן האָט געמוזט פאַרלאָזן דאָס לאַנד; און ווי מ׳גיט איבער, איז ער אַריבער צו די טערקן, דערגרייכט דאָרט גרויס כבוד און ענד־לעך, מאַכנדיק אַ פאַרשווערונג קעגן דעם סולטאַן, אויף דער תליה זיין לעבן פאַרענדיקט.

איינער פון זיינע זין האָט אַמאָל יעזוס קריסטוסן אַליין אויף אַ קאַמף אַרויסגערופן, פרעגנדיק אים, צי ער ווייסט, וואָס עס איז אַזוינס אַדל־זעלבסטווירדע, און נישט דערוואַרטנדיק זיך אויף אים, איז ער אַליין מיט די קאָזאַקן אין קלויסטער אַריינגעריטן, און אין דעם הערלעכן צלם איבערן גרויסן אַלטאַרזש פון פּיסטאָלעטן גע־שאָסן. עס איז נישט מער ווי האַלץ, האָט ער אָפּגעברומט און איז אַרויסגעריטן. דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס דער גלח האָט אים עפנטלעך בשעת אַ תפילה פון קלויסטער אַרויסגעבעטן. דעם גייסט־

לעבן, וועלכער האָט אים דעם וועג פאַרשטעלט, האָט ער אומגע-
וואָרפן, די מאָנאַכן אין די זייטן אַריין צעוואָרפן, און אַליין פריש
און מונטער דאָס שטעטל פאַרלאָזן. דער אייגענער קאָניאָווסקי האָט
געזאָלט זיין אַן אָנפירער פון אַ צעבונטעוועטער קאָזאַקן-באַנדע,
גוט-פריינט געווען מיט זשעלעזניאַקן און גאָנטאַן און אונטערן באָ-
מען פון אַטאַמאַן טשאָרט די חילות פון דער רוסישער קייזערין
אין דער מורא געהאַלטן.

אַ צווייטער פון מיינע אבות, וועלכן יעקאַטערינאַ האָט אַרויס-
געפירט קיין אוראַל, איז געווען סעקרעטאַר און אַדיוטאַנט בא פו-
גאַטשאָוון. זיין לייבלעכער ברודער ווידער איז געווען אין משך
פון זיבן וואָכן דער זעלבער קייזערינס געליבטער. ווי ס'גיט אי-
בער די סקאַנדאַליעזע כראָניק פון פעטערבורגער הויף, איז ער
אויף אַ גרויכן מאַסקנבאַל אַרויסגעטרעטן אין אַ וואָגן, וועלכן ס'האָבן
געשלעפט זעקס קאַמערהערן, וואָס האָבן געהירזשעט פאַר פרייד
און פאַר יסורים, ווייל נישט ווייניג האָט ער זיי געשמיסן איבער
די אויסגעפּאַשעטע לענדן מיט אייזערנע ריטער. די זעלבע כראָ-
ניק דערציילט אָבער, אַז ווען ער האָט די אייגענע מעטאָדע אָנ-
געווענדט בשעת עפּעס אַ סיכסוך אויף די ווייסע הענט פון זיין
געליבטער, איז ער פלוצלינג בעלם געוואָרן פון דער פעטערבור-
גער אויבערפלאַך און העכסטוואַרשיינלעך אויך פון דער וועלט,
ווייל מ'האָט שוין וועגן אים מער קיינמאָל נישט געהערט. זיין זון
איז דערפאַר געווען ערן-מיטגליד פון דער איינהייטלעכער אום-
טיילבאַרער פראַנצויזישער רעפּובליק און אַ פריינט פון מאַראַטן,
געשטאָרבן ווידער איז ער אין תּפיסה, באַשולדיקט אַלס אָנטייל-
נעמער אין דער פאַרשווערונג פון Grackchus Babeuf.

דעם דאָזיקן פאַרשווערערס אַ לייבלעכער ברודער, וועלכן
פּאַוועל האָט געשיקט אַלס צען-יעריק יינגל צו בעריאָזאָוון און
וועלכן מען האָט פון וועג צוריקגעקערט און באַשטימט דערנאָך
פאַר אַ קאַמער-פּאַזש, האָט זיך אין 1812 באַרימט געמאַכט דער-
מיט, וואָס ער האָט דערקלערט זיין נייטראַליטעט צווישן נאַפּאָלע-
אָנען און אַלעקסאַנדער דעם I-טן אין אַ דאַנק דער אינטענדאַנ-
טור און אויך דורך דעם איינקויפן פון פאָלוואַרקן בא זיינע

שוועסטערקינדער, וועלכע האָבן צוגעגרייט מיליטער פֿאַרן קאָרסיקאַנער, האָט ער אָנגעקליבן אַ קאָלאָסאַל פֿאַרמעגן.

מדינות און פֿעלקער זענען בײַ אים געווען אַ פּיקציע מלחמה אַ גײַסטיקע קרענק, גלחים פֿלעגט ער האַלטן פֿאַר טרעפֿער און פֿלעגט זיי באַצאָלן זיי זאָלן פֿאַר אים נישט דאַוונען. אין זײַנע גיטער האָט ער אײַנגעפֿירט געריכטן, וועלכע האָבן געזאָלט דערליידיקן סיכסוכים צווישן בהמות און דער דינערשאַפֿט, וועלכע האָט זיי געהיטן, ער האָט געהאַט וועגן יעדער זאַך זײַנע אייגענע מיינונגען, גאָרנישט ענלעך צו די אַלע אַנדערע, וואָס זענען אָנגענומען געווען. די שוועסטערקינדער זײַנע האָט ער איינמאָל־פֿאַר־אַלעמאָל פֿאַרן צושטיין צו נאַפּאָלעאָנען אָנערקענט פֿאַר משוגעים. פֿאַר קיין איינוווינער וואָלט איך זיי נישט אויפֿגענומען, האָט ער געזאָגט, און זיי זענען טאַקי אומגעקומען, ווער אין סאַן־דאָמינגאָ, ווער אין די פּירענייען. דאָך, דערוויסנדיק זיך, אַז ס'איז נאָך צעלעסטינען געבליבן אַ זון פֿון אַן אומגעזעצלעכער חתונה מיט אַ פּראָווינצערין, וועלכע זאָל האָבן צוליב איר געליבטן אַנטלאָפֿן פֿון עפּעס אַ קלויסטער, האָט ער אַראָפּגעבראַכט די מוטער מיטן קינד צו זיך אַהיים דאָס קינד צוגענומען אַלס אַן אייגענעם אַ זון און מיט דער מוטער חתונה געהאַט. פֿון דער דאָזיקער פֿרוי האָט ער געהאַט צוויי טעכטער און דרײַ זין. די פֿאַמיליע זײַנע האָט ער דערצויגן לויטן פּרינציפּ:

אין די אָנגעלעגנהייטן פֿון מײַן שטוב וואַגט קיינער זיך נישט אַרײַנצומישן, איך בין — דער פֿאָטער, איך — דער ריכטער, — איך — דער פּויפּסט און איך אַליין — דער הייליקער דרײַ־גײַסט.

פֿאַר דער פֿרוי און קינדער פֿלעגט ער אַליין צוטראַכטן קליידער, ווײַל די מאָדעס פֿלעגן זיך צו פֿלינק בײַטן. די זין האָט ער זיך באמת צו דערציִען אַזוי, אַז זיי זאָלן פֿאַראַכטן טרוימערײַ, קלאָגערײַ און עצבות. קיין איינער פֿון זיי איז אים אָבער נישט געראָטן. די ערשטע אַנטוישונג האָט ער געהאַט פֿון דעם זיך צוגענומענעם זון, וועלכער האָט אָנגעהויבן אין פּעטערבורג אַ גלענצנדיקע קאַריערע, אָבער אין 1825 איז ער פֿאַרמישט געווען אין

דער דעצעמבער־פאַרשווערונג האָט באַוויזן אויף אַ וווּנדערלעכן אופן צו אַנטלויפן אויף אַן ענגלישער שיף, איז אויף עטלעכע יאָר איינגאַנצן נעלם געוואָרן, און אין יאָר 831 זיך אַריבערגעקרוגן קיין פּוילן, צוזאַמען מיטן מיליטער עמיגרירט. בשעת דער עמיגראַציע איז ער פּריִער געווען דעם פּאָטער ענפּאַנטינס אַ תּלמיד און אַ מיטגליד פון דער מעניל־מאָנטאַנער געמיינדע, שפּעטער האָט ער זיך צוריק אָפּגעשמדט, איז אַריינגעטרעטן צו די יעזויטן, און דאָרט זאָל ער האָבן געוואָרן אַ וויכטיקער באַאַמטער.

באַ יעדער אַזאַ ענדערונג פלעגט דער זיידע קסאַווערי פאַרשעלטן דעם אויסוואורף און פאַרקלענערן זיין חלק אין דער צוואה מיט אַ געוויסער, שוין פאָרויסבאַשטימטער און אָנגעוויזענער סומע. יעדער איינציקער פאַרברעך פון די קינדער פלעגט אין דער דאָזיקער, כּסדר זיך ענדערנדיקער צוואה, באַשטראָפט ווערן, און די צוואה פלעגט באַקומען אַלץ נייע ענדערונגען, וועלכע זענען שפּעטער אין משך פון לאַנגע יאָרן געווען די סיבה פון מאַטערניש פאַר מיין פאָטער און אַ קוואַל פון הכנסה פאַר די רוסישע יוריסטן. אויך דעם פאַן קסאַווערים אייגענע קינדער זענען נישט געראָטן. די האַנט פון זיין עלטערער טאָכטער האָט געבעטן, דורך זיין אַדיוטאַנט, דער צאַר ניקאָלאַי דער I־טער פאַר זיינעם אַן אָפיציר. דער זיידע האָט באַדאַנקט פאַרן כּבוד און זיך אַנטשולדיקט, דערקלערנדיק, אַז נישט וויסנדיק וועגן דעם גליק, וואָס האָט אים געקענט טרעפן, האָט ער שוין דעם גורל פון זיינע טעכטער אַנטשלאָסן. בעת דער אַדיוטאַנט האָט אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אַז דעם קייזער וועט זיין אָנגענעם זיך צו דערוויסן די נעמען פון די אויסדערוויילטע, כּדי ער זאָל אויך אויף ווייטער קענען בלייבן דער אַפּוטרופּוס פון דער פריילין. וואָס האָט צוגעצויגן זיין גנעדיקע אויפמערקזאַמקייט, האָט דער זיידע קסאַווערי, גאַנץ רויִק, אָנגערופן די נעמען פון צוויי אָרימע פאַרהאַסטע קרובים, וועלכע ס'האָט זיך נישט געחלומט אַפילו וועגן שדכנען זיך צו זיינע טעכטער. נישט קוקנדיק אויף דעם זענען אין זעקס וואָכן אַרום די חתונות פאָרגעקומען. און דער פאַן קסאַווערי איז

געווען איבערצייגט, אַז די דאָזיקע פּאַרטיע האָט ער זיבער גע-וווּנען.

ניקאָלאַי דער I-טער איז אָבער געווען אויפן דייטשן שטייגער סיסטעמאַטיש.

אין עטלעכע טעג אַרום נאָך דער חתונה, האָט איינער פון קאַניאַווסקיס איידעמס באַקומען אַ נאָמינאַציע קיין וויאַטקע. דעם אמת האָט ער געמוזט אָננעמען, אָבער דער פאַן קסאַווערי האָט זיך נישט געלאָזט בייגן. דער באַשטימטער, אָדער ריכטיקער, פאַר-משפטער האָט באַוויזן אַזוי קלוג צו שמירן דאָס ראָד פון זיין קאַריערע, אַז ער איז ענדלעך דערגאַנגען צו גרויס כבוד.

דאָס איז געווען, דאַכט זיך, דער איינציקער געלונגענער פּרווו פון פאַן קסאַווערים דערציִונגס-מעטאָדע.

דער צווייטער פון זיינע איידעמס האָט בולט געהאַט ניש-טיקע פאַנטאַזיעס, ווען ער האָט איינמאָל דעם אָרדן פון דער היי-ליקער אַננאַ, וועלכן מען האָט אים געשיקט פאַר דעם דערפילן עפּעס אַ בירגערלעכע פליכט, אָנגעהאָנגען זיין הינטל דיאַנען אויפן האַלדז, האָט מען אים איבערגעגעבן דעם געריכט און פאַרמשפט צו מיליטער-דינסט אין קאַווקאַז. דאָרטן איז ער אין אָנהייב שיער נישט געשטאָרבן פון די קלעפּ, דערנאָך האָט ער עפּעס בעזאָלט גאָר פאַלן אין אַ קאַמף, ער האָט אָבער גלייכצייטיק געראַטעוועט דאָס לעבן פון זיין גענעראַל. האַלטנדיק שוין בײַ שטאַרבן, האָט ער באַקומען אַן אָפיציר-אַוואַנס און איז דער רעגירונג צו להכעיס געזונט געוואָרן, האָט זיך אָפּגעגעבן אין דימיסיע און איז צוריק-געקומען אַהיים איינגאַנצן אַ צעדרייטער. די שטיקנס און שפּיצ-ריטער האָבן אים אַזוי ראַדיקאַל איבערצייגט אין דער גלייכקייט פון דער פויערישער און אַדעליקער הויט, אַז עס איז אוממעגלעך געווען מיט אַ וואָסערע עס זאָל נישט זיין אַרגומענטן אים די דאָ-זיקע איבערצייגונג פון קאָפּ אַרויסצושלאָגן.

ניקאָלאַי קאַניאַווסקי און זיין פאַמיליע האָבן אַרויסגערופן גרויס פאַרביטערונג און פאַראַכטונג בײַ דער שליאַכטע.

דער זיידע קסאַווערי האָט, נאָכדעם ווי מען האָט פאַרשיקט דעם איידעם, גענומען צו זיך די טאָכטער מיט די אייניקלעך,

אָבער נאָך ניקאָלאיס צוריקקער איז אינגיכן דערגאַנגען צווישן אים און דעם זיידן צו אַזעלכע היציקע סצענעס, אַז דער אַלטער פֿאָן האָט שוין קיין זאַך נישט געוואָלט הערן נישט פֿון דעם כאַם און נישט פֿון זיינע קינדער. דער „כאַם" האָט זיך באַזעצט אין עפּעס אַ קרייז-שטעטל און איז געוואָרן אַ גוטער טשעשלער. ווען עס איז נאָך דעם זיידן קסאַווערים טויט אויסגעפֿאַלן אויף אים און אויף זיין פֿאַמיליע אַ גרויסע סומע, האָט ער דאָך די מלאכה, וואָס האָט דערנידעריקט דעם כבוד פֿון אַן אַדעליקן, נישט אַוועקגעוואָרפֿן ער האָט זי נאָר פֿאַרברייטערט און אינגיכן באַקומען אַ שם פֿון אַ העכסט-פֿעיִקן און געוויסנהאַפֿטן בוי-אונטערנעמער.

די שליאַכטע פֿלעגט אַ פֿאַרצאַפּלטע ווערן, בעת מען פֿלעגט דערמאָנען דעם נאָמען פֿון טשעשלער קאַניאַווסקי — און דערצו נאָך פֿון די בעסטע, פֿון די עכטע קאַניאַווסקיס. איך דערמאָן מיך, מיט וואָס פֿאַר אַ האַס מען פֿלעגט אַרויסרעדן די דאָזיקע פֿאַמיליע, בפֿרט, בעת דער טשעשלער קאַניאַווסקי, דער „כאַם" קאַניאַווסקין האָט זיך גענומען ווייזן אויף די בירגערלעכע פֿאַרזאַמלונגען, בעת מען האָט באַהאַנדלט די פֿויערים-פֿראַגע, און ער האָט גענומען רעדן, אויף אַ משונהדיקן פּוילישן לשון מיט ציצעראָנישע פּעריאָדן וועגן אַזעלכע פּשוטע און מיט „כאַמסטוואָ" דורכגעדרונגענע אמתן, אַז סוף-כל-סוף האָט אים דער קיִעווער גובערנאַטאָר באַפֿוילן אַרויסצופֿאָרן פֿונעם שטעטל, אין וועלכן ער האָט געוווינט. דאָס האָט אָבער נישט געשטערט דער אַדעליקער עפֿנטלעכקייט צו דערקלערן דעם „כאַם" קאַניאַווסקי פֿאַר אַ פֿאַרעטער און שיער נישט פֿאַר אַ רע-גירונגס-אַגענט. עס איז דאָך געווען באַוווסט, אַז ער האָט געדינט אין מיליטער און האָט אַפֿילו באַקומען אַן אייזערנעם קרייץ פֿונעם הייליקן געאָרג. דאָס האָט אויך נישט געשטערט אין עטלעכע יאָר אַרום מוראַוויאָוון אויפֿצוהענגען דעם איינגעשפּאַרטן טשעשלער אין ווילנע, ווען מען האָט אים געכאַפּט ערגעץ אין זשמודזש בראש פֿון עפּעס אַ פּויערישער אָפּטיילונג. די שליאַכטע האָט שנעל פֿאַר-געסן אָן דעם דאָזיקן טויט, זי האָט אָבער נישט פֿאַרגעסן, אַז די קאָנפֿיסקירטע פֿאַפּירן פֿונעם „רענעגאַט" זענען איבערגעגעבן גע-

וואָרן דער קאָמיסיע פאַר פויערים-ענינים פון מילוטין און טשער-קאַסקי.

נישט פיל בעסער זײַנען אין אַלגעמיין געגאַנגען די געשעפטן פון פאַן קסאַוועריס לייבלעכע זין.

געהאַט האָט ער זיי דריי. דער ערשטער פאַן סעווערין, שפּע-טער פאַן פלאָריאַן און ענדלעך מײַן פאָטער.

בשעת דעם נאָוועמבער-אויפשטאַנד איז מײַן פאָטער אַלט געווען קנאַפּע צוועלף יאָר. האָט ער טאַקי דער איינציקער פאַר-שפּאָרט דעם זיידן אַ ביסל אַנטוישונג און האָט זיך אין אויפשטאַנד נישט באַטייליקט: ווייל פאַן קסאַווערי איז אפילו דאַמאָלס פאַר-בליבן נייטראַל.

וואָס מער ער האָט זיך געעלטערט, פלעגט די קאַלטע און סיסטעמאַטישע פאַראַכטונג צו די לאַנדס-געברידער ווערן אַן אמתע לײַדנשאַפט.

אַ לאַנגע צײַט פלעגט מען דערציילן אַנעקדאָטן וועגן בײַ-זע שפּיצלעך, וועלכע דער אַלטער פלעגט אָפּטון זײַנע שכנים.

געשטאָרבן איז ער אין יאָר 1846, נאָכדעם, ווי ער האָט באַקומען אַ בריוו, אין וועלכן פאַן סעווערין בעט אים איבער, וואָס ער האָט מיט זײַן האַנדלונג אָפּגעווענדט דעם פאָטערס האַרץ פון זיך און ווי ער בעט גאָט, אים צו שיקן רו, אַזוי, אַז זײַן פאָטער זאָל זיך שוין נישט דאַרפן פילן, ווי אַ שטרענגער, שטראָפנדיקער גייסט.

דער פאַן סעווערין האָט שוין געהערט אין יענער צײַט צו די שטאַרקסטע אָנהענגער פון טאָוויאַנסקין.

אין יאָר 1843 האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט מיט אַ פּערזענלע-כער מיסיע צום צאַר ניקאָלאַי, ער איז אַרעסטירט געוואָרן אויף דער גרענעץ, האָט אַרויסגעשיקט פון דער תפיסה צום קייזער אַ בריוו, פאַר וועלכן מ'האָט אים צוערשט אײַנגעשלאָסן אין פעס-טונג און שפּעטער אַריבערגעפירט אין משוגעים-הויז. ענדלעך איז ער פאַרשיקט געוואָרן אין אָרענבורגער גובערניע. נאָך ניקאָלאַיס טויט זאָל מען אים האָבן דערלויבט צוריקצוקומען, ער זאָל אָבער נישט האָבן געוואָלט אויסנוצן די דערלויבעניש, זאָגנדיק, אַז ער

האָט אויף זיך דאָ התחייבותן, פון וועלכע בלויז גאָט קען אים באַפרייען. געוווינט האָט ער אין אַ באַשקירישן דאָרפֿ.

איינמאָל אין צוויי אָדער אין דריי יאָר פֿלעגט ער שיקן צו מיין פֿאָטער אַ בריוו, געשריבן אויף גרויען, גראָבן שערשאַווען פּאַפּיר. מיין פֿאָטער פֿלעגט אים אַרויסשיקן אַ געוויסע סומע יערלעך, זייער אַ קליינע, וועלכע ער האָט אַליין באַשטימט. דער פֿאָטער פֿלעגט אויך אויסצאָלן אויף זיין באַפֿעל פֿאַרשידענע, פֿיל גרעסערע געלט־סומעס פֿאַר אַנדערע. ווייל נאָכן זיידנס טויט איז די גרעסטע סומע געבליבן אין די הענט פֿון מיין פֿאָטער, וועלכער האָט אייגנטלעך באַטראַכט זיין פֿאַרמעגן טיילווייז ווי אַן אייגנטום און טיילווייז ווי אַ Fideikomis, וועלכער געהערט צום ברודער דעם עמיגראַנט, יעזויט און פֿאַרשיקטן סעווערין און דער אלמנה נאָך ניקאָלאַיען. איגנאַצי קאַניאָווסקי, דער מומע יוליעס מאַן, האָט זיין חלק קאַפּיטאַליזירט און דער פֿעטער פֿלאָריאַן האָט אינגיכן פֿאַרשווענדט די רעשט אַ חוץ דעם קליינעם דאָרף אין שכנות מיט אונדז, וווּ ער האָט געוווינט.

עמיגרירן נאָכן יאָר 1831 האָט דער פֿעטער פֿלאָריאַן פֿאַרשפּאָרט, זיין אָנטייל אין דער רעוואָלוציע איז געווען פּונקט אַזוי קורץ, ווי אָריגינעל: נאָכדעם ווי ער איז אַנטלאָפֿן פֿון דערהיים (ער איז דאַמאָלס אַלט געווען זעכצן אָדער זיבעצן יאָר), איז ער גענומען געוואָרן אויף דער דריטער סטאַציע אין געפֿאַנגענשאַפֿט, אָבער נישט פֿון די מאָסקאַלעס, נאָר פֿונם עקאָנאָם, וועלכן דער זיידע האָט אַרויסגעשיקט אים כאַפּן.

אַז מען האָט אים געבראַכט אַהיים, האָט אים דער זיידע פֿאַרשלאָסן אין אַ פֿאַרמויערטן צאַלקער, און דאָ איז ער אין משך פֿון עטלעכע חדשים פֿאַרבליבן אַ פֿאַרשלאָסענער.

מען פֿלעגט אים כמעט נישט אַרויסלאָזן אַ טריט. דערצו נאָך איז ער געווען פֿאַרמשפּט צו צופּן וואָל. ער פֿלעגט דערנאָך אַליין דערציילן, אַז איבער דער צייט האָבן זיך בא אים אָנגעקליבן אַזוי פֿיל ווילדע איינפֿאַלן, אַז עס וואָלט אים שפּעטער נישט געקלעקט דאָס גאַנצע לעבן זיי אויסצופֿירן. זיינע וויצן פֿלעגט דער פֿעטער פֿלאָריאַן טיילמאָל גוט באַטראַכטן חדשים־לאַנג און שפּעטער זיי־

אויספירן. זיין שכן שיטקאָוויעצקי האָט איבערגעגראָבן איבער צען טויזנט רובל, זוכנדיק גאָלד אין זיין פּאָדאָלער ג ט. וויסנדיק, אַז יענער איז אַ געלט־גייציקער, האָט דער פּעטער פלאָריאַן צעשיט איבער זיינע פעלדער און גאָרטן אַ ביסל ספּעציעל אָראָפּגעבראַכט גאָלד, און שיטקאָוויעצקי איז באַרימט געוואָרן אין דער גאַנצער פּראָווינץ.

די באַליבטסטע קרבנות זענען געווען באַם פּעטער פלאָריאַן די רעגירונגס־באַאַמטע. מיט זיי האָט ער געפירט אַ קאַמף אין אמתן אָן אומרחמנותדיקן און סוף־כל־סוף אַ געפערלעכן, ווייל יע־דער גרעסערער שפּאַס פלעגט ווערן געפערלעך און מען פלעגט פאַר אים מוזן צאָלן.

אַזוי איז געווען צום ביישפּיל מיטן אָלדענבורגער פירשט.

ער איז געווען אויף גענעג באַ קאַניאָוו און האָט געזאָלט דורכפאָרן דורך עפּעס אַ שטעטל, וווּהין מען האָט אַראָפּגעבראַכט אַ גוואַרדיע־אָרקעסטר צו זיין קבלת־פּנים. דער פּעטער פּראָריאַן האָט, פאָרנדיק אין זיין עלעגאַנטער קאָטש, מיט אַ פּאָר גוטע פערד, פונקט באַגעגנט די מיליטער־אָפּטיילונג מיט דער מוזיק פאָרויס, ער האָט זיך אַרויסגעבויגן פון דער קאָטש און שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, בעזאָגט מיט פאָרוואורף.

— כ׳האָב דאָך אָבער געזאָגט, אַז כ׳פאָר אינקאָגניטאָ.

דער אָפיציר איז צעטומלט געוואָרן, האָט פאַרהאַלטן די אָפּטיילונג און ענדלעך באַשלאָסן זיך צוריקצוקערן נאָך נייע אינסטרוקציעס.

אַ דאַנק דעם אַלעם, איז דער אָלדענבורגער פירשט זיך באַ־גאַנגען אָן מוזיק, די קאַנצעלאַריעס האָבן פאַרשריבן אַ גוטן קוי־בישן מעטר פּאַפּיר.

דער פּעטער פלאָריאַן ווידער האָט אָנגעהויבן צו שמען פאַר אַ גרויסן פּאַטריאָט און מלוכה־מאַן.

דער דאָזיקער שם האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט פון דער צייט אָן, ווען ער האָט אַ בישאָף פון דער קאַמעניעצער יעפּאַרכיע געגעבן קאַווע מיט אייל.

דורכפאָרנדיק פאַרביי דעם פּעטערס גוט, האָט דער בישאָף

געהאַלטן, אַז ער וועט דעם „פּאַליאַטשאַק" פאַרשאַפן גרויס כבוד, אויב ער וועט באַווייזן בײַ אים אונטערצופּאַשען די פערד.

ס'איז געווען אין דער צייט פון אָוונט־ברויט ס'זענען געזעסן עטלעכע פּערזאָן פון שכנות: מ'האָט געזאָלט דערלאַנגען קאַווע.

דער פעטער פלאָריאַן האָט פּשוט געקוקט אין די אויגן אַריין דעם אומגעריכטן גאַסט, בײַ יעדן וואָרט האָט ער ציטירט יאַן כריזאַסטאָנען אָדער וואַסילי דעם גרויסן, ער האָט געזאָגט אַפאָריזמען, למשל:

„אַ שלעכט וועטער לערנט אונדז יראת־שמים".
„דער רעגן שפּייזט די ערד, כּדי זי זאָל ברענגען פּירות".
„אויך אַ פערד דאַרף מען רייניקן מיט אַן אײַזערנעם קאַם, כּדי די פעל זאָל גלאַנצן און ס'זאָל זײַן באַקוועם פאַרן רײַטער".

מ'האָט ענדלעך דערלאַנגט קאַווע. אויף דער טאַץ איז לעבן דעם טעפּעלע מיט שמאַנט געשטאַנען אַ פלעשעלע אייל.

— זייט מוחל, אײַער עמינענץ — האָט געזאָגט דער פעטער פלאָריאַן — בײַ אונדז איז מען געוווינט, כאָטש ס'איז תענות, צו טרינקען מיט שמאַנט, פאַר אַ גייסטלעכער פּערזאָן, אָבער איז צוגעגרייט אייל. פאַרשטייט זיך — אַ גאַסט אין שטוב, איז גאָט אין שטוב. און די הייליקע אַפּאָסטאָלן זאָגן: געדענק די געבאָטן פון די אבות דײַנע, און גאָט וועט דיר באַצאָלן.

דער בישאָף האָט דערפילט, אַז דער אויטאָריטעט פון דער פּראַוואָסלאַווער קירך איז אין סכּנה, און ער האָט זיך אָנגעטון דעם גרויסן כּח.

אויפן אַנדערן טאָג האָט שוין גאַנץ פּאָדאָל געקלונגען וועגן דער קאַווע מיט אייל און וועגן דעם פעטער פלאָריאַנס פּאַטריאָטיזם.

אין צוויי וואָכן אַרום ווידער איז צום פעטער פלאָריאַנס הויז צוגעפאָרן אַ פעלד-יעגער און אין עטלעכע צענדליק טעג אַרום האָט דער פעטער געהאַט די מעגלעכקייט צו פירן עטנאָגראַפישע אין געאָגראַפישע אויספאָרשונגען אין דער אָלאָניעצקער גובערניע.

אויף אַזאַ אופֿן איז ער געוואָרן אַ מאַרטירער, און אַלס אַזעל־כער האָט ער שוין אין 63־טן יאָר געפּריידיקט: רו:ק זיין, רו:ק, רו:ק, ווייל מיר האָבן שוין אַזוי אויך צופיל געליטן.

אַלס אַזעלכער האָט ער זיך אויך אַנטזאָגט צו דערלאַנגען די האַנט ניקאָלאַי קאַניאָווסקין, בשעת עפּעס אַ צוזאַמענפאָר, און די שלאַכטע האָט געהאַט די מעגלעכקייט כסדר איבערצוחזרן, אַז דער באַוווסטער פּאַטריאָט האָט, נישט קוקנדיק אויף בלוטפאַר־מאַנדשאַפט, זיך אָפּגעקערט פונם פאַרקויפטן קרוב.

פאַר מיין פאָטער האָט דער פּעטער פלאָריאַן מורא געהאַט, פונקט אַזוי, ווי ס'האָבן פאַר אים גיכער מורא געהאַט ווי אים גע־ליבט כמעט אַלע, מיט וועמען ער פלעגט זיך בענטער צונויפקומען און געווען איז דאָס אַ פאַרשטענדלעכע זאַך. דאָס, וואָס איז אונדז אומבאַוווסט און אומפאַרשטענדלעך, ווירקט מיט זיינע אייגנאַרטיקע, פאַר אונדז אומבאַקאַנטע פּרינציפּן און געזעצן — עס רופט תמיד ארויס אומצוטרוי און פחד.

דער פאָטער מיינער איז ווידער געווען „pur sang" (ריין בלוט) קאַניאַווסקי. ער פלעגט נישט איינשטימיק זיין מיט די אַרו־מיקע אַפילו דאַמאָלס, ווען ער פלעגט גיין מיט זיי צוזאַמען.

אין 63־טן יאָר האָט מיין פאָטער פאַרטרעטן די זעלבע שטע־לונג, וועלכע עס האָט געפּרעדיקט דער פּעטער פלאָריאַן. דער פּעטער פלאָריאַן איז אָבער געווען אַ פּאַטריאָט, מיין פאָטער ווידער אַ מענטש מיט קאָפּ, אָבער אָן נאַציאָנאַלן געפיל. און אייגנטלעך איז עס געווען אַזוי, ווי עס האָט באַדאַרפט זיין.

איך רעכן, אַז מיין פאָטער, דער אַריסטאָקראַט און העגעליסט, איז נישט בענטער געווען דער שלאַכטע, ווי דער דעמאָקראַט און רענעגאַט פון אַדעליקן שטאַנד, וועלכער איז אויף מוראַוויאָווס תליה געגאַנגען, נישט האָבנדיק פאַרדיגט, אַז דער פּאַטריאָטישער פּעטער פלאָריאַן זאָל אים די האַנט אַ דריק טון.

— אין ניקאָלאַיס דרכים וועט ער אַוועק — האָט געזאָגט

דער פּעטער פלאָריאַן. בעת כ'האָב מיך איינגעשפּאַרט, אַז שטו־דירן וועל איך פאָרן קיין פּעטערבורג.
— ס'איז אפשר נישט דער ערגסטער. — האָט געזאָגט מיין פאָטער. און האָט צונויפגעצויגן די ברעמען.
דער פּעטער פלאָריאַן איז אַנטשוויגן געוואָרן און האָט זיין באַציאַגאַל־ליידנדן בליק צום הימל געווענדט.

ספּאַרטאַקוס און שמעון סלופּניק

III

1

אין האַרבסט 1869 האָב איך מיך געפונען אין פּעטערבורג אַלס סטודענט פון נאַטורוויסנשאַפטלעכן פאַקולטעט. דער אויסוואַל אַליין פון דעם דאָזיקן פאַקולטעט איז געווען די סיבה פון אַ מיספאַרשטענדעניש צווישן מיר און מיין פאָטער.

אַזעלכע מיספאַרשטענדענישן פלעגן זיך טרעפן מער ווי אָפט אין משך פון דער גאַנצער צייט פאַר מיין אַרויספאָרן.

איך וויל זיי נישט דערמאָנען אויספירלעך...

דאָס איז געווען אַ צייט, אין וועלכער מיין פאָטער האָט געמוזט אַ סך ליידן.

היינט געדענק איך, אַז ס'האָט געשימערט אין זיין בליק, בעת ער פלעגט קוקן אויף מיר, אַ שרעק. אָבער דאַמאָלס האָב איך עס נישט געזען: כ'האָב נישט געוואָלט און נישט געקענט זען.

כ'האָב געוואָלט לעבן: זייערע זכרונות פלעגן אָבער נישט זיין מיינע זכרונות. איבעריקנס, בין איך געווען אין סטאַדיום פון קאַמף־אַטעיזם און פלעג אומאויפהערלעך אַרויסרופן סצענעס, נאָך וועלכע די מוטע עמיליע פלעגט באַקומען ספּאַזמען.

דער פאָטער פלעגט בלאָס ווערן קוקנדיק אויף מיין העמד, וואָס איז געווען אויסגעשטיקט אויפן אוקראַיניש-פויערישן שטייגער.

איך האָב מיך דאמאָלס געהאַלטן פאַר אַן אוקראַינער אויסוואַקס.

יעדער מענטש דאַרף אַרבעטן פאַר די, וועלכע האָבן אים אויסגעהאָדעוועט, מיך האָבן אויסגעהאָדעוועט די אוקראַינער פויערים, און דעריבער.

דאָס האָט אָבער אַבסאָלוט נישט געשטערט, אַז כ'זאָל מיט קיין פויער קיינמאָל נישט האָבן גערעדט.

וואָרום וואָס טאָקע?

וועגן אַטעיִזם, וועגן דאַרווינס טעאָריע, וועגן דעם, אַז מען דאַרף זיך באַפרייען פון דער צוגעבונדנקייט צו די היסטאָרישע פאַראורטיילן?

די דאָזיקע געשפּרעכן וואָלטן צו קיין זאַך נישט דערפירט.

און אין דער זעלבער צייט איז מיין פאָטער, וועלכער האָט פיינט געהאַט כאַמסטווא, געווען אַ סך כשרער פאַר מיין אידעאַל ווי איך.

ער האָט געזאָרגט פאַר די איינוווינער פון זיין דאָרף, ווי פאַר זיינע ראַסאָווע בהמות. איך האָב ווידער איז זייער נאָמען אַלץ אַרום מיר פיינט געהאַט.

און אַנדערש האָב איך נישט געקענט.

די דאָזיקע פיינטשאַפט איז געווען פאַר מיר פונקט אַזאַ אינסטינקטיווער און אויסלייזנדיקער שטריך, ווי פאַר מיין פאָטער זיין שטאָלץ.

ער האָט געלעבט מיט דעם, וואָס ער האָט געקוקט אויף דער גאַנצער וועלט, ווי אויף עפּעס אַ באַרבאַרישן תהו ובהו.

זיך אַליין פלעגט ער פאַרגלייכן מיט דימיטרי ווישניעוויעצקי. וועלכן מען האָט אויפגעהאָנגען אין סטאַמבול אויף אַ האָק. ער איז געווען אַ ראָמאַנטיקער אין זיין נייגונג צו עפּעטשפּולע פאַרגלייכן.

ווי געהאַסט האָב איך דאָס אַלץ.

אָט די גאַנצע אַטמאָספער פון די ערלעכע נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע הייליקייטן.

איך האָב דאָך קינדווייז געזען די צווייטע זייט פון דער מטבע.

כ׳האָב געזען אין וואַרשע מתפּללים, אין וועלכע ס׳האָבן געשאָסן זעלנער, וועלכע ס׳האָבן געטראָטן קאַזאַקן. און כ׳האָב געריסן דעם פאָטער באַ די ציטערנדיקע הענט, פרעגנדיק אים פאַרוואָס זיי שלאָגן נישט צוריק!

אין דער שרעקלעכער שעה, ווען כ׳האָב דורכן פענסטער פון האָטעל, איך — אַ קינד, געזען די בייטשן און שווערטן איבער די קעפּ פון די, וואָס האָבן געבעטן הילף באַ גאָט, בשעת כ׳האָב געזען, ווי קוילן האָבן אין רייען געלייגט מענטשן, וועלכע האָבן געזונגען לויב-לידער, האָט זיך אין מיר דערוועקט אַ טיפע פייַנטשאַפט צו אַלעם, וואָס איז תּפילה און אונטערטעניקייט, און דערנאָך, דערנאָך...

אין משך פון לאַנגע דריי יאָר די פנימער פון מיין פאָטערס שכנים בלאַסע פון שרעק, ציטערנדיקע, ס׳זאָל אויף זיי נישט פאַלן קיין חשד, און שרעק פאַר דער רעגירונג און די פויערים, און שרעק פאַר די אייגענע קינדער.

ניין, וועגן דעם וויל איך נישט קלערן, צו וואָס באַשמוצן מיט שפּאָט זיין קבר.

זאָל ער רוען, דער באַזיגטער, ער, וואָס האָט געגלייבט אינעם פּוילישן שליאַכטשיץ.

דער באַזיגטער...

מישוק וועט מיט קיין וואָרט דיין קבר נישט אָנרירן.

ער האָט דיר בלויז אַ לעבעדיקן נישט געקענט נאָכגעבן.

ער האָט נישט געקענט, אַזוי ווי איך קען אויך היינט קיין איין וואָרט נישט צוריקציִען.

Elle ne se rend pas
La commune de Paris!

אין 69-סטן יאָר בין איך אַלזאָ געווען אין פעטערבורג, אין האָב אַהערגעבראַכט מיט זיך מיין אומרו און פוסטקייט, וועלכע האָט געלעכצט נאָך אַ פולן לעבן.

אין אָנהייב האָב איך מיך אַרויפגעוואָרפן אויף ביכער.

כ׳האָב שוין קיינמאָל שפּעטער נישט איינגעזאַפּט און זיך אַזאַ גרויסן סכום געדאַנקען.

מיט יעדן טאָג איז מיר עפּעס צוגעקומען, מיט יעדן טאָג האָט זיך דער געדאַנק אַלץ מער געשטאַרקט אין זיין פעסטונג.

כ׳האָב דאַמאָלס געגלייבט, אַז מ׳דאַרף אים ערשט שאַפן, מ׳דאַרף בלויז געפינען אַ דורך און דורך-קלאָרע און אַלץ-אַרומנעמענדיקע פאָרמול, און איר ליכט וועט זיך צעגיסן איבער דער ערד און ס׳וועט זיך אָנהייבן אַ ניי לעבן.

איך האָב געלעבט פולשטענדיק אין דער מינדסטער טעטיקייט.

כ׳האָב גאַנץ שנעל אויפגעהערט צו באַזוכן די פאַרטראַגן. ביכער פלעגן מיר געבן מער. טאָג און נאַכט פלעג איך נישט אויפשטיין פון מיין טיש אינם אָנגערייכערטן צימער, לערנענדיק, פאַרצייכנענדיק, פאַרשטרייכנדיק. איך פלעג לאַנג נישט ענטפערן אויף בריוו און פלעג באַקומען טעלעגראַמען.

דער פאָטער האָט זיך באַאומרויִקט. און איך האָב באמת אַן אַלץ פאַרגעסן.

ס׳האָט נישט עקזיסטירט קיין פוילן, קיין לעגענדן, קיין זכרונות. ס׳איז געווען אַ ריזיקע וועלט פון שאַפן זיך און אומאויפהערלעכן ווערן. אין שויס פון שטאָף-אומוואַנדלונגען, האָבן אָנגעהויבן אַנטשטיין לעבעדיקע פאָרמען, געבוירן ווערן דער מענטש, ער האָט געשאַפן אין זיך די געדאַנקען און דעם שכל, כדי צו באַהערשן דאָס ליכט.

כ׳האָב מיך אַליין דאַמאָלס געהאַלטן פאַר אַ שטיק שטאָף, וואָס וויל ווערן געדאַנק.

די דאָזיקע באַשטימונג האָט געשאַפן מיינע ערשטע באַציִונגען מיט חברים.

דאָ איז נישט געווען קיינער פון אונדזערע קאַנטן, כ׳האָב נישט מיטגעבראַכט קיין שום באַקאַנטשאַפטן.

כ׳בין דאָ געווען פולשטענדיק איינער אַליין אין דעם דאָזיקן המון, און אין אָנהייב איז עס מיר געווען באַקוועם.

ביסלעכווייז האָב איך אָנגעהויבן פון צייט צו צייט צו רעדן מיט דעם אָדער יענעם.

אויף אַזאַ אופן האָב איך איינמאָל אין לאַבאָראַטאָריום דערקלערט איינעם פון מיינע חברים, אַ בלאָנדן דייטש, מיין צפּאָריזם.

דער דייטש איז אויפגעבראַכט געוואָרן, ער האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן נשמה, ער האָט גערעדט וועגן „באַוווסטזיין״, וועגן „זעלבסטבאַוווסטזיין״, און ענדלעך וועגן „פליכטבאַוווסטזיין״.

כ׳האָב מיך צעלאַכט.

כ׳האָב נישט ליב געהאַט דאָס וואָרט.

דאָס האָט מיר דערמאַנט די מומע עמיליען, וועלכע פלעגט אַלץ לעזן און פאַרשטיין, אַפילו דאַווענען, אָבער נאָכדעם פלעגט זי זאָגן:

— יאָ, דאָס איז זייער קלוג, אָבער מיר האָבן נישט קיין פאָטערלאַנד און דעריבער מוזן מיר אַכטן דאָס גלויבן.

— און וואָס איז אַזוינס „פליכט״? — פרעג איך בײַ מיין שולצן.

דערויף זאָגט ער מיר:

— כ׳האָב איצט דריי הונדערט רובל אַ סטיפּענדיע, כ׳וואָלט טיילמאָל זייער געוואָלט גיין אין טעאַטער, כ׳האָב עס זייער ליב. וואָס הייסט איך. מיינע חושים האָבן עס זייער ליב. אָ... און מיין שכל האָט עס ליב. אָבער וואָס פאַר אַ שכל? דער מאַטעריאַליסטישער, עגאָיסטישער שכל. און ווען איך וואָלט געהאַט בלויז דעם דאָזיקן שכל, וואָלט איך געגאַנגען, אָדער כ׳וואָלט מיר געהייסן איינהייצן אין אויוון, אָבער אַ בילעט קאָסט אַ האַלבן רובל, איינהייצן דעם אויוון פינף קאָפּעקעס, נאָר מיין פאָטער איז אַ פּאַסטאָר און האָט ניין קינדער, מוז איך פון מיין סטיפּענדיום אים שיקן כאָטש 80, כאָטש 100, אָדער 120 רובל. און פאַרוואָס מוז

איך עס? ווייל ס׳איז פאַרהאַן עפּעס אַזוינס, וואָס ענדערט זיך נישט, וואָס איז נישט באַוועגונג, נישט פאַרגעניגן. נישט פאַרב, קיין זאַך נישט. וואָס דען איז עס? דאָס איז עס טאַקע: מוזן. אַלזאָ, וואָס בין איך? אַ פליכט. און דערפאַר ווייס איך, אַז כ׳האָב אַ נשמה, ווייל כ׳האָב עפּעס אַזוינס, וואָס איז נישט באַוועגונג, נישט איינדרוק, נישט ענדערונג.

— און פאַרוואָס מערן זיך די פאַסטאַרן אַן אַ שיער? — האָט געזאָגט מיט אַ באַס אַ שכן פון רעכטס מיט אַ געקרויזטן קאָפּ און מיט קרומע אויגן — פליכטן — נשמה. ס׳איז נישט נשמה, נאָר די געשלעכטלעכע נאָכגעביקייט, ווי בײַ קראָליקעס.

שולץ איז געוואָרן אַנגעצונדענער.

— זייט אַזוי גוט, מיין פאָטער איז אַ גייסטלעכער.

— און מיין פאָטער איז אויך אַ גייסטלעכער. — האָט געזאָגט דער חבר מיט דער טשופּרינע.

— כ׳וועל אייך נישט דערלויבן. איך האָב זייער ליב מיין פאָטער.

— נו, און אויך איך האָב זייער ליב מיין פאָטער, כאָטש ער איז אַ שיכור, וואָס עס איז זייער גוט דרך־אגב, ווייל אַ פּאָפּ קען זיין אַ פיינער מענטש, נאָר ווען ער טרינקט.

— מיין פאָטער נעמט אפילו נישט קיין ביר אין מויל אַריין — האָט דער דייטש שטאָלצירט.

— טוט ער טאַקי שלעכט — האָט געענטפערט דער אום־רחמנותדיקער פאַסטאָר־שונא — אַ דייטש, וואָס טרינקט אפילו קיין ביר נישט, וואָס פאַר אַ דייטש קען ער שוין זיין. אייך איז שווער צו פאַרטראָגן, אפילו ווען איר טרינקט ביר, וואָס קען שוין זיין אָן ביר...

— מיין פאָטער ווייסט, אַז יעדער גראָשן איז אַ שווער פאַר האָרעוועטער גראָשן.

— הערסטו... מיין אַלטער ווייסט אויך וועגן דעם גראָשן און ער ווייסט, אַז איך וועל אים נישט שיקן, ווייל כ׳האָב נישט און ווען כ׳וואָלט אפילו יאָ געשיקט, איז וואָס? וואָלט איך אויך נישט געזאָגט, אַז דאָס איז אַ פליכט, נאָר: בראַנפן. און ווען

מיין אַלטער וואָלט אפילו משוגע געוואָרן, וואָלט נאָך דערפון גאָר־גישט געדרונגען וועגן מיין נשמה. דער דייטש האָט עפּעס גע־ברומט אַ שטיקל צייט, דערנאָך צורעכט געמאַכט דעם קראַגן און די מאַנזשעטן און צוגעגאַנגען צום בחור מיטן קודלאַטן קאָפּ.

— כ'הייס קאַרל שולץ — האָט ער געזאָגט — און איר וועט מיר דערלויבן מיט אייך נישט באַקאַנט צו זיין.

דער ברונעט האָט אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער.

— און איך — האָט ער געזאָגט — הייס יאַשקאַ טשער־נאָוו, און קען מיך מיט אייך נישט צעשיידן, ווייל מיין נשמה האָט זיך פאַרליבט אין אייך. און איבעריקנס שעץ איך אייך זייער, און דעם פאָטער אייערן און אייערע שוועסטערן.

דער דייטש האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער טשערנאָוו האָט זיך שוין געווענדט צו מיר.

— העי, שלאַכטשיץ, — האָט ער געזאָגט — און איר האָט דאָרט עפּעס גערעדט וועגן שטאָף... קודם־כל פּאַסט נישט, אַז אַ פּאָליאַק זאָל זאָגן „שטאָף". איר אַדעליקע, זאָגט בלויז: „גאָט און דאָס פאָטערלאַנד". און דאָ גאָר „שטאָף". דאָס ערשטע מאָל הער איך עס.

— און פאַר אייך, יאַשקאַ — האָט זיך אָנגערופן פון צווייטן ווינקל אַ יונג מיידל אין אַ בלוי פאַרטוך, פאַר אייך פּאַסט אויך אַ פּאָליאַק אָן זיין פאָטערלאַנד צו דערמאָנען. קאַטקאָוו לאָזט אייך גריסן.

— וועט ער האָבן אַ מיאוסן אָפּשניט, ווייל איך וועל אים קיין גרוס נישט צוריקשיקן.

— טוט איר שלעכט. פאַר דעם פאָטערלאַנד זייערן האָט מוראַוויאָוו געהאָנגען פּאָליאַקן.

— וועמען מוראַוויאָוו האָט אַלץ געהאָנגען, האָט זיך יאַש־קאַ פאַרטיידיקט — ער האָט מיך אויך געקענט הענגען, ער האָט קאַראַקאָזאָוון אויפגעהאָנגען.

עפּעס אַ קאַלטער הויך האָט זיך דורכגעטראָגן אין לאַבאָ־ראַטאָריום.

אַ הויכער בלאָנדין האָט אַ קוק געטון אויף יאַשקען דורך די ברילן און דאָס שטיל געזאָגט:

— איך בין אָרלאָוו. ווי אַזוי שטעלט ער זיך דאָס פּאָר שטאָף. צי איז דער געדאַנק לויט אייך נישט קיין שטאָף? אויב ווידער יאָ שטאָף, טאָ פּאַרוואָס-זשע זאָל איך שטרעבן דערצו, אַז איך זאָל ווערן אַ געדאַנק. דער געדאַנק איז דאָך אַלזאָ אַ געוויסע פאָרם פון שטאָף, ס׳האַנדלט זיך דעריבער בלויז אין דעם, וואָסערער ער איז דער שטאָף. איך מיין, אַז איר זענט אויסן עפּעס אַנדערש, אייך גייט אין דעם, וואָס אַ מענטש איז היינט אַן אומגליקלעכער שטאָף, און ער וויל ווערן אַ גליקלעכער. און דאָס איז אַ קלאָרע זאַך, ווען ער וואָלט נישט געוועזן דער אומגליקלעכער שטאָף, וואָלט ער נישט געוואָלט ווערן עפּעס אַנדערש. ער וויל, דעריבער איז ער אומגליקלעך, Ergo — ער וויל זיין גליקלעך. מיט אַנדערע ווערטער: מ׳דאַרף זיך באַקענען מיט דער טעכנאָלאָגיע פונם מענטשלעכן גליק.

כ׳האָב מיך געפילט ווי אַ פיש אין וואַסער.

ווידער האָב איך באַגעגנט מענטשן, וועלכע האָבן גערעדט מיטן לשון, וואָס מיינע געדאַנקען.

כ׳האָב מיך אָנגעצונדן.

— איך האָב געזען — האָט געזאָגט יאַשקאַ — צוויי מאָל אַ גליקלעכן שטאָף. איינמאָל איז עס געווען אין אַ חזיר-שטאַל און דאָס צווייטע מאָל באַם גובערנאַטאָר אין שטוב. איינמאָל איז עס געווען אַ חזיר — און דאָס צווייטע מאָל — דעם גובערנאַטאָרס דינסט-מיידל. דער גליקלעכער שטאָף פונם חזיר איז געווען געשמאַק בפרט מיט קרויט און מיט זענעפט און דאָס מיידל האָט געהאַט פעטע באַם האַרץ און אַן אומגעוויינטלעך-לייכטן מוח. קיין כעמישן אַנאַליז האָב איך נישט געמאַכט.

— דער רוסישער געדאַנק איז זייער אַ לייכטזיניקער געדאַנק — האָט געזאָגט שולץ. — איר אַלע מאַכט שטענדיק שפּרונגען. מיט אייך איז אַזוי, ווי מיט אייער לאַנד — ווייניק אייזנבאַנען.

פון לאַבאָראַטאָריום בין איך יענעם טאָג דאָס ערשטע מאָל בעגאַנגען אין דער סטודענטישע קוך אַריין.

פון דאַמאָלס אָן האָט זיך אָנגעהויבן פאַר מיר אַ נײַ לעבן.

דאָס איינזאַמע זיצן איבערן ביכל האָט אָפּגעטרעטן דאָס אָרט די אומענדלעכע שמועסן.

כ׳האָב מיך מיטאַמאָל באַקענט מיט אַ גאַנצער מאַסע נישט דורכשניטלעכע מענטשן.

כ׳זאָג עס מיט דער האַנט אויפן האַרץ אין אַזוי פיל יאָרן אַרום. די דאָזיקע מענטשן האָבן אויפריכטיק געלעבט מיטן זוכן דעם אמת, דעם לעבעדיקן אמת, וועלכער איבעראַנדערשט דאָס גאַנצע לעבן. נישט דעם אמת פון אַ טרוקענער וויסנשאַפט. פאַר זיי האָבן נישט עקזיסטירט קיין זאַכן, וועלכע זאָלן זיי נישט אינ-טערעסירן. זייער געדאַנק האָט אומאויפהערלעך געאַרבעט איבער דער לעזונג פונם פּראָבלעם, וואָס אַ מענטש דאַרף זיין. איך האָב מער דורכגעלעזן און דורכגעטראַכט, ווי דאָס רוב פון זיי; אָבער בײַ זיי איז געווען אַזעלכע־שראַקנקייט באַם אַרויסזאָגן עטישע אור-טיילן און באַם פאָרשן. דאָס האָט זיי כאַראַקטעריזירט און דאָס פּלעגט זיי צוגעבן עפּעס קלאַסישע העלדישע שטריכן. זייער פי-לאָזאָפיע איז געווען דאָס לעבן.

אַזוי, למשל, האָט אַלעקסאַנדער ברענאַייזען געטענהט, אַז אַ מענטש דאַרף באַפרידיקן בלויז זיינע נייטיקסטע באַדערפעענישן, אַז זיין אויפגאַבע איז אַרבעט. פלעגט ער טאַקע אַרבעטן צו צוועלף, צו זעכצען שעה טעגלעך. דאָס פאַרדינטע געלט ווידער פלעגט ער אַריינלייגן אין אַן אָפענער פּושקע, וועלכע איז געשטאַנען בײַ אים אויפן טיש. יעדער מיטוווינער האָט געקענט פון איר נעמען, ווי-פיל ער האָט באַדאַרפט, נישט אָפּגעבנדיק קיין רעכנונג. די גע-זעלשאַפט איז מיר מחויב צו געבן אַלץ, כ׳זאָל קענען זיין א י ך, ד. ה. דענקען, און וואָס דאַרף מען האָבן, כדי צו קענען זיין א י ך, עסן, כדי צו לעבן, אָנטון זיך און אָפּהיטן זיך פון געפרוירן צו ווערן. דאָס דאַרף איך האָבן. און דערנאָך, אַז די חיה איז אָנגעטון און זאַט — הייבט זיך אָן דער א י ד. דאָ האָט קיין רעכט נישט קיינער און קיין זאַך נישט.

— און ווען מיין א י ך וויל בלויז טרינקען און ארומלויפן מיט מיידלעך — פלעגט שפאסן יאשקא.

— איז גיי, וועסטו קענען זיך אנטרינקען — טרינק, ווע‏סטו נישט קענען — איז שלעכט. ווע‏סט קענען האבן א מיידל, נעם. טאמער קריגסטו קלעפ — בלייבט עס אויך בא דיר. קיינעם גייט עס נישט אן.

— און אז איך וועל פון דיין קעסטעלע א צענרובלשטיק ארויסנעמען און פארן אויף גאראכאווע צו פריילין געזעל... איז וואס...

— אויב עמעץ איז א חזיר, מוז איך ווידער נישט זיין קיין פאסטוך פון חזירים. — פלעגט דער קאלבלוטיקער ברענ-אייזן אויף זיין משונהדיקן, עפעס ווי אומגעלומפערטן לשון זאגן.

אין דער דאזיקער סביבה האט קיין איבערצייגונג, אויב זי האט זיך נאר געשטיצט אויף קריטיק, נישט ארויסגערופן קיין אויפ-רעגונג.

אבער ווען וואלאשאנאוויטש האט אויפגעהאנגען אין צימער בא זיך אן איקאנע און אנגעצונדן א לעמפל פאר איר, האבן זיך שוין אלע אוועקגעדרייט פון אים.

— וואס האב איך עס אייך אזוינס געטון — האט ער זיך פארטיידיקט.

— גארנישט — האט געענטפערט מיכאל זשעמטשוזשני-קאוו — א משוגענער הונט האט מיר אויך גארנישט געטון און פונדעסטוועגן וועל איך אים אויסווייכן.

— אבער, האב רחמנות, צי פארוואר איך דיר דען צו לעזן מאלעשאטן.

— מאלעשאטן לעז איך נישט, ווייל ער איז קאנסערוואטיוו, אבער איבעריקנס, איז עס א מעשה פאר זיך. מאלעשאט זאגט מיר: דענק, און איך דענק. דא אבער... א משוגענעם הונט וועט דער אינסטינקט זאגן: בייס, און ער בייסט און פונוואנען ווייס איך, וואס דיין גאט הייסט דיך טון? כל זמן דו ביסט געווען אפ-הענגיק פון זיך אליין, האב איך געוווסט, אויף וואס זיך פון דיר

צו ריכטן. אָבער זינט באַ דיר האָט זיך באַוויזן גאָט, קען איך שוין קיין זאַך נישט וויסן. פונוואַנען ווייס איך, וואָס דעם גאָט דײַנעם װעט איינפאַלן. כ'האָב נישט ליב מיט אים צו האָבן צו טון. ווער ס'וויל מיט מיר לעבן, מוז אַליין זײַן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיך.

יעדן פרווו זיך אָפּצוזאָגן פון דער פערזענלעכער פרייהייט פלעגט מען דאָ באמת האַלטן פאַר אַ פאַרברעך.

וואַריאַ טאַזשעצקאַ האָט אַמאָל אומרחמנותדיק באַליידיקט יאַשקען, אַז ער איז כאַראַקטערלאָז, ווײַל ער האָט אין דער קעגנוואַרט פון איר מוטער געלייקנט אין דאַרווינס טעאָריע.

— כ'האָב גאָרנישט געלייקנט — — האָט געזאָגט יאַשקאַ — אָבער זאָגט אַליין: ס'טוט מיך אַ פרעג אַ דאַמע מיט אַ שלעפּע מיט שיניאָנען, פונקט אַזעלכע ווי קלעאָפּאַטרע פון מצרים, שוין אויף דער עלטער פאַרשטייט זיך.

— צי איז עס מעגלעך — זאָגט זי, — אַז אַ מענטש זאָל שטאַמען פון אַ מאַלפּע, צי בין איך, צום בײַשפּיל, ענלעך צו אַ מאַלפּע? נו, טאָ וואָס האָב איך געזאָלט ענטפערן?

— חלילה — זאָג איך — עס איז נישטאָ קיין ענלעכקייט אויף קיין האָר: אַ מאַלפּע האָט דעם עק פון דער נאַטור און איר פון שניידער. נו, און אַזוי ווייטער.

— נישט אמת, — רעגט זיך אויף וואַריאַ, — דו זאָג בעסער, וואָס דו האָסט געזאָגט וועגן נשמה.

— נו, און וואָס האָב איך עס אַזוינס געזאָגט? זי זאָגט צו מיר, די דאַמע, אַז זי האָט פאַר דער נשמה פון מאַן אין דרײַ קלויסטערס פאַר אייביקע תפילה אײַנגעצאָלט, אַז דאָס האָט מער ווי דרײַ טויזנט געקאָסט. פרעגט זי מיך, צי איז אַלזאָ פאַרהאַן אַ נשמה אָדער נישט. איך קען אייך, זאָגט זי, ווײַזן די קוויטן. נו, וואָס-זשע קען איך טון, אַז מען ווײַזט מיר אַ קוויט? דאָס האָט קיינער נישט פאָרויסגעזען. אַז מען האָט נישט קיין קוויט — קען נאָך עפּעס זײַן אַ ספק, אָבער, אַז יענער טײַטשט מיר אַ קוויט!

— פון דיר וועט שוין קיינמאָל קיין גוטס נישט זיין — האָט ‏חאַריאַ אַ קוועטש געטון מיט דער פּלייצע.

די איבעריקע אָבער האָבן געלאַכט.

יאַשקען פלעגט מען בכלל אַ סך מוחל זיין...

— נאָר זע, פלוידער נישט צופיל — פלעגט אים זאָגן אָר־לאָוו, — בפרט, בשעת ער פלעגט דערמאָנען, ווי דאַמאָלס, קאַראַ־קאָזאָוון, טשערנישעווסקין. אָבער יאַשקאַ איז פּלוצלינג ערנסט געוואָרן.

— קנעכט! — האָט ער אויסגעשריגן, שקלאַפן. באַ אונדז האָט מען אַ מענטש אָוועקגערויבט, אַזאַ מענטש! ווען כ'לעז אים, ווער איך קליגער. מען האָט אים צוגערויבט באַ אייך און מען מאַכט אים ביסלעכווייז דעם טויט. אייער געדאַנק, אייער גע־וויסן; און מיר גאַרנישט, מ'וועט שווייגן. הינט זענט איר, פּחדנים, פּחדנים.

און פּלוצלינג איז ער צום פענסטער צוגעלאָפן און, עפּענענ־דיק דעם אויבערלופט, אויפן קול אין דער פינסטערער גרויסער גאַס אַראָפּגעשריגן:

— האַ דו! גיב אונז אָפּ טשערנישעווסקין! טשערנישעווס־קין גיב אונז אָפּ, הערסט?

— וואָס האָסטו דיך צעשריגן — האָט געזאָגט זשעמטשוזש־ניקאָוו. — וועסט אַ סך העלפן מיט שרייען.

— אויב ער וויל אַזוי — האָט געזאָגט ברענאַייזען — קען אים קיינער נישט שטערן.

— ער וועט אַליין פאַרפאַלן ווערן.

— אויב זיין נשמה קען נישט פאַרטראָגן קיין שווייגן, זאָל די שרייען. אויב נישט, וועט עס זיין אַ געמיינע נשמה.

— אָבער זשעמטשוזשניקאָוו איז שוין צוגעגאַנגען צום פענס־טער.

— הער אויס, יאַשקאַ — האָט ער געזאָגט, — צי ווייסטו, וואָס דערפון וועט אַרויסקומען, ווען מיר וואָלטן אַפילו צום ווינטער־שלאָס געגאַנגען שרייען: גיב אים אונז אָפּ!

— נו וואָס, — האָט יאַשקאַ געענטפערט — מ'האָלט דער־הרגעט, נו איז דערהרגעט.

— ס'איז זייער קלוג — וואָלט געזאָגט טשערנישעווסקי — זייער, זייער קלוג זיך דערטראַכט. איר האָט דערהרגעט מיין פריינט־טאַ דערהרגעט מיך אויך, אמת?

— אָבער שווייגן, בעת מ'האָט דיין פריינט, צי נישט קיין פריינט, אָבער אַ הייליקן, אַ חכם דערהרגעט, דאָס איז אַ חרפה.

— אַזוי דערלאָזן דאָס, וואָס מ'האָט געטון מיט טשערנישעוו־סקין, וואָס מ'האָט געטון מיט מיכאַילאָוון, מיט צענדליקער טויזנטער פּאָליאַקן — דאָס איז אַ חרפה — האָט געענטפערט זשעמטשוזשני־קאָוו.

— מיר פילאָזאָפירן זיך דאָ, מיר פירן וכוחים און אַרום אונדז פליסט בלוט. מ'פייניקט מענטשן אומאויפהערלעך — האָט זיך געהיצט יאַשקאַ.

און געבנדיק אַ קלאַפּ מיט דער פויסט אין טיש, — האָט ער אויסגעשריגן:

— איך וועל עס לענגער נישט אַריבערטראָגן, איך קען נישט.

אין צימער האָט געהערשט אַ שטומע שטילקייט.

אונדזער קרייזל האָט בולט דערזען זיין אמתע לאַגע, פּנים אל פּנים זיך באַגעגנט מיט דעם גרויל פון דער רוסישער גע־שיכטע.

און מיט איין מאָל איז קלאָר און בולט געוואָרן דער שוואַר־צער שטריך.

אָרלאָוו, אַ יוריסט לויטן פאַך און כעמיקער לויטן באַרוף, האָט אָנגעהויבן רעדן מיט זיין רויִקער, קלוגער שטימע.

— ער רעדט נישט, נאָר ער גייט אויס פערל — פלעגט תאַריאַ זיך אויסדריקן וועגן זיין דיקציע.

— איך מיין — האָט ער געזאָגט — אַז דאָס, וואָס יאַשקאַ רעדט, איז אונדז אַלעמען גוט באַוווּסט, אַלע האָבן מיר עס שוין דורכגעטראַכט. אַ מאָדערנער מענטש דאַרף זיך נישט נאַרן. דאָס

לעבן פון ציוויליזירטע פעלקער איז פונקט אַזאַ קאַמף ווי דאָס לעבן פון חיות. און מיר וועלן נישט איינרעדן די מענטשן, אַז מען דאַרף זיך קעגנזייטיק נישט פרעסן. ס'איז פשוט וויכטיק מ'זאָל עס פאַרשטיין און מ'זאָל אין דעם קאַמף זיגן. מענטשן פאַרנונפטיקע דאַרפן זען ס'זאָלן זיי נישט אויפפרעסן די חיות. ווייל אַ לייב וואָס וועט אויפפרעסן אַריסטאָטעלעסן איז נישט קלוגער פון אַ לייב וואָס וועט אויפפרעסן אַ קאַלב. זאָל זיך שוין דעריבער דער לייב בעסער שפּייזן מיט קאַלב־פלייש. אַריסטאָטעלעס ווידער זאָל זיך אַליין היטן און טראַכטן, ווי אַזוי אויסצוראָטן די לייבן, אָדער ווי זיי אָפּצוּלערנען פון צו עסן קאַלב־פלייש אפילו.

— מיט אַנדערע ווערטער — האָט געזאָגט וואַריאַ, פאַרבייסנדיק די ליפּן — וואָס? פאַרמאַכן די אויגן, פאַרשטאָפּן די אויערן, און אויב ס'וועט אויסקומען — לויבן דעם לייב און ווינטשן אים אַ גוטן אַפּעטיט?

אָרלאָוו איז אויך בלאַס געוואָרן און האָט געזאָגט:

— איך האָב אויך גרויס אַכטונג פאַר טשערנישעווסקין, אָבער מיר, וועלכע פאַרשטייען זיינע געדאַנקען, דאַרפן זיך דערפאַר טאַקע באַמיִען איבערצוהאַלטן, פאַרנעמען די געהעריקע שטעלונג און באַקומען אַ השפעה.

— און ווען דו וועסט שוין ווערן אָבער־פּראָקוראָר, וועסטו הייסן מיין פאָטער, ער זאָל לייענען מיטן עולם אָנשטאָט די „טשעטי־מינעי” און תהילים „טשטאָ דעלאַט”? אים וועט עס זיכער גאַרנישט אויסמאַכן, בפרט נאָכן פרישטיק — האָט זיך יאַשקאַ פונאַנדערגעלאַכט — אָבער פון דאַן אָן פלעגט זיך שוין אָרלאָוו זעלטענער ווייזן באַ אונדז, און דער שמועס פלעגט אין זיין אָנוועזנהייט שוין צוגיין טויט. דערווייל האָט איבער אַלע פראַגן אָנגעהויבן הערשן בלויז טשערנישעווסקי. און ענדלעך האָבן אַלע אונדזערע געדאַנקען און שמועסן אָנגענומען אַ פולשטענדיק באַשטימטע ריכטונג: באַפרייען טשערנישעווסקין.

2

כ׳האָב ווייניק געקענט דעם דאָזיקן שרייבער.

איצט פלעגט מיר שעהן־לאַנג דערציילן וועגן אים ברעג־אייזען.

דאָס אַלץ, וואָס ער האָט געשריבן, איז גאָרנישט אין פאַר־גלייך מיט אים אַליין. ער האָט אַלץ געוווּסט, וואָס עס וועט מיט אים פּאַסירן, ער האָט אַלץ פאַרשטאַנען. ער האָט געפילט, אַז קיינער וועט זיך פאַר אים נישט אָננעמען. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער הרגעט זיך אַוועק מיט יעדער שורה, וואָס ער שרייבט.

און ער האָט געשריבן. און דאָס איז נישט געווען קיין אָנ־שטעל באַ אים.

ער פלעגט זיך נישט שטעלן אויף קיין פּיעדעסטאַל, ער פלעגט נישט זאָגן, אַז ס׳איז אַ העלדישקייט צו דענקען אין אַ לאַגד פון פאַרקנעכטונג און שטומקייט, נאָר ער פלעגט די דאָזיקע העל־דישקייט דערפילן.

און ער פלעגט מיר לעזן אויסצוגן פון די דאָזיקע אומאַד־רעסירטע בריוו, אייגנטלעך צו אַלעקסאַנדער דעם 2-טן געשרי־בענע.

געערטער הער — האָט ער געשריבן צום קייזער פון גאַנץ רוסלאַנד — איר זענט אומצופרידן פון אונדז. דאָס איז נישט וויכ־טיק. וויכטיקער איז דאָס, וואָס עס טראַכטן וועגן אונדז די גרויסע פּילמיליאָניקע מאַסן. אייך קענען זיי מיטן נאָמען, כאָטש אייער האַנדלונג פאַרשטייען זיי נישט און זענען נישט ביכולת זי צו פאַרשטיין... וועגן מיר, וועגן אונדז, ד. ה. וועגן אַזעלכע מענטשן, ווי איך, ווייסן זיי גאָרנישט.

בשעת כ׳פלעג מיך צוהערן צו דעם, פלעגן זיך מיר דער־

מאַנען מיין פאָטערס דערציילונגען וועגן וויעלאָפּאָלסקין אין פּעטער-בורג.

מיין פאָטער האָט געהאַט צו אים גרויסע טענות, וועלכע זענען אָבער גלייכצייטיק פאַרבונדן געווען מיט אַ געפיל פון פאַרערונג, אַ געפיל, פון וועלכן ער האָט זיך נישט געקענט באַ-פרייען.

ער פלעגט מיר אים שילדערן אַלס שטאָלצן און פעסטן צווישן די פּעטערבורגער שרצים-הויפלייט.

דער צאַר האָט נישט געהאַט אַרום זיך קיין מענטשן, קיי-נער האָט נישט געוואַגט צו זיין קיין מענטש און דער קעגנוואָרט פון אים, צו דענקען בשעת ער האָט גערעדט.

אין וויעלאָפּאָלסקין האָט ער אפשר צום ערשטן מאָל דערזען אַ מענטש, וועלכער האָט פאַר אים נישט קיין מורא גע-האָט.

אַרום און אַרום פלעגן אַלע זאָגן צום צאַר:

— ס'וועט זיין דאָס, וואָס דו וועסט וועלן.

אָבער ער האָט קיין זאַך נישט שטאַרק געוואָלט. ער האָט גיכער מורא געהאַט. ער האָט אַלזאָ געפילט, אַז דער באָדן וואַקלט זיך אונטער זיינע פיס, אַז ער שטיצט זיך בלויז אויף גרענעצלאָ-זער פּחדנות און שוואַכקייט.

צו גרויס איז געווען זיין פאַראַכטונג צו אַלע, אַז ער זאָל געווען קענען אויף וועמען עפּעס אויסשטעלן. פאַרלאָזן זיך אויף קנעכט איז אַן אוממעגלעכע זאַך. איז ער דעריבער געווען אייגנט-לעך אינגאַנצן איינזאַם.

און ווען ער פלעגט זיך אַליין זוכן אין זיך, פלעגט ער קיין זאַך נישט געפינען אַ חוץ: פוסטקייט און שרעק, לאַנגווייל און מליצה.

ער האָט פאַרמאָגט אַ פיזישע דרייסטקייט, און ער פלעגט זיך אייגער אַליין יאָגן נאָך אַ בער. ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין אינערלעכן מוט. ער האָט נישט געוווסט, ווער ער איז און וווהין ער גייט. און ווען ער פלעגט אָנהייבן טראַכטן, פלעגט אים

באַרוישן אַ מחנה געדאַנקען שווערע און אומקלאָרע, שטיקנדיקע ווי דער ריח פון ווײַרויך.

ניקאָלײַ האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גאָט און דעם עולם פלעגט ער האַלטן פאַר פּי. ער האָט זיך געפילט ווי אַן אָפּיציר, וועלכער וועט נאָכן טויט אָפּגעבן אַ דין-וחשבון, אַז אַלץ איז אין אָרדנונג. ווען דער גורל האָט געמאַכט אַ שטריך אין זײַנע רעכע־נונגען, האָט ער זיך אָפּגעסמט, פּונקט אַזוי, ווי עס וואָלט געטון אַ באַאַמטער. האָבנדיק פאַרשווענדט מלוכה־געלטער.

אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט נישט געהאַט אין זיך קיין אַנטשלאָסנקייט.

ער פלעגט טײַלמאָל טרוימען ווי אַ גוטער האַר, וועלכער מאַכט יום-טוב פאַר זײַנע אַרבעטער.

ער האָט אָבער געוואָלט, אַז די ווירקלעכקייט זאָל זײַן אָפּ־הענגיק פון זײַנע קאַפּריזן ווי אַ טרוים.

ער האָט געוואָלט אין זײַן לאַנד זאָל הערשן דער געדאַנק, ער האָט אָבער געוואָלט דער געדאַנק זאָל אים ליבן פרײַוויליק און אָן התראות.

פאַר אַלעקסאַנדער דעם II-טן האָט אַזאַ מענטש ווי טשערני־שעווסקי, אַ מענטש מיט אומרחמנותדיקע איבערצײַגונגען — גע־מוזט זײַן אַ שונא.

זײַן עקזיסטירן גופא איז שוין געווען אַ סכנה.

כ׳האָב אָנגעהויבן אינטויִטיוו פאַרשטיין די שרעקלעכע רו־סישע דראַמע.

דער געדאַנק איז דאָ דערשינען, ווי אַן אומגעריכטער גאַסט, ווי אַ שונא. אויפן רײַזיקן גרונט פון געשמידטע אונטער־דריקטע מיליאָנען איז געשטאַנען די פּיראַמידע פון דער זעלבסט־הערשאַפט פון די באַאַמטע.

דער געדאַנק פון יחידים האָט זיך אונטערגעגראָבן אונטער איר. שוין דער פאַקט אַליין, אַז ער געפינט זיך אויסער יעדן אויסערלעכן דרוק, אַז ער באַשטימט פאַר זיך אַליין געזעצן, איז געווען אַ פאַרברעך.

דאָ דאַרף מען האָבן זעלנער, באַאמטע, נישט קיין מענטשן, האָט געלערנט די אָרדנינג.

און גלייכצייטיק פלעגט עפּעס טיף אין האַרץ זיך פרייען, פאַרפילנדיק די מעגלעכקייט פון אַ קאַמף, פון אַ גרויסן קאַמף פאַר דער צוקונפט פון מענטש.

עס האָט מיך שוין אַזוי געהאַט אויסגעשעפּט און פאַרמאַטערט דער געדאַנק — קאַמף מיט געשפּענסטער, אַז עס האָט מיך געפרייט די פּערספּעקטיוו פון אַן אמתן קאַמף.

איך האָב ביז אַהער מיינע פיילן, ווי דער שטאַרבנדיקער סקיף, אין דער זון אַריין געצילט און זיך צוגעקוקט ווי זיי פאַלן אָנמעכטיק אַראָפּ. איצט האָט זיך געמאָלט פאַר מיר אַ פינסטערע ערדישע מאַכט. דו ביסט אַלנפאַלס שטערבלעך, האָב איך מיר געטראַכט.

דערווייל האָב איך ווי צום דייטלעכסטן געזען די לאַגע.

פאַר מיינע פריינט פלעגן די הויפּטליניעס זיך פאַרלירן צווישן די פּרטים און עפּיזאָדן. פאַר יאַשקען פלעגט נאָך אַ געוויסער צייט אַלץ ווערן נאָר אַן אַנעקדאָט און אַ צופאַל, בײַ ברענאַייזענען אַ פראַגע פון מאָראַלישן סטאָיציזם. יעדער האָט געמוזט דורכפירן אַלץ פאַר זיך. וואַריאַ האָט געוווּסט בלויז איינס, אַז זי וועט נישט אָפּהאַלטן נישט די מוטער מיטן עק פון שניידער און מיט דעם קוויט פון דער נשמה, קיין זאַך נישט, אַז צו יעדער מינוט איז זי גרייט זיך גרענעצלאָז מקריב צו זיין פאַר אַלץ, אין וואָס זי גלייבט. זשעמטשוזשניקאָוו איז געווען פּראַקטיש. ער האָט געמוזט האָבן פאַר זיך אַ ציל אַ באַשטימטן און פאַרהעלטנישמעסיק אַ דערגרייכבאַרן. אַזאַ ציל איז געוואָרן פאַר אים איצט טשערנישעווסקי.

אָבער דאָ איז באַלד אַרויפגעוואַקסן אַ בנין מיט טויזנטער מניעות.

יאַשקאַ האָט מיט אַן אומגעווײנטלעכער פרייהייט געבויט פאַרשידענע פּלענער.

— צום בעסטן — האָט ער געטענהט — וואָלט געווען אַרויסצורופן עמעצן, עפּעס אַ מיניסטער אָדער אַ גרויס-פּריץ. דאָס איז נישט שווער. מ׳דאַרף בלויז טוישן די קאַרעטע, דורך עפּעס אַ

תירוץ באַזייטיקן זיין אייגענע, אויף איר אָרט וועט אַוועקשטעלן אונדזערע. ברענאַייזען וועט אויסגעצייכנט אויסזען אין אַ ליווריי אַלס לאַקיי. איך וועל מיך זעצן אַלס קוטשער. כ'וועל מיר מאַכן אַ בויך פון קישנס. איינער פון אונדז וועט זיך באַהאַלטן אין דער קאַטש, ער וועט האַלטן אין דער האַנט אַ שוואָם מיט כלאָראָפאָרם. ווען אונדזער חברה־מאַן וועט אויפזיצן — די שוואָם אין מויל אַריין און געלאָזט זיך אין וועג. מ'וועט אים איינזעצן אין אַ קעלער און הייסן אָנשרייבן אַ בריוו: באַפרייט טשערנישעווסקין און שטעלט אים צו קיין אויסלאַנד, דאַמאָלס וועט מען מיך באַפרייען. דעם דאָזיקן בריוו וועט מען אַרויספירן קיין אויסלאַנד און אַרויסשיקן פון דער פּאַריזער פּאָסט.

זשעמטשוזשניקאָוו האָט זיך געכעסט, אָבער זיינע פּלענער, וועלכע זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אַ סך ערנסטער, זענען דאָך נישט געווען קלוגער און לייכטער אויסצופירן.

מיר זענען געווען צו קליין אין דער צאָל און צו ווייניק געניט.

אַוועקפאָרן איבערגעטון אַלס זשאַנדאַרמען מיט אַ באַפעל צו באַפרייען טשערנישעווסקין.

ווי אַזוי מאַכט מען אַ פאַלשן באַפעל?

קיינער פון אונדז האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ מין דאָקומענט, מיר האָבן קיין אַנונג נישט געהאַט ווי ער זעט אויס.

יאַשקאַ האָט פאָרגעלייגט זיך אַריבערצוקריגן קיין סיביר, אונטערצוצינדן די תּפיסה און צו מאַכן אַ באַוואָפנטן אָנפאַל בשעת דער שׂרפה.

אָבער ברענאַייזען האָט אונדז אָנגעהויבן באַווייזן די ציילן ציפערן, וועלכע באַשטימען די שטרעקע, און אָנגעהויבן דערציילן וועגן די פרעסט.

מ'האָט באַדאַרפט האָבן פּעלצן, געווער, אַ סך מענטשן און אַ גרויסע סומע געלט. דערביי זענען די אויסזיכטן געווען גאַנץ קליינע.

נישט קוקנדיק אויף דעם, האָבן מיר אָנגעהויבן רעדן

וועגן אָרגאַניזירן אַ נסיעה קיין סיביר. אויפן אָרט וועט מען שוין זען.

קיין געלט איז נישט געווען.

כ׳האָב אַרויסגעשיקט אַ טעלעגראַם צום פאָטער. נישט אי־בערעדנדיק קיין וואָרט, האָט ער מיר אַרויסגעשיקט פינף הונדערט רובל.

— זאָל לעבן די פּוילישע שלאַכטע! — האָט אויסגעשריגן יאַשקאַ.

זשעמטשושניקאָוו האָט דערווייל געטאַפּט דעם דופק, געזוכט אַרום אונדז חברים.

צום ערשטן מאָל האָב איך געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיטן געפיל פון מורא פאַר פּאַראַט.

פּלוצלינג האָט זיך אונדז אָנגעהויבן דאַכטן, אַז די ווענט זענען געוואָרן דורכזיכטיק. מיר האָבן גענומען קוקן אויף אַלע באַ־קאַנטע מיט פאַרשנדיקע בליקן.

איינמאָל אין אָוונט איז זשעמטשושניקאָוו צוריקגעקומען עפּעס אין אמתן שטאַרק דורכגענומען פון עפּעס.

— איך האָב מיך באַקאַנט מיט אַ מענטש — האָט ער גע־זאָגט.

— ביסטו דאָך גליקלעכער פאַר דיאַגענעסן — האָט באַמערקט יאַשקאַ.

דער דאַזיקער צונאָמען איז פון דאַמאָלס אָן שוין געבליבן בײַ זשעמטשושניקאָוון.

דער בייגעבוירענער דיאַגענעס האָט געזאָגט:

— עס וועלן שוין גענוג זיין די גילעכטערס. איך זאָג אייך, איך האָב באַגעגנט אַ מענטש, וועלכער ווייסט, וווהין ער גייט און וואָס ער וויל.

אין אַ פּאָר שעה אַרום האָבן אויך מיר זיך באַקאַנט מיט וואַסיליעוון, ווו עס האָט זיך פאַר אונדז פאָרגעשטעלט זשעמטשו־זשניקאָווס נייער באַקאַנטער. ער איז געווען אַ נידעריקער בלאָנדין, מיט אַ מאָדנע שטאַרקן, דורכדרינגלעכן בליק. וועגן אים האָט מען בעקענט זאָגן, אַז ער האָט ווי דורכגעשטאָכן מיט די אויגן. און

געטון האָט ער עס תמיד, ווי נישט ווילנדיק. פאַר זיינע אויגן האָט זיך קיין זאַך נישט געקענט באַהאַלטן. זיין געדאַנק פלעגט נישט אויפהערן צו אַרבעטן: ער פלעגט נישט שטיין בלייבן אויף דער אויבערפלאַך, וועלכע ווע־טער דעקן אויף, נאָר ער האָט אויף זיי־ער גרונט ערשט געוועבט זיינע אויספירונגען. דאָס וואָס אַ מענטש זאָגט, איז עס דאָס, וואָס אים דאַכט זיך נאָר. אָבער וויכטיק איז נישט דאָס, וואָס אונדז דאַכט זיך, נאָר דאָס, וואָס מיר זעען. נישט דאָס אינטערעסירט מיך אַלזאָ, וואָס דו זאָגסט, נאָר פאַרוואָס דו זאָגסט עס. דו אַליין קענסט נישט וויסן, פאַרוואָס דו זאָגסט דאָס אָדער יענץ, אָבער איך, אויב איך וויל דיך קענען, מוז איך עס וויסן. פון ע־שטן בליק פלעגט וואַסיליעוו נישט דערוועקן קיין צו־טרוי. ער האָט געהאַט אין זיך עפּעס געהיימעס. עס האָט זיך גע־דאַכט, אַז ער איז אונדז אינגאַנצן פרעמד, פרעמד זיך אַליין, דעם אַלעם, וואָס ער רעדט; אַז אַלץ, וואָס ער טוט, איז אים צוליב עפּעס נייטיק, אַז ער טוט קיין זאַך נישט סתם אַזוי זיך.

יאַשקאַ האָט זיך גאָר גיך אָנגעבלאָזן.

— איך האָב נישט ליב קיין מענטשן, וועלכע קענען אַזוי גאָר אינגאַנצן נישט לאַכן.

וואַסיליעווס געלעכטער איז באמת טאַקע געווען זייער נישט קיין אָנגענעמס. ער איז געווען ווי אַ גיפטיקער שפּאָט. און עס איז שווער געווען פעסטצושטעלן, פון וואָס ער לאַכט אָפּ.

אונדזערע פּלענער וועגן טשערנישעווסקיס באַפרייונג האָט ער אויסגעהערט שווייגנדיק.

— וועגן דעם האָבן שוין אַנדערע געטראַכט, — האָט ער צום סוף געזאָגט.

— וואָס־זשע דען? — האָב איך אַ פרעג געטון.

— מ׳דאַרף האָבן אַ מאַכט. מיט דער דאָזיקער מאַכט האָט מען שוין אויפגעטון עפּעס אַנדערש.

— וואָס אַ שטייגער? — פרעגט זשעמטשוזשניקאָוו.

וואַסיליעוו האָט זיך אָנגעכמורעט:

— וועסט אַ סך וויסן, וועסט גיך אַלט ווערן. איבעריקנס ניין, מיינע הערן, פון איך וועט קיינער נישט אַלט ווערן.

— אויך מיר אַ דאָקטאָר — האָט געשפּאָסט יאַשקאָ — און אויף וואָס פאַר אַ קרענק וועלן מיס עס שטאַרבן?

— איך האָב געזען — האָט געזאָגט מיט אַ הוילער שטימע וואַסיליעוו, — קאַראַקאַזאָוון: אויף דער זעלבער.

כ'האָב געהאַט אַן איינדרוק, אַז דער מענטש פּרוּווט אונדז. און טאַקע, כ'האָב אים געזען שפּעטער אין אַנדערע קרייזלעך, כ'האָב געזען, ווי ער האָט געזייט פּאַרזיכטיק ווערטער, ווי ער האָט געשטעלט משוגעהדיקע פראַגן. דאָ האָט ער דערפילט, אַז ער דאַרף נעמען די הויכע טענער.

ער פלעגט אַליין שפּעטער זאָגן:

— מיט אייך איז געווען אַלעקסאַנדער ברענאַייזען. דאָס איז געווען פאַר מיר אַ סימן. גיט מיר טויזנט ברענאַייזענס און כ'וועל גאַנץ רוסלאַנד ענדערן.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אָבער צוגעגעבן.

— ניין, מיט די ברענאַייזענס וועל איך נישט גיין, צו וואָס דאַרפן זיי מיך? זיי האָבן שטאָלענע הערצער, שטערנדיקע אויגן. מיינע אויגן זענען ווי בײַ אַ נאַכט־פויגל. מיין האַרץ איז נישט שטאָל, דאָס איז עפּעס האַרטערס ווי שטאָל. ברענאַייזען איז אַ פרייער מענטש, און איך בין ספּאַרטאַקוס, דער פירשט פון קנעכט.

און אַזאַ, ווי כ'האָב וואַסיליעוון געזען יענעם אָוונט, האָב איך אים שוין אוודאי קיינמאָל נישט געזען.

— צי ווייסט איר, וואָס דאָס איז רוסלאַנד? צי ווייסט איר, אַז אַ מענטש האָט דאָ קיין שום באַדייטונג נישט, אַ געדאַנק — קיין באַדייטונג נישט. אַז מיר אַלע זענען קנעכט. איר הערט, איר הערט, מיר טאָרן נישט דענקען. מיין פאָטער האָט דער גובערנאַ־טאָר געגעבן פעטש, און דער פאָטער האָט אים געקושט אין דער האַנט; און די מוטער האָט געזאָגט: אַזוי דאַרף זיין, מיין זון. שקלאַפן טאָרן נישט האָבן קיין קינדער. און צי ווייסט איר, וויפיל טויזנטער מענטשן עס גייען אויס פאַר הונגער? און צי ווייסט איר וויפיל מענטשן מ'האָט דערהרגעט מיט שטעקנס אין ניקאָלאַיס צייטן? און צי ווייסט איר, וויפיל מענטשן מ'האָט פאַרמויערט אין

שליסעלבורג? קאַראַקאָזאָוון האָט מען נישט געלאָזט שלאָפן אַ גאַנצע וואָך. און איר ווילט דענקען, קעמפן. איז עס אַ שפּאַס — וואַרפט אַוועק — ס׳איז אַ בלוטיקער שפּאַס. וועט איר נאָר אַרויף אויף דעם דאָזיקן וועג, קומט איר שוין מער נישט צוריק. דאָ פירט אָן אַ פינסטערער כח, שרעק, מחשבות בשעת מ׳וועט אייך הענגען, וועט דער המון שרייען, מ׳זאָל אייך צערייסן אויף שטיקער, אַזוי ווי ער האָט געשריגן אונטער אָברוטשאָווס עשאַפּאָט. איר ווילט קעמפן צוליב מענטשלעכע רעכט פאַר חיות, און די דאָזיקע חיות וועט מען אָנרייצן אויף אייך, און זיי וועלן אייך צערייסן.

איך האָב דערנאָך געפרעגט באַ וואַסיליעוון, בשעת כ׳האָב געהערט, ווי ער האָט אין אַנדערע פאַלן אַנטוויקלט פאַר ניי־באַגעגנטע מענטשן די שטראַלנדיקסטע פערספּעקטיוון, וואָס ער איז אויסן געווען רעדנדיק מיט אונדז מיט אַזאַ שרעקלעכן טאָן.

— יעדער אינסטרומענט האָט זיין טאָן — האָט ער געענטפערט. — ווען כ׳וואָלט אייך געזאָגט, אַז ס׳איז נאָענט דער נצחון, וואָלט איר נישט געגלייבט.

— און ער האָט טאַקע נישט געשפּאָרט דאַמאָלס קיין פאַרבן.

— קינדער פון טויט, איר ווילט לעבן? אייער איינציקער וועג איז דער טויט.

— אָבער געקראַקעט — האָט זיך אָפּגערופן יאַשקא. — ער וואָלט געווען גאָר אַ גוטער פּאָפּ אויף די גרויסע פאַסט־טעג.

ברענאַייזען ווידער האָט געזאָגט:

— כ׳לעב ווי כ׳וויל, און כ׳שטאַרב ווי כ׳וויל. קיינער קען מיך נישט הייסן לעבן לענגער, ווי מיר וועט זיך וועלן.

— קיינער קען מיר נישט שטערן צו קעמפן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט, — האָט געענטפערט וואַסיליעוו. — כל־זמן איך וועל לעבן, כל־זמן איך וועל דענקען, כל־זמן איך וועל נאָך האָבן דעם לעצטן אָטעם, וועט מיין אָטעם זיין דער געשריי: טויט פאַר די אונטערדריקער, טויט פאַרן שקר, טויט פאַר די אויסנוצער.

— איר זאָלט אויף מיר נישט קוקן פאַרחידושט. איר לעבט

אין דער פּריווילעגירטער וועלט, איר האָט אַ צוטריט צו דער וויסנשאַפט, צו ליכט אייערע פרויען זענען ריין, אייערע הערצער זענען נישט פאַרסמט פון פאַראַכטונג צו זיך אַליין, איך קום פון אַ וועלט פון אונטערדריקטע. דאָרט לעבן די, וועלכע עס האָט צעטרעטן אייער וועלט. פרויען פאַרקויפן דאָרט זייער קערפּערס און ווערן געשלאָגן. איר הערט, איר הערט, פרויען שלאָגט מען. אייער שוועסטער וואָלט מען עס דאָך אויך געקענט פּונקט אַזוי שלאָגן. פאַר אַ האַלבן רובל שלעפּט זי אַוועק די שיכורע חיה אין אַ גומער פון דער קרעטשמע און שלאָגט, שלאָגט מיט וואָס ער קען: מיטן שטעקן, מיט דער פויסט, מיטן שטיוול. און צי ווייסט איר, אַז אָט די אָנגעהרגעטע, באַשפּיגענע, מיט בלויע צייכנס באַדעקטע פרויען האָבן ערגעץ באַ זיך אין ערגעץ אַ פאַרפוילטן, פאַרשטונקענעם ווינקל אַ קינד. און איר ווילט לעבן, לערנען זיך, דענקען כּל זמן אין איינציקער מענטש קומט אַזוי אום אויף דער וועלט. כּל זמן כאָטש איין לעבן איז נאָך אַריינגעשטופּט אַזוי אין בלאָטע איז נישט כּדאַי צו לעבן, איז אוממעגלעך צו לעבן אַנדערש, ווי קעמפנדיק. אומעטום איז בלוט, אומעטום מענטשלעך בלוט. מיט פּורפּור-בלוט זענען געשריבן די ביכער פון אייערע געלערנטע. אייערע געזעצן זענען געשריבן מיט טרערן פון הונגעריקע קינדער. אייער צניעות האָט נישט אָפּגעוואַשן איר מלבוש פון בלוט. פון פגירה לעבט אייער וועלט. איר חידושט זיך, וואָס איך רעד צו אייך אַזוי, וואָס איך האָב נישט קיין געטאָקטע פיינע ווערטער. ניין, איך שטאַם נישט פון אייערע קרייזלעך. איך וויל מיך נישט לערנען, פאַרפולקאָמען, איך בין נישט מער ווי קאַמף. אָט מיט די הענט האָב איך דערשטיקט אַ מענטש, אים בין סערגיי ניעטשאַיעוו.

דער גרויסער פאַנגער פון מענטשלעכע נשמות, אַ מענטש וואָס האָט מנצח געווען אפילו אַזאַ פאַרפיערישע שלאַנג ווי באַקונינען. ער האָט אויך דאָס מאָל נישט געהאַט קיין טעות. מיר האָבן אים אַלץ מוחל געווען פאַר דעם כּח פון זיין שנאה, פאַרן עלעמענטאַרן, סטיכישן קאַמפּס-אָטעם און אָפּערוויליקייט מיט קיין שום אַנדערן וועג וואָלט ניעטשאַיעוו אַזוי שנעל נישט דערגאַנגען צו אַ פאַרשטענדיקונג מיט אונדז. איצט זענען מיר גרייט געווען

צו גיין מיט אים אינאיינעם. מיינע פינף הונדערט רובל זענען אוועק אויף אַ גרונט־פאָנד פון אַ רעוואָלוציאָנערער דרוקעריי.

3

אַ רעוואָלוציאָנער אַן אָנפאַנגער געפינט זיך אין באַזונדערע פסיכישע באַדינגונגען.

עס זענען פאַראַן זאַכן, וועלכע נאָר ער אַליין איז אומשטאַנד דורכצופירן אויף אַ געוויסן אופן. צו דער קאַטעגאָריע פון די דאָזיקע זאַכן געהערט די רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור. אין דער אַרבעט פון די רעוואָלוציאָנערן־אָנפאַנגער קען פעלן וויסן, געניטקייט, געשלאָסנקייט פון דער געדאַנקען־אַרבעט אין דער אַרגומענטירונג, זיי באַזיצן אָבער דערפאַר אַ געוויסע גלויבנס־פרישקייט, וועלכע איז נאָר בלויז פאַר זיי ספּעציפיש. אַ יונגער, נאָך נישט אויסגעפּרוּווטער טוער גלייבט אין די באַלדיקע רעזולטאַטן. די ווערטער זיינע מעגן לייקענען אין דעם, וואָס עס זאָגט זיין יונגער גלויבן, מעגן עס באַגרענעצן, אָפּהענגיק מאַכן פון באַדינגונגען, אָבער דאָס איז בלויז אַן אָנשטעל. דאָס איז איינגערעדטע געניטקייט. טיף אין האַרץ גלייבט יעדער יונגער רעוואָלוציאָנער, אַז יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט אָנגעשריבן און אָפּגעדרוקט אין אַ געהיימער צייטונג, וועט גלייך ווערן לייב און בלוט. דעריבער צאַפּלט אַזוי אין דעם, וואָס ער שרייבט, אַזאַ אומפאַרענדערלעכע זיכערקייט. ער אַליין ציטערט פונעם אומגעדולדיקן מוט, פון דעם צאָרן, פון דער פרייד, וועלכע רופט אַרויס אַ געפאַר, בעת ער שרייבט. און אָט דאָס איבערנעמען זיך מיט דעם פליסט אַריין אין זיינע ווערטער, און דורך די ווערטער שטעקט עס אָן דעם לעזער. אויך אַזוי האָבן מיר געשריבן אונדזער צייטונג און אונדזערע פּראָקלאַמאַציעס אין דער דרוקעריי, וועלכע ניעטשאַיעוו האָט געגרינדעט.

געווען איז זי מער ווי פּרימיטיוו.

זי איז באַשטאַנען פון נישט קיין גרויסער צאָל שריפט, פון אַ הילצערנער ראַם און צוויי שטיקער מירמלשטיין. דעם מירמלשטיין האָט געשאַפט וואַריאַ אויף דער מוטערס זומער־וווינונג, ווו ס'איז געווען אין אַ מאַרמאָרנער אַלטאַנע אַ גאָרטן־טישל.

מיר האָבן דאָס בלאַט צעהאַקט אויף צוויי שטיקער, און עס איז אונדז גוט צונוץ געקומען. אַ דאַנק דעם זענען אונדזערע פּראָקלאַמאַציעס און די צייטונג געווען גלאַטער און רייַנער געדרוקט, ווי אין אַנדערע דאַמאָלסטיקע רוסישע געהיימע דרוקערייען. אמת, מיט דעם שריפט איז געווען ביטער: ס'האָבן אונדז באַזונדערס געפעלט עטלעכע אתיות, כ'געדענק, אַז אָפט פלעגט פעלן דאָס אות „ר", דעריבער פלעגט מען באַפעלן די מיטאַרבעטער, אַז זיי זאָלן זיך מיט דעם לוקסוסדיקן אות באַגיין ווי צום פּאָרזיכטיקסטן. דעם אויסדרוק „וואַרוואַר" האָט מען אינגאַנצן אויסגעשלאָסן פון אומגאַנג. גאַנצע צוויי „ר"־ן אין איין וואָרט. מיר האָבן אים פאַרביטן מיט קאַניבאַל.

די דרוקעריי האָבן מיר איינגעאָרדנט אין אַ וווינונג, וועלכע ברענאייזען האָט געדונגען. זי האָט געהאַט אַ גרויסע מעלה: זי האָט פּאָרגעשטעלט מיט זיך אַ טייל פון אַ גרויסן לאָקאַל, וועלכן ס'האָט פאַרנומען אַ טויב־שטומער שניידער, וועמענס פרוי ס'האָט אויך געהאַט דעם זעלבן פעלער. געפונען האָט זיך אונדזער דרוקעריי אין אַ קויש, וואָס איז געשטאַנען אין קלענערן צימער פון די צוויי צימערן, וואָס ברענאייזען האָט פאַרנומען. אַ חסרון איז געווען דאָס, וואָס דאָס צימער האָט נישט געהאַט קיין באַזונדערן אַרויסגאַנג, אָבער דערפאַר האָט מען געקענט דערין אַרייַנגיין נאָר דורכן גרויסן צימער, וועלכעס האָט געדינט ברענאייזען פאַר אַן אַרבעט־און עס־צימער. איבעריקנס, האָט זיך דאָס פענסטער פון אונדזער שטיבל געפונען אַן ערך צוויי איילן איבער אַ דעכל פון עפּעס אַ סקלאַד אָדער שטאַל. און פון דעם דאָזיקן דעכל איז שוין נישט געווען שווער זיך אַראָפּצוכאַפּן אויף דער ערד.

ניעטשאַיעוו האָט אונדז פאַרזאָרגט מיט רעוואָלווערן, און ברענאייזען האָט דערקלערט, אַז קיין לעבעדיקן וועט אים די פּאָליציי נישט נעמען. דערווייל האָט ער זיך גענומען מיט התמדה

צום דרוקן, דאָס שרייבן האָט אים פאַרשאַפט ווייניקער פאַרגע־ניגן.

אַ ים מיט טאַלאַנטן האָבן מיר אָבער אַנטדעקט אין יאַשקען.

קודם האָבן זיך באַ אים אָנגעהויבן שיטן ווי פון אַרבל אַרטיקלען, פּראָקלאַמאַציעס. אַליין האָט ער אָפּגעלאַכט פון זיין שרייבן, און ווען מיר האָבן אים געלויבט, פלעגט ער פייפן דורך זיינע קאַליעדיקע ציין. אין אמתן האָט אים אָבער שטאַרק אינ־טערעסירט, וואָס פאַר אַן איינדרוק ס׳מאַכן זיינע אַרטיקלען. דער־ביי האָט ער דער איינציקער פון אונדז אַלע זיך צום ווייניקסטן געזאָרגט וועגן ניעטשאַיעווס מיינונג. ער פלעגט אים רופן נאַפּאַ־לעאָנדל און פלעגט פון אים אָפּלאַכן, וואָס עס פלעגט שטאַרק פאַרדריסן וואַריאַ טאַזשעצקאַן.

וואַריאַ איז געוואָרן אין אמת אַ געניאַלע צושטעלערין פון געלט. אין יענע צייטן האָט זיך ניעטשאַיעוו כסדר געניטיקט אין געלט און ער פלעגט זיך באַקלאָגן אויפן מאַנגל אין דעם. כ׳האָב געהאַט אַן איינדרוק, אַז נאָך מער ווי געלט פעלן אים מענטשן. ער גופא האָט כסדר געשטראָפט מיט פייערדיקע רייד די שקלאַפישע אינסטינקטן און פחדנות פון די רוסן.

— זיי לעזן בלויז ביכלעך:

— „גוט מאָרגן, וואַסילי איוואַנאָוויטש, וואָס הערט זיך?“

— „אַלדאָס גוט, איוואַן וואַסיליעוויטש, אין קאַזאַנער גובער־ניע האָט מען אויף די הונגעריקע פּויערים מיט קוילן געשאָסן. מ׳האָט הונדערט צי צוויי הונדערט אַנידערגעלייגט.“

— „אַזוי, אַזוי? איך האָב תמיד געזאָגט, אַז מיר האָבן אַ שרעקלעכע אָרדנונג.“

— „זייער אמת... וואָס טויג אַ הונגעריקן קוילן?

— „פאַרשטייט זיך, אַ הונגעריקער דאַרף האָבן ברויט.“

— „יאָ, אַזוי איז עס טאַקע, כ׳גיין איצט וועגן דעם אַ טיי־ער ביבל“

— „און איך לייען וועגן דער שעדלכקייט פון דער פראָס־טיטוציע".

— „דאָס איז אויך אַ וויכטיקע פראַגע, כ'וועל עס בעטן באַ אייך, ווען איר וועט עס דורכלעזן."

— „אָך, מיטן גרעסטן פאַרגעניגן."

און פונקט אַזוי ווי אינסטינקטיוו בייטן זיי זיך מיט די ביכלעך. אָדער, נאָך בעסער: איך וועל דיר געבן אַ שיינע אי־דעע, און דו גיב מיר אַ שיינע אידעע און פאַרטיק.

פון פויערישער אַרבעט איז דאָס אַלץ געשפּייזט געוואָרן, מיט פּאַנשטשיזנע און איבער די פּאַנשטשיזנע־האַרעמען האָט מען די אינדיווידואַליטעט אַנטוויקלט.

די אינדיווידואַליטעט.

פון דעם גאַנצן רוסישן אַדל־שטאַנד איז נאָר איין באַקונין אַ מענטש געווען. און מ'האָט געדאַרפט זען, ווי דער פאַרשטאַרבע־נער הערצען האָט אויף אים פון אויבן אַראָפּגעקוקט.

זשעמטשוזשניקאָוו האָט געפּרוווט זיך אָננעמען פאַר הער־צענען.

— זיין גלאַק האָט גאַנץ רוסלאַנד געוועקט.

— דאָס איז עס טאַקע: מען האָט גאָרנישט געדאַרפט וועקן דאָס דאָזיקע רוסלאַנד זיינס: הלוואי וואָלט עס אַ רויט הענדל און אַ האַק געווען געוועקט.

— און נאָכדעם? — האָט געפרעגט זשעמטשוזשניקאָוו.

— וואָס? נאָכדעם פייער און בלוט, פייער און בלוט, עס זאָל איבערבלייבן בלויז נאָר דער פויער און דער אַרבעטער, און דאַמאָלס — וועק אים, און לאָז אים נישט איינשלאָפן, און לאָז אים נישט שאפן זיך קיין נייע אָפּגעטער.

יאַשקאַ האָט פאַרזשמורעט די אויגן.

— און ווען דער פויער, — זאָגט ער, — וואָלט פאַרברענט אַלע צלמים און וואָלט זיך דערנאָך צוליב עפּעס נייעס פערונען ווידער פון דניעפּער אַרויסגעשלעפּט?...

— דאָס איז שוין אונדזער זאַך, מיר זאָלן אים דעם פּע־רון מיאוס מאַכן — האָט ער געזאָגט: — אויף די מענטשן

איז אָנגעוואקסן אַ סך ווילדפלייש. די האַק וועט האָבן אַ היפּש ביסל אַרבעט.

ברענאייזען האָט שטיל און רויִק געזאָגט:

— איך גיי מיט אייך נאָר ביז דער האַק, ווייטער נישט.

ניעטשאַיעוו פלעגט מיט ברענאייזענען קיינמאָל זיך נישט חקרנען, ער האָט אים גערופן שמעון סלופּניק, אָבער ער האָט אים געשעצט.

— ביז דער האַק — האָט ער געזאָגט — וועט קיינער פון אונדז נישט דערלעבן, נישט איך און נישט דו — דערנאָך האָט ער צוגעגעבן: — כאָטש, ווער ווייסט: ווען דאָס פאָלק וואָלט מער בלוט געהאַט.

וועגן הערצענען פלעגט ניעטשאַיעוו רעדן מיט האַס...

— אַ נשמה פון אַ פלאַנטאַטאָר האָט געהאַט דער מענטש, וועלכער האָט אָנגעשריבן, אַז אַ גאַסן־פרוי איז דערמיט ענלעך צו קאַלבסקאָטלעטן, וואָס אי פון דעם ערשטן, אי פון דעם צווייטן קען מען הנאה האָ ן. אָבער רעדן וועגן זיי קען מען נישט.

אַ גאַס־פרוי איז שוין בײַ אים קיין מענטש נישט געווען. זי איז שוין אַ מענטש פון אַן אַנדערן מין: אַ געפאַלענער. און איר בייט מיר נאָך דערציילן מעשיות, אַז נישט אין פאַנשטשיזנע-האַ־רעמען זענען זיי געהאָדעוועט געוואָרן: אַ מענטש צו פאַרגלייכן מיט קאָטלעטן. דאָס ערשטע און דאָס צווייטע איז פאַר מיינעטוועגן. געפאַלענע מענטשן! געפאַלענע מענטשן! מענטשן, וועלכע מען עסט און וועלכע עסן אַנדערע. ווער ווייסט, וואָס ס'איז עקלהאַפ־טער... אַ לאָרעטקע איז אַ געפאַלענע, כּל-זמן זי פירט אייך נישט בײַ דער נאָז אַרום, כּל-זמן זי מאַכט פון אייך קיין תּל נישט. ווען אַ קאַקאָטע שלאָגט אַ באַנקיר מיטן פאַנטאָפל איבערן פּנים — איז עס אויך אַ פּראָטעסט.

ניעטשאַיעווס שאַרפזין פלעגט פאַרשווינדן, ווי נאָר ער פלעגט נעמען די פעדער אין דער האַנט.

געשריבן האָט ער אָפּגעהאַקט, שאַרף, נישט איבערצייגנ־דיק.

— ווי אַזוי זאָל איך שרייבן, אַז כ'האָב שוין קיין שום אַל־

געמיינס נישט מיט קיין קנעכט. — ער איז שוין באמת געשטאַגען אײַנגאַנצן אויף דער אַנדערער זײַט. פאַר אַזעלכע מענטשן ווי ניעטשאַיעוו איז שוין דאָ בלויז איין לשון: די גיליאָטינע. ער איז פאַר מיר געווען אפשר דער איינציקער ביישפּיל פון אַ טעראָריסט, וואָס איבערצייגט אין דער גערעכטיקייט פון דעם סיסטעם. פאַר אים איז דער טויט נישט געווען קיין קאַמפּס-מיטל, נאָר עפּעס אַ בויטווענדיקייט, וועלכע קען נישט צוריקגעצויגן ווערן. אַזוי ווי מאַראַט, וואָלט ער געקענט באַרעכענען די צאָל קעפּ, וועלכע מען דאַרף אַראָפּנעמען.

דאָס שרייבן איז אַן אַנטדעקונג פון אומגערעכטע זאַכן אין זיך אַליין. ניעטשאַיעוו האָט שוין מער נישט אַנטדעקט, ער האָט אַדורכגעפירט אין לעבן. ער פלעגט אַרויסטראָגן דעם פּסק-דין.

יאַשקאַ איז אָבער דערפאַר געווען אומדערשעפּט.

די פראָקלאַמאַציעס פלעגן אים נישט אַזוי געלונגען. דאָ האָט זיך אויסגעצייכנט זשעמטשוזשניקאָו. צונויפגעפרעסטע און לאָגישע, פלעגן זיי קאַנסעקווענט ברענגען צום אויספיר, אַז די רעוואָלוציע איז נייטיק, וועט ברענגען די דערלייזונג און איז אומפאַרמיידלעך. מיט דער הילף פון עטלעכע צענדליק שורות האָט ער באַוויזן אויפצוקלערן די פאַרוויקלטסטע פראַגן, אַזוי קלאָר און דייטלעך, אַז זיי פלעגן ווערן פּשוט.

און פּשוט זענען זיי טאַקע געווען, אויב מ'האָט געהאַט דעם מוט אָפּצוּוואַרפן דעם גאַנצן פלאָנטער פון די עקזיסטירנדיקע פאַר-העלטעניש.

און מיר האָבן פון דער עקזיסטירנדיקער ווירקלעכקייט נישט געוואָלט קיין זאַך מציל זיין, קיין זאַך האָבן מיר נישט געוואָלט אַריבערטראָגן איבער דער פלאַמענדיקער האַנט פון דער רעוואָלוציע. ס'איז געווען פאַר אונדז אַן אַקסיאָמע, אַז קיין שום זאַך, וועלכע האָט אַ שייכות צו שקלאַפן-צושטאַנד פון מענטשן, פאַרדינט נישט קיין שום אַכטונג.

דער פרייער מענטש וועט האָפנטלעך שוין באַווייזן צו שאַפן דאָס אַלץ, וואָס עס האָט געהאַט עפּעס אַ ווערט אינם ווערק פון דער פאַרשקלאַפטער מענטשהייט.

— דער מענטש טאָר נישט אָפּהענגיק זיין פון אַ זאַך, — פלעגט זאָגן ברענאייזען, אָבער גלייכצייטיק פלעגט ער צוגעבן: — און פריי איז נישט דער, וועמ עס ליבט, ער מוז דאָך ליבן עפּעס אַ זאַך.

ער איינער פון אונדז אַלע פלעגט סקעפּטיש זיך באַציִען צו די פויערישע באַגריפן וועגן דער ערד. ווער עס וויל האָבן ערד, איז אַ שקלאַף פון דער ערד.

— אויף די וואָלקנס וואַקסן נישט קיין גערשטן — האָט געשפּאָסט זשעמטוזשניקאָוו, — און פון מאַרס קומען נישט אָן קיין טראַנספּאָרטן תּבֿואה.

— אַ מענטש מוז לעבן פון ערד, אָבער ער דאַרף זי נישט באַמערקן. ער דאַרף זיין אַן א י ך און ליבן דאָס וואָס איז א י ך, — פלעגט ענטפערן ברענאייזען.

דאָס פלעגט אים אָבער נישט שטערן מיט דער גרעסטער געדולד צונויפצושטעלן לויב-לידער לכּבֿוד דער געזעלשאַפט.

שטייענדיק העכער פון אונדז אַלע מיט זיין מאָראַלישער אויסגעאַרבעטקייט, האָט ברענאייזען ווייניקער פון אונדז אַלעמען געקענט דאָס דורכשניטלעכע לעבן.

ער פלעגט אַפילו באַגרינדן דאָס דאַזיקע נישט וויסן.

— כ׳בין גאָרנישט מחויב צו וויסן, וואָס איז עס ווירקלעכקייט פון נידעריקן טיפּ. איך וויים, וואָס כ׳וויל. און כ׳וויל אַזוי לעבן ווי כ׳וויל און ווי כ׳קען. אַזוי וועלן מיט דער צייט לעבן אַלע מענטשן. כ׳וויל לעבן אַזוי, ווי מ׳וועט לעבן אַמאָל. כ׳קען מיך נישט גיין אָפּזאָגן פון זיך אַליין דערפאַר, ווייל כ׳בין געבוירן געוואָרן אין אַזאַ ווייניק אַנטוויקלטן יאָרהונדערט, ווי דאָס איז אונדזער XIX-טער יאָרהונדערט.

ברענאייזען פלעגט זעלטן רעדן. אָפּטער פלעגט ער זיך צוהערן. דעם באַשלוס פלעגט ער כּמעט קיינמאָל נישט ענדערן.

— שמעון סלופּניק, — פלעגט זאָגן ניעטשאַיעוו, — איז דער גרעסטער גבור.

ס׳פלעגט זיך באמת שפּירן אין ברענאייזענען עפּעס אַ קאָנצענטרירטער כּוח. ער פלעגט דערוועקן אַ דרך ארץ, נאָגט פו

שרעק, ווייל זיינע מעשים און ווערטער פלעגן האָבן אַ שטעמפּל פון אַ העכערן, פאַר אונדז נישט תמיד פאַרשטענדלעכן כוח.

וואַריאַ פלעגט בלאַס ווערן און זיך פאַרענדערן, ווען ער פלעגט בלויז רעדן צו איר.

מיר האָבן זיך נישט געוואונדערט דערויף, ווייל אַפילו יאַשקאַ פלעגט אַנטוישוויגן ווערן אין דערמיט פון אַ נישט געענדיקטן וויץ, בשעת ער פלעגט דערפילן אויף זיך דעם קלאָרן און שווערן בליק פון סלופּניקן.

צוליב דעם כוח טאַקע, וועלכן מיר האָבן געפילט, איז צע־שטערט געוואָרן אונדזער דרוקעריי. און געשען איז עס אַן ערך אַ חודש נאָך איר גרינדונג.

שוין אין דער ערשטער וואָך פון דרוקן האָבן מיר באַמערקט, אַז די שווערסטע זאַך וועט זיין צו פאַרשפּרייטן די ליטעראַטור. צווישן אונדזער קרייזל אין דעם איבעריקן טייל פונם סטודענטישן וועלטל האָט זיך אינגאַנצן אָרגאַנישט געשאַפן אַ תהום. מיר האָבן זיך אָפּגעריסן פונם לעבן, און ס׳האָט אין אונדז געמוזט זיין אַזוינס, וואָס האָט פאַרגליווערט באַם דערנענטערן זיך צו אונדז. אפשר איז עס געווען די ווירקונג פון ברענאַייזענס שטרענגן געשטאַלט. מיר האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ מין אינדזל, וואָס צווישן דעם אינדזל און דער וועלט איז געפלאָסן אַ שטראָם פון שרעק און קעגנזייטיקן אומצוטרוי. מיר אַליין פלעגן זיך שלעכט פילן אין אַ סביבה, ווו ס׳האָט געהערשט אַן אַנדערע שטימונג. מעגלעך, אַז דאָס איז געווען אַ פּועל יוצא פון אַ געוויסן אַרט געדאַנקען־אינס־טינקט. אונדזער אידעען־וועלט האָט נישט פאַרטראָגן קיין דרוק פון דער ווירקלעכקייט. אין דער דאָזיקער תקופה זענען מיר געווען די, וואָס גלייבן אין דער רעוואָלוציע, נישט אירע באַוווסטזיניקע און ניכטערער שעפער.

רעוואָלוציע!

דאָס וואָרט אַליין קלינגט מאָדנע היינט, ווען איך קלער וועגן יענער צייט, וועגן די דאַמאָלסטיקע מעשים. מיר האָבן דאַ־מאָלס נישט געהאַט קיין שום באַציִונג צו דער וועלט. מיר האָבן נישט געפילט, אַז מיר זענען מחויב זיך צו פאַרענטפערן פאַר איר,

נאָר זענען פּשוט געגאַנגען אָנזאָגן די גרויזאַמע תּורה פון חורב מאַכן די עקזיסטירנדיקע אומגערעכטיקייטן. אַלע באַוויזן, אַרגומענטן האָבן זיך שוין פאַר דעם געהאַט איבערגעבראָכן אין אונדזערע מוחות. אונדזערע געדאַנקען האָבן זיך פאַרהאַרטעוועט און זיך פאַרשפּיצט. מיר האָבן דאַמאָלס נישט געוווּסט פון קיינע מיטעלע אַקאָרדן. באַ דער קלענסטער באַרירונג פלעגן מיר אַרויסלאָזן דעם פולן, מעכטיקן קלאַנג פון אַ גלאָק, וואָס איז מבשר אַ סכּנה. און דאָס פלעגט אָפּשטויסן. די אַקס פון געשפּרעך פלעגט זיך צו גיך צונויפטרעפן מיטן ווידער־שטאַנד פון מעטאַל און פלעגט זיך ברעכן. מיר האָבן נישט געהאַט וועגן וואָס צו רעדן מיט אונדזערע חברים, וועלכע האָבן ערשט אָנגעהויבן צו לעבן, וועלכע האָבן ערשט אָנגעהויבן צו לעבן, וועלכע האָבן ערשט געקליבן מאַטעריאַל אויף די אויספירונגען, וואָס מיר האָבן שוין לאַנג געהאַט געמאַכט. כ׳קען נישט קלערן אָן באַוווּנדערונג וועגן יענער געדאַנקען־אַטמאָספער, אין וועלכער ס׳האָבן זיך אַזוי שנעל געקענט דערקענען און צונויפקומען מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען אויף אַזאַ אַבסטראַקטן אין פאַרשידנאַרטיקן געדאַנקען־שטאַפּל, באַלד, ווי נאָר מיר האָבן זיך באַקענט, זענען מיר געווען איבערצייגט, אַז אונדז בינדט נישט קיין איינע פון די פאַרשפּרייטע מיינונגען.

ווען אונדזער קרייזל וואָלט געוואָרן אַן אָביעקט פון אויספאָרשונגען שטעל איך מיר פאָר וויפיל מאָל די פּראָקוראַטור וואָלט געבראָכן דעם קאָפּ, ווען זי וואָלט געוואָלט דערגיין, ווער פון אונדז עס האָט אייגנטלעך אָנגערעדט און אַרויפגעפירט אויפן וועג פון „פאַרברעך״ די אַלע איבעריקע. העכסטוואַרשיינלעך וואָלט מען די דאָזיקע ראָל צוגעשריבן ברענאייזענען, ווייל כ׳מיין, אַז דער העכסט־באַגרענעצטער ריכטער וואָלט זיך נישט געקענט גלייבן, אַז איבער אָט דעם מענטש און זיין געוויסן זאָל ווער קענען הערשן, אַז ווער אָדער וואָס ־ס זאָל נישט זיין זאָל קענען באַ אים צונעמען די אַבסאָלוטע אינערלעכע פרייהייט.

אָבער דאָ האָט וועגן קיין פאַרקערטע באַציִונג אויך קיין רייד נישט געקענט זיין

די מעשה מיטן אַרעסט האָט אונדז אויסגעזען נישט וואַרשײַלען.

שולץ איז אַוועק, איבערלאָזנדיק אַן אַדרעס פֿון דעם וווינונג, ווו איך האָב געזאָלט טרעפֿן ניעטשאַיעוון.

נאָך שולצס אַוועקגיין האָבן מיר אַלע אָנגעהויבן קלערן, ווי אַזוי ניעטשאַיעוו האָט געקריגן די שליטה איבער אָט דעם אומשולדיקן נפש. ער האָט אים אָנגעשראָקן, צוגעזאָגט אַ פּאָסטן, עמעריטורע פֿאַרן פֿאָטער און נדן פֿאַר די שוועסטערן, האָט געשפּאָסט יאַשקאַ. אין אמתן איז עס אָבער געווען אַ וווּנדערלעכע דערשיינונג.

5

די דירה, וועלכע ניעטשאַיעוו האָט מיר אָנגעוויזן, האָט טאַקע באַוווינט שולץ אַליין, די גאַנצע מאָראַלישע שטימונג פֿון באַלעבאָס האָט זיך קלאָר אָפּגעשפּיגלט אויף דער אײַנריכטונג פֿונם דאָזיקן צימערל. דאָ איז נישט געווען קיין ברעקל שטויב. די ביכלעך אין הילעס פֿון קאָלירט פּאַפּיר, זענען געלעגן צוגעפּאַסט אויפֿן טיש. איבערן בעט, וואָס איז געווען פֿאַרדעקט מיט אַ ציכטיקער צודעק און מיט קישנס און ציכלעך מיט אַן אויסגעשטריקטן צייכן, איז געהאָנגען אַ מיט דזשעט אויסגענייט טעשל אויף אַ זייגערל און איבער דעם אַ בילד פֿון אַ דיקן מאַנספּערשוין מיט אַ בלויזן קאָפּ און פֿון אַ דאַמע זייער אַ דאַרער, מיט איבערגעשראָקענע אויגן.

שולץ אַליין איז אין שטוב נישט געווען. ווען איך בין געקומען, איז אויף דער סאָפֿע געלעגן ניעטשאַיעוו און האָט געראַנצט פֿאַרייכערט פּאַפּיראָסן. ער איז בכלל געווען צעהיצט און אויפֿגערעגט.

— מ'דאַרף פֿאַרשווינדן, — האָט ער געזאָגט. — דאָרט

ווערט אין מאָסקווע אַלץ קאַליע. אַ ליאַדע טאָג וועלן מיר אַלע דורכפאַלן. מ׳דאַרף זיך אָפּהאַלטן אויף אַ ווײַלע.

כ׳האָב אים געפרעגט אויף שולצן.

— אַ הינדל! — האָט ער געזאָגט. — כ׳האָב נישט געוווּסט, אַז איר קענט אים — ער האָט אַ שמייכל געטון. — ער איז אַהיים־געקומען גאָר אַ דערשראָקענער: — מ׳האָט מיך דערקענט. איצט איז ער נישט טויט נישט לעבעדיק פון שרעק.

— אָבער ווי אַזוי האָט ער, שולץ, זיך אַרײַנגעלאָזט אין דעם גאַנצן עסק.

ביעטשאַיעוו האָט זיך אָנגעכמורעט.

— כ׳דאַרף האָבן מענטשן. ווער ס׳קומט מיר אונטער דער האַנט, מוז דינען, צײַט איז דאָ ווייניק.

אָבער שולץ קען לויט זײַנע איבערצײַגונגען נישט מיטווירקן אין אונדזער אַרבעט.

— איבערצײַגונגען! — ביעטשאַיעוו האָט אַ פײַף געטון. — ווו האָט איר עס אין רוסלאַנד געפונען איבערצײַגונגען. שרעק און פּראַזן. מורא און גרויס האַלטן זיך, ווען קיינער זעט נישט, עט... וואָס איז דאָ אַ סך צו רעדן. איך מוז אַוועקפאָרן. דאָרט זאָל מען האָבן געפונען דעם קערפּער אונטערן אײַז. מ׳דאַרף זיי זאָגן. זאָלן זיי זיך נישט פּלאָנטערן. אַרויסדרייען זיך וועט מען סײַ ווי נישט קענען. איך האָב דערהרגעט און איך האָב געהייסן אָנטייל נעמען אינעם מאָרד. די פראַגע אַוועקשטעלן שטאָלץ. דעם קאָפּ וועלן זיי שוין סײַ ווי נישט ראַטעווען. נו און שוין. וואָס נאָך — פּאַפּאָוון דאַרף מען דאָרט גוט אָנעלעקטריזירן. אַרײַנטרײַבן אים אין אַמ־ביציע, אוספּיענסקי וועט זיך שוין אַליין האַלטן, אָבער פּאַפּאָוו. און זאָלן זיי גלייבן, אַז אונדזער זאַך גייט נישט אונטער. כ׳פאָר קיין אויסלאַנד און קום צוריק. די אָרגאַניזאַציע איז גאַנץ.

— די אָרגאַניזאַציע פון די שולצס — האָב איך געפרעגט.

— פון די שולצס און נישט שולצס. אַלץ איינס. דער עיקר איז די באַוועגונג זאָל זײַן. צי איז נישט אַלץ איינס, מיט וואָס איך צינד אונטער דעם גאַרב: מיט אַ שוועבעלע, מיט אַ ליכטל, צי מיט

אַ שמאַטע, וואָס איז איינגעטונקט אין נאַפט, אַבי עס זאָל זיין אַ פייער.

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון דער קאַנאַפּע.

עס איז געווען פינסטער.

ניעטשאַיעוו האָט נישט געוואָלט אָנצינדן קיין פייער.

— איר מיינט, אַז דאָס איז מיר נישט מיאוס געוואָרן, האָט ער געזאָגט, צו לייגן און צו ליגן. מענטשן מיט ליגנט אָנצושיכורן, אין שרעק צו האַלטן און אַזוי צו שפּילן. דו גיב אַ מענטש, וואָס זאָל סערגיי ניעטשאַיעוון אמת אַריבערטראָגן, וועל איך אים זאָגן מיין אמת. איך האָב מיך אָנגעהערט ווערטער: דער פּראָגרעס, דער פּראָגרעס, דער אמת זיגט. און ווען דער דאָזיקער אמת וועט זיגן, וועט שוין פון אונדז קיין זכר נישט בלייבן. נו, און אַ סך מענטשן וועל איך געפינען, ווען איך וועל זיי גלייך אין די אויגן אַריין זאָגן — די תליה. זיי שפּילן זיך אַלץ מיט ווערטלעך. „דער באַרין״, עליו־השלום — אַזוי פלעגט ניעטשאַיעוו רופן הערצענען, פלעגט זאָגן:

— מיר זענען נישט קיין פּאָליאַקן, אונדז וועט מען נישט שיסן.

פון וואַנען האָט עס זיך גענומען בא אים אַזא זיכערקייט. פון ווען אָן איז עס אַזוי געשטיגן ווסישע הויט? ! מען קען נישט שיסן — און דו וועסט דיך איבערצייגן, אַז מען קען. דעם גייסט דעם רוסישן, די רעגירונג די רוסישע קענט איר גישט. זי וועט אייך פון הונדערטער טויזנטער, פון מיליאָנען קעפּ פּיראַמידן אויס־בויען — און גאָרנישט. מען דאַרף הונדערט דערפער פאַרברע־נען — וועט מען פאַרברענען, אַ שטאָט באָמבאַרדירן — וועט מען באָמבאַרדירן, סטודענטן אויפהענגען — עס וועט קלעקן ביימער אויף תליות, סטודענטינס די קאָזאַקן צו ווילן זיך אָפּגעבן — מען קען דאָס אויך. זי איז אינטעליגענט, און פון וואַנען ווייסטו, אַז מען קען קיין אינטעליגענטע פרוי נישט שענדן? צי זי האָט באַקלען אין קאָפּ און די רעכט פון מענטש — אָדער זי האָט דאָרט גאָר־נישט, — אַלץ איינס. די זאָאָלאָגיע איז די זעלבע. די רעכט! די רעכט! וואָס פאַר אַ רעכט? כל־זמן דו ביסט אויפן פערד, איז

גוט, אָבער פּאלסטו אַראָפּ פון פערד, וועט מען דיך צעטרעטן. און ווי אַזוי הערט איר נישט דאָס קנאַקן פון ביינער: איבער מענטש־לעכע קערפּערס פאָרן מיר כּסדר.

ער האָט זיך פאַרטראַכט.

— כ'בין דאָ אַמאָל אין פעטערבורג, — האָט ער געזאָגט, — אויסגעגאַנגען פאַר הונגער. בוכשטעבלעך: כ'בין געגאַנגען איבער די הייזער, כ'האָב נישט געקענט בעטן. אויגן האָב איך חוצפּהדי־קע. נו, בין איך איינמאָל אינגאַנצן אָפּגעשוואַכט געוואָרן פון הונ־גער, כ'בין געפאַלן אין גאַס. ס'האָט מיך צוגעדריקט. מ'האָט מיך אוועקגעפירט אין שפּיטאָל, געהיילט אַ ביסל. דערנאָך אַרויסגעלאָזט אויף דער גאַס אָן אַ גראָשן בײַ דער נשמה. די פיס שלעפּן זיך קוים, דער קאָפּ דרייט זיך, אַ גאַנצן טאָג בין איך געגאַנגען איבער די גאסן. ס'איז שוין געווען האַרבסט. כ'האָב זיך אוועקגעזעצט אויף אַ טרעפּל, כ'זיץ... עמעצער טוט מיך אַ טרייסל. כ'זע, ס'שטייט אַ מיידל אָן אָפּגעמאַליעוועטע מיט אַ ציגל צי מיט אַ בוראַק.

— וועסט געפרוירן ווערן — קום בעסער צו מיר — וועסט דיך אָנוואַרעמען.

כ'ווייז איר, אַז כ'האָט קיין גראָשן געלט נישט.

זי האָט זיך צעלאַכט, אַ פייף געטון און איז אַוועק.

כ'האָב געפרוווט אויפשטיין, גיין — כ האָב נישט געקענט. ס'וואַרפט מיך אין היץ. די ציין קריצן. און אַזוי בין איך געזעסן אויף דער ליידיקער גאַס און בין אויסגעגאַנגען. אַרום זענען געווען הייזער פון רייכע מענטשן, זיי האָבן געגעסן, געטרונקען, זענען געשלאָפן אויף ריינע געלעגערס.

צי בין איך געווען אין זייערע אויגן אַ מענטש? קיינער זאָל מיר נישט זאָגן, אַז עס איז דאָ אַ מענטשלעכע געזעלשאַפט. איך וועל נישט גלייבן: אין דער דאָזיקער נאַכט האָב איך מיך אויסגע־לערנט דענקען.

עס זענען פאַרבייגעגאַנגען מיידלעך שיכּורע, הונגעריקע, געפרוירענע, בייזע. זיי האָבן געלאַכט. איך האָב מיך נישט גע־קענט רירן. עס האָט זיך געשאַפן אַרום מיר אַ רעדל.

— ווער איז עס?

מענטשן מיט ברענאַייזענס כאַראַקטער ווירקן קיינמאָל נישט אויף אַנדערע אין אַ באַשטימטער און פּראַקטישער ריכטונג.

איבעריקנס, האָט ברענאַייזען געהאַט אין זיך עפּעס אַ מאָראַלישע פּאַרענדיקטקייט, אַ פּאַרשלאָסנקייט, וועלכע האָט אויסגעשלאָסן אַ וואָסערע ס'זאָל נישט זיין איינזייטיקע השפּעה. ער איז געווען צווישן אונדז גיכער אַ פיגור פון אַ רוימישן סטאָיקער, איידער אַ לעבעדיקער מענטש. און געווירקט האָט ער אויך טאַקע אויף אַזאַ אופן: אַרום אַ פיגור שאַפט זיך אויך אַן אַטמאָספער פון פאַרהאַרטעוועטקייט און דערהויבנקייט. מיר האָבן אים אפילו ווייניק געקענט אויסצרלען. ס'פלעגט אונדז אפילו נישט אַרויסקומען אויפן זין צו קלערן, צי ברענאַייזען האָט געליבט, צי האָט ער בכלל געקענט ליבן אַ פרוי.

איבעריקנס, האָט די ליבע און די פרוי פאַרנומען דאַמאָלס אין אונדזערע מוחות אַ קנאַפּ אָרט.

יאַשקאַ פלעגט בלויז פון צייט צו צייט אַריינוואַרפן עפּעס אַ וואָרט אָדער אַ וויץ. זשעמטשוזשניקאָוו פלעגט רויט ווערן, ווען מיר האָבן אים געזידלט, אַז ער טוט זיך אָן צו עלעגאַנט, אַז ער מוז ערגעץ האָבן אַ כלה.

זשעמטשוזשניקאָוו איז געווען אַ מאָדנער מענטש.

שטיל, אַזש איבערגעטריבן ליבנסווירדיק, אומגעהייער סיסטעמאַטיש און פּינקטלעך, פלעגט ער מאַכן אַן איינדרוק פון אַ יונגן מאַן, וועלכער מוז מאַכן אַ קאַריערע, מוז געפעלן זיינע באַלעבאַטים. ער פלעגט קיינעם זיין מיינונג נישט אָנוואַרפן, פלעגט מער זיך צוהערן ווי רעדן. פלוצלינג פלעגט ער אָבער אַרויסשיסן, בעת מ'פלעגט אָנגרייפן זיינע איבערצייגונגען. די דאָזיקע אויסברוכן האָבן געהאַט אַ מאָדנעס כאַראַקטער. דאָס זענען געווען עפּעס אינערלעכע צעפלאַמונגען. זשעמטשוזשניקאָווס געדאַנקען פלעגן אָנהייבן פלוצלינג לייכטן מיט אַ העלער גלייכער שיין. דאַמאָלס פלעגט מען זען זיין גרויסע מאָראַלישע און גייסטיקע דערהויבנקייט. צי איז געווען אמת, אַז ניעטשאַיעוו איז געווען אונדזער רעוואָלוציאָנערער „פאַרפירער"? כ'האַלט נישט דערפון. אין זיך פון געדאַנקען האָט ער אונדז קיין שום נייעס נישט בעגעבן.

אָבער ער האָט אָן ספק טיפער געמאַכט אונדזער פילן און פאַרשאַרפט אונדזער ווילן. כ'גלייב, אַז נישט באַגעגנדיק זיך מיט אים, וואָלטן מיר אויך אומפאַרמיידלעך געווען אַרויף אויף דעם זעלבן וועג. ער האָט אָבער אָן צווייפל געווירקט אויפן עמפּפינדונגס־טאָן פון אונדזערע געדאַנקען, צוגעבנדיק זיי דאָס פייער פון אַ באַוווסטזיניקן אַנטשלאָסענעם האַס. ער האָט אונדז געגעבן דעם מוט נישט אָפּצוטרעטן פאַר קיינע קאָנסעקווענצן, דעם מוט פון אַנטשידענעם פאַרהאַסן אַלצדינג, וואָס עס עקזיסטירט, וואָס וואַגט צו עקזיסטירן אין דער דאָזיקער וועלט פון בלוט און עוולות.

איך מיין, אַז אויף דעם טאַקע האָט זיך געשטיצט ניעטשאַיעווס כּח. דער דאָזיקער מענטש האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו האַסן. כ'האָב אים געזען אין דער שווייץ און האָב געזען, אַז די נאַטור האָט קיין שום ווירקונג נישט אויף אים. איר אָטעם האָט האָט נישט געמילדערט דעם שטאַרקן פלאַם, מיט וועלכן ס'האָבן געפלאַקערט אין אים אַלע עלעמענטן פון זיין נשמה. עפּעס האָט געמוזט מיט איינמאָל אין אָנהייב פון זיין לעבן דערהרגענען אין אים אַלע אָרגאַנען פון שטילן פילן, איבעררייסן אַלע פעדעם, וועלכע בינדן אים מיט זיין גליק און רו.

ניעטשאַיעוו איז געווען אומרחמנותדיק אין יעדער צייט פון זיין לעבן, און יעדער שטימונג.

פאַר די קומענדיקע דורות וועט ניעטשאַיעוו זיין אַ פּסיכאָלאָגישער רעטעניש.

דאָס לעבן פון רוסלאַנד האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף אים. ווי ס'האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויפן רויען קאָלאָריט פון די קרייזלעך, פון וועלכע ס'איז אַרויס קאַראַקאָזאָוו. בשעת דער געוואַלט איז אַזוי גרויס און זיכער אין זיינע כּוחות, אַז אַפילו דער פאַרצווייפלטער מוט הערט אויף צו זען פאַר זיך אַ וועג, מוז דער פּראָטעסט אָדער אָפּשטאַרבן אָדער זיך דערהייבן צו די וועלטן פון אַבסטראַקציע, אָדער אָננעמען די פאָרם פון משוגעת. און ניעטשאַיעוו האָט געהאַט אין זיך עפּעס אַ מין קאַלטן סיסטעמאַטישן שגעון. ער איז געווען פאַרמאַכט אין זיך ווי אַ קריסטאַל פון עפּעס אַן אומבאַקאַנטער און צו קיין שום זאַך נישט ענלעכער סובסטאַנץ.

גערעכנט האָט זיך ניעטשאַיעוו נישט מיט קיינעם און מיט קיין זאַך נישט. אונדז האָט ער אָנגעהויבן צו נאַרן גאַנץ גיך. ער האָט געוווּסט, וועלכע ס'איז אונדזער שוואַכע זייט. מיר האָבן זיך צוגעבונדן צו אונדזער דרוקעריי און נישט ווילנדיק געגלייבט אין אַלץ, וואָס עס פלעגט זי דערהויבן אין אונדזערע אויגן. אפילו יאַשקאַ פלעגט אויפהערן צו שמייכלען, ווען ער פלעגט זען אויף זיינע ווערק דעם גרויזאַמען שטעמפל פון קאָמיטעט פון דער „נאַראָדנאַיאַ ראַספּראַווא".

דעם דאָזיקן שטעמפל פלעגט ניעטשאַיעוו האַלטן בײַ זיך. קאָנספּיראַציע איז געווען זיין מאַניע, פון וועלכער ער האָט זיך נישט געקענט באַפריין. נישט ווילנדיק פלעגט ער אָנהייבן פאַנטאַזירן, ווי נאָר ס'פלעגט קומען דערצו. איבעריקנס, איז ער געווען ווייניק געבילדעט און וועגן אַ סך זאַכן געהאַט פשוט אַ קינדערשע השגה. כ'בין זיכער, אַז בשעת ער האָט אונדז געשילדערט דעם אינטערנאַציאָנאַל און דעם באַקונין-פאַרבאַנד, ווי עפּעס פאַרשווערונגען פאַנטאַסטיש-בלוטיקע אין ראָמאַנטיש-געהיימנישפולע, האָט זיך עס אים אַליין געדאַכט, אַז ס'איז אַזוי. ער איז פשוט נישט אימשטאַנד געווען צו פאַרשטיין געוויסע זייטן פונם רעוואָלוציאָנערן קאַמף אין מערב. ווען ער פלעגט אויפהערן צו רעדן וועגן דער נויטיקייט חרוב צו מאַכן די עקזיסטירנדיקע אָרדנונג, פלעגט זיך אַלץ פאַר אים ענדיקן.

די שנאה און דאָס פלאַמענדיקע געפיל אַקעגן די עוולות, וועלכע מ'באַגייט אין דער באַציִונג צו אַלע אונטערדריקטע כסדר, האָבן אויסגעפילט זיין גאַנץ וועזן.

ער פלעגט אונדז דערציילן גאַנצע מעשות וועגן זיינע פאַרהעלטענישן אין אויסלאַנד. קיינער פון אונדז איז נאָך נישט געהאַט געווען אין מערב-אייראָפּע, און דער צינזאָר-קאָרדאָן, וועלכער האָט אָפּגעטיילט רוסלאַנד פון דער גאַנצער וועלט, האָט מיטגעווירקט עס זאָלן זיך שאַפן פאַרשידענע פאַנטאַסטישע באַגריפן. זענען מיר טאַקע נישט געווען אומשטאַנד אַפילו מיטן געדאַנק צו קאָנטראָלירן די ידיעות, וועלכע ניעטשאַיעוו פלעגט אונדז איבערגעבן. איבעריקנס האָט ער געהאַט עפּעס אַ מין באַפולמעכטיקונג

פֿון באַקוינען. לײַכטער איז זיך שוין געווען איבערצוצײַגן, אַז זײַן מכלומרשטע אָרגאַניזאַציע אין רוסלאַנד שטיצט זיך אויף שוואַכע יסודות. עס פלעגן אונדז דערין איבערצײַגן די מניעות באַם צעשיקן די פּראָקלאַמאַציעס און די צײַטונג.

ניעטשאַיעוו האָט אונדז דערציילט וועגן קרײַזלעך פֿון דרײַפאַכיקן סיסטעם, וועגן אַגענטן געוויינלעכע און אויסערגעוויינלעכע. אָפּטער פאַר אַלץ פלעגן מיר אָבער מוזן צעשיקן אונדזערע פּראָקלאַמאַציעס אין קאָנווערטן מיט פאַרשידענע צײַטנווײַז צופעליק אויסגעווײַלטע אַדרעסן, אָדער פונאַנדערטראָגן זײ און אַרײַנרוקן בגנבה אין מער אָדער ווייניקער באַקאַנטע וווינונגען. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָלט דאָס אָפּזאָגן זיך פון דרוקן געווען פאַר אונדז אַ צו גרויסער קרבן. מיר האָבן זיך דעריבער אַליין אײַנגערעדט, אַז די סטודענטן, וועלכע מעלדן זיך פון צײַט צו צײַט מיט כּלערליי פּאַראָלן און קאָנספּיראַטיווע סימנים, רעפּרעזענטירן אין אמתן עפּעס אַן אָרגאַניזאַציע, נישט קיין אָפּגעזונדערטע קרײַזלעך פון דעם מין, וואָס אונדזערס. ווער וועט אָבער באַשרײַבן אונדזער פאַרוואונדערונג, בשעת עס האָט זיך אין אַ געוויסן נאָכמיטאָג באַהיזן אין אונדזער קאָנספּיראַטיווער וווינונג, ד. ה. אין ברענאַייזענס שטיבל, דער מענטש מיט אַ נשמה — דעם פּאַסטאָרס זון — קאַראַל שולץ. ער איז געווען פונקט אַזוי גלאַט פאַרקעמט, און די מאַנזשעטן זײַנע האָבן פונקט אַזוי ווי שטענדיק אַ האַלבע צאָל אַרויסגעקוקט פון זײַנע אַרבל. ער איז אָבער געווען אַ ביסל בלאַס און פלעגט שטאַמלען בשעתן רעדן. ער האָט זיך אויך פאַרוואונדערט, באַגעגענענדיק אונדז. מיט עקשנות האָט ער איבערגעחזרט אײנמאָל נאָכן אַנדערן: איך האָב נישט געזען קיין פּנימער און נישט דערקענט און איר האָט נישט געזען קיין פּנימער און נישט דערקענט. ער האָט אונדז געבראַכט בלאַנקעטן מיטן שטעמפּל צונויפצוקליבן דעם אָפּצאָל און האָט גלײַכצײַטיק געמאָלדן, אַז וואַסיליעוו וועט מוזן אָוועקפאָרן קיין אויסלאַנד, אַז ער איז דאָ נישט לאַנג געווען אַרעסטירט, איז געזעסן אין פעסטונג, אָבער עס איז אים געלונגען צו אַנטלויפן.

מיר האָבן ניעטשאַיעוון נישט געזען עטלעכע טעג, אָבער

— אַ סטודענט — זאָג איך.

אַ געלעכטער.

צום סוף האָבן זיי באַשלאָסן מיך מיטצונעמען — ס'וועט זיין היימלעכער.

מיר זענען אַוועק אין אַ שטיבל.

געוווינט האָבן דאָרט צוויי מיידלעך, כ'ווייס, אַז איך האָב עפּעס געטרונקען. שפּעטער בין איך אַוועקגעפאַלן און אַזוי בין איך שוין דאָ־ט פאַרבליבן. אין משך פון צוויי וואָכן בין איך דאָרט אויף דער סאָפּקע געלעגן אין הויף. אַ מיידל — אַ געפאַלענער מענטש, אַ פּראָסטיטוטקע, בלאָטע, אין וועמענס זייט אַריין אַזאַ פיי־נער הער ווי הערצן וואָלט אַפילו נישט געוואָלט קיין קוק טון, האָט מיר געגעבן עסן און טרינקען, פאַרדינענדיק פאַר מיר מיט איר קערפּער איך ליג מיר אַזוי אין הויף. און צו איר קומען אין פאַרלויף פון דער נאַכט פינף צי זעקס געסט.

כ'הער, ווי מ'שלאָגט זי, זי שרייט און איך קען מיך נישט רירן.

איינמאָל האָט זי אַ שיכורער וואַכמייסטער אָנגעשלאָגן און געקאָפּעט מיט די פיס. און איצט, זאָגט ער, וועל איך אָט דעם דאָזיקן פּריץ דיינעם, מיך הייסט עס, אָנטאָפּן.

זי איז אים געפאַלן צו די פיס, געקושט, ער זאָל מיך נישט טשעפּען.

דערנאָך איז זי אַ גאַנצן טאָג געזעסן לעבן מיר: ער האָט מיר מיט עפּעס אַן אַרומגעשמידטן שטעקן דעם קאָפּ צעקלאַפּט, — און זי האָט מיך באַוויינט. לידלעך האָט זי מיר געזונגען. מעשה־לעך געוואָלט אַליין דערציילן. און געווען איז עס אַ פּראָסטיטוטקע פון די ערגסטע. זי פלעגט אָפטמאָל אַפילו קיין האַלבן רובל נישט באַקומען פון אַ גאַסט. און פאַרוואָס זאָל איך עס אייך שווייגן איצט? צי האָט איר אונדז געשווינט?

— מיר? — האָט איך געוואָלט פּראָטעסטירן. און פּלוצלינג האָב איך מיך דערמאָנט אָן ביילען, כ'האָב מיך דערמאָנט אָן מיין גאַנצער קינדהייט. ס'האָט מיך פאַרקלעמט די דערינערונג וועגן אַלע מיינע באַקוועמלעכקייטן. כ'האָב געשוויגן.

— באַ אייך האָט נאָך געקלעקט ערלעכקייט, — האָט געזאָגט ניעטשאַיעוו — איר וועט אומקומען, אַלע וועלן מיר אומקומען, אַלע וועלן מיר אומקומען. און ווייניק פון אונדז קומען אום אַלע שעה. מיט וואָס זענט איר באַ מיר הייליקער פון די אַלע שיכורע, הונגעריקע. יעדער גנב און יעדער פאַרברעכער איז מיר פונקט אַזאַ ברודער ווי איר. ניין! וואָס פאַר אַ ברודער זענט איר מיר דאָרט. איך קום פון דאָרט, פון יענע פאַרפוילטע קעלערס, וווּ קראַנקע מוטערס האָבן קינדער אויף נאַסע, פאַרשטונקענע ראָגאָזשעס. וואָס איז פאַר מיר אייער וועלט? וואָס גייט איר מיך אָן? איר ווילט, כ'זאָל אייך זאָגן דעם אמת. אָבער רעדן מיר דען מיט דעם זעלבן לשון? אייער פאָטער איז אַ שטאָלצער פריץ, און מיינער — אַ שיכורער דיאַק, וועלכער באַגנבעט פויערים און לייזט פעטש פון באַאמטע. כ'האָב געזען, ווי דער ריכטער האָט אים די באָרד צום טיש מיט לאַם צוגעקלעבט, און שפּעטער אים איבערן אויער אויסגעשאָסן. ער האָט זיך די באָרד אויסגעריסן און באַקומען אַ זילבערנעם רובל דערפאַר. און די שוועסטער מיינע האָט מיין מוטער פאַר אַ צענרובלשטיק אַ פּאָרוטשניק פאַרקויפט. ס'איז דאָך נישט ביליק! נישט מער ווי איין נאַכט. דאָס מיידלשאַפט, צו צען רובל פאַר דעם מיידלשאַפט פון אַ דיאַקס טאָכטער. און ווען דער פּאָרוטשניק איז אַוועקגעפאָרן, האָט ער מיר אַ פערציקער איבערגעלאָזט: צוועלף יאָר בין איך דאַמאָלס אַלט געווען. ליאַדעס האָב איך מיר געקויפט.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— איר הערט זיך צו און איר טראַכט: — ער לייגט ווידער. ער דערציילט שוידערהאַפטע מעשיות. און אפשר לייג איך טאַקע? אפשר האָט עס נישט מיט מיר פאַסירט. און צי איז עס מיר נישט אַלץ איינס? צי שלאָגט מען אונדז ווייניק, צי פאַרקויפט מען נישט די קערפּערס פון אונדזערע שוועסטערן?

וועגן מיר פלעגט הערצען זאָגן, אַז איך בין פעיק אַ מיידל צו פאַרפירן, כדי זי צו רעוואָלוציאָניזירן. איר הערט: אַ יונג פריילין פון אַ פיין הויז. נישט עפּעס אַ ליאַדע ווער. וואָס גייט עס מיך אָן. כל זמן עס זענען דאָ פּראָסטיטוטקעס איז יע-

דער פרוי א סחורה און א זאך. ריינקייט איז בלויז פאר די רייכע, אָבער איך קען מיך נישט אויף די דאָזיקע פרי-ווילעגיעס, אויף די אונטערשיידן. קוקט מיך נישט אָן אזוי. כ'זאָג אייך אָפן: מיט קיינעם און מיט קיין זאך רעכן איך מיך נישט. איך בין אַן אונטערצינדער און האָב קיין צייט נישט אויסצו-קלויבן.

— צי איז איוואַנאָוו געווען א שפּיאָן? — האָב איך גע-פרעגט.

איוואַנאָוו דאָס איז געווען א סטודענט, וועלכן ניעטשאַיעוו האָט אין מאָסקווע דערהרגעט.

ניעטשאַיעוו האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

— ניין! — האָט ער געזאָגט.

— טאָ פאַוואָס-זשע? — האָב איך געפרעגט.

— מ'האָט געדאַרפט. און מען וועט דאַרפן, וועל איך אויך אייך און דאָס הינטל דערהרגענען.

ער האָט זיך צעלאַכט.

— די אָרגאַניזאַציע האָט ער מיר געוואָלט צעשטערן. א קלוגער איז ער געווען, אַן איידעלער. ס'איז נאָך צו פרי. ס'וועט זיין גרעסער ס'געזינדל, וועט די אַרבעט גיין לייכטער. דערלעבן דאַרף מען. און ער האָט נישט דערלעבט.

— אונדזערע וועגן שיידן זיך — האָב איך געזאָגט.

ניעטשאַיעוו האָט מיר אָנגעלייגט די האַנט אויפן אַקסל.

— מיר מעגט איר אפילו אין פּנים אַריין שפּייען. מיך מעגט איר פאַראַכטן, שילטן, אַבי די אַרבעט זאָל גוט גיין. מיט דער צייט וועט איר פאַרשטיין. דאָס איז א קאַמף אויף לעבן און טויט. ווער עס וועט וועמען קענען אויסראָטן: מיר זיי, צי זיי אונדז. און צום בעסטן וואָלט געווען — מיר זיי און זיי אונדז.

דאַמאָלס וועלן בלייבן נאָר זיי אַליין: יענע, פון אונטן.

— און דערנאָך?

— וועלן מיר שוין נישט זיין. עס וועט שוין נישט זיין מער אונדזער פאַרשטונקענע וועלט. די קולטור וועט אונטערגיין.

זאָל זי אונטערגיין די קולטור אייערע. אין שטיבל פון אַ גאַסן־מיידל, אונטער די קלעפּ פון אַ סוטענער האָב איך מיך דערוווּסט וואָס דאָס איז קולטור. די מענטשהייט. באַרעכנט נאַר, וואָס פאַר אַ טייל אירער עס ווערט פאַרפוילט.

— קיין מאָסקווע וועל איך פאָרן, — האָב איך געזאָגט. — ס׳איז צייט צו גיין.

ניעטשאַיעוו האָט מיך פּלוצלינג אָנגעכאַפּט בײַ דער האַנט.

— כ׳האָב אייך ליב געהאַט — האָט ער געזאָגט. — איר זאָלט נישט קוקן דערויף, וואָס מײַנע הענט זענען מיט בלוט באַפלעקט. דאָס איז נישט געווען קיין אומשולדיק בלוט מ׳טאָר נישט האָבן קיין אמביציע, מ׳טאָר נישט האָבן קיין שכל, בשעת עס האַנדלט זיך וועגן קאַמף. ער האָט מיר פאַרשטעלט דעם וועג. און וואָס בין איך? פריִער צי שפּעטער וועט דאָך מיט מיר אויך דאָס זעלבע געשען, כ׳האָב געזען, ווי מען האָט קאַראַקאָזאָוון צום טויט געפירט. די הענט און די פיס זענען געהאָנגען ווי גומענע שמאַטעס, אזוי ווי ס׳וואָלט אין זיי קיין בייגער נישט געווען. אים האָט מוראַוויאָוו אַליין געפּאַרשט. צי ווייסט איר, ווי אַזוי אונדז וועט אויסקומען צו שטאַרבן. אים איז געווען לײַכטער.

ס׳איז מיר געווען אַ רחמנות אויף אים.

ס׳האָט זיך געפילט, אַז ער, דער מענטש, האָט אויף דער וועלט קיינעם און קיין זאַך נישט.

— זײַט געזונט, האָב איך געזאָגט ווייכער, אפשר וועלן מיר זיך נאָך זען.

— פּאַפּאָוון זאָלט איר היטן אין מאָסקווע — האָט נאָכגעמאָל אויסגערופן ניעטשאַיעוו, בעת כ׳האָב געהאַלטן באַם אַרויסגיין.

כ׳בין שוין געווען אין הויז, ווען ס׳האָט מיך פאַרהאַלטן שולץ.

דאָס הינדל איז געווען פון עפּעס געריירט.

— כ׳בעט אייך, קערט זיך נאָך אום.

— כ׳בין צוריק אַריין אין צימער.

— כ׳האָב נישט ווילנדיק געהערט, — האָט ער געזאָגט מיט אַ ציטערנדיק קול, — וואָס איר האָט דאָ גערעדט וועגן מיר —

ער האָט זיך געווענדט צו וואַסיליעוון. — דאָס איז נישט אמת. נישט צוליבן באַשליק. כ'וואָלט מיך געהאלטן פונדע־ווייטנס, ווייל ס'איז מיר אַ רחמנות אויפן פאָטער. אָבער יעצט שוין נישט. איך וויל נישט, אַז מענטשן זאָלן אויסגיין פון הונגער און נויט. אויב מ'קאָן דאָס ענדערן, איז עס מיין פליכט דאָס צו ענדערן. מיין פאַמיליע איז דאָך אין תוך אריין גענומען בלויז נאָר אַ יחיד, אַ צופאַל. איך האָב נישט קיין סיבה צוליב וואָס מקריב צו זיין דעם חוב פאַר אַ יחיד. נישט צוליבן באַשליק איז עס.

ניעטשאַיעוו האָט זיך פלוצלינג אָנגעבויגן צו שולצן און אים אַ קוש געטון אין קאָפּ.

— זיי מיר מוחל, ברודער, — האָט ער געזאָגט ווי מיט טרערן.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אָנהייב פון ניעטשאַיעווס השפּעה אויף שולצן איז געווען דאָס, וואָס ער האָט מיט דעם באַאים געבאַרגטן באַשליק דערשטיקט איוואַנאָוון.

כ'האָב אַלץ איבערגעגעבן ברענאַייזענען כ'איז באַשלאָסן געוואָרן, כ'זאָל גלייך פאַרן. ברענאַייזען איז שטאַרק דערשלאָגן געוואָרן און האָט ווייניק גערעדט.

6

כ'בין געפאָרן אין אַ שווערער שטימונג. נישט איינמאָל האָב איך איבערגעלעבט מאָמענטן, בשעת וועלכע ס'האָט זיך מיר אָפּגעמעקט און ס'איז מיר נעלם געוואָרן דאָס, וואָס האָט זיך מיר פאַרגעשטעלט אַלס דעם חוב פון מיינע געדאַנקען און אָנשטרענגונגען אין משך פון אַ לענגערע צייט. טרעפן פלעגט עס מיט מיר אָפּטער פאַר אַלץ בשעת אַ רייזע, אָדער ווען כ'פלעג בייטן מיין וווינאָרט. בשעת אַ צוזאַמענשטויס מיט אַנדערע מענטשן, מיט וועלכע

אונדז פאַרבינדט קיין זאַך נישט, טרעט אַרויס דייטלעך אונדזער גאַנצע צופעליקייט.

מיר דאַכט זיך, אַז דער אויסדרוק — פאַרלירן זיך אין המון — באַדייט מער ווי אַ פּשוטע אַלעגאָריע. אַ נייע און בפרט אַ כאַאָטיש זיך ענדערנדיקע, נישט קלאַסיפיצירטע סביבה ווירקט אויף אונדז תמיד ווי כעמיש. זי שאַפט אין אונדזער נשמה נייע גרופּן און קאָמבינאַציעס פון פאַרינטערעסירונגען. זי צווינגט צו קוקן אויף דער וועלט מיט אַנדערע פרעמדע אויגן און צו רעכענען זיך לכל הפחות מיטן פאַקט, אַז ס׳עקזיסטירן פאַרשידענע אומציילבאַרע און אומענדלעכע אופנים פון פילן און פאַרשטיין דאָס לעבן און די וועלט. אומבאַמערקטערהייט שאַפט זיך אין אונדז אַ נייע, איבערפלעכלעך שימערנדיק, אָבער אין דער זעלבער צייט אַרויסטרעטנדיק באַוווּסטזיין, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דעם פּועל-יוצא און דעם סכום פון די נייע געענדערטע ווירקונגען. דאָס דאָזיקע באַוווּסטזיין הייבט אָן צו ווירקן און אויף אַזאַ אופן איבערצייגן מיר זיך, אַז דאָס, וואָס ס׳האָט אונדז אויסגעוויזן אַלס דאָס איינציקע מעגלעכע לעבן, איז אַ צופאַל. מ׳דאַרף פאַרמאָגן שוין אַ פעסט קריסטאַליזירטע אייגענע מאָראַלישע וועלט, כדי נישט אַרונטערצופאַלן אונטער אַזעלכע מינים ווירקונגען.

כ׳וווּנדער מיך שטענדיק, פאַרוואָס ס׳האָט קיינער ביז אַהער נישט געפּרוווט צונויפבינדן סיסטעמאַטיש די טעאָריע פון באַקענונג און פּסיכאָלאָגיע מיט דער סטאַטיסטיק. יעדע פאָרם פונעם אַרומיקן לעבן, אַלזאָ אויך פונעם דענקען, פירט אַריין אין אונדזער איבערלעכער וועלט אירע עלעמענטן.

כ׳בין איבערצייגט, אַז מ׳וואָלט געקענט פּשוט סיסטעמאַטיש אויפווייזן, אויף ווי ווייט עס דענקען דורך אונדז די געזעלשאַפטלעכע מאַסן.

אַ לאַנגע צייט האָט מיך געפּייניקט די דאָזיקע סטיכישע פּלאַסטיק פון מיין נאַטור.

יעדע סביבה, אפילו אַ מאָמענטאַלע, פלעגט אָבפאַרבן מיין פּסיכיש לעבן. דאָס איז מיר שטענדיק פאָרגעקומען ווי אַ פעלער פון מיין כאַראַקטער און ס׳קען זיין אַז כ׳האָב מיך גאָרנישט טועה

געווען אין דעם פּרט. יעדנפאַלס האָב איך קיינמאָל נישט געפילט אַזוי שרעקלעך און פיינלעך די איינזאַמקייט און דאָס פאַרלירן זיך אין זיך אַליין ווי דווקא אין המון. געדאַנקען און געפילן, וועלכע פלעגן ערשט נישט לאַנג מיך דורכנעמען ביז גאָר, פלעגן אָנהייבן אין אַזעלכע פאַלן ווערן בלאַס און פאַרלירן די ווירקלעכקייט: פלעגן פאַרקומען ווי געקינצלט, ווי אַן אָנשטעל. און דאָס איז אויך נישט געווען קיין פולשטענדיקע אילוזיע. אין מענטש מוז לעבן עפּעס אַ באַהאַלטענער עלעמענט פון אומצופרידנקייט מיט זיך אַליין, אַז עס קענען אין אים פאָרקומען אַזעלכע מינים מאָראַלישע דעזאָגרעגאַציעס, אונדזער נשמה לעבט איבער אָפט גאַנצע מאָלעקולערע רעוואָלוציעס, בשעת דער גאַנצער געדאַנק מיט אַלע זיינע געביידן ווערט צעלייגט פלוצלינג אויף אַטאָמען, אויף עפּעס אַ פאָרמלאָזער ווייכער מאַסע.

דער קאָפּ האָט מיר שטאַרק וויי געטון באַם אַרויס־פאָרן.

כ׳בין געפאָרן מיט דריטער קלאַס. דאָס געשפּרעך פון די פּאַסאַזשירן האָט מיך אויפגערעגט. ס׳איז געווען הייס. פונם איי־זערנעם אויוון, וועלכער איז געווען צעגליט, האָט זיך געפילט אַ טשאַד.

כ׳בין אַרויס אויף דער פּלאַטפאָרם.

דער צוג איז געלאָפן דורך גרויע פעלדער. עפּעס נישט קיין געזונטע זאַך האָט זיך געריסן פון דער נשמה אַרויס. כ׳האָב וועגן קיין זאַך נישט געקענט קלערן. מיט שרעק האָב איך מיך געכאַפּט, אַז אייגנטלעך גייט מיך קיין זאַך נישט אָן, כ׳האָב צו קיין זאַך נישט געהאַט קיין חשק, אַלץ איז מיר פאָרגעקומען פאַרבלאָזן און אומנוצלעך. ווילסט אָפּנאַרן דיין לאַנגווייל, מער גאָרנישט. די נערוון ווילן אַן אַרבעט, האָבן זיי דערצו אויסגעפונען רעוואָלוציע, כ׳האָב מיך דערמאַנט אָן פנימער, וועלכע כ׳האָב אַ ווײַלע פריִער געזען אין וואַגאָן. כ׳האָב מיר אַליין נישט געקענט גלייבן, אַז איך זאָל אויף אַן אמת האָבן עפּעס אַ שייכות צו אָט די מענטשן, צו די, אָדער צו וועלכע נישט איז אַנדערע. צי איז כדאַי זיך צו פאַרנעמען מיטן מענטש? צי איז כדאַי זין צו פאַרנעמען מיט וואָס

נישט איז? ווען כ'וואָלט געווען אויפריכטיק, וואָלט איך מיך אָוואָרף געטון אונטער די רעדער פון אָט דעם וואַגאָן. כ'האָב געקלערט, צי כ'האָב מורא פאַרן טויט. מיט כּעס האָ: איך באַמערקט, ווי שטאַרק כ'וואָלט שטאַרבנדיק באַדויערט זיך אַליין. כ'האָב מיך באַמיט דורכצואַנאַליזירן פּינוואַ:ען ס'פּליסט. אָט דאָס באַדויערן. צו וואָס בין איך אייגנטלעך צוגעבונדן.

די וויסנשאַפט? דאָס דענקען? די אַרבעט לטובת דער רעוואָלוציע?

ניין, דאָס אַלץ איז שוין געווען אַ פּועל־יוצא פונם אָנגענומענעם לעבן.

אָבער דאָס לעבן גופא? קיין זאַך נישט אַלזאָ, אַ חוץ דער ליבע צו דער אייגענער עקזיסטענץ, אַ חוץ דעם צובונד צום אייגענעם דויערן. ס'זוערן געבויט גאַנצע סיסטעמען פון דענקען, גאַנצע בנינים פון מעשים, ס'ווערן געשאַפן גאַנצע פּאָעמען פון אָפּערווייליקייט און ליבע, און אין תוך אַריין גענומען עקזיסטירט נישט מער, ווי נאַר דאָס שטיק פלייש, אַ שיין, וואָס איז מיט טויזנטער וואָרצלען אַריינגעוואַקסן אין דער עקזיסטענץ.

כ'האָב מיך באַמיט צו טראַכטן וועגן דער וועלט: ווי אַזוי וועט זי אויסזען נאָך מיין טויט, און כ'בין נישט געווען אומשטאַנד צו באַקעמפן דאָס געפיל פון באַדויערונג, וואָס איך וועל שוין דאַמאָלס נישט זיין. און נישט דערפאַר בלויז האָב איך באַדויערט, וואָס די וועלט וועט ווערן אינטערעסאַנטער, גליקלעכער, בעסער, און איך וועל שוין דאָס נישט זען. ניין, 'סהאָט אין מיר פּשוט געבלוטיקט אַ ווייטיק, וואָס איך וועל נישט זען „עפּעס", נישט וויכטיק וואָס.

צי איז דעריבער נישט גערעכט געווען ביעטשאַיעוו?

צי צווינגען מיר נישט זיך אַליין אויסצופירן עפּעס אַזוינס, וואָס גייט „אונדז" אייגנטלעך גאָרנישט אָן. צי שטעכן מיר זיך נישט אַליין מיט די שפּאָרן, מיר זאָלן גיין, מיר זאָלן נישט אויפהערן כּסדר צו גיין פאָרויס? און וואָס בינדט מיך אין אמתן מיט דער דאָזיקער גאַנצער פראַגע? וואָס פאַר אַ כאַראַקטער האָבן די דאָזיקע פעדעם. כ'האָב נישט געקענט פונאַנדערפּלאָנטער, דעם דאָ-

זיכן פּלאַנטער. מיט גרויס פאַרוואונדערונג האָב איך בלויז באַ־מערקט, אַז קיין צוריקקער איז שוין פאַר מיר נישטאָ, אַז ס'איז עפּעס פאַרהאַן אין מיר אַזוינס, וואָס בונטעוועט זיך קעגן אַלע פאָרמען פון לעבן. קענסט נישט לעבן, אויב יאָ לעבן — וועסטו שוין אַנדערש נישט קענען. קיין אַנדער לעבן וועל „איך" שוין נישט אַריבערטראָגן.

ווער איז דאָס דער „איך", וואָס האָט פּלוצלינג דערוואַכט און איז אַרויסגעטרעטן אין דעם הינדל, אין שולצן?

כ'בין צוריק אַריין אין וואַגאָן.

איך האָב געקוקט אויף די מענטשן אַזוי, ווי אַ קראַנקער קוקט זיך צו צו זיינע האַלוצינאַציעס. דאָס איז געווען דער אַל־טעגלעכער דורכשניטלעכער וואַגאָן־עולם פון 3-טער קלאַס. עס האָט מיך פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט די האָפענונגסלאָזיקייט פון אַ וואָכעדיקן טאָג. אָט איז אַרום מיר אַ לעבן, וואָס איז אויסגעצייכנט צוגעפּאַסט צו די פאָרמען פון קנעכטשאַפט. רויק, אָן דער השערה אַפילו, אַז אין דעם שטעקט עפּעס אומנאָרמאַלס, האָט מען דאָ דערציילט זאַכן, פון וועלכע יעדע איז געווען, נישט קוקנדיק אויף איר אַלטעגלעכקייט, אַ רעוואָלוציאָנערע פּראָקלאַמאַציע. אַ מענטש דאַרף זיך בלויז געבן איבערלעך אַ דערלויבעניש אויף אַ בונט, און ער וועט באַלד פאַרשטיין, אַז אינם הייַנטיקן לעבן פאַרדינט אַלצדינג אויף צעשטערונג. ער וועט פאַרשטיין, אַז עס רינגלט אים אַרום אַ ריזיקער און מעכטיקער מוראַשניק פון באַשעפענישן, וועלכע פרעסן זיך קעגנזייטיק אויף. די מענטשלעכע געזעלשאַפט איז עפּעס אַ מין משונהדיקע מעכאַנישע יאַטקע, אין וועלכער מען פירט אַריין די לעבעדיקע בהמה. וואָס ווערט שוין שפּעטער איבערגעאַרבעט אויטאָמאַטיש אויף הונדערטער פאַרשידענע פּראָדוקטן. מיר ווידער זענען ווי דער מילנער, וואָס הערט נישט דעם רעש, וועלכן עס מאַכט אָן די דאָזיקע גיהנומדיקע מיל. און מיר לעבן עס אויך אין דעם קעסל ווי אין אַ האַרמאָניע פון הויכע וועלטן. אויף דער וואַך אין אונדזערע מוחות שטייט די שטאַרק איינגעוואָרצלטע און דורך דער געוווינהייט פאַרפעסטיקטע איבערצייגונג, אַז דאָ איז נישטאָ אויף וואָס זיך צו וווּנדערן, קעגן וואָס צו פּראָטעסטירן. דער דורכ־

שניטלעכער איינגעלעבטער בירגער איז פעיק צו באַשולדיקן דעם רעוואָלוציאָנער אין גזמ׳ת, ער פארשטייט נישט, אַז אַ מענטש ווערט אַ רעוואָלוציאָנער אַ דאַנק דעם, וואָס ער האָט געקרוגן די פעיקייט צו זען.

כ׳האָב געהאַט פאַר מיר אַליין אַ גאַנצע באַנק, און האָב מיך אויסגעצויגן אויף איר.

דער צוג האָט עפּעס געברומט, געזונגען אויף זיין איינטאָניקן אייזערנעם לשון, איך ווידער איך האָב געזען און געפילט, ווי אומזיסט ס׳איז געווען אונדזער אונטערנעמונג אויפצורודערן די פילהונדערט־יעריקע און פילמיליאָניקע גלייכגילטיקייט מיטן כוח פון געדרוקטן פאַפּיר.

כ׳האָב געטראַכט וועגן ניעטשאַיעוון.

ס׳האָט זיך מיר געדאַכט, אַז די פיין באַ דעם דאָזיקן מענטש איז דאָס צווייפלען, די איבערצייגונג, אַז קיין זאַך שטרעבט נישט אין דער ריכטונג, וואָס ער וויל, אַ חוץ זיין אייגענעם ווילן, און אפשר עפּעס נאָך אַ שווערערע זאַך, עפּעס אַ שרעקלעכע שפּאַל־טונג אויפן גרונט פון דעם דאָזיקן ווילן.

כ׳האָב מיר געקלערט, אַז דער דאָזיקער מענטש פאַרמאָגט נישט די פעיקייט צו קענען זיין גליקלעך, אַז ער איז נישט צו־געפּאַסט מיט קיין שום זאַך.

ס׳האָבן זיך מיר דערמאָנט די ווערטער:

Pieśń ma była już w grobie, już chłodna.

(מיין ליד איז געווען שוין אין קבר, שוין קאַלט).

אַ מענטש בינדט זיך צו אומאויפהערלעך און נישט ווילנדיק, אָבער בשעת ער זעט ווי פאַר זיינע אויגן ווערט אַש און בלאָטע פון אַלעם דעם, צו וואָס ער בינדט זיך צו, טאָ וואָס־זשע קומט דאַמאָלס פאַר מיטן מענטש? כיט זיין הארץ? ווען ס׳וועט זיך אויס־שעפּן די גאַנצע פעיקייט צו ליבן און זי וועט זיך אין קיין זאַך נישט האָבן פאַראייביקט.

צי קען אַ קינד ליב האָבן די עלטערן, בשעת עס זעט, ווי זיי פייניקן איינס דאָס אַנדערע?

ס׳האָט זיך מיר דערמאָנט וורא̇נסקיס מוטער.

און דורך אַ מאָדנער אסאָציאַציע האָט זיך מיר דערמאָנט מיין פאָטער.

כ׳האָב אים דערזען פאַר זיך, ווי ער זיצט מיט זיין פרצישן קלוגן שמייכל אויף די ליפּן.

די מומע עמיליע דערציילט ווי תמיד עפּעס אַן אומענדלעך לאַנגווייליקע מעשה. דער פעטער פלאָריאַן וויצלט זיך. אָך, ווי מוז ער דאָס אַלץ טיף אין האַרץ פאַראַכטן.

וועגן וועמען טראַכט ער?

און כ׳האָב געוווּסט, אַז אַלע זיינע בעדאַנקען זענען מיט מיר. און ס׳איז נאָכאַמאָל אויפגעשווומען די פראַגע: צי איז דאָס אַלץ ווערט זיינע יסורים?

מיין האַרץ האָט אַ קורצע ווײַלע געוווּנען און האָט שרעקלעך, מיט דעם גאַנצן געוויכט פון בענקשאַפט, איבערגעוואויגן דעם פאָטערס וויטיק. און גלייכצייטיק האָב איך מיך נישט גענאַרט, אַז ס׳איז מעגלעך ס׳זאָל ווערן אַנדערש.

כ׳האָב געבעטן מחילה בא זיין ליכטיקן שטערן, בא זיינע שיינע אויגן, בא זיין קלוגן מויל, כ׳האָב מתפלל געווען צו זיי, און טיף אין האַרצן האָב איך געוויינט, ווי ס׳וויינט אַ באַשטראָפט, פאַר צווייפלט קינד.

פאַרוואָס-זשע זאָל איך אָן גלויבן, אָן התלהבות, אָן דער געהעריקער איבערצייגונג, ווי כ׳האָב זי מיר פאָרגעשטעלט דאַמאָלס, צעבלוטיקן און פאַרוונדן דאָס טייערסטע פאָטערלעכע האַרץ.

כ׳האָב נאָך נישט געוווּסט, אַז איבערצייגונג איז אייגנטלעך אָט וואָס:

דער אומבאַזיגבאַרער, אַלטעגלעכער מוז, וועלכער הערשט איבער אַלעם. נישט אַלעמאָל גיסן מיר זיך מיט אים צונויף און צעשמעלצן זיך אין דער גרויסער התלהבות פונם וועזן. אָפטמאָל באַוויזט ער זיך פאַר אונדז, ווי אַן אייגענער ווילקיר, ווי אַ זינד,

ווי אַ לאַנג־ווײַלקע געוווינהייט, אַפּילו ווי אַן אָנשטעל, אָדער אַן אײַנרעדעניש דער עצם זײַנער אָבער איז דאָס, וואָס מיר קענען זיך פון אים נישט באַפרײַען. ווײַל, נישט קוקנדיק אויף גאָרנישט, זײַן מיר עס די „רוף" אַליין. די איבערצײַגונג, דאָס איז דער מענטש אַליין, נישט קיין שום כּישוף און מיר פילן זי נישט, ווי עפּעס אַ קוואַל פון אַבסאָלוטער ריינקייט, נישט ווי עפּעס אַ באַפליגל־דיקן איבערמענטשלעכן כּוח — נאָר פּשוט ווי די אייגענע נאַטור. דאַמאָלס האָב איך עס נישט געוווּסט און זיך געפּײַניקט, האַלטנ־דיק זיך פאַר אַ קאַלטן עלנטן קאָמענדאַנט. עס האָט קיינמאָל נישט געלעבט מיט קיין אייגנאַרטיקן לעבן דער. ווער ס'האָט נישט דורכ־געלעבט די דאָזיע פּײַן.

דאָס לויפן פון צוג האָט מיך אײַנגעוויגט.

איך האָב אָנגעהויבן אײַנשלאָפן מיט נעפּלדיקע חלומות.

ס'האָט זיך מיר געחלומט עפּעס אַ שרעקלעכץ, שווערע זאַך. ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אַנטקעגן מיר זיצט אַ משונהדיקע זקנה מיט אַ ליפּ, וואָס איז אויסגעגעסן פון עפּעס אַ שרעקלעכער קרענק. די אַנטפּלעקטע ציין זען אויס, ווי שרעקלעכע רייסציין. די זקנה דערציילט עפּעס אַזוינס, וואָס ס'איז נאָך שרעקלעכער פון איר אַליין. איך קען נישט פאַרשטיין אין וואָס ס'האַנדלט זיך. אַ ווײַלע דאַכט זיך מיר. אַז דאָס איזוואַנאָסקיס מוטער, וועלכע זוכט אינם קאַסטן פונם גוססדיקן זון הויזן, שוואַרצע, נײַע הויזן אין פּאַסיקלעך, זי זוכט און נעמט אַרויס פון קאַסטן אַ געלן, דאַרן, קינדישן מת. דערנאָך אַ צווייטן, אַ דריטן...

כ'כאַפּ מיך אויף...

אַנטקעגן מיר זיצט אַן אַלטעטשקע אין אַ ווײַסן ריינעם הייבל, מיט אַ סימפּאַטיש פּנים אין קנייטשן. אויף די קני האַלט זי אַ זעקל.

— איצט מוז איך אים מקבר זײַן, דאָס איז פון דאָקטאָר — אַ צייגעניש האָט ער געגעבן. פיר איך זי דאָ מיט זיך אין זעקע־לע. ווײַל אַנדערש איז עס שוין אַן הוצאה.

איך עפן אויף ברייטער די אויגן. עס מוז נאָך זײַן דער חלום.

אָבער די אַלטעטשקע שמייכלט און זאָגט:

— איר האָט זיך גוט אויסגעשלאָפן, יונגערמאַן, שוין צוויי שעה, ווי איר שלאָפט אַזוי.

און זי ווענדט זיך צו איר שכן,

— זיי האַלטן אין איין שטאַרבן באַ אונדז היי־יאָר. וואָסער יאָר, פאַרשטייט זיך. אַ הונגער, ווער ס׳האָט געהאַט צוויי קי, האָט איינע פאַרקויפט. אַ פרוי, וואָס פלעגט נעמען צוויי קינדער צום זייגן, נעמט דריי. מ׳דאַרף דאָך עפּעס ווי ס׳איז ראַטעווען די באַלעבאַטישקייט. נו, און ס׳איז דאָך קלאָר. צי קען קלעקן מילך, אַז די בהמות האָבן דאָס רוב אויך נישט וואָס צו פרעסן.

— און זיי קרענקען דאָך גאָר אינגאַנצן נישט — האָט זי ווידער אָנגעהויבן רעדן, — אינדערפרי איז עס נאָך געזונט, אין אָוונט — כאַפּט עס עפּעס, הייבט עס אָן שרייען, ס׳שלאָגט אַ היץ פון אים. ס׳פּיפּסט אָפּ אַ נאַכט און — נאָך אַלעמען. אַ זקנה איז באַ אונדז דאָ, הייסט זי טרייסלען. אָבער דאָס העלפט אויך נישט. סיי־ווי, האַלט איך, ווייסט צום בעסטן גאָט: אַ הונגער־יאָר, נעמט ער צו מיילער.

— נעמט מען נישט קיין קינדער צום זייגן, אַז ס׳איז גישטאָ וואָס צו עסן, — האָט זיך אָנגערופן עמעץ פון ווינקל מיט כעס.

— ס׳איז לייכט צו זאָגן: נישט נעמען! זאָגט אַליין: דעם שטייער דאַרף מען באַצאָלן, דעם גלח אויך. עסן דאַרף מען אויך און ווען ס׳קלעקט נאָך נישט אויף קיין זריעה, פונוואַנען זאָל מען נעמען? נישט נעמען צום זייגן. אמת מ׳צאָלט קאַרג, אָבער עס בלייבט דאָך אַלץ אַ פּאָר גראָשן, און אויב דעם עופעלע איז באַשערט צו שטאַרבן וועט עס שוין דער רבונו של עולם אומעטום געפינען.

אַ מענטש האָט אומזיסט מורא פאַר חלומות, דער שרעקלעכסטער חלום איז גאָרנישט אין פאַרגלייך מיטן לעבן, די ליטעראַטור באַמיט זיך אומזיסט צו דערשטוינען און איבעראַשן. וואָס זענען דיינע אומשולדיקע מעשהלעך אין פאַרגלייך מיטן לעבן

אַז ס׳איז נישטאָ מיט וואָס צו זיין, ווי־זשע נעמט מען עס נישט קיין קינדער, וועלכע שטאַרבן דערנאָך פון הונגער?

און אַזאַ סימפּאַטישע זקנה איז עס געווען, כ׳בין איבער־צייגט. אַז זי האָט זיכער געהאַט אַ האַרץ פון אַ טויב.

7

געקומען קיין מאָסקווע, האָב איך אויפגעזוכט פּאָפּאָווס אַדרעס.

נאָך לאַנגער מי און מאַטערניש האָט מיך אַן אַלטע קעכין אַריינגעלאָזט אין שטוב, וווּ ס׳האָט נערוועז אַרומגעשפּרייזט אַ מענטש מיט אַ געלן קאָליר פון פּנים און מיט פאַרגעפּלטע ווי אומבאַוווּסטזיניקע אויגן.

אַז כ׳האָב אים פאַרגעלייגט דורכצושמועסן זיך מיט מיר אויף עטלעכע מינוט אונטער פיר אויגן, איז ער בלאַס געוואָרן און האָט אָנגעהויבן שטאַמלען עפּעס אומפאַרשטענדלעכע ווער־טער, — קוים מיט צרות איז מיר געלונגען צו איבערצייגן אים, אַז כ׳קום אין אמתן פון ניעטשאַיעוון.

פּאָפּאָוו איז אין כעס געוואָרן.

— וואָס־זשע וויל ער נאָך פון מיר? וואָס וויל ער פון אונדז? אונדזער לאַגע איז קלאָר, מ׳וועט אונדז פאַרנעמען אַ ליאַדע מינוט. וועגן אַנטלויפן איז שוין נישטאָ וואָס צו קלערן. צי האָט איר קיינעם נישט באַמערקט פאַרן טויער?

— קיין שום באַזונדערס האָב איך פאַרן טויער נישט באַמערקט.

— מ׳קען אין ערגעץ נישט קריגן קיין פּאַס? ער האָט זיך אַזוי באַרימט מיט די קאָנספּיראַציעס. וועגן פּעס־זר האָט ער גע־מעגט לכל הפּחות אַ טראַכט טון. דאָ איז דאָ אַ שוואַכע האָפ־

נונג, — אין צוויי טעג אַרום. צי וועלן מיר אָבער דורכהאַלטן די צוויי טעג.

— צי האָט מען טאַקע געפונען דעם מת?

פּאָפּאָוו איז בלאַס געוואָרן.

— אויך דאָס דאָט ער אייך געזאָגט, ווי אַזוי האָט ער אייך געקענט וועגן דעם זאָגן?!

ער האָט מיך אָנגעהויבן שטאַרק באַטראַכטן.

— איר רעכנט נישט, אַז ניעטשאַיעוו איז אַן אַגענט?

כ׳האָב מיך פונאַנדערגעלאַכט.

— מ׳קען קיין זאַך נישט וויסן. ס׳איז אַלץ מעגלעך אין אַזאַ לאַנד. אַלץ. פונוואַנען ווייסט איר, למשל, אַז איך דין נישט אין דער פּאָליציי. וואָס קענט איר וויסן.

— צי ווייסט איר, אַז ניעטשאַיעוו האָט מיך געוואָלט דער־הרגענען. אַזוי איז עס, זאָג איך אייך. דעם זעלבן אָוונט, בשעת מיר האָבן איוואַנאָוון... איר ווייסט, ער האָט כלומרשט אויסגע־פּרוווט דעם רעוואָלווער — און באַץ! גלייך איבער מיין קאָפּ. די קויל איז געבליבן שטעקן אין דער וואַנט. איך קלער אָפטמאָל, אַז ער איז משוגע. איר ווייסט, ווי דאָס גייט זיך אַמאָל פלוצלינג עפּעס אַ רייס צופּ אינעם מענטש. עפּעס אַ קליינע ספּרוזשינע. אי־בעריקנס, ווייסט עס ניעטשאַיעוו אַליין: ער האָט עס אַליין אין זיך איבערגעשניטן. ער האָט זיך אַליין אויף אַלץ דערלויבט. און איצט טאַפּט ער ווי אַ קינד אין דער פינסטער. וואָס וועט זיין, אַז כ׳וועל מיך אָט אַזוי באַוועגן, און וואָס וועט זיין — ווען אַזוי? ער קלערט זיך עפּעס אָפּ און דערנאָך טוט ער עס. כ׳זאָג אייך, אַז נאָך אַלע מעשיות איז ער משוגע.

— על־כן, האַלט איר אים שוין נישט פאַר קיין אַגענט.

— כ׳ווייס אַליין נישט, כ׳קען מיך בשום אופן אויף קיין זאַך נישט אַנטשליסן.

מיט פּאָפּאָוון רעדן איז געווען שווער. ער איז געווען אין אַ צושטאַנד פון פולשטענדיקער צערודערונג. כ׳האָב אים דעריבער אָנגעפרעגט אויף אוספּיענסקיס אַדרעס. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז

מ'דאַרף אים זוכן אין דער בוכהאַנדלונג. כ'האָב אָפּגערעדט מיט פּאָפּאָוון צו טרעפן זיך אין רעסטאָראַן.

גייענדיק מיט אוספּיענסקין, האָב איך מיך באַמיט צו ברענגען אין אָרדנונג מיינע איינדרוקן. ס'איז קלאָר געווען, אַז די רעוואָלוציאָנערע „אַרבעט" האָט דאָ אויסגעזען נאָך ווייניקער ערנסט ווי בא אונדז.

אוספּיענסקי האָט אויף מיר באַלד געמאַכט אַ געוואַלטיקן איינדרוק.

דאָס איז געווען אַ מענטש אַ קאָנצענטרירטער און ערנסטער.

בשעת כ'האָב אים געמאָלדן, וואָס ניעטשאַיעוו האָט געהייסן זאָגן, האָט ער געזאָגט:

— מיר ווייסן שוין גוט דאָס אַלץ. דעם מת האָט מען נישט געפונען, אָבער מ'וועט אים בלי ספק געפינען. צו פיל ווערט גערעדט וועגן דעם. איבעריקנס, ווייסן אַלע, אַז צווישן ניעטשאַיעוון און איוואַנאָוון איז עפּעס פאָרגעקומען. א חוץ דעם האָבן זיי שוין סיי ווי סיי געפונען אונדזערע שפּורן, ס'זענען דאָ אַנדערע סימפּטאָמען.

— און וואָס־זשע קלערט איר? — האָב איך געפרעגט.

— גאָרנישט — האָט ער רויק געזאָגט — כ'וואַרט.

— אויף וואָס? — האָב איך פאַרוואונדערט געפרעגט.

אוספּיענסקי האָט מיך אָנגעקוקט מיט זיינע ליכטיקע אויגן.

— בא דער איצטיקער לאַגע קען קיין רייד נישט זיין וועגן באַהאַלטן זיך. מ'דאַרף זען צו ראַטעווען, וואָס ס'וועט זיך לאָזן. דעם דאַזיקן ענין וועט די רעגירונג זיך באַמיען פונאַנדערצובלאָזן. אויב מ'וועט נישט ראַטעווען אונדזער זאַך מיט אונדזער האַלטונג אין דער צייט פון געריכט, קען די רעוואָלוציאָנערע ענערגיע אין רוסלאַנד גרויס שאָדן האָבן. מיר האָבן קיין רעכט נישט צו פאַרגעסן אָן דעם.

— איר זענט אַליין? — האָב איך געפרעגט.

— ניין, כ'האָב אַ פרוי, זי וועט מען אויך אַרעסטירן. דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס מיר קענען אויפטון. מ'האָט נישט באַדאַרפט אָנהייבן. ווען מ'האָט שוין אָבער יאָ עפּעס אָנגעהויבן, טאָר מען זיך נישט אָפּזאָגן פון דער אחריות. דערווייל האָבן מיר קיין זאַך נישט געטון. אייגנטלעך האָבן מיר אפילו שאָדן געבראַכט. אויב מיר וועלן איבערטראָגן, און מיר וועלן באַווייזן זיך צו האַלטן פאַרן געריכט אַזוי ווי מ'דאַרף, וועט אַלץ באַקומען אַן אַנדערן ווערט. דאָס איז קלאָר. די רעגירונג וועט זיך באַמיען אונדז צו דערקלערן פאַר משוגעים, פאַרברעכער, יינגלעך. מ'דאַרף, אַז בשעת די רעגירונג וועט אָנווייזן אויף אונדזער באַנק פון די באַשולדיקטע, — זאָל די וועלט דערזען רעוואָלוציאָנערן. די באַנק פאַר באַשולדיקטע דאָס איז די איינציקע טריבונע אין רוסלאַנד. איצט אַנטלויפן, איז אַזוי ווי פאַרשרייבן זיך צום וואָרט און דערנאָך זיך דערשרעקן.

הערנדיק אוספּיענסקיס רייד, האָב איך מיר געקלערט: ווי אַזוי האָט זיך דאָס ניעטשאַיעוו נישט דערקענט אויף דער פאַרהאַרטעוועטע גשמה פון דעם דאָזיקן מענטש.

כ'האָב געזאָגט עפּעס אין דעם זין.

— צו מיר, — האָט געזאָגט אוספּיענסקי — האָט ניעטשאַיעוו, אין תוך אַריין גענומען, יאָ געהאַט צוטרוי. אָבער ער פאַרמאָגט אַ צו טיפע פאַראַכטונג צו מענטשן, ער אַליין ווייסט אפילו נישט, ווי שטאַרק ער פאַראַכטעט מענטשן. מאָדנע וואַקסן בא אונדז מענטשן אין רוסלאַנד. קוקט זיך צו צום פּראָצעס פון די קאַראַקאָזאָוואָס, — וואָס פאַר אַ געמיש פון קינדישקייט, נאַיִוויטעט און ווילדער משוגענער דרייסטקייט. רוסלאַנד וועט שווער זיין, אַ הייב צו טון — האָט ער געזאָגט.

— צי איז אייער פרוי אויך אַזוי צוגעגרייט צו אַלץ?

אוספּיענסקי האָט מאָדנע געשמייכלט:

— אַנדערש וואָלט גאָרנישט געקענט זיין. מיר טרוימען איצט וועגן דער צייט, ווען מ'וועט אונדז ווידער דערלויבן אין סיביר זיך צונויפצוקומען. דעמאָלט וועלן מיר שוין מעגן גליקלעך זיין מיר

רופן עס „אונדזער נסיעה קיין איטאַליע". דער פרילינג איז אין סיביר אַ פראַכטפולער. עטלעכע וואָכן זענען דאָ אמת דרומדיקע געוויקסן. נו, — האָט ער צוגעגעבן — פאַר אייך טויג נישט דאָ צו לאַנג צו זיצן. אַ ליאדע מינוט קען עפעס פּאַרקומען. אויב איך וועל קענען, וועל איך קומען זיך זען מיט אייך בײַ פּאַפּאָוון.

כ'האָב גענומען וואַנדערן איבער די גאַסן פון דער פרעמדער אומבאַקאַנטער שטאָט.

אוספּיענסקי האָט פולשטענדיק באַהערשט מײַנע געדאַנקען.

זײַן רו און זײַן זיך אַליין נישט באַמערקבאַרע קראַפט האָבן געהאַט אין זיך עפעס נאָך מער מערקווירדיקס ווי די טיף־דורכגעטראַכטע עקשנות פון ברענאַייזענען. יענץ איז געווען אַ קריסטאַל פון עפּיס אַ געדאַנקען־פאַבריק מיט אַן אומגעהײַערער היץ־און אַטמאָספער־דרוק. דאָס — עפעס ווי אַן אבן־טוב, וואָס איז געבוירן ערגעץ אין די טיפענישן פון בערג, און וואַלגערט זיך אויפן ברוק צווישן פשוטע שטיינער.

איצט האָב איך ערשט פאַרשטאַנען אין גאַנצן פאַרנעם די ריכטיקייט פון אמת, אַז, אָפּשאַצנדיק די וועלט אויפן גרונט פון די אייגענע סוביעקטיווע צושטאַנדן — מוזן מיר באַגיין פעלערן. ווער קען וויסן, וויפיל אוספּיענסקיס עס באַהאַלטן זיך אין דער רוסקער, אומבאַוועגלעכער מאַסע.

בשעתן געשפרעך האָט מיר אוספּיענסקי געזאָגט:

— היינט ווייס איך, אַז ניעטשאַיעוו האָט געבלאָנדזשעט און געמאַכט פעלערן, אָבער, ווען נישט ער, וואָלט איך וועגן מיר נישט געוווּסט קיין זאַך פון דעם, וואָס איך ווייס היינט. איך וואָלט נישט געטראַכט וועגן דעם, איך וואָלט נישט געווען דאָס, וואָס איך בין.

און דאָס האָט, דאַכט זיך, אויפגעקלערט די באַציונגען.

בשעת כ'בין אַרײַן אין רעסטאָראַן און זיך געפרעגט אויף פּאַפּאָוון, האָט מען מיר אָנגעוויזן אויפן לעצטן צימער.

טיף ׳ין דער וווינונג:

דאָ איז געזעסן פּאָפּאָוו אַן אַ מאַרינאַרקע, אויף אַ סאָפע

באַשלאָגן מיט צעראַטע, פון וועלכער ס'זענען אַרויסגעקראָכן די האָר און ס'האָבן אַרויסגעשטעקט די ספּרענזשינעס. לעבן פּאַפּאַוון איז געזעסן אַ מיידל מיט אַן אָפּגעלעבטן פּנים און האָט מיט אַ הייזעריקער שטימע עפּעס געזונגען.

פּאַפּאַוו איז געווען גוט שיכּור.

— ווי אַן אַלטער רוימער, — האָט ער אויסגערופן — וואַרט איך מיט אַ רויזן-קראַנץ אויפן קאָפּ און מיט אַ פּאַלערנאָ-כּוס אויף מיין גורל.

I nie tknie się dumnego czoła
bladego strachu chłodny cień.

האָט ער פאַלש אַרויסגעזונגען. — אַזוי, אַזוי איז עס, יונגערמאַן. ס'זענען דאָ פאַרבאָרגענע כּוחות אומעטום. אין פּאַפּאַווס האַרץ האָט תּמיד געלעבט דער רעפּובליקאַנער און אין שלאָף פלעגט מיך רופן אַ שטימע: ברוטוס, דו שלאָפסט? פּרעכטיקע לעסביאַ, — האָט ער געזאָגט צום מיידל — דו דערקענטע אָנזאָגערין פון עראָס, גיי איצט אַוועק. די ראָזע פינגער פונם מאָרגן-שטערן, וואָס זענען אויפגעשטאַנען פון שוים פון ים, הערן אויף צו גרימפּלען אויף דער ציטרע, בשעת מ'הערט דעם געקלומפּער פון שווערטן, וואָס שלאָגן אין די פאַנצערס. כ'רעד צו דער זאַך. רוימערין, גיי אַוועק, דו וואָלסט געקענט זאָגן, מיט דער שילד אָדער אויף דער שילד, אָבער סיי ווי דערמאַן דיך תּמיד, אַז דו האָסט די לעצטע פון אַלע לעבעדיקע מענטשן געזען עוואַריסט פּאַפּאַוון.

— זיי טוען שטענדיק אַזוי, — האָט געזאָגט די דאַמע — זיי רעדן ווער ווייסט וואָס, אַז מ'קען קיין פאַרשטיין.

— פאַר איין נאַכט מיין לעבן! יאָ, צויבערהאַפטע סילפידאַ, פאַר איין נאַכט לעבן — נעם דעם קאָפּ פון פּאַפּאַוון, וועלכער האָט נעוואגט דאָ אין דער היימאַט פון די שניי-ווייסע היפּאָרבערייען צו זיין דער געליבטער פון דער געטין פון פרייהייט. ווי אַזוי האָט פּושקין געשריבן: אין רוים וואָלט ער געווען ברוטוס, אין גריכנלאַנד פּעריקלעס און בײַ אונדז אַפילו קיין הוזאַרן-אָפיציר נישט, נאָר אַ קאָלעזשסקער רעגיסטראַטאָר, אַ מענטש מיט אַ נישטיקן אויסזען אין אַ פראַק, ווי עס האָט באַוויליקט זיך אויסצודריקן ניקאָלאַי

פּאָולצאָוויטש וועגן אַן אַנדערן רוסישן רוימער. גיי שוין איצט קאָרנעליאַ, די מוטער פון די גראַקכן, און זאָג, אַנטבלויזנדיק דיין שויס: דאָ איז געשלאָפן צעזאר און זיין גורל. זיין צעזאַרס אַ גע־ליבטע און דערנאָך שטאַרבן.

— איר רעדט אויך מי יודע וואָס, פאַר פרעמדע מענטשן אין די אויגן, — האָט אַ ברום געטון דאָס מיידל — דער יונגער הער קען נאָך גאָט ווייסט וואָס מיינען.

פּאָפּאָוו האָט זיך ענדלעך באַרויִקט, און דאָס מיידל איז אַרויס.

— יאָ, יונגער פריינט, דו הערסט דיך צו און חידושסט זיך. האַמלעט האָט פילאָזאָפירט אויפן בית־עולם, און אַ רוסישער מענטש פאַרטראַכט זיך צום מערסטן באַם גלעזל ביר. דו קוק נישט, וואָס פּאָפּאָוו איז אַ שיכור, וואָס ער האָט נישט קיין פּאַסיקע געפילן. אַ מענטש גייט אין קאַטאָרגע, און פלוידערט איצט שיכורערהייט. אויף דער פאָרם, ברודער, גיב אַ שפיי, אַבי דער אינהאַלט זאָל זיין. וויסאַריאָן גריגאָריעוויטש ביעלינסקי איז געווען אַ גרויסער מענטש און א האַרץ האָט ער פאַרמאָגט פול פלאַם און פייער, דאָך פלעגט ער שפילן אין א פרעפעראַנס. דאָס לעבן צו שעצן נידעריקער פון אַ חלבנעם ליכטל איז די גרעסטע חכמה. נו, נעם כאָטש מיך אַצינד און דערשרעק עוואַריסט פּאָפּאָוון. מיט וואָס וועסטו דערשרעקן. בּאַ מיר אַליין איז דאָס לעבן שוין נישט ווערט קיין דרייער. כאָטש היינט דעם טויט. אין קיין גרויסע כבודים נייטיקן מיר זיך נישט. איינהילן קען מען זיך פּונקט אַזוי אין אַ שלאָפראָק, ווי אין אַ רוי־מישער טאָגע — אַבי אין דיר זאָל קלאַפּן אַ רעפּובליקאַניש האַרץ. אַלץ האָט ער פאַרמאָגט ניעטשאַיעוו, נאָר די פריילעכקייט אונדזע־רע האָט ער נישט געהאַט. אַ פאַרפאַלענער מענטש, האָט ער גע־זאָגט נו טאָ וואָס־זשע איז, אַז אַ פאַרפאַלענע — וואָט טויג צו גיין באַלד איבער די גאַסן מיט אָפּגעברענטע פליגל, ווי אַן אַבאַ־דאָנגאַ עפּעס. אויף אינדערוואָכן איז עס אויך לאַנגווייליק. און ער פלעגט דאָס אַלץ טאַקע פייערלעך איינאָרדענען. און אייך, יונגער־מאַן, האָט ער אויך געמוזט מיט גאָר וויכטיקע אָנווייזונגען אַהער־שיקן. וואָסערע אָנווייזונגען? וואָס פאַר אַן אָנווייזונגען קענען דאָ

זיין. אוספיענסקי, דאָס איז אייז — וואַרף אים אין גיהנום אַריין — ער וועט נישט צעגיין, און אין עוואַריסט פּאַפּאָון האָט תּמיד גע־וואַכט אַ רוימישע נשמה. קיין פּאַרמען זענען נישט געווען... אין האַרץ אַריין דאַרף מען קוקן, נישט אויף פּאַרמען.

אין דער טיר פון אונדזער צימער האָט מען אָנגעקלאַפּט.

דער קעלנער האָט אַריינגעפירט אַ ייִנגל אָן אַ היטל.

— אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש לאָזט גריסן און איבערגעבן איין וואָרט: עס איז פּאַרטיק. זיי וועלן שוין וויסן, האָט ער גע־זאָגט.

פּאַפּאָו איז עטוואָס בלאַס געוואָרן.

— נאַ דיר, קליינער — האָט ער געזאָגט, זוכנדיק עפּעס אין די קעשענעס. ענדלעך האָט ער אַרויסגעשלעפּט אַ באַרג קליינגעלט, אָבער דאָס האָט זיך פון דער ציטערנדיקער האַנט אַרויסגעשאָטן אויף דער ערד און אויפן טעפּיך.

— ס'איז פּאַרטיק, יונגערמאַן — האָט געזאָגט פּאַפּאָו — איצט איז צייט אַרויסצוווייזן מוט.

— און אָנגעטון אין אַ רויזן-קראַנץ מיטן כוס פון שוימענ־דיקן ווייַן.

— דעם רויזן-קראַנץ קען מען פאַרשפּאַרן און דעם ווייַן פאַרטרעטן מיט אַ פלעשל שאַמפּאַניער, כּדי מ'זאָל נישט זאָגן, אַז די בלאַסע שרעק האָט אָפּגעשטעלט דאָס בלוט פון פרייַלעכן האַרץ.

— דו ביסט פון וועלכע קאַנטן, חברה-מאַן? — האָט ער זיך געווענדט צום ייִנגל, וועלכער האָט דערווייַל אויפגעקליבן דאָס קליינגעלט.

— מיר זענען פון ניקאָלסק — האָט געזאָגט דער קליינער — פון טווערסקער גובערניע.

— פון טווערסקער. קום אַהער, citoyen, כ'גיב דיר אַ קוש אין שטערן. דאָס איז, ברודער, אַ סימבאָל, אַ העכסט פּאָעטישע סצע־נע. כ'האָב אַמאָל געשריבן אַ דראַמע... אָט אַזוי... נו, נו, קענסט שוין גיין, און אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטשן זאָג, אַז עוואַריסט פּאַפּאָו איז תּמיד גרייט געווען, און אַז מיט אַ רויזן-קראַנץ און מיטן

כוס אין דער האַנט, אין שויס פון דער שוואַרץ-אויגיקער לעסביאַ גיט ער זיך אונטער דער מאַכט פון זעאוס — דעם אונטערדריקער.

— אוספיענסקין האָט מען פאַרנומען — האָט געזאָגט פאַפּאָוו, ווען דאָס ייִנגל איז אַרויס.

די ליפּן זיינע האָבן לייכט געציטערט און די ווערטער האָבן זיך געפּלאָנטערט.

— צי וועט איר נישט פּרוּוון זיך באַהאַלטן — האָב איך געפרעגט.

— ניין — ניין, ברודערקע, באַ אונדז איז עס אַ פּאַראָל אַזאַלכער — אויפן פּאָסטן. מיר וואָלט די פרוי אוספּיענסקאַיאַ אַפילו נישט געוואָלט אין די אויגן אַריין אַ שפּיי טון. זי איז עס טאַקע קאָרניעליאַ, די מוטער פון די גראַקכן, די פרוי הייסט עס. אָבער נישט דאָס בין איך אויסן. ווי ליסיל, די פרוי פון דעמוּלענען, און דער אַלטער פּאָפּאָוו איז גרייט צו שטאַרבן אונטערן בליק פון איערע שטערן-אויגן. דאָ איז, ברודערקע, קיין אויסוואַל נישטאָ. איצט דאַרפסטו, זאָגן דאָס דייניקע פאַר גאַנץ רוסלאַנד. נישט נאָר ווי אומדערפאַרענע ייִנגלעך, וועלכע מ'האָט פאַרפירט מיט גענאַרעריי, נאָר אויך ווי זקנים באַזילבערטע מיט גרויע האָר, בכבודע ווי סענאַטאָרן... אָבער שאַמפּאַניער מוזן מיר דאָך טרינקען.

ער האָט אָנגעקלונגען, עס האָט זיך באַוויזן שאַמפּאַניער.

— פון איצט אָן — בלויז דער בראַזג פון קייטן — האָט אָנגעהויבן פּאָפּאָוו, אָבער ער האָט איבערגעריסן.

— קוקט מיך נישט אָן אַזוי און קלערט נישט... דער אַלטער פּלוידערט, ווייל אַ שוידער נעמט אים דורך. כ'וועל נישט זאָגן, אַז ערגעץ טיף אינם גוף איז נישטאָ קיין שרעק און באַדויערן, וואָס כ'מוז אַוועק. האַלטן וועלן זיי אין עפּעס אַ נאָרע. און דאָס, וואָס יעדער זעלנער וועט הערשן איבער דיר, ווי איבער זיינער אַ זאַך. ס'איז שרעקלעך. ווי אַזוי זאָל דאָס נישט זיין שרעקלעך? באַ אונדז, גנעדיקער הער, האָבן די בירגערלעכע געפילן קיינמאָל נישט געהאַט קיין גינסטיקע באַדינגונגען. איך האָב געהערט, אַז מוראַוויאָוו האָט אַמאָל געהאַט שוין איינגאַנצן אויפגעהאָנגען איינעם אַ ליטווינעוו, ער האָט זיך שוין געצאַפּלט אין דער

לופט. און דאָ קומט דער אַדיוטאַנט מיט אַ באַפעל: „באַגנעדיקן״. מ׳האָט צעפגעשניטן, דערמונטערט, אַ גלעזל בראָנפן אין האַלדז אַריין. זיצט אַזוי מיין ליטווינער, קוקט מיט פאַרחושטע אויגן. מ׳שטויסט אים. נו וויי, ווי אַזוי איז עס עפעס? וואָס האָסטו געפילט? און ער זאָגט — קיין שום באַזונדערס, אָבער אומעטיק עפעס, ווי איינער, וואָס איז נישט געווינט. אַזוי איז עס, ברודערקע, נישט געוווינט. געווען אַ מענטש דאָס גאַנצע לעבן אַ געטריי־ער אונטערטאַן, אין הארץ זיך פאַר יעדן סטראַזשניק געבייגט, פאַר אַ בלויען מונדער זיך תמיד ווי אַ קופּטשיכע אין אַ שטורם געצלמט — און דאָ פלוצלינג — אַ בירגער. די הייליקע רעכט פון בירגער און, ווי הייסט עס דאָרט, די אייביקע, קיינמאָל נישט פאַר־עלטערטע רעכט פון דער רעוואָלוציע. דאָס איז דאָרט אין מערב, דאָרט שרייט יעדער שטיין: רעכט. און ער דערמאָנט, אַז נישט דו ביסט דער ערשטער, נישט דו דער לעצטער. און דאָ וואָס? וואָס פאַר אַ זכרונות, דאָ האָט מען אַ באַיאַר מיט בייטשן געשמיסן — מיט צעגליטע צוואַנגען די נאָז־לעכער געריסן — און נישט דאָס איז די צרה, וואָס מ׳האָט געריסן און געשלאָגן, נאָר דאָס, וואָס ער האָט די גנעדיקע צאַרישע האַנט מיט בלוטיקע ליפּן זיך באַמיט צו קושן.

— נו, גענוג שוין, נאָך אַ גלעזל.

מיר האָבן ווידער אויסגעטרונקען.

— און אָט וועט נישט אומזיסט דורכגיין דאָס לעבן, נישט אומזיסט וועט עס דורכגיין. זין קאַפּעען. אין שענקען האָט ער זיך אַרומגעוואַלגערט, אין קאָרטן געשפּילט, מיידלעך געליבט, קיין שרייבער־טאַלאַנט נישט געהאַט, קיין נייע אידעען נישט געשאַפן, אָבער דאָס בלוט פאַר אַ הייליקער זאַך פאַרגאָסן.

ער איז איצט געווען מאָדנע ערנסט. ער האָט זיך אָנגעבויגן צו מיר.

— און דיר, מיין פריינט, ווינטש איך עס אויך האַרציק: זאָלסט זוכה זיין צו פאַרגיסן דיין בלוט פאַר די גרויסע, פאַר די הייליקע, זאָלסט זוכה זיין...

מיר האָבן זיך צעקושט:

כ'האָב אים לאַנג געדריקט די האַנט.

— נו, גוט אַזוי — האָט געזאָגט פּאַפּאָוו.

— זאָל זיך נישט אָפּטון פֿון מיר דער דאָזיקער כּוס.

ער האָט אָנגעגאָסן פֿרישע כּוסות.

— בא אונדז אין רוסלאַנד — האָט ער געזאָגט — איז דאָ א מנהג, פֿאַרן אַוועקפֿאָרן שוין זיך אַנידערצוזעצן אויף אַ ווײַלע און שווײַגן.

מיר האָבן זיך אַנידערגעזעצט.

פּאַפּאָוו האָט אָנגעקלונגען. ס'איז אַרײַן דער דינער, פּאַפּאָוו האָט מיך נישט געלאָזט באַצאָלן.

צום דינער האָט ער געזאָגט:

— מאָרגן וועסטו אין קיך הייסן שעכטן אַ שוואַרצן האָן.

— לאָזן אים אָפּבראָטן? — האָט געפֿרעגט דער באַדינער.

— אַלץ איינס, כ'צאָל... עס אים אויף געזונטערהייט און דערמאָן סאָקראַטעסן און עזאָריסט פּאַפּאָוון.

— דער הער פֿאָרט ערגעץ אַוועק? — האָט זיך געחידושט דער דינער.

— פֿאַרגעס נישט, ברודערקע, וואָס כ'האָב דיר געזאָגט: אַ שוואַרצן האָן צום אָנדענק פֿון סאָקראַטעסן און עזאָריסט פּאַפּאָוון. סאָקראַטעס האָט אויך געהאַט אַ פֿליכיקן קאָפּ און האָט אויך ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן. און די געטער, וועלכע קסאַנטיפּע האָט פֿאַרערט, האָט ער נישט אָנערקענט. אַזוי, ליבער ברודער — און דער שוואַרצער האָן האָט באַטייט געזונט ווערן און אַ דאַנק־קרבן. און פֿון וואָס פֿאַר אַ קרענק ער איז געזונט געוואָרן, וועגן דעם וועסטו, ברודערקע, איבערלעזן בײַ קאַראַמזינען.

ער האָט איבערגעלאָזט דעם דינער אַ רובל און אים אַרומגענומען.

מיר זענען אַרויס אויף דער גאַס...

— נו, איר דאַרפֿט אויף לינקס — האָט ער געזאָגט — איך אויף רעכטס. און נאָך אַמאָל ווינטש איך אײַך, דער כּוס זאָל זיך

נישט אָפּטון. אַזוי איז בעסער. ס'איז גרינגער, ווי נוצלאָז צו שלעפּן איבער דער וועלט די אַלטע ביינער... יאָ ברודער... איצט האָבן מיר זיך נאָכאַמאָל אַרומגענומען. כ'האָב אים אַ לענגערע ווײַלע נאָכגעקוקט, ווי ער איז געגאַנגען אַן אײַנגעהויקערטער אין אַן אויסגעריבענעם משונהדיקן הוט, אויסמײַדנדיק אומגעשיקט די לוזשעס און בערג בלאָטע.

כ'האָב מיך באַמיט צו ברענגען אין אָרדנונג די געדאַנקען. כ'האָב געפילט אַ ברענענדיקע חרפה און דערנידעריקונג. הײַנט אינדערפרי איז מיר דער דאָזיקער מענטש פאָרגעקומען, ווי אַ היסטערישע באָבע, וואָס איז צוליב אַ טעות אַרײַנגעפאַלן אין דער פאָדערהאַק פון אַ קעמפנדיקער אַרמיי און זי צאַפּלט און פלאַטערט הילפלאָז און ציללאָז פאַר די קוילן. כ'האָב מיט ווייטיק געטראַכט, ווי קליין און נישטיק איך בין אַנטקעגן די דאָזיקע מענטשן. וואָס פאַר אַ נשמה מוז האָבן אויספּיענסקיס פרוי. צי וועט מיר קיינמאָל נישט באַשערט זײַן זיך צו דערהייבן צו דער דאָזיקער הייך. כ'האָב מקנא געווען פּאַפּאָוון, וואָס ער קען די דאָזיקע פרוי, און פּלוצלינג האָב איך פאַרשטאַנען, אַז כ'לעב דאָך אויך צווישן מענטשן, וועלכע האָבן נישט קיין קלענערן ווערט. כ'האָב מיך דערמאַנט אָן דער שטילשווייגנדיקער וואַריאַ טאַזשעצקאַ, וועלכע וויל זיך מקריב זײַן און וועלכע דערפילט איר פליכט אַזוי, ווי ס'וואָלט זיך געהאַנדלט אין די אייגנפאַכסטע זאַכן, מיט דער גאַנצער נאַטירלעכקייט פון אַן אינסטינקט.

זיי אַלע זענען וועזנטלעך צונויפגעוואַקסן מיטן אמת:

זיי זענען מענטשן אין פולן זין פון וואָרט, נאָר איך אַליין צווישן זיי אַלע וואַגל אַרום און פאַרבלייב אייגנטלעך קאַלט. ס'האָבן מיר ווײַ געטון די נעכטיקע געדאַנקען און ספקות. כ'האָב אויך פאַרשטאַנען, אַז ניעטשאַיעוו האָט, נישט וויסנדיק אַליין ווו, אויסבעשטערקט דעם אָרעם, און אָנגעטראָפן אויף מענטשן, וועלכע זענען שוין אַרום אים גרייט געווען, און זיי האָבן בלויז נאָר געוואַרט אויף אַן עלעקטריזירנדיקן פונק.

ניעטשאַיעווס טראַגעדיע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט נישט פאַרשטאַנען, נישט געפילט די כוחות, וועלכע זענען גע-

חען צעזייט אַרום אים. ער איז געווען אַזוי איינגעשלאָסן אין זיך, אַז ער האָט נישט געקענט אַרויסגיין פון דעם פלאַמענדיקן ראָד פון זיין איינזאמער שנאה און פאַרצווייפלונג.

כ'האָב מיך באַמיט זיך פאַרצושטעלן פּאַפּאָוון, אוספּיענסקין בשעתן געריכט.

כ'האָב געוווסט, אַז ס'וועט זיי נישט פאַרפעלן קיין מוט, און ס'וועט זיך פאַרשפּרייטן איבער גאַנץ רוסלאַנד אַ קלאַנג וועגן הענט, וועלכע האָבן זיך אויפגעהויבן אין שווייגן און שטייגערנעם גרויל די פאָן פון בונט.

כ'האָב געזוכט אין מיר אַליין דעם דאָזיקן כּוח, און ס'האָט מיר אויסגעוויזן, אַז אויך איך וואָלט אים געפונען. גלייכצייטיק האָט מיר דער זכרון אונטערגערוקט אַנדערע בילדער: פון יונגעלייט, וועלכע זענען געגאַנגען פון פּאַריז, מעץ, ענגלאַנד, שווייץ אין דעם מויל פון דער דאָזיקער ווילדער באַשעפעניש, הגם זיי האָבן יאָרן-לאַנג געקוקט אין אירע בלייערנע אויגן אַריין און האָבן דערגרונטעוועט די גאַנצע טי-קייט פון איר קאַלטער אכזריות.

ס'האָט זיך דורכגעטראָגן פאַר מיר די גאַנצע פּלעיאַדע פּוילישע עמיגראַנטן.

ווער האָט געוווסט וועגן זיי, בשעת זיי פלעגן אומקומען, ווי שטיינער, וועלכע מ'וואַרפט אין וואַסער אַריין. ווער ווייסט, וואָס עס טוט אין דעם מאָמענט פּאַפּאָוו? און ווער ווייסט, וויפיל ס'זענען נאָך פאַרהאַן אַזעלכע, וואָס ווייסן נישט איינער פון צווייטן? כ'האָב נישט געקענט באַנעמען, ווי אַזוי איך האָב נעכטן געקענט לאָזן זיך צעברעכן און פאַרצווייפלען דורך דעם געדאַנק פון אונדזער איינזאַמקייט.

ווער ביסטו, טראַגישער כּוח, וואָס דו גיסט קראַפט אַריבערצוטראָגן אַלץ אָן עדות?

ווער ביסטו, וואָס לעבסט אין דער העלדישער טאַט, אינם מוט, אין דער איינזאַמער אַרבעט פון חכם?

דער ־ מת!

ווער גיט מאַכט דעם אמת?

וו איז דער כוח זיינער? דאָס מעכטיקע געפיל, אַז דער מענטש וועט מנצח זיין דעם גורל.

כ'בין נעגאַנגען איבער די גאַסן, און אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין, זיך געפונען עטלעכע צענדליק טריט פון דער בוכהאַנד־לונג, אין וועלכער כ'האָב באַזוכט אוספּיענסקין. פאַר איר איז גע־ווען עפּעס אַ טומל, ס'איז געשטאַנען עפּעס אַ דראָשקע. פּלוצ־לינג זענען פונם געוועלב אַרויס עטלעכע מענטשן און זעלנערישע שינעלן, כ'בין צוגעלאָפן, ס'האָט מיר אַ שימער געטון פאַר די אויגן אוספּיענסקיס רויק פּנים, זיין שוואַרצע באָרד. די דראָש־קע איז אָפּגעפאָרן, דער פּאָליציאַנט האָט אָנגעהויבן פונאַנדער־טרייבן די פאַרזאַמלטע.

— ער האָט פאַלש געלט געמאַכט — האָט געזאָגט דורכ־גייענדיק לעבן מיר עפּעס אַ פרוי.

— ווי קומט עס, — האָט געזאָגט דער הויז־וועכטער. — ס'איז גאָר אַן אַנדערער ענין. וואָס ווייסטו דאָרט, אַ גוטער הער געווען! ווי קומט צו אים פאַלש געלט.

— ווייטער, ווייטער, — האָט ער אויסגעשריגן, זעענדיק, אַז כ'הער מיך צו, דאָ טאָר מען זיך נישט אָפּשטעלן.

— די אויערן, ווי זיי שפּיצן דאָס אויס די אויערן — האָב איך געהערט, ווי ער האָט געברומט, בשעת כ'בין אַוועקגע־גאַנגען.

קיין באַקאַנטע האָב איך שוין מער נישט געהאַט. דערוויסן זיך האָב איך נישט געקענט קיין זאַך. כ'האָב געוואָלט צוריקגיין, עפּעס האָט מיך געצויגן צו דערוויסן זיך נאָך עפּעס וועגן פּאָ־פּאָוון. כ'האָב אָנגעהויבן צו גיין אין יענער ריכטונג. ווען כ'האָב מיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו דער גאַס, וו ער האָט געוווינט, האָט מיך עמעצער אָנגעיאָגט.

— זייט אַזוי גוט

כ'האָב מיך אומגעקוקט.

אנטקעגן מיר איז געשטאַנען קאַסיאַנאָוו אַליין, מיט אַ מאָד־נע צעשויבערטן קאָפּ, ווי שטענדיק.

— קאַניאַווסקי, דאָס איז ער טאַקע, — האָט ער געזאָגט.

— איך גיי הינטער אייך פון טשערקעסאָווס געוועלב אַן און קלער: ער איז עס, צי ניט ער? דאָרט איז היינט אַן אומאָנגענעמע זאַך געשען.

— כ'ווייס, — האָב איך געזאָגט — נישט קלערנדיק וועגן פאַרזיכטיקייט.

— אַזוי האָב איך טאַקע פאַרשטאַנען. כ'זע אַ מענטש קוקט און איצט גייט ער דווקא אין דער ריכטונג. קלער איך מיר, אָפּשטעלן — ס'איז אַ ריזיקע און אפשר איז עס נישט ער. פאַר אונדז איז היינט נישט אַזוי גלייך צו שלעפּן זיך איבער די גאַסן, מיר וואָלטן ערגעץ אַריינגעגאַנגען, כ'האָב דאָ אַן אָרט, אייגענע מענטשן.

אין דער וווינונג, וועלכע איז באַשטאַנען פון אַ שטוב מיט אַ קיך האָבן מיר געטראָפן דריי מענטשן.

באַם טיש איז געזעסן אַ מאַספּערשוין מיט אַ הויכן שטערן און מיט העללעכע קלוגע אויגן, אַ יונגע פריילין אין אַ בלויען פאַרטוך האָט זיך געפאָרעט אַרום דעם סאַמאָוואַר. אין קיך האָט אַ בלאָנדין מיט פריילעכע אויגן און אַ ראָזן קינדישן פּנים געוואַשן די גלעזער.

— אַן אייגענער מענטש, — האָט געזאָגט קאַסיאַנאָוו. — פעליקס באַלכאַוזסקי, טאַרוטינאַ, מאַרטינאָוו, — האָט ער פאָרגעשטעלט די אָנוועזנדע — מ'האָט אים אַרעסטירט — האָט ער געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו באַלכאַווסקין.

יענער איז האַלב-טויט געוואָרן.

— אַ שאָד, אַ שאָד. בפרט נאָך אים, אַ שאָד, און זי, תּוודערבאַרע מענטשן געווען. אַן אומגליק איז דאָ געשען.

— כ'ווייס — האָב איך געזאָגט — כ'האָב זיך געזען מיט אוספּיענסקין.

באַלכאַווסקי האָט אויפגעזעבט.

— נו, וואָס זאָגט ער?

כ׳האָב איבערגעחזרט דעם שמועס, כ׳האָב אויך דערציילט וועגן פּאַפּאָוון.

— דערשטוינט צו ווערן, דערשטוינט צו ווערן. — האָט ער איבערגעחזרט — פּאַפּאָיו, אַ צענויפמישונג פון פּאַלסטאַפן מיט סאָקראַטן, אַן אמתע אונדזערע רוסישע קאָמבינאַציע.

מיר האָבן זיך פונאַנדערגערעדט.

— מיר האָבן זיך דאָ אַלע צוגעקוקט צו ניעטשאַיעוון, ער האָט אַרום זיך אַלץ געריסן און געשליידערט, אַן אַמביציע פאַרמאָגט ער אַ שרעקלעכע. און נאָך עפּעס מערקווירדיקס. דאָ בײַ אונדז איז אַזוי ווי פּריליגגס-צייט — איידער דער שניי צעגייט, היינט ווייסט קיינער נישט וואָס עס איז. אָבער זוימען האָט מען אַ סך צעוואָרפן. און ס׳גייט אויף דאָרט, ס׳גייט אויף דאָ, הער זיך גוט צו צום גערויש, און וועסט דערהערן ווי ס׳וואַקסט, ווי עס ווערט צייטיק דער יונגער כוח. אין צוויי, דריי יאָר, אָדער אין פינף יאָר אַרום וועלן מיר נישט דערקענען דאָס שטילע, טויטע רוס־לאַנד, אָבער היינט.

מ׳האָט דערלאַנגט טיי. איצט זענען אַלע געזעסן בײַם טיש.

— ס׳לעצטע מאָל אוודאי, — האָט געזאָגט באַלכאָווסקי — אַט זײ — ער האָט אָנגעוויזן אויף דעם יונגן פּאָר — פאָרן קיין ציריך. אַ גאַנצע קאָלאָניע איז דאָרט.

— איר גייט אויף באַטורוויסנשאַפט — האָב איך געפרעגט בײַ טאַרוגטינאַן.

— ניין, — האָט זי געענטפערט, — אויף מעדיצין וואָלט איך געוואָלט, כ׳ווייס נישט, צי כ׳וועל באַוויַיזן, כאָטש היגיענע, אַ ביסל אַקושעריע. כ׳האָב מיך שרעקלעך פאַרשפּעטיקט, איצט וועט אויסקומען צו יאָגן זיך.

— מ׳קען זיי אָפּגעבן מזל־טוב, ערשט פינף טעג נאָך דער חתונה.

— איר קאַסיאַנאָוו, וועט שוין שטאַרבן אַזעלכער, ווי איר זענט געבוירן געוואָרן. כ׳האָב אייך געזאָגט — איר זאָלט זיך נישט דערוועגן צו וויצלען.

— נו, וואָס-זשע איז — האָט געזאָגט דער בלאָנדער פריי-לעך — ס'איז גאַנץ פאַרשטענדלעך. מ'האָט געדאַרפט אַ פּאַס. די עלטערן האָבן נישט געגעבן — נו, האָט מען געטוזט תתונה האָבן.

— און איר אויך קיין צוריק? — האָב איך געפרעגט מאַר-טינאָוו.

— איך ווייס נאָך נישט — האָט ער אַ קנייטש געטון דעם שטערן — אפשר וועל איך נאָר שפּעטן אַ ביסל לופט און צוריקקו-מען.

— וועסט פאַרבלייבן, וועסט פאַרבלייבן — האָט געזאָגט באַלכאָווסקי. — צוריקצוקומען וועסטו שטענדיק צייט האָבן... דאָ וועט נישט אויף איין יאָר און נישט אויף צען זיין וואָס צו טון.

ער האָט זיך פאַרכמורעט.

— וויפיל מענטשן עס וועלן נאָך אומקומען, וויפיל מענטשן, מיר אַלע און די קינדער אונדזערע. צען יאָרהונדערטער איז גע-וואַקסן די רוסישע מאָנאַרכיע, וועסטו זי מיט איין דור נישט באַ-זיגן.

לאָזט צורו — האָט טאַרוטינאַ מיט די אַקסלען אַ צוק גע-טון — זינגט בעסער עפּעס.

ס'האָט זיך צעטראָגן אַ לאַנג אומעטיק ליד.

— און נאָכן צוריקקומען וואָס רעכנט איר צו טון — האָב איך געפרעגט באַם מיי. ל.

— איך וועל אַריינטרעטן אין אַ פאַבריק אַלס אַן אַרבעטערין, אָדער זיך ערגעץ אין אַ דאָרף באַזעצן...

באַנאַכט בין איך צוריקגעגאַנגען אַן אויפגעפרישטער.

— און מיט אייך, קאַסיאַנאָוו, וואָס איז? — האָב איך גע-פרעגט.

— גאָרנישט, — האָט ער געזאָגט. — די הענט און פיס זענען מיר געבונדן.

זיין אַרבעט איז באמת געווען אַ שווערע:

די מוטער זיינע איז משוגע געוואָרן. דער פאַרשטאַרבענער

פֿאָטער פֿלעגט שיכּורערהייט אַהיימקומען. וואָס עס פֿלעגט אים קו־מען אונטער דער האַנט, פֿלעגט ער וואַרפֿן אין קאָפּ אַריין. און איצט וואָס? אין שפּיטאָל וועל איך זי נישט אַריינגעבן. מען וועט זי שלאָגן, איך וועל נישט קענען ליידן מען זאָל זי שלאָגן. אין דערהיים האַלט איך זי; רויִק איז זי, ווי אַ קליין קינד, און איך קען מיך שוין איצט נישט רירן, נישט אָפּאָטעמען, איך זיץ אויפֿן ברעג און זע, ווי מענטשן ווערן דערטרונקען. און ווען מען וואָלט מיך פֿאַרנומען, וואָס וואָלט מיט איר געוואָרן. אין גאַס אַריין וואָלט איר אויסגעקומען צו גיין בעטלען, ביז די פּאָליציי וואָלט זי נישט אַריינגעגעבן אין אַ געל הויז אַריין. אַזוי זיץ איך מיר דאָ. נאַריש פֿליסט דאָס לעבן, און עס איז נישטאָ קיין נאַרישערע זאַך, ווי צו שטיין אָן אַ זייט און צו זען, ווי די בעסטע מענטשן גייען אויפֿן טויט. די ליבסטע, נאָנסטע מענטשן. טאַרוטינאַ האָט מיך אָנגע־שריגן. חי איר האָט געהערט, זי איז תּמיד אַזעלכע; מיט דער מו־טער וואָלט זיך אַן אַנדערער פֿאַרנומען. אַבער זי איז ווי אַ קינד, מיין אַלטעטשקע, זי וועט אין מויל אַריין קיין זאַך נישט נעמען, אַז איך וועל איר נישט דערלאַנגען.

מיר האָבן זיך געזעגנט.

אין דערפֿרי האָט מיך אויפֿגעוועקט אַ קלאַפּ אין דער טיר. דאָס איז געווען באָלכאָווסקי.

— איך האָב מיך קוים דערפֿרעגט צו אייך — האָט ער גע־זאָגט — קאָסיאַנאָוון האָט מען נעכטן בײַנאַכט אַרעסטירט. מען דאַרף זיך פֿאַרנעמען מיט זיין מוטער, מען דאַרף האָבן געלט — מיר האָבן געמיינט — אפֿשר זענט איר רייכער, בײַ אונדז האַלט עס שמאָל.

איך האָב טאַקע געהאַט געלט אַ ביסל.

קאָסיאַנאָווס מוטער האָט פֿאַרהאַלטן די פּאָליציי.

באָלכאָווסקי האָט זיך באַמיט דורך באַקאַנטשאַפֿט זי אַרויס־צוקריגן, זאָל ער ווייניקסטנס וועגן דער מוטער זיין רויִק.

דער טאָג איז אַוועק בײַ אונדז אין פֿאַרשידענע באַמיִונגען. וועגן קאָסיאַנאָווס ענין האָט מען זיך פֿאַרשטייט זיך קיין זאַך נישט געקענט דערוויסן. די מוטער זייגע האָט זיך אונדז אַלנפֿאַלס איינ־

געגעבן, אַ דאַנק כּלערליי באַמיִונגען, אַרויסצובאַקומען. איינע אַ פרוי האָט אָפּגעשפּילט די ראָלע פון אַ קרובה און האָט גענומען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט. איבעריקנס, האָט די אַלטעטשקע נישט פאַרגעשטעלט מיט זיך קיין שום געפאַר. זי איז געווען אומגעהייער איבערגעשראָקן, און זי האָט געקוקט אויף אונדז מיט פאַרטרערטע אויגן פון אַ משוגענער באַרג־ציג.

אין צירקל האָבן מיר זי געפונען אונטער דער אויפזיכט פון עפּעס אַ שיכּורער פרוי. זי איז געזעסן לעבן דער אַלטער און האָט רחמנותדיק געקלאָגט. זי האָט געהאַט אַן אונטערגעהאַקט אויג און האָט אויסגעזען האַלב באַוווסטזיניק. דאָך האָט די אַלטע, בשעת מיר האָבן זי גענומען, זיך אָנגעכאַפּט אָן יענערס אַרבל און שטיל געוויינט.

ס'איז זיך שווער פאָרצושטעלן עפּעס מער רירנדיקס ווי טרערן, וואָס פליסן שטיל איבערן פּנים פון אַן אַלטן מענטש, וועלכער האָט מורא הויך זיך צו באַקלאָגן און שטעלן אַ ווידערשטאַנד.

— איר פאָרט צו מיטיען, — האָט געזאָגט טאַרוטינאַ.

— נו, נישט צו מיטיען, אָבער מיטיע האָט אַזוי געהייסן — האָט פאַרבעסערט באַלכאָווסקי.

די אַלטע האָט אויף אים אַ קוק געטון.

— מיטיאַ ט'געהייסן — האָט זי איבערגעחזרט.

פון דער רגע אָן האָט זי דערפילט צו אים אַ גרויסן צוטרוי.

— מ'דאַרף קיינמאָל פאַר קינדער און קראַנקע קיין ליגנט נישט זאָגן, — האָט באַלכאָווסקי געזאָגט צו טאַרוטינאַן.

דאָס מיידל איז רויט געוואָרן.

— נו, נו, פאַרצווייפלט נאָר נישט — האָט ער איר אַ גלעט געטון איבערן אַקסל.

— זינאַידאַ פּיעטראָוונאַ, — האָט ער צו מיר געזאָגט, — איז צוויי נעכט נישט געשלאָפן. פאַר שיך האָט זי פינף רובל באַצאָלט. זי האָט אַלץ גערעכנט, וויפיל טעג ס'קען לעבן אַ פּויערשע פאַמיליע פאַר פינף רובל.

כ׳האָב געזען, אַז מאַרטינאַוו האָט אַ קוק געטון אויף באַלכאָווסקין מיט דאַנקבאַרע אויגן. ווען זי האָט נאָר נישט געקוקט אויף אים, האָט ער קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט פון זיין „געזעצלעכער פרוי.“ ווען זי פלעגט זיך אָבער ווענדן צו אים, האָט ער געפּלאָפּלט אַזוי אומגערן, אַז מ׳האָט נישט געקענט פאַרשטיין אין וואָס ס׳האַנדלט זיך.

— ער האָט געברענגט אַ קרבן — האָט באַלכאָווסקי געשפּאָסט, — ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער כלה און איצט קען ער אויף זינאַידאַ פּיעטראָוונאַן נישט קוקן. מיר ווייסן שוין אייערע סודות.

באַלכאָווסקי איז אַלט געווען אינגאַנצן אפשר דרייסיק יאָר, ער האָט אָבער אויסגעזען אַ סך עלטער, און מענטשן נישט קיין סך יינגערע פון אים, האָבן זיך געהאַלטן אין דער באַציִונג צו אים מיט דעם נישט געצוווּנגענעם נאַטירלעכן דרך ארץ, וואָס רינגלט אַרום ווי אַן אַטמאָספערע אין אַ סביבה פון פיינע מענטשן, די יחידים וואָס פאַרמאָגן די אָנערקענטע און דורך אַלע געפילטע מאָראַלישע מאַכט.

כ׳האָב מיך איבערצייגט, אַז אין געוויסע אומגעבונגען ווערן נשמות ווי דורכזיכטיק, דאָס איז אָבער אַ דערשיינונג זייער אַ זעלטענע, יעדעס וואָרט זיינס, יעדער שמייכל האָבן געהאַט אַ וווּנדערבאַרן חן. גלייכצייטיק האָט מען זיך מיט קיינעם נישט געפילט אַזוי פריי.

כ׳האָב געפונען אין אָוונט קאָסיאַנאָווס מוטער זיצנדיק אויף אַ קליינעם בענקעלע לעבן זיין פּאָטער-שטול, זי האָט געשטריקט אויף שפּיזלעך עפּעס אַ האַנט-אַרבעט.

— מאַטרענאַ פּאַוולאָוונאַ מאַכט דאָ אַ וואַרעם קאַפּטל פאַר איר זון, — האָט געזאָגט באַלכאָווסקי בשעת כ׳בין אַריין. — די אַלטע האָט אַ שמייכל געטון צו אים. און איך מיין, אַז קיין פאַרליבטע פרוי קען נישט קוקן אויף איר געליבטן מיט אַ נאָך מער וואַרעמערן און שטראַלנדיקן בליק.

— ווען מיר וועלן נאָר ענדיקן דאָס קאַפּטל, וועט מען עס באַלד אָפּשיקן מיטיען.

ער האָט דערציילט קאַסיאַנאָווס מוטער דעם גאַנצן אמת. ער האָט זיך צוגעפּאַסט צו אירע באַגריפן. ער האָט איר דערציילט, אַז איר מיטיאַ האָט קיינמאָל נישט געקענט פאַרטראָגן קיין מענטשלעכע צרות, אַז עס איז דאָ אויף דער וועלט אַ סך נויט, אַז מיטיאַ לייזט דערפאַר, וואָס ער האָט געשיצט אָרימע מענטשן, אָבער, אַז זיי געדענקען אָן מיטיען, וועלן זיך דערוויסן וועגן אים; אַז אַ מענטש, אָן וועלכן אַזוי פיל מענטשן געדענקען און וועלכן אַזוי פיל מענטשן דערמאַנען צום גוטן, קען קיינמאָל נישט אומגליקלעך זיין. ער האָט געזאָגט, אַז מיטיאַ איז זיכער, אַז זיין מוטער וועט זיין רויִק און וועט וואַרטן אויף אים, אַז ער דאַרף דאָרט האָבן פאַרשידענע זאַכן, און אַזוי ווי ער האָט פאַר איר געזאָרגט, אַזוי דאַרף זי איצט פאַר אים קלערן. מיט איין וואָרט, ער האָט זיך געהאַלטן צו דער אַלטער אַזוי, ווי זי וואָלט געווען אינגאַנצן געזונט, ער האָט דערפילט אין איר די בייגויִג צו נאַיִווע פּאָעטישע חלומות מיט אַ האַלב רעליגיעזער, האַלב דור-שניטלעכער, סענטימענטאַלער לעבנס-באַפאַרבונג. מיט עפּעס אַן אומפאַרגלייכלעך-ווייכן טאַקט האָט ער דערטאַפּט אַלע געזוכטע קלינגנדיקע סטרונעס פון אָט דער נשמה, האָט באַוויזן אין עטלעכע שעה צו באַרויִקן און קודם-כל צוצוגעוווינען צו זיך די זקנה.

איך האָב אָבער געזען, אַז ס'האָט געמוזט נאָך עפּעס געשען.

זינאַידאַ פּיעטראָוונאַ האָט געדאַט עפּעס ווי פאַרוויינטע אויגן. מאַרטינאָוו האָט גערעדט מיט נישט קיין נאַטירלעכן באַס.

— איצט איז עס פּשוט נישט פיין מיר אַרויסצווייזן אַ ווידערווילן.

באַלכאָווסקי האָט געלאַכט, ווען כ'בין צוריקגעקומען.

נאָך דער טיי האָט די באַדינערין געבראַכט אַ פלאַש ביליקן שאַמפּאַניער.

טאַרוטינאַ האָט מיט אַ פאָרוואָרף אַ קוק געטון אויף באַלבאָווסקין, דאָס האָט געזאָלט באַטייטן: קאַס-אַנאָוו ליידט און אייך ליגט אין קאָפּ שאַמפּאַניער.

אָבער באַלכאָווסקי האָט נאָר געשמייכלט: צוליבן טרייען גאַסט, האָט ער געזאָגט, קוקנדיק אויף מיר.

מען האָט אָנגעגאָסן די גלעזלעך. און באַלכאָווסקי האָט שטיפעריש שמייכלענדיק, אָנגענומען בײַ דער האַנט זינאַידאַ פּיעטראָוונאַ און מאַרטינאָוון.

— נו, — האָט ער געזאָגט, — און איצט פאַרן געזונט פון יונגן פּאָר, זאָל אײַך גאָט געבן פיל גליק.

מאַרטינאָוו האָט זיך באַמיט אַרויסצורייסן די האַנט, טאַרטינאַ האָט אפילו באַוויזן אַרויסצורייסן.

— נו, און זענען דאָס נישט קיין קאָמישע מענטשן. — האָט אויסגערופן באַלכאָווסקי, — זיי האָבן זיך באַשלאָסן אַ פּיקטיווע חתונה דורכצופירן, און יעדער מאכט אַ קרבן פון זיין ליבע. „איך וואַרף מיך נישט אָן", ווען כ'וואָלט אייך נישט געקענט און נישט געזען, אַז איר זענט גרייט אין אמתן אַזוי פאַרבייצוגיין איינער לעבן אַ דערן אין קיין וואָרט איינער דעם צווייטן נישט צו זאָגן, וואָלט איך מיך נישט געמישט אין דעם ענין.

— דאָס איז נישט מיין שולד, — האָט זיך באַמיט צו פאַרטיידיקן מאַרטינאָוו, — איך האָב באַלכאָווסקין קיין וואָרט נישט געזאָגט, און כ'וואָלט אים קיינמאָל נישט געזאָגט.

ער האָט געוואָלט נאָך רעדן, אָבער באַלכאָווסקי האָט אים אָנגעוויזן מיט די אויגן אויף זינאַידאַ פּעטראָוונאַ. זי איז געשטאַנען פאַרפלאַמט אינגאנצן און האָט געקוקט אויף איר פּיקטיוון מאַן מיט קינדערישע, גליקלעכע אויגן.

ס'איז געווען גענוג פריילעך דעם דאָזיקן אָוונט.

קאָסיאַנאָווס ענין האָט נישט אויסגעזען צו זיין אַזוי שרעקלעך. איבעריקנס, האָט יעדער פון די אָנוועזנדע געוווסט אויף זיכער, אַז אַט קומט זיין צייט.

די אַלטעטשקע האָט געאַרבעט און, שמייכלענדיק פון צייט צו צייט, איבערגעחזרט „מיטיענקאַ".

8

דאָס ערשטע, וואָס ס׳האָט זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן אויפן באַנהויף, בשעת כ׳בין צוגעפאָרן — איז געווען זשעמטשוזשניקאָווס פנים. ער האָט מיר אויסגעזען שטאַרק פאַרענדערט. ס׳האָט עפעס געמוזט געשען, האָב איך אַ טראַכט געטון.

— גוט, וואָס דו ביזט געקומען — האָט ער געזאָגט — צום פערטן צוג קומען מיר שוין אַרויס.

— ס׳האָט עפעס געטראָפן?

אינדערהיים וועל איך דיר זאָגן.

מיר פלעגן קיינמאָל נישט זיין בײַ זשעמטשוזשניקאָוון אין שטוב. כ׳האָב בלויז געוווּסט, אַז ער וווינט ווייט פון אונדז אַלע בײַ אַ שוועסטער,

מיר זענען געפאָרן גאַנץ לאַנג מיט דער דראָזשקע.

זשעמטשוזשניקאָוו האָט כסדר געשוויגן.

איך האָב געוואַרט אין אַ שרעקלעכער שפּאַנונג.

— בראָנאַייזען איז בײַ דיר?

— ניין — האָט ער געענטפערט.

— אַרעסטירט? — האָב איך געפרעגט.

כ׳האָב באַמערקט, אַז זשעמטשניקאָווס אונטערשטע ליפּ און דער קין טרייסלען זיך.

— אַרעסטירט? — האָב איך איבערגעחזרט.

— בראָנאַייזען לעבט שוין נישט — האָט זשעמטשוזשניקאָוו טויט־בלייך אָפּגעענטפערט.

אַ ווילדער געדאַנק „ניעטשאַיעוו“ איז מיר אַדורך דורכן זין.

ענדלעך זענען מיר דערפאָרן — בײַ זשעמטשוזשניקאָוון איז אײַך געווען יאַשקאַ, ער האָט געהאַט אַ געל־בלוי פנים.

— ווי אַזוי איז עס געשען, און וואָס איז מיט וואַריען? רעדט גיכער.

זשעמטשוזשניקאָוו האָט עפּעס געזאָגט, ריכטיקער, באַוועגט בלויז מיט די ליפּן.

— וואַריאַ טאַזשעצקאַ איז אומגעקומען צוזאַמען מיט ברענאַייזענען — האָט געזאָגט יאַשקאַ מיט אַ פאַרשטיקטער שטימע.

זשעמטשוזשניקאָוו האָט אַוועקגעלייגט פאַר מיר אַ שטיקל פּאַפּיר.

„חברים — האָב איך געלעזן די מיט וואַריעס האַנטשריפט אָנגעשריבענע ווערטער — אויך איך געזעגן מיך מיט אייך. זייט מיר מוחל, וואָס אויך איך גיי אַוועק. ער האָט מיר דערלויבט צו שטאַרבן מיט אים. זייט מיר מוחל, וואָס איך וואַרף אַוועק די אידעע. איך וואָלט אָן אים נישט געקענט לעבן. איך האָב מיט מיר געבראַכט בלומען און געקלערט, אַז איר וועט זיי געפינען שפּעטער, אָבער איך ווייס איצט, אַז מען וועט אַהער קיינעם נישט צולאָזן. ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז איך וועל נישט פאַלן פון זייער קויל, אפילו דאַמאָלס, ווען בלויז מיר אַליין זאָל די האַנט ציטערן. זייט מיר מוחל און באַדויערט נישט. יאַשקאַ, זיי מיר מוחל, וואָס איך האָב געוואַגט צו שפּאַסן מיט דיר, איך, וועלכע אַנטלויף איצט אַט אַזוי, און זייט מיר מוחל — איר, מיכאַל דער ווייסער און מיכאַל דער שוואַרצער. און באַם רוסישן פאָלק בעט איך נישט קיין מחילה, ווייל עס וועט אַפילו נישט באַמערקן מיין פאַרלוסט. אויב עס וועט אַמאָל קומען אַ צייט, און איר וועט אים אויפשטעלן אַ דענקמאָל, לייגט אַוועק אין דער זייט אַ בינטל בלומען און אויף דער באַנד שרייבט אויף מיין נאָמען, אויב איר ווילט. איך בין בלויז שטאָלץ דערמיט, פריי מיך דערמיט, וואָס איך וועל מיט אים שטאַרבן, און מיט אים וועל איך דורכלעבן די לעצטע לאַנגע שעהן און וואָס איך וועל נאָך קוקן אויף זיין פּנים און אין זיינע אויגן. וואָס פאַר אַ שאַד עס איז, וואָס איך וועל מיך נישט אומקערן אייך דערציילן, ווי אַזוי ער איז אומגעקומען. אָבער איר וועט סיי ווי וויסן, אַז אַלץ וואָס ער טוט, איז גרויס און הייליק. אַלע האָב איך אייך געליבט, ווי אַ שוועסטער, און פריי מיך, וואָס איר וועט לעבן.

אָבער זייט מיר מוחל, וואָס איך האָב אויסגעקליבן דעם טויט צוזאַמען מיט אים. איך ווייס, אַז עס איז פֿון מיין זייט אַ גרויסע שוואַכקייט און אַן עגאָאיזם, אָבער איך האָב קיינמאָל נישט באַהאַלטן, אַז איך האָב צו ווייניק האַרץ און ווייניק כוח. איבעריקנס, אפשר וועט אויך דאָס ווירקן אַלס ביישפּיל, אַז פֿאַר דער רוסישער פֿרוי איז בעסער מיט אַזאַ מענטש צו שטאַרבן, איידער צו לעבן. איר זעט, זאָט האָב איך ווידער אָנגעשריבן אַ נאַרישקייט, ווייל שטאַרבן מיט אים איז תמיד און איבעראַל אַ גליק. מען דאַרף אַזעלכע טויטע וואַרפֿן בלומען־קרענץ אויפֿן האַרץ, זאָל זשע וועגן מיר בלייבן כאָטש דער אָנדענק, אַז איך, אַ פּשוטע אָרים מיידל, האָב אים נישט געקענט איבערלעבן. איך בין אַזוי גליקלעך, אַז איך וואָלט געוואָלט זינגען. איך בין געווען זיכער, אַז ער וועט מיך אַרויסטרייבן און וועט מיר נישט דערלויבן צו שטאַרבן. און דאַמאָלס וואָלט איך עס געמוזט אַליין, און איך וואָלט נישט געזען זיינע אויגן, און עס וואָלט מיר אפשר געווען שווער. איך האָב תמיד ביז אַהער מורא געהאַט פֿאַרן טויט. און ווען איך האָב געטראַכט, אַז איך וועל ליגן אין אַ ווייסן קלייד אין דער טרומנע, פֿלעגן מיר זיך שטעלן טרערן אין די אויגן. און איצט בין איך רויק און צייל די שעהן. ער זאָגט, אַז זיי וועלן נישט קומען פֿאַר דער נאַכט. מיר האָבן נאָך פֿיל, פֿיל צייט. מיר האָבן פֿאַר זיך שעקספּירן, און ער לעזט. אָבער איך וויל בעסער, ער זאָל רעדן. עס איז מיר בלויז אַ שאָד, וואָס איך וועל עס שוין פֿאַר קיינעם נישט קענען איבערחזרן. איצט מוז איך שוין ענדיקן, טאָ בעט איך אייך נאָכאַמאָל, קלערט נישט שלעכט וועגן מיר, הערט מיך נישט אויף צו ליבן, אַזוי ווי איך וועל נישט אויפֿהערן אייך צו ליבן. און דאָס בעט איך נאָך אייך: אויב איר וועט מיר מוחל זיין מיין פֿאַראַט, שרייבט אויף מיין נאָמען צופֿוסנס פֿון זיין דענקמאָל, ווייל קיין זאַך שעץ איך נישט אַזוי אין זיך אַליין ווי דאָס, וואָס ס'איז מיר דערלויבט צו פֿאַלן אַזוי אויף זיין קבר. פֿון טיפֿן האַרץ. פֿון טיפֿן האַרץ נעם איך אייך אַרום, איך ווינטש אייך, איר זאָלט דערלעבן גרויסע ליכטיקע טעג. און אויב איר וועט טרעפֿן ניטשאַיעוון, גיט אים איבער, אַז איך גריס אים, ווי אַ שוועסטער פֿון קבר.

אַרויס, אַז איך וויל און גלייב, אַז זיין נאָמען וועט באַם רוסישן פֿאָלק פֿאַרבלײַבן אין זכּרון. און איך ווינטש אים נאָך, אַז דאָס מזל זאָל אים געבן אַ שטילן, רויִקן טויט. ברענאַייזען נעמט אייך אַרום און הייסט אייך דאַנקען, וואָס ער האָט אייך געקענט. ער גיט אייך איבער, אַז ער שעצט אייך זייער, זייער. איך קוש אייך נאָכאַמאָל. וואַריאַ. ברענאַייזען שיקט אַ פּאַקעט, וועלכן ער בעט איבערצוגעבן קאַניאַווסקין."

כ'האָב געלעזן, נישט גלייבנדיק די אייגענע אויגן. כ'האָב געהערט צווישן די ווערטער, וועלכע כ'האָב געלעזן, מיין אייגן שלוכצן.

ווען כ'האָב אויפגעהויבן די אויגן, איז זשעמטשוזשניקאָוו געזעסן בלאַס ווי אַ מת און האָט געציטערט. און די אויגן האָט ער געהאַט אַ בליי-פאַרגליווערטע ווייטיק און די ציין זענען באַ אים געווען אַזוי פאַרהאַקט, אַז דאָס גאַנצע פּנים האָט אָנגענומען עפּעס ווי אַ פּיבערדיקן אויסדרוק.

— ברענאַייזענס פּאַקעט איז דאָ — האָט געזאָגט יאַשקאַ.

— וואָס איז דאָס, וואָס איז דאָס אַלץ — האָב איך געשעפּטשעט.

און כ'האָב מיך דערוווּסט ערשט איצט אָט דאָס גרויזאַמע: דעם טויט פון פּרייגט. כ'האָב געפילט אַ פּוסטקייט, וואָס האָט געקלעמט דאָס האַרץ און אַ שאַרפן, שטעכעדיקן געדאַנק, וואָס האָט געזוכט נקמה.

כ'בין צוגעגאַנגען צו יאַשקען און אָנגענומען אים באַם אָרעם.

— מיר וועלן זיי דאָס בלוט נישט שענקען, האָב איך געשעפּטשעט. מיר וועלן אַצינד טראַכטן טאָג און נאַכט. טאָג און נאַכט וועלן מיר קלויבן כּוחות.

יאַשקאַ האָט געזאָגט.

— ברענאַייזען האָט פאַרוועדט זיך נוקם צו זיין — לעז.

מיט אַ גלייכער און שטאַרקער האַנטשריפט זענען געווען אָנגעשריבן פאָלגנדע ווערטער:

— „פאַר די חברים, ווען זיי וועלן שוין בלייבן אַליין און

ס'וועט נאָך הערשן איבער זיי דאָס באַדויערן — די דערינערונג. אונדז האָט נישט דערהרגעט דער שונא מיר האָבן זיך דערהרגעט אַליין אין דעם טאָג, אין וועלכן מיר האָבן באַשלאָסן צו לעבן פאַרן גליק פון פאָלק. פון יענער רגע אָן האָבן מיר שוין נישט געהאַט קיין לעבן. איר טאָרט זיך נישט פאַראייניקן מיט אונדז. איך בעט אייך אין נאָמען פון דער פריינטשאַפט, וואָס איר פילט צו מיר, איר זאָלט קיין שום פלענער נישט בויען, נישט באַשליסן, כל־זמן ס'וועלן הערשן איבער אייך די זכרונות וועגן אונדז.״

כ'בין געווען ווי אין עפּעס אַ לונאַטישן חלום כ'האָב שוין איצט נישט געוווסט, צי איך אַליין לעב. ס'האָט מיר אויסגעוויזן, אַז דאָס, וואָס מיר לעבן איבער, איז אַ לעגענדע, וועלכע איז אָנגעשריבן ערגעץ נישט אין אונדזער צייט. —

זשעמטשוושניקאָוו האָט זיך אויפגעהויבן און געקוקט אויף אונדז מיט באַגייסטערטע אויגן, איך האָב נישט קיין אַנדערן אויסדרוק אויף אָנצורופן זיין בליק, זיין בלאַס פּנים. אַזוי האָבן געמוזט אויסזען די קריסטן, אַפּוואַרטנדיק די חיות אין צירק.

— כ'וועל שוין נישט קלערן מער וועגן גליק, כ'וועל נישט האָבן קיין צווייערלייקע געדאַנקען. איצט וועל איך אייך זאָגן, אַז כ'האָב זי געליבט, אַז כ'האָב געטרוימט וועגן דעם, זי זאָל ווערן מיין ווייב, אַז ס'וועט אונדז בלייבן כאָטש איין ווינקעלע פון רו און אייגענעם לעבן. כאָטש אַ יאָר, אַ האַלב יאָר, צוויי חדשים, אַ שעה אין טאָג. כ'האָב געטרוימט, אַז כ'וועל שיין לעבן איר תמיד, אַז ס'וועלן זיך נישט ענדיקן קיינמאָל די אָוונטן אונדזערע אין דער שטילקייט. מיין זכרון האָט באַהאַלטן טויזנטער שמייכלען אירע, מיט וועלכע זי פלעגט מיר דערלאַנגען די אותיות, בשעת כ'האָב געזעצט. איצט וועל איך שוין נישט קלערן וועגן קיין אַנדערע זאַכן, כ'וועל נישט קלערן וועגן זיך. מיך אינגאַנצן האָט זי מיטגענומען מיט זיך, מיטגענומען אַלע חלומות מיינע און געדאַנקען, וועלכע האָבן נישט געהערט צו דער אידעע. איך האָב שוין נישט קיין שטוב, אָבער כ'האָב איר קבר. און אין נאָמען פון דעם גליק, וואָס איך פיל איצט, באַשווער איך אייך, חברים, לאָמיר זיך נישט צעשיידן. זייט מיר מוחל, וואָס כ'רעד אַזוי צו אייך, איך

גלייב, אַז איר צווייפלט נישט, אָבער איך פיל מיך אַזוי גליקלעך, איבערגליקלעך.

— ער וועט באַלד חלשן — האָט אויסגעשריגן יאַשקאַ.

מיר האָבן אים דערלאַנגט וואַסער.

ס'איז אַדורך עטלעכע שעה ביז ער האָט זיך באַרויקט און איז איינגעשלאָפן; דאַמאַלס האָט מיר יאַשקאַ דערציילט וואָס ס'איז געשען.

נאָך אין דער זעלבער נאַכט נאָך מיין אָוועקפאָרן האָט מען אַרעסטירט שולצן. ניעטשאַיעוו האָט וועגן דעם געגעבן צו וויסן ברענאייזענען, אים גלייכצייטיק מודיע זייענדיק, אַז ער פאָרט אַוועק אויף אַ צייט קיין אויסלאַנד. ברענאייזען האָט זיך פאַרמאַכט אין שטוב אויפן גאַנצן נאָכמיטאָג, און ווי ס'האָט זיך אויסגעוויזן, האָט ער פאַרניכטעט אַלע פאַפירן. אויפן צווייטן טאָג איז ער געווען באַ זשעמטשוזשניקאָוון, באַ יאַשקען און וואַריען; אומעטום האָט ער געפאָדערט, אַז מ'זאָל אין זיין קעגנוואַרט אָפרייניקן די וווינונג. דערנאָך האָט ער גענומען אויפמאָנען דאָס געלט, וואָס אים האָט געקענט קומען; ווען ער האָט צונגעקליבן איבער הונדערט רובל, האָט ער די דאָזיקע סומע דערלאַנגט די שניידער, די באַלעבאָטים זיינע, מיט דער פאָדערונג, זיי זאָלן פאַרלאָזן די דירה, און דורכויס צומאָרגנס. ער האָט זיי אפילו געהאָלפן אָפזוכן אַ נייע וווינונג און צונויפפאַקן די אָרימע זאכן זייערע. ענדלעך האָט ער אין אָוונט פון דעם טאָג דערקלערט די חברים, וואָס ער האָט באַשלאָסן.

שולץ איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם ענין דורך פאַלשקייט. דאָס, וואָס ער האָט זיך שפעטער איבערצייגט אין דער זאַך, איז אייגנטלעך אַ באַלעסטיקנדיקער אומשטאַנד. אונדזער פליכט

איז נישט צו דערלויבן, אַז ער זאָל ליידן און אומקומען פאַר מעשים, אין וועלכע זיין אַנטייל איז נישט געווען איינגעוויליק. דעריבער האָט ברענאייזען באַשלאָסן מודיע צו זיין די פּראָקוראַטור, אַז ער איז איינציקער שולדיקער פון די מעשים, וועלכע ווערן נאָכגעפאָרשט.

— צי גלייבסטו, אַז דאָס וועט העלפן שולצן? — האָט געפרעגט יאשקא — די רעגירונג וועט זיין איבערצייגט, אַז זי האָט באמת אָנגעטאָפּן אויף אַ פאַרצווייגטער פאַרשווערונג און וועט אויך אים דעריבער האַלטן לענגער.

— מיך וועט זי נישט האַלטן — האָט געזאָגט ברענאייזען — מיך גייט נישט אָן די רעגירונג, נאָר דאָס אייגענע געוויסן.

ברענאייזענס בריוו צום פּראָקוראָר איז געווען צונויפגעשטעלט אומגעפער אַזוי:

„די טעג איז אַרעסטירט געוואָרן דער סטודענט קאַרל שולץ פאַר פאַרשפּרייטן פּראָקלאַמאַציעס, וועלכע איך האָב געדרוקט. מען האָט געפונען בײַ אים אַ פּעקל פּראָקלאַמאַציעס, וואָס איך האָב בײַ אים אַליין איבערגעלאָזט. זייענדיק אַריינגעפאַלן אין אַ טעות דורך עמעצן, וועמענס נאָמען כ׳רוף נישט אָן. וואָס שייך שולצס איבערצייגונגען און שטימונג — ווייסט שולץ אפילו נישט, וואָס עס איז געווען די סיבה, וואָס האָט אַרויסגערופן דעם פאַר אים טראַגישן פעלער. אויב דער ריכטער, וועלכער וועט אים פאַרשן, וועט פאַרמאָגן אַ שטיקל געוויסן און אַ האַר שכל, וועט ער זיך גלייך איבערצייגן, אַז אין שולצן האָט ער פאַר זיך אַ גאַנץ נאַטירלעכן, אָבער צו קיין שום אינציאַטיוו נישט פעיקן מענטש.

איך האָב אַזעלכע טרויעריקע איבערצייגונגען וועגן דער מאַכט, וועלכע האָט פאַר איר ווערקצייג דאָס רוסישע געריכט, אַז כ׳האָב מורא שולצן זאָל דער דאָזיקער בריוו נישט שאַטן אָנשטאָט העלפן. איך ווייס, אַז איר, דער פּראָקוראָר, וועט דער דערפילן אין אים דעם אמת,

אַבער איר וועט נישט וואַנן צו האַנדלען לויטאייער איבער־צייגונג. אייער געוויסן איז שוין אַזוי געוויינט געטרעטן צו ווערן, אַז ס'וועט נישט שטאַרק ווירקן דערויף די נייע גערעכטיקייט, די גאַנצע גרויס, פון וועלכער איר באַנעמט אפילו נישט. ווען איר וואָלט געוווסט, וואָס פאַר א טיפע פאַראַכטונג איך פיל צו די מענטשן, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר די רוסישע רעגירונג און צו זייער מאַראַלישן עלנט, וואָלט איר געוווסט, אַז צופיל פאַראַכט איך אייך, כ'זאָל קענען פאַר אייך זאָגן ליגנט. איך גיב אייך אויף דעם אַדרעס פון מיין געהיימער דרוקע־ריי און פון מיין וווינונג. איך בין אייך בלויז מודיע מיט דער פולער לאָיאַליטעט, אַז דעם אָנגריף פון דער פאָליציי וועל איך באַגעגענען מיט געווער אין דער האַנט, און אַז קיין לעבעדיקן וועט זי מיך נישט באַקומען. אויב אין אייך איז נאָך פאַרבליבן עפּעס מענטשלעכס — נעמט אָן פון מיר, כ'בעט אייך, מיין רחמנות־געפיל, וואָס איר פאַרמשפּט זיך אַליין אייגנוויליק אויסצופירן אַזאַ נידעריקע און פאַראַכטנגסווערטע פונקציע. אַלעקסאַנדער ברענאייזען.

מיטן אויפגעגעבענעם פולן אַדרעס.

דער בריוו האָט געזאָלט אַרויסגעשיקט ווערן אויפן צווייטן טאָג אינדערפרי.

מיר האָבן זיך געאַמפּערט מיט ברענאייזענען אַ גאַנצע נאַכט.

וואַריאַ איז בלויז געווען מאָדנע שטילשווייגנדיק און איז אַוועק נאָך אין אָוונט.

מיר האָבן געוואָלט בלייבן מיט אים, אָבער ער האָט נישט דערלויבט: — ער האָט דערקלערט, אַז אויב אַזוי, וועט ער גיין אַליין צום פּראָקוראָר.

כ'קען דיר נישט באַשרייבן, ווי אַזוי מיר האָבן זיך מיט אים געזעגנט. אויפן אַנדערן טאָג אַ זייגער צוויי זענען מיר געקו־מען צו לויפן, אָבער מיר האָבן געפונען די טיר צוגעמאַכט. מיר

האָבן געקלאַפּט, קיינער האָט נישט געענטפערט. ענדלעך האָט עפּעס אַ שכנטע אונדז געזאָגט, אַז דער יונגער הער האָט באַקו־מען אַ דעפּעשע און איז אינדערפרי אַוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע.

מיר האָבן געמיינט, אַז דו האָסט עס טעלעגראַפירט, אַז עס איז עפּעס געשען, און דער גאַנצער ענין וועט זיך אָפּשלעפּן.

מיר האָבן געוואַנדערט איבער דער שטאָט, מיר זענען גע־ווען באַ וואַרקען, אָבער זי נישט געפונען אינדערהיים.

אין אָוונט זענען מיר נאָכאַמאָל געגאַנגען צו ברענאַייזענען: אין די פענסטער איז געווען פינסטער. מיר האָבן נישט געוווּסט, צי ברענאַייזען איז אַוועקגעפאָרן פאַר, אָדער נאָכן אַוועקשיקן דעם בריוו.

מיר האָבן זיך אַלזאָ געשראָקן צו דרייען אויף דער גאַס.

מיר זענען אָפּגעזעסן אין דער ביר־שענק ביז שפּעט אין דער נאַכט.

מיר זענען אַהיימגעגאַנגען אַ זייגער צוויי.

מיר זענען דורכגעגאַנגען נישט ווייט פון ברענאַייזענס גאַס, ווען מיר האָבן דערהערט שאָסן. זיי האָבן זיך געהערט אייבציק־ווייז, אָדער אין גאַנצע סאַלוועס.

אַ קאַלטער שוידער האָט אונדז דורכגענומען.

מיר זענען צוגעלאָפן. אָבער מיר אַ פּאָר גאַסן פריער האָט אונדז שוין פאַרהאַלטן אַ פּאָליציי־קאָרדאָן.

מ'האָט קיינעם נישט דורכגעלאָזט דורך די גאַסן.

די שאָסן האָבן געדונערט.

מיר זענען געשטאַנען צוגעשפּאַרט צו אַ מויער פון עפּעס אַ הויז, איינהערנדיק זיך.

אַ נס, איינס, איינס, האָבן זיך געהערט די שאָסן.

שפּעטער אַ שטילקייט, אַ מאָדנע שטילקייט אין שטאָט נאָך די שיסערייען, ווי אַן אָפּוואַרטנדיקע, אַ שרעקעוודיקע.

דערנאָך זענען ווידער געפאַלן איינצעלנע שאָסן.

ס'האָבן געענטפערט סאַלוועס, איינע, אַ צווייטע, אַ דריטע — און ווידער אַ שטילקייט.

און ווידער דאָס זעלבע.

ענדלעך — ס'האָט געמוזט שוין זיין אַן ערך פינף אַ וויי-
גער, מיר זענען געווען אינגאַנצן ווי פאַרשטיינערט
די שטילקייט האָט געדויערט לאַנג, לאַנג.

פּלוצלינג זענען אַריינגעפאַלן אין איר דריי קורצע שאָסן,
ס'האָט געענטפערט אַ סאַלווע.

און אַלץ איז ווידער שטיל געוואָרן.

אין אַ צען — צוועלף מינוט אַרום האָט מען דערהערט
געמאָסטענע טריט. עטלעכע אָפיצירן זענען פאַרבייגעפאָרן אין
דאָראָזשקעס.

מיר האָבן אַ קוק געטון איינער אויפן אַנדערן.

ס'האָט זיך געענדיקט, און אין די געסלעך האָט די פּאָליציי
נאָך אַלץ נישט אַריינגעלאָזט.

ס'איז שוין געווען טאָג, ווען מ'האָט צוגענומען דעם פּאָליציי-
קאָרדאָן.

מיר זענען פאַרבייגעגאַנגען שוין נישט ווייט פון שטוב, בעת
מיר האָבן דערהערט. ווי עפּעס אַ קעכין האָט געזאָגט: אַ יונגינקע
אַזעלכע, ליגט אינגאַנצן אין בלומען, זאָגט מען.

מיר האָבן די ווערטער ווי אַ האַק איבערן קאָפּ דער-
לאַנגט.

זשעמטשוזשניקאָוו איז שרעקלעך בלאַס געוואָרן.

מיר האָבן זיך אַריינגעזעצט אין דער ערשטער דאָראָזשקע,
און אַוועקגעפאָרן צו וואַריעס מוטער. ווען מיר האָבן שוין אַריינ-
געדרייט אין איר גאַס, האָט אונדז פאַרהאַלטן איר דינסט אַ פאַר-
וויינטע.

— זאָלן די הערן נישט פאָרן. בײַ אונדז איז דאָ פּאָליציי.
איך בין נעכטן צו אייך מיט אַ בריוו געפאָרן. עפּעס אַן אומגליק,
די באַלעבאָסטע חלשט, מיך האָט דער קאָמיסאַר נאָך אַ דאָקטאָר
געשיקט.

בײַ זשעמטשוזשניקאָוון אינדערהיים האָבן מיר געפונען דעם
בריוו.

כ'האָב מיך גענומען קאַלטבלוטיק פונאַנדערקלויבן אין די

אַלע פּאַקטן: מ׳וועט אונדז נאָך אַרעסטירן די נאַכט, אָדער אַ ליאַ-
דע מינוט — האָב איך געזאָגט.

— וואַריעס מוטער ווייסט בלויז מיין און זשעמטשוזשניקאָווס פאַמיליע — האָט געזאָגט יאַשקאַ.

— דאָס איז גענוג.

מ׳האָט געמוזט מאַכן אַ קריגס-באַראַטונג.

— ניעטשאַיעוו האָט מיר איבערגעלאָזט צוויי פּעסער, אויפן פאַל, ווען ס׳וואָלט נאָך צייט געווען זיי צו שיקן קיין מאָסקווע — האָט זיך יאַשקאַ דערמאָנט און האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין זשעמטשוזשניקאָווס פּאַרטפעל.

די פּעסער זענען געווען גוטע, ווייזירטע און פולשטענדיק אין אָרדנונג.

— איר מוזט מאַכן פליטה — האָב איך באַשלאָסן — אַריינ-פאָרן עפּעס אין אַ האָטעל, איבערוואַרטן עטלעכע טעג, ביז איך וועל קריגן געלט און שפּעטער אַריבערפּאַקעווען זיך קיין אויס-לאַנד.

— און דו — האָט געפרעגט יאַשקאַ.

— צו מיר האָט די פּאָליציי אַ ווייטערן וועג, כ׳וועל מיך באַמיען ווי עס איז אַדורכצולאַווירן און וועל אָנעקפאָרן נאָך אייך.

נישט אַזוי לייכט איז אונדז אָנגעקומען איבערצוציִיגן זשעמ-טשוזשניקאָוון, אַז מ׳דאַרף זיך באַהאַלטן. עטלעכע שעה צייט האָט פאַרנומען דאָס שערן זיך, איבערטון זיך, דאָס מאַנעווירן איבער דער שטאָט אויף אַ דאָראָזשקע מיט וואַליזקעס, ענדלעך, איינאָרדנענ-דיק די חברים אין האָטעל, בין איך געבליבן אַליין.

דאָס געלט איז אָנגעקומען צומאָרגנס טעלעגראַפיש.

מיט ווייטיק האָב איך געקלערט וועגן דעם, ווי מיין פאָטער טייטשט זיך אויס דאָס אומיפּהערלעכע שטורמען נאָך געלט.

אין דער זעלבער נאַכט זענען שוין יאַשקאַ מיט זשעמטשוזש-ניקאָוון געפאָרן אין דער ריכטונג פון וויעזשבאָלאָוו.

כ׳בין אַהיימגעקומען אַ פאַרמאַטערטער. צום צווייטן מאָל האָב

איך געלעזן דאָס העפט, וואָס ברענאייזען האָט מיר געשיקט, עפּעס אין אַ פאָרם פון אַ טאָג-בוך.

פלוצלינג האָט מען אָנגעקלונגען באַם איינגאַנג; מען האָט אָנגעקלונגען מיט איינמאָל פון פראָנט און פון דער טיר אין קיך צו מיין באַלעבאָסטע.

כ'האָב אָנגעצונדן אַ ליכט, און אין דער זעלבער רגע איז די טיר פון מיין צימער גיכער אַראָפּגעריסן געוואָרן פון די זאַוויעסעס, איידער אויפגעעפנט געוואָרן.

צוויי זשאַנדאַרמען האָבן מיך אָנגעכאַפּט באַ די הענט. אַן אומגעזעענער אָפיציר האָט קאָמאַנדעוועט פון קאָרידאָר אַרויס.

ענדלעך איז אַריין עפּעס אַ הויכער מאַנסביל מיט אַ רויט פּנים און גרויסע באַקנבערד.

— האַלט אים! — האָט ער אויסגערופן, נישט אַראָפּנעמענדיק דאָס היטל.

— איך האָב נישט בדעה צו אַנטלויפן, נישט צו פאַרטיידיקן זיך, ס'איז נישטאָ דעריבער צוליב וואָס מיך צו האַלטן.

מאָלטשאַט! — האָט אויסגעשריגן דער באַאַמטער. — נישט גערעדט, איך האָב באַקומען די פולמאַכט, איך קען באַנוצן געווער.

— זיי שטעלן דאָך נישט קיין ווידערשטאַנד, — האָט זיך אָנגערופן עפּעס אַ ציווילער פאַרשוין, אָנווייזנדיק אויף מיר.

— איך וואָלט אים געוויזן ווידערשטאַנד. דאָס איינציקע גליק פון יענעם גנב אויף דער גאַלערנער גאַס, וואָס ער איז געשטאָרבן, איך וואָלט אים שוין...

דערווייל האָט דער ציווילער פאַרשוין אַריינגעכאַפּט אין זייגע קלאָען ברענאייזענס העפט, און זיין פּנים האָט באַקומען אַן אויסדרוק פון עפּעס אַ ליידנשאַפטלעכער שמחה.

ער האָט אויף מיר אַ קוק געטון מיט אַן אמת פריינטלעכן שמייכל.

— דערלויבט-זשע דאָך פריי צו לאָזן די הענט פונם גנעדיקן הער, הער קאָמיסאַר. הענט האָבן זיי שוואַכע... — האָט ער זיך ווי פאַרענטפערט פאַר מיר, — מיר זעגען צלע פון די דאָזי-

קע געשעעניש א ביסל אויפגערעגט... די דריטע נאכט... און דארט האט מען געמוזט שטורמען. א טיכטיקער מענטש געווען דער פרייוואט אייערער. א מיליטערישע קאריערע געקענט מאכן, ער האט זיך אויך מיט ליטעראטור, זע איך, באשעפטיקט.

כ'האב געשוויגן.

מ'איז צוגעטרעטן צו דער רעוויזיע.

צווישן אנדערע שמאטעס האט מען געפונען א וויזיט-קארטל פון מיין קרוב איגנאצי קאניאווסקי — א געהיימראט. דאס קארטל האט זיך אנגעהויבן מיט די ווערטער:

טייערער קוזין.

— דאס איז זיין עקסעלענץ דער עלטערער קאנטראליער קאנאווסקי? — האט געפרעגט דער קאמיסאר.

— יא.

דער קאמיסאר האט אויסגעטון דאס היטל.

אין א מינוט ארום האט ער מיך מכבד געווען מיט א פאפיראס.

כ'האב מיך אפגעזאגט.

— בעת מ'איז אויפגערעגט, שמעקט נישט, — האט ער געזאגט.

— אזא אומאנגענעמלעכקייט. מיט הארצוויטיק בין איך אהערגעגאנגען צו אייך, כ'ווייס דאך — יוגנט.

— מ'דארף שרייבן דעם פראטאקאל. — האט געזאגט דער ציווילער.

— ס'איז געפונען געווארן א כתב-יד, פארשטייט זיך פונם פארשטארבענעם פארברעכער ברעגנאייזען.

דעם קאמיסארס פנים איז ערנסט געווארן.

— או... או — האט ער געברומט.

— נישט צוגיין צום פענסטער — האט ער א געשריי געטון אויף מיר.

— א שטול דערלאנגען דעם גנעדיקן הער — האט פארארדנט דער ציווילער.

די צערעמאניע איז געווען בעענדיקט.

— דערווייל אין צירקל — האָט געזאָגט דער ציוויליסט־
הער — איך וועל דערווייל אַ שפּרונג געבן מיטן ראַפּאָרט.

מ׳האָט זיך אַריינגעזעצט אין אַ דאָראָזשקע. מיט מיר איינ־
גיעם האָט זיך אַריינגעזעצט דער קאָמיסאַר און איין זשאַנדאַרם. דער
צווייטער זשאַנדאַרם איז געזעסן אויפן קאָזשל.

— און דאָס איז אייער פעטער — זיין עקסעלענץ? — האָט
געפרעגט דער קאָמיסאַר.

— מיין מומעס זון — האָב איך געזאָגט.

— סיידן אַזוי — האָט ער זיך געטרייסט.

אין צירקל האָט מען מיך אַריינגעפירט אין עפּעס אַ צי־
מער, וואָס האָט געמוזט דינען פאַר אַן אַרכיוו, אַזוי האָט מען דאָרט
געשפּירט מיט אַלט פּאַפּיר.

די טיר האָט מען פאַרשלאָסן און מען האָט מיך געלאָזט
אַליין.

כ׳האָב מיך אַוועקגעלייגט אויף דער קאַנאַפּקע, און האָב
מיך באַמיט צו דרעמלען, ס׳האָט געמוזט זיין אַ זייגער דריי באַ־
נאַכט.

ס׳האָט מיך אויפגעוועקט עפּעס אַ גערויש.

עמעצער האָט געעפנט אַ טיר, נישט די, דורך וועלכער מען
האָט מיך אַריינגעפירט, נאָר אַן אַנדערע.

שטילערהייט, גנבענענדיק זיך אויף די שפּיץ פינגער, איז
אַריין עפּעס אַ מענטש, לויטן אויסזען אַ נידעריקער באַאַמטער. ער
איז אַריין האַלטנדיק אין דער האַנט אַ ליכט, וואָס ער האָט פאַר־
שטעלט פון ווינט מיט דער צווייטער האַנט.

אַריינגייענדיק, האָט ער עס אַוועקגעשטעלט אויפן טיש,
און גענומען עפּעס מייסטרעווען בײַ דער שאַנק. אין אַ ווײַלע
אַרום האָט ער זי געעפנט און אַרויסגענומען אַ שטויס
אַקטן.

אין דער רגע האָט ער מיך באַמערקט. כ׳האָב מיך געמאַכט
שלאָפן; דער באַאַמטער איז צוגעגאַנגען נענטער, האָט מיר אַ

לייכט געטון מיט דעם ליכט אין די סאַמע אויגן, כ'האָב מיך באַמיט נישט קיין שמייכל צו טון. כ'האָב מיך בלויז אַ ריר געטו אומרויק, ווי דאָס טוען שלאָפנדיקע מענטשן.

דער געקומענער האָט זיך בארויקט, האָט זיך געזעצט באַם טיש און אָנגעהויבן פאַרזיכטיק מיט אַ מעסערל אויסקראַצן עפּעס ציפערן.

עפּעס האָט אים דאָך געפעלט, ווייל ער האָט געדרייט מיטן קאָפּ.

אין אַ מינוט אַרום איז ער צוגעגאַנגען צו דער טיר, דורך וועלכער מ'האָט מיך אַריינגעפירט — זי איז געווען פאַרשלאָסן.

כ'האָב געהערט, ווי ער האָט געשאָלטן.

ער האָט גענומען דאָס ליכט, און צושטעלנדיק עס צום שלאָס פון דער טיר, האָט ער זיך איינגעקוקט, צי עס שטעקט אין אים דער שליסל.

דער שליסל איז, ווייזט אויס, נישט געווען, ווייל אין אַ ווייַלע אַרום איז ער אַרויס, נישט פאַרמאַכנדיק די טיר הינטער זיך. כ'האָב געוווּסט, אַז ער וועט צוריקקומען. און כ'האָב מיך מורא געהאַט צו רירן. אין קאָפּ האָבן זיך אָנגעהויבן באַוועגן אומדייטלעכע געדאַנקען.

נאָך אַ לענגערער ווײַלע איז דער באַאַמטער צוריקגעקומען. אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ בינטל שליסעלעך.

ער איז ווידער צוגעגאַנגען צו מיר, איינהערנדיק זיך. ווען ער האָט זיך איבערצייגט, אַז איך שלאָף, איז ער צוגעגאַנגען צו דער טיר און האָט זי נאָך עטלעכע פּרוּוון געעפנט. אין אַ ווײַלע אַרום איז ער צוריקגעקומען נאָך דעם ליכט. כ'האָב געהערט, ווי ער איז געגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער דורך איינעם, אַ צווייטן און דריטן צימער. ערגעץ זייער ווייט האָב איך געהערט שטילע סקריפּענדיקע טריט. דערנאָך אַ גערויש ווי פון אַן אָפּגערוקטער שטול — און אַלץ איז שטיל געוואָרן.

כ׳האָב מיך אויפגעכאַפּט און אַ שטופּ געטון די טיר, דורך וועלכער דער נאַכט־גאַסט איז אַריין.

די טיר האָט זיך שטיל געעפנט. כ׳האָב מיך געפונען אין עפּעס אַ וווין־צימער, אין אַן עס־צימער, אויף וויפל מ׳האָט גע־קענט באַשליסן לויט דער שוואַכער שיין, וואָס האָט געלויכטן אין שכנותדיקן צימער.

גלייך אַנטקעגן מיר איז געווען אַן אָפענע טיר, וועלכע האָט געפירט, ווי ס׳האָט אויסגעוויזן, אין עפּעס אַ פאָדערצימער אַריין אָדער פאָרהויז.

כ׳האָב מיך מורא געהאַט צו באַוועגן, אָבער ס׳איז נישט גע־ווען קיין אַנדערער אויסוועג.

כ׳האָב געשטעלט אַ טריט, די פּאָדלאָגע האָט שרעקלעך אַ סקריפּ געטון.

— פיליפּ אַלעקסעיעוויטש, — האָט מען זיך אָנגערופן אין שכנותדיקן צימער — ווו ס׳איז געווען דאָס לעמפּל — וואָס־זשע קריכסטו אַרום אינדערפינסטער ווי אַ קאַץ? דער שליסל פון קאַמער איז אין פאָדערהויז, לעבן דער טיר.

איצט בין איך שוין דרייסט געגאַנגען ווייטער.

כ׳האָב אָנגעטאַפּט אַ טיר און אַ שליסל אין שלאָס. אויבן העכער איז געהאָנגען אַ מאַנטל און אַ היטל מיט אַ שטערנדל. נישט קוקנדיק האָב איך דאָס אָנגעטאָן, מיט אַן אומבאַשרייבלעכער שמחה האָב איך דערזען טרעפּ. כ׳בין אַראָפּגעלאָפן פון זיי און מיט האַרץ־קלאַפּעניש אַ צי געטון באַם גלעקל צום סטרוזש. ס׳איז אַרויס אַ פּאָליציאַנט, און דערזעענדיק דעם צייכן פון באַאַמטן האָט ער, צולייגנדיק די האַנט צום דאַשעק, געעפנט דאָס טויער.

בשעת כ׳האָב דערהערט הינטער מיר דעם קלאַפּ, האָב איך מיך געמוזט צוריקהאַלטן, כדי נישט אָנצוהייבן האַסטיק לויפן. איך האָב מיך אַריינגעדרייט אין דעם ערשטן זייטיקן געסל, שפּעטער אין עפּעס אַ צווייטס אַ ברייטערס. אויף איין ראָג איז לעבן מיר פאַר־

ביינעפאָרן אַ דאָראָזשקע, אין וועלכער ס'איז געזעסן יענער ציווי־לער הער מיט עפּעס אַן אָפיציר.

דערזעענדיק זיי, האָב איך שיִער נישט אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער.

ס'וועט זיין אַ סצענע, וועלכע וואָלט געפּאַסט פאַר גאָגאָלן — האָב איך אַ קלער געטון — ווען זי וועלן דאָרט אָהינקומען.

וואסילי אַנדרעיעוויטש איז געווען גערעכט: די רוסישע קאָנ־סטיטוציע האָט אירע גוטע זייטן.

די לאַגע איז דאָך נישט געווען קיין פריילעכע. בשעת דער רעוויזיע האָט מען צוגענומען בא מיר דאָס גאַנצע געלט, אין טאַש פון מאַנטל האָב איך אויך קיין גראָשן נישט געפונען, די נאַכט איז געווען אַ רעגנדיקע און אַ קילע. כ'בין געגאַנגען פון איין גאַס אין דער צווייטער, באַמיענדיק זיך צו האַלטן וואָס ווייטער פון דער טייל שטאָט, ווו כ'האָב געוווינט. אין קאָפּ האָב איך נאָכ־געקלערט וועגן אַלע באַקאַנטע, צו וועלכע כ'וואָלט מיך געקענט ווענדן. כ'האָב מיר פאָרגעשטעלט די מינע, וועלכע ס'וואָלט גע־מאַכט מיין פעטער — זיין עקסעלענץ, ווען כ'וואָלט צו אים גע־קומען אַלס אַנטלאָפענער פון אַרעסט.

ס'איז אָבער נישט געווען אַזאַ לייכטע זאַך עפּעס צו טראַכטן. באַקאַנטע האָבן מיר געהאַט ווייניק, און נישט אַלע האָבן דער־וועקט צוטרוי. איבעריקנס, האָט די פּאָליציי געמאַכט אַלע נאַכט מאַסן־רעוויזיעס און כ'האָב געקענט אַריינפאַלן פון איין פייער אין צווייטן. די דאָזיקע נאַכט איז די גאַנצע שטאָט געווען ווי אַ וואַלד וואָס איז אַרומגעצערינגלט מיט יעגערס. כ'בין געווען מיד און גע־פרוירן. ס'איז מיר איינגעפאַלן פשוט צוריקצוגיין.

די נאַכט האָט אויסגעזען האָט גאָר קיין סוף נישט.

כ'בין שוין אדורך אַן אומצייליקע צאָל גאַסן און געסלעך, און ס'איז נאָך אַלץ געווען פונקט אַזוי פינסטער, און קיין שום באַוועגונג האָט נישט אָנגעזאָגט דאָס אויפוואַכן פון טאָג.

אַ קאַלטער ווינט פון דער ניעווא האָט געשלאָגן מיט אַ

קאַלטן נעפּל אין פּנים. ס'האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך וואַנדער שוין אומענדלעך לאַנג איבער דער פאַרפרוירענער שטיינערנער שטאָט. די לאַמטערן האָבן געפינקלט אין דעם קילן נעפּל.

כ'האָב געקלערט, צוואָס איך געפין מיך דאָ?

און גלייכצייטיק, צי איז דאָ אַזאַ אָרט און אַזאַ לאַגע, אין וועלכער ס'זאָל נישט עקזיסטירן די פראַגע צו וואָס?

כ'האָב געקלערט וועגן די איינזאַמע, וואָס שטאַרבן אויס. אינם שנייִיקן סיביר, צי אין גלות אויף די פּאַריזער גאַסן כ'האָב געטראַכט וועגן די אַלע נשמות, וועלכע האָבן זיך געפּייניקט אין אַט דעם שטיינערנעם פּעטערבורגער גיהנום.

כ'האָב געקלערט וועגן קראַשינסקין און מיצקיעוויטשן.

ס'האָט זיך דערוועקט אין מיר אַ שרעקלעכע בענקשאַפט נאָך פּוילן. — זאָל מען רעדן וועך עס זאָל נישט זיין און וואָס עס זאָל נישט זיין — אַבי אויף אונדזער צעשטראַלטן צעשמייכלטן לשון.

— צוואָס בין איך דאָ?

אָבער דער אומרחמנותדיקער און קאַלטער געדאַנק האָט נישט אָפּגעטרעטן און האָט אויף דער פראַגע געענטפערט מיט אַ פראַגע:

— ווו-זשע דען?

און איך ווידער האָב געפרעגט מיטן קאַלטן געאָמעטרישן בליק.

איין פראַגע נאָך דער צווייטער האָט צעקלאַפּט דער געדאַנק, ביז ס'איז געבליבן בלויז נאָר דער מענטש, איינזאַם, איינער אַליין מיט דער אייגענער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אין דער פינסטערער קאַלטער וועלט פון שטיין און נאַכט.

דער ווינט האָט מיר געשמיסן אין פּנים, ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער באַהעפט זיך מיט דער קעלט פון די געדאַנקען.

איינער אַליין ביסטו אייביק, תמיד איינער אַליין. ס'וועט קומען אַ שעה, ווען ס'וועלן אָוועקפאַלן פון דיר דיינע מעשים, דיי-

נע חערטער און דיין וויסן, און דו וועסט בלייבן אַליין מיט דער אייביקער נאַכט — א נאַקעטער, ציטערנדיקער סקעלעט.

טאָ צוואָס־זשע?

טרייסלענדיק זיך פון קעלט, בין איך שוין אַליין געווען אויף מיין אייגענעם קבר. בלויז דער געדאַנק האָט דאָ גע־שוועבט איניינעם מיטן ווינט איבער דער שטיינערנער וויס־טעניש.

מיט זיך וועסטו קיין זאַך נישט מיטנעמען — חעסט אַלץ איבערלאָזן; וואָס ווילסטו?

אַ מאָדנע זאַך — איצט האָב איך נישט מורא געהאַט פאַרן טויט: ער איז מיר געווען אַזוי נאָנט און געווייניטלעך, ווי דער ווינט, ווי די שטיינער און ווי דאָס שוואַרצע וואַסער פון די קאַנאַלן. ווי לאַמטערן אין וואַסער האָט זיך געשניגלט אין אים מיין געדאַנק, דער ציטערנדיקער און שימערירנדיקער ווי די לייכט־טורעמס.

וועסט מיט זיך קיין זאַך נישט מיטנעמען? ווילסט זיך אומ־קערן אויף די זוניקע פעלדער?

דער אַלטער פאָטער וועט דיך צוטוליען צו זיין האַרץ, ס'וועט דיך שוין נישט וועקן דאָס רחמנות, וואָס שטעכט דאָס האַרץ.

ס'האָט נישט עקזיסטירט פאר מיר דאָס אַלץ.

און ער און דו — איר שלאָפט אין דער געפרוירענער ערד איר זענט ניש־אָ; צי איז נישט אַלציינס?

וואָס־זשע ווילסטו?

צי איז דיר נישט אַלציינס?

אַ העלד, צי אַ פחדן, אַלציינס וועסטו ליגן; אַ קאַלטער ביין, וואָס איז צו אַלץ גלייכגילטיק.

צי איז דיר נישט אַלציינס?

ס'איז גאָרנישטאָ, פאַר דיר איז גאָרנישטאָ, נישטאָ קיין זאַך פאַרן נאַקעטן מענטש.

אַ ווינט, אַ הוילער, אַ שוואַרצער ווינט בלאָזט.

קײנער זעט קײן זאַך נישט, הערט קײן זאַך נישט.
— איך בין דאָ — האָט געענטפערט אַ שטים.
װער ביסטו?
דער געדאַנק.

װי אַ ברענענדיק ליכט אױפן װינט, װעט דיך דער צוג פון טױט פאַרלעשן. װער־זשע ביסטו?

איך בין און װעל בלײַבן. די שװאַרצע בלינדע מאַכט, װאָס װעט אַלץ פאַרשלינגען.

— און איך — האָט געענטפערט דער געדאַנק: װעל צו קײן זאַך די הענט נישט צולײגן, װאָס װעט זיך נישט אָפּשטעלן פאַר מיר. איך בין דער ריכטער.

די שװאַרצע הײזער האָבן געקוקט אױף מיר װי קיזל־שטײנער, װעלכע דער גורל האָט אַ שלײַדער געטון.

מײַן האַרץ איז קיל און טױט װי אַ שטײן געלעגן. עמעץ אַ שטאַרקער און קאַלטער האָט געשעפּטשעט פאַרשיכורנדיקע װערטער... כ'װיל אַלײן לעבן, כ'װיל געװעלטיקן, נאָר דאָס װעט בלײַבן, װאָס איך אַלײן װעל באַשאַפן...

ס'האָט אָפּגעלאַכט די שװאַרצע שטילקײט.

אין די קאַזעמאַטן קוק אַרײַן, װו ס'רױשט אונטער די פענסטער די שװאַרצע נעװאַ, דאָרט געװעלטיקט דער בלינדער גורל.

דו װעסט פאַרשװינדן.

דער קאַלטער װינט בלאָזט און פאַרכאַפּט די נשמה.

דו װעסט פאַרשװינדן.

דער קופּערנער ריטער האָט געקוקט אױף מיר פון הױכן שטײן־פּיעדעסטאַל אַראָפּ.

אַ בנין האָב איך אױפגעבױט, װאָס װעט יאָרהונדערטער שטײן. אױף בײנער אױפגעבױט, אין װעלכע ס'האָבן אַמאָל מענטשלעכע הערצער געקלאַפּט.

מיט שאַרבנס, װוּן־ערטער פון געדאַנק — האָב איך די װעגן אױסברוקירט.

און ווער־זשע ביסטו פֿאַרבייגייער?

כ׳בין אַליין.

ווו איז דער גאָט דײַנער?

כ׳האָב קיין גאָט נישט, כ׳שטיי אויפֿן שטורעמווינט אַליין אין דער נאַכט.

ווו איז דײַן היימלאַנד?

כ׳בין נישט צוגעבונדן מיט קיין טייל פֿון דער ערד, אפֿילו מיט דעם שטיקל ערד, וואָס וועט מײַן גוף צונעמען.

ווער ביסטו?

אַ מענטש — בלויז אַ מענטש.

און כ׳האָב געערדט צו זיך אַליין אין אָט דער שוואַרצער נאַכט.

וועסט נישט לאָזן דאָס לעבן, עס זאָל דיך אַליין באַ דיר צונעמען, עס זאָל פֿון דײַן האַרץ און מוח זיך וואָס עס וועט וועלן אויסבויען.

דו וועסט טון נאָר, וואָס דו אַליין וועסט וועלן.

מער גאָרנישט.

און רויק מיט זיך האָב איך אויסגעלאַכט די נאַכט, אויסגעלאַכט דעם קאַלטן פֿרימאָרגן, וועלכער האָט זיך געוועקט.

כ׳וועל ליגן, שטיינער, צווישן אײַך, כ׳וועל קיין זאַך מיט זיך נישט מיטנעמען, אָבער כ׳וועל קיין זאַך נישט אַוועקגעבן.

כ׳קען אַליין, כ׳בעט דיך נישט, נאַכט, זאָלסט מיר מיט שטערן לײַכטן.

כ׳בעט דיך נישט ווינט, זאָלסט מיר די אויגן נישט פֿאַרבלענדן.

כ׳בעט אײַך נישט, שטיינער, ס׳זאָל אין אײַך אַ האַרץ קלאַפּן.

אַליין בין איך, און אַ האַמער האַלט איך אין דער האַנט.

און גלײַך אין דײַן האַרץ אַרײַן ציל איך, שוואַרצע שטיינערנע נאַכט.

10

איך האָב געקענט אין פּעטערבורג איינעם אַן אַלטעטשקן. ער האָט נאָך געקענט מיין פאָטער אין זיינע יונגע יאָרן. אויפגעהאַלטן האָט ער זיך דאָ פון עפּעס אַן עמעריטורע און פון איבערשרייבן נאָטן.

כ'בין געווען בא אים באַלד נאָך מיין קומען און אויך שפּע־טער עטלעכע מאָל. דער אַלטער האָט גערעדט ווייניק, און איז געווען פאַרמאַכט אין זיך. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער ווינט אין זיך אַליין, אויסגעצייכנט פאַרשפּאַרט פאַר דער גאַנצער וועלט. דאָס צימער זיינס איז געווען ליידיק ווי אַ קאַמער פון אַ מאָנאַך, און האָט זיך אונטערשדייט דערפון בלויז מיט דעם, וואָס דאָרט האָט גע־פעלט דער צלם.

איך האָב באַשלאָסן איצט צו גיין צום הער פּיעדיושקאַ.

— איך האָב געוווסט, אַז ער שטייט אויף פרי און אַז עס איז נישט גלייך פאַר מיר זיך באַטאָג אַרומצושלעפּן איבער די גאַסן.

ווען איך האָב אָנגעקלאַפּט אין דער טיר, האָט ער אַליין גע־עפנט, שוין אָן אָנגעטועגער אין זיין גרויער בעקעשע און פּיל־צענע שיך. ער איז געווען אַזוי ווי תמיד הויך און ערנסט, באַהאָנ־גען מיט די גרויע האָר, ווי מיט פאַרגליווערטע וואַסער־טראָפּנס.

אין זיינע אויגן איז נישט געווען צו זען קיין פאַרוווּנדערונג, ווען איך בין אַריין.

— זעץ דיך — האָט ער געזאָגט.

ער האָט באַמערקט, אַז איך ציטער פאַר קעלט, און אַרויס־נעמענדיק עפּעס אַ פלעשל, האָט ער מיר אָנגעגאָסן אַ גרויס גלעזל פון שטאַרקן אַלטן בראָנפן. דערנאָך האָט ער געבראַכט ברויט מיט זאַלץ.

כ׳האָב אים געזאָגט, וואָס ס׳ברענגט מיך אַהער.
זיין פּנים האָט זיך קיין ריר נישט געטון.
כ׳האָב אים געפרעגט, צי ס׳איז אים נישט אָנגענעם מיין אָנוועזנהייט.
כ׳האָב אים געגעבן אָנצוהערן וועגן דער סכנה.
ער האָט אַ צוק געטון מיט די אַקסלען.
— ביסט אַ נאר — האָט ער קורץ אָפּגעענטפערט.
— זיץ דיר און בלייב דאָ אַהער וועט מען דיך אוודאי נישט קומען זוכן. אַ סעוואסטאָפּאָלער סאָלדאַט בין איך — האָט ער געזאָגט — מעדאַלן האָב איך צוויי צי דריי און אַן ערן-קרייץ. אין לאַזאַרעט האָט מיך דעם קייזערס ברודער געקישט אין פּנים.
— כ׳האָב נישט געוווּסט, אַז איר האָט געדינט.
— איך בין פון די קאַנטאָניסטן — האָט געזאָגט דער אַלטער — פון דעם צאַר ניקאָלאַיס. נאָכן 31-טן יאָר האָט מען מיך מיטן ברודער גענומען, נאָך קינדערווייז. דער ברודער איז געפרוירן געוואָרן און מ׳האָט אים אַריינגעוואָרפן אין שניי אונטער פּסקאָוו. איך האָב אויסגעהאַלטן.
— מיט שטעקנס האָט מען מיך געשלאָגן — און איך בין חי. עס איז לעבן געבליבן, און מ׳לעבט, ז׳סט דאָך — מ׳לעבט.
כ׳האָב אים געפרעגט, צי ער בענקט נישט נאָך פּוילן.
ער האָט אַ צוק געטון מיט די אַקסלען.
— כ׳בין געווען — האָט ער געזאָגט — אין 63-טן יאָר בין איך געווען, איך בין געווען אין דער פּאַרטיע בא שיעראַקאָווסקין. דערנאָך בין איך אַליין מיט אַ פּאַרטיע געגאַנגען. דערנאָך בין איך אַהער צוריקגעקומען; כ׳האָב געמיינס: זיי וועלן זיך דערוויסן — איז אַ קול אין קאָפּ — און וועלן זיי זיך גישט דערוויסן....
קיין זאַך האָבן זיי זיך נישט דערוווּסט, נאָך די עמעריטור בין איך מיר געקומען, קוקט מיר דער שרייבערל אין די אויגן אַריין און פרעגט:
— וואָס-זשע זענט איר עפּעס פינף חדשים נישט אַריינגעקומען? —

— וואָס הייסט נישט אַריינגעקומען — זאָג איך. — איך בין דאָך געווען און געלט גענומען און קוק אים גלייך אין די אויגן אַריין.

— האָבן די קוויטן געמוזט ערגעץ פאַרפאַלן ווערן — זאָגט ער — אָבער אויב איר האָט גענומען, קענט איר אויך נייע קוויטן אַרויסגעבן.

— איך קען אויך נייע אַרויסגעבן — זאָג איך.

און אַזוי האָט זיך עס געענדיקט. אָבער קיין פוילן וועל איך מיך שוין נישט אומקערן. די ביקס האָב איך אויך אין דער פּאַרטיע אויף דער ערד אַוועקגעלייגט, בעת מען האָט מיר געהייסן הענגען אַ פויער — אַ שפּיאָן איז ער געווען, זאָגט מען — מיך אַליין האָט מען אויך גענוג מיט שטעקנס געשלאָגן: די פּריציש־קייט האָט מען פון מיר אַרויסגעשלאָגן: איך וועל נישט אויפהענגען — זאָג איך — און וועל נישט לאָזן צעטרעטן.

— ער איז אַ פאַרעטער! — שרייט מען אויף מיר — דאָס פאָטערלאַנד, דאָס פאָלק, פאַרעטער!

— און אים האָבן אָט דאָס פאָטערלאַנד און זיין פאָלק ווייניק מאָל פאַראַטן? וואָס פאַר אַ פאָטערלאַנד איז עס פאַר אים? וואָס האָט ער געהאַט? די פּריצישע בייטש און די פּריצישע ווילטעטיקייט, אויב ער האָט אַ שיינע טאָכטער געהאַט. פאַר אים איז דאָס פאָטערלאַנד און דער צאַר — גאָר איינס. ווען איר האָט גערעדט מיט אים, וואָס איז ער געווען פאַר אייך? איר האָט אים אין ת... געשלאָגן? אַ, האָט ער אייך איצט צוריק אין ת...

דער אָפיציר האָט מיר דאַמאָלס געגעבן מיט דער שווערט איבערן קאָפּ, אַז איך בין שיער נישט אויפן אָרט אַ טויטער געבליבן.

די פויערים האָבן מיך שפּעטער אויפגעהויבן און דערמונטערט, און יענעם האָט מען טאַקע אויפגעהאָנגען. און אין דעם זעלבן דאָרף האָב איך טאַקע אַ פּאַרטיע געשאַפן. נו, און געשאָסן האָבן מיר נישט ווייניק מאָסקאַלעס, אין דער פּאַרטיע האָט מען מיך גערופן „ווידלי“. און אַנגעקלאָגט האָט מיך אויף דעם נאָמען די נאַציאָנאַלע רעגירונג און פאַר אַ מערדער מיך אָנערקענט.

און אָט אין וואָס מיין מערדעריי איז באַשטאַנען:

נישט ווייט פון מישיניעץ איז געווען אַ פאָלוואַרק; און אַ פריץ אַ יונגער האָט דאָ־ט געוווינט. אַן אמתער שליאַכטשיץ. פאַר די פאַרטיעס זאָל ער האָבן אַ סך אויפגעטון. נאָר איינמאָל נעכטיקן מיר אַזוי אין דאָרף, ערשט עס קומט צו מיר עפּעס אַ באָבע און פאַלט מיר צו די פיס. די טאָכטער אירע, זאָגט זי, האָט ער אַלס דינסטמיידל געדונגען. האַלט זי בא זיך. דאָס מיידל איז שיין ווי אַ מלאָך, איז זי דעם פאַן געפעלן געוואָרן.

זאָג איך איר; אויב זי איז דאָרט מיט איר אייגענעם ווילן, וועל איך איר נישט שטערן.

גייען מיר צום פאָלוואַרק.

דער פריץ נעמט אויף: הייסט די טישן דעקן, האָט גאָר קיין מורא נישט.

— אַזוי זאָג איך, אַזוי — און וווּ איז זושיאַ?

— נישט דיין עסק — זאָגט ער.

זאָג איך קורץ; — ס׳וועט זיין שלעכט.

לאַכט ער.

— פון ווען אָן טאָר מען עס זיך נישט ווייל̇ן מיט אַ מיידל?

— מיט פריצישע טעכטער ווילט אייך — טו איך אַ געשריי און אליין זאָג איך צו די יונגען: — בינדן אים און דאָס הויז אונטערזוכן.

אָבער דאָס הויז האָט מען גאָרנישט באַדאַרפט אינטערזוכן. דאָס מיידל איז אַרויסגעלאָפן און האָט אָנגעהויבן וויינען.

— ער האָט מיך אָנגעשיכורט און גענומען; איך בין אים און דער פרוי צו די פיס געפאַלן, ער זאָל מיך צורו לאָזן, אָבער ער האָט מיך פאַרמאַכט: דער אָוונט איז געקומען, האָט ער זיך ווידער משמח געווען. און אויפן צווייטן טאָג איז זיין פריינט, אַ גלח, געקומען צו פאָרן, האָט ער מיך צום גלח אין צימער מכלומרשט מיט אַ גלאָז וואַסער געשיקט.

זאָג איך צום פריץ אַזוי:

— איך וועל זיין דיין שדכן און זיי די אונטערפירער, און די חתונה וועט שוין דער אָלשאַנער גלח אַליין קענען דורכפירן.

ער האָט מיר בלויז אַ קורץ וואָרט געזאָגט. דאַמאָלס האָב איך אַרויסגעטראָגן מיין משפט איבער אים.

אונדזער־ע יונגען האָבן זיך צום טיש געזעצט. ער — איך חעל נישט לייקענען — איז אַ דרייסטער געווען: איר חמורים, זאָגט ער — שוין הונדערטער יאָרן ווי איר נעמט פּריצישע בהמות אַלס נדן.

דאַמאָלס האָבן מיר אַרויסגעטראָגן דעם פּסק־דין: אוועקגע־שטעלט לעבן אַ שפּייכלער און אָפּגעפּאַרטיקט.

אומזיסט האָט זיך זוזשיאַ רחמים געבעטן.

— נו, און איצט, זאָג איך, חברה, קיין אָלשאַנקע. מיר זענען צוגעפאָרן צו דער פּלעבאַניע, זוזשיען האָבן מיר מיטגענומען אויפן וואָגן.

דער גלח איז נאָך געשלאָפן. דער אָרגאַניסט האָט אים נישט געוואָלט וועקן.

— מיר זענען געקומען אים אויף אַ גאָטעס־דינסט רופן — און מיר קלאַפּן אין פענסטער.

גייט אַרויס דער גלח.

— דו דערקענסט דאָס מיידל? — זאָג איך.

ער הייבט אָבער אָן שרייען:

— אַוועק פון דאַנען, איר עם־הארצים, איך בין אַ גייסטלע־כער פאָטער.

מיט אים האָבן מיר שוין קיין סך נישט גערעדט. עס איז געשטאַנען אַ לינדנבוים בײַ אים אונטערן פענסטער; איז ער זיך איבערגעבליבן אויפן לינדנבוים.

— אָט אַזוי האָבן עס אויסגעזען מיינע מערדערישע מעשים — האָט געזאָגט דער אַלטער.

— ניין, איך וועל שוין נישט פאָרן קיין פּוילן. קלויסטערס זענען נאָר דאָרט דאָ און גלחים — פּריצים און גלחים. אָט גאָר־נישט! אָנגעזעצט זיך דעם פויער אויפן הצלדז און מען שרייט: דאָס פּאָטערלאַנד.

— ווען איך וואָלט יונגער געווען — האָט ער געזאָגט — וואָלט איך אפשר ווידער געגאַנגען מענטשן לערנען ווי אַזוי ווידלעס און קאָסעס אויף די דרענגער גרויפּזעצן, און הייזער מיטן רויטן הענדל אָוועקלאָזן, נאָר אַזוי — ניין, אויפרעכן וועט איר דאָס פּוילן, ווי לייז, ליכטיקע הערן — האָט ער געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו מיר.

הייליקע בילדער זענען אומעטום אָנגעהאָנגען; די הייליקע מוטער, די טשענסטאָכאָווער און אָסטראָבראַמער, די מלכּה פון פּוילן. זי קוקט פון אויבן אַראָפּ ווי מען שלאָגט דעם פּויער, און ער איז מתפּלל און קניט מיט אַ צעבלוטיקטער מאָרדע און שלאָגט זיך על חטא אין האָרץ.

מיר איז אַלץ איינס. איך וועל שוין קיין זאַך נישט דערלעבן, דאָ זיץ איך מיר ווייניקסטנס ווי אין אַ מדבר.

— און דיך — האָט ער געפרעגט, ווי פאַרבייגייענדיק — פאַרוואָס האָבן זיי עס דיך היינט פאַרנומען, צוליב פּוילן דעם איידעלן?

— ניין — האָב איך געענטפערט.

— אַזוי גאָר... — האָט ער זיך פאַרוווּנדערט.

און אַ ווײַלע אַרום האָט ער געזאָגט:

— הער נאָר אויס, וואָס איך וועל דיר זאָגן, אָדער הער נישט אויס. דו קוק אַריין דאָרט טיף צו זיך אין האָרץ און פרעג דיך, צי ווילסטו פאַרן פאַרשטונקענעם פּויער, צי פאַר אָט יעבער אין דער טשענסטאָכאָווער קרוין אומקומען.

— איך האָב נישט געוואָגט צו ענטפערן מיט אַ קורצן און שאַרפן וואָרט. אָבער ער האָט מיך פאַרשטאַנען אָפּנים.

— ווען זיי וואָלטן פאַר דעם פּויערישן פּנים נישט מורא געהאַט, ווען זיי וואָלטן זיך אַליין גענומען צו ערד-אַרבעט, ווען עס וואָלט זיי נישט געשמעקט קיין העטמאַנסטוועס מיט קאַשטעלאַנסטוועס, טאָ זאָג איך דיר, אָט ווי אַלט איך בין שוין און ווי איך גלייב שוין אין קיין זאַך נישט — הער, אונדזער לאַנד וואָלט שוין לאַנג פריי געווען.

אָבער ווי!

איך האָב מיך געזעגנט אָנגעזעגן.

מוט האָב איך געזען, אמתע איבערגעבנהייט. — נאָר קיין בעדאַנק קיין מענטשלעכן האָב איך נישט געזען.

אָהאָ! ווען פּאָליאַקן וואָלטן נישט געווען קיין פּאַנעס, ווען איר וואָלט פון זיך די אַדעליקייט אַראָפּגעוואָרפן.

— און וואָס קלערסטו איצט צו טון.

— קיין אויסלאַנד — האָב איך געזאָגט — פאַר איך.

דער אַלטער האָט אַ פייף געטון.

— בענקען, ליידן, אויסגיין פון יסורים צוליבן פאָטערלאַנד.

— ניין, — האָב איך געענטפערט.

— צו וואָס זשע?

— כ'וועל מיך צוקוקן ווי אַזוי דאָרט איז, ווי אַזוי מענטשן רייסן זיך דאָרט פון אונטער דער ערד אַפּער, און וועל צוריקקומען.

— וועסט צוריקקומען? — האָט געפרעגט דער אַלטער.

כ'האָב אים אַ קוק געטון אין די אויגן.

דער אַלטער האָט אַ שאָקל געגעבן מיטן קאָפּ.

— ווער ווייסט אייך דאָרט, ווער ווייסט א׳יך! די פריצישע פאַנטאַזיע אייערע. אָבער אויב דו וועסט אָן דעם פארשטונקענעם שוואַרצן מענטש פאַרגעסן, אָן דעם, וואָס פגרט אַוועק ווי אַ בהמה, שעמען זאָלסטו דיך דאַמאָלס, וואָס דו האָסט מיך דעם אַלטן, אומזיסט דערפרייט. געגלויבט האָב איך אייך קיינמאָל נישט — פוילישע שליאַכטע, די נשמה האָט איר באַ מיר אינגאַנצן אויפגעגעסן און אויפגעפרעסן אין 63-טן יאָר טאַקע!

כ'בין צו די פיס טייל פריצים געפאַלן.

אויסשרייען איבערן גאַנצן לאַנד: פויערים נעמט אייך צו דער ערד, נעמט אייך צו דער ערד, און שפּעטער לאָזט זי נישט זיך אַרויסרייסן.

זיי וואָלטן זיך פאַר מוראַיאָוון אַליין נישט געווען דערשראָקן.

דער אַלטער איז בלאַס געוואָרן. זיין בליק האָט זיך פאַר־שפיצט און האָט געשטאָכן ווי אַ היי־גאָפּל

— מיך האָט דער גענעראַל אַליין, הער מיעראָסלאַווסקי לודוויק, קיין רוסלאַנד געוואָלט שיקן. דאָרט, זאָגט ער, זאָלן זיי די מעסערס שלייפן, זאָל זיך די רעגירונג מיט די מוזשיקעס פאַרנעמען.

און כ'האָב געזאָגט דאַמאָלס אָט דעם הער גלייך אין פּנים אַריין.

— מיך האָט מען איינינעם מיטן מוזשיק אָט מיט דעם שטעקן געשלאָגן, מיר האָבן איינינעם קעלט און הונגער געליטן. איך בין נישט קיין פאַרעטער אים, נאָר אַ ברודער.

ער איז שפּעטער צוגעגאַנגען צו מיר און האָט מיר די האַנט געוואָלט דריקן — פּאַניע ווידלי — האָט ער געזאָגט.

אָבער די האַנט האָב איך אים נישט געגעבן:

— הער גענעראַל — זאָג איך — איך בין אַ גראָבער יונג, און אייער האַנט איז אַ ווייסע, איר וועט אייך נאָך אָן מיין פּויע־רישער האַנט אייַנריכטן... ווען איר וואָלט קיין פּרי־צים נישט געווען, ווען עס וואָלט זיך דאָרט דער גרויער המון אַ ריר געטון, טאָ אפשר וואָלטן זיך אויך דאָ די פּויערים צו דער ערד און צו די דרעש־העלצער גענומען. אפשר וואָלט ער שוין אין דר'ערד געפוילט, דער באַפרייער פון די פּויערים, צאַר אַלעקסאַנדער.

ער האָט מיר געקוקט אין פּנים אַריין מיט דעם שטעכענדן בליק.

נו, און צי וואָס ביסטו אַהערגעקומען, דו ליכטיקער האַר? איך נישט מער, ווי נאָר די מעסערס שלייפן, ווי הער מיעראָסלאַווסקי האָט געהייסן?

וואָס גייט דיך אָן דער רוסישער פּויער, מיין הער? צו וואָס ביסטו דאָ?

באַקלער דיך נאָר אין אַלע זייטן. דו מיינסט איצט, אַז צו־ליב די מענטשלעכע יסורים, צוליב דער נויט קעמפסטו, און אפשר

בענקט עס בלויז אין דיר די נשמה אַזוי, וואָס דאָרט ערגעץ ווערן די גאַרנאָסטאַיען פאַרדאָרבן, וואָס די אַלטע שווערטן זשאַווערן, וואָס די אַלטע שפּיזן און קרוינען ליגן אָן נוצן.

— דו שווייגסט, פריץ? — דיר אַליין זאָגט אַ שטימע טיף אין האַרץ, אַז יאָ. קער זיך אום, ליכטיקער האַר, קער זיך אום, מיש זיך דו נישט אין די כאַמסקע עסקים.

— איך וועל פאַרבלייבן — האָב איך געזאָגט — איך וואַרט אויף קיין זאך נישט.

דער אַלטער האָט מיר אוועקגעלייגט די הענט אויף די אַקסלען און האָט לאַנג געשוויגן. איך האָב אַלע מאָל באַדויערט, וואָס איך האָב נישט קיין זון. געדענק, אַז דו וואָלסט דיך געמוזט מיט חרפה אָן מיר דערמאַנען.

און אַזוי האָב איך אָפּגעוווינט באַם אַלטן איבער אַ וואָך צייט.

כ'האָב לאַנג געטראַכט, ווי אַזוי צו געפינען זיך וועגן צו פאַרבינדן זיך מיט דער וועלט.

אונדזער ענין האָט געמאַכט אַ רושם.

אין די צייטונגען האָבן זיך באַוויזן באַשרייבונגען פון ברענ־אייזענס באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, און אַ געוויסן טאָג האָט מיר פּעדיושקאַ געבראַכט די פּאָליציייִשע צייטונג מיט דער באַשרייבונג פון מיין אויסזען. די פּאָליציי האָט אויפגעפאָדערט אַלע בירגער, זיי זאָלן קומען צו הילף באַם רודפן און כאַפּן דעם געפערלעכן פאַרברעכער.

כ'האָב מורא געהאַט זיך צו באַווייזן אין גאַס.

פּעדיושקאַ האָט נישט געהאַט קיין שום באַקאַנטשאַפטן, — כ'האָב געמוזט זיך אויף עפּעס אַנטשליסן.

כ'האָב באַשלאָסן צו פאָרן קיין מאָסקווע. דאָרט וועט באָלכאָווסקי אפשר גיכער קענען עפּעס אויפטון. פּעדיושקאַ האָט אָבער נישט געוואָלט הערן פון דעם. ער האָט גצזען אומעטום געפאַר און אויפגעשטעלטע נעצן.

ענדלעך האָט ער אָנגעהויבן אין די אָוונטן ערגעץ צו פאַרשווינדן.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער געזאָגט.

כ׳האָב געפונען אַ מענטש, וועלכער וועט דיך אַריבערפירן די גרענעץ.

דאָס איז מיר פאָרגעקומען מער ריזיקאַליש, איידער דאָס פאָרן קיין מאָסקווע, אָבער פעדיושקאָ האָט געזאָגט:

— אַלטע קאַמעראַדען זענען מיר, סטאַראָוויערצעס זענען זיי, פאַר זיי איז דאָס נישט קיין נייס — זיי קענען אויס־עצייכנט די זאַכן. אַז ער האָט מיר געשווירן און די האַנט געגעבן, וועלן זיי דיך שוין נישט אויסגעבן און טאָמער וועט אַן אומגליק געשען, וועלן זיי פון דר׳ערד אַרויסגראָבן.

מ׳האָט מיר געברענגט מלבושים, אַ בירגער־קאַפטן, א פעלצל, היכע שטיול. כ׳האָב געהאַט אַן אינלענדישן פאַס אויפן נאָמען פון דאַנילאָוו. באַם אַרויספאָרן האָט מיר פעדיושקאַ אַריינגערוקט אַ שווערן געלד־פּאַקעט.

כ׳האָב נישט געוואָלט נעמען דאָס גאַנצע, אָבער ער האָט אַוועקגעלייגט דעם פינגער אויפן מויל...

— אַזעלכן ווי דו ביסט אַצינד, גיב איך. וועט דיר שווע־רער זיין זיך צו ענדערן — האָט ער אַ שמייכל געטון.

כ׳האָב געהאַט טרערן אין די אויגן, בשעת כ׳האָב מיך גע־זעגנט מיט אים.

אין צוויי טעג אַרום האָט מ׳ך שוין געפירט אַ פרייסישער צוג. אין עטלעכע טעג שפּעטער האָב איך שוין געשריבן בריוו צום פאָטער און צו פעדיושקען, אין וועלכע כ׳האָב זיי מודיע געווען אונטער דער פאַמיליע יעדליטש, אַז כ׳בין בשלום אָנגעקומען קיין ציריך. אַלס ענטפער האָב איך באַקומען אַ לאַנגן בריוו פון פאָטער און איין וואָרט פון פעדיושקען „געדענק".

דער פאָטער האָט געשריבן, געבנדיק צו פאַרשטיין, אַז ער ווייסט פון אַלץ, האָט מיך פאַרשווירן, כ׳זאָל נישט צוריקקומען, כ׳זאָל אין אויסלאַנד אַריינטרעטן אין אוניווערסיטעט און גוט זיך באַקלערן, וואָס מ׳ין געוויסן הייסט מיך טון.

נישט ווילנדיק אויף מיר אויסאיבן קיין ווירקונג, האָט ער

אָפּגעלייגט אַפילו זיין קומען צו מיר, האָט מיר געשיקט אַ באַדייטנדע סומע געלט און זיין פֿאַטערלעכן קוש.

אָבער אין עטלעכע טעג אַרום איז אָנגעקומען פֿון אים אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט זיך געזעגנט מיט מיר, שרייבנדיק, אַז ער שטאַרבט, און האָט מיר נאָכאַמאָל דערמאָנט, אַז מיין וואָרט און גלויבן נעמט ער מיט זיך.

ער איז טאַקע געשטאָרבן אין עטלעכע טעג אַרום, ווי כ'בין שפּעטער געוווּיר געוואָרן.

כ'האָב אַוועקגעשיקט פּעדיוּשקען די סומע, וועלכע כ'האָב באַ אים גענומען. אָבער כ'האָב זי צוריקבאַקומען מיט אַ בריוו, וועלכער האָט אַנטהאַלטן אין זיך בלויז צוויי ווערטער — „ביסט אַ נאַר".

ברענאייזענס צוואה

IV

ברענאייזענס העפט איז דאַמאָלס פאַרפאַלן געוואָרן אין פעטערבורג, אָבער כ'האָב באַוויזן עס פאַר דעם צוויי מאָל דורכצולעזן. אין דעם מאָמענט פון דער גייסטיקער אויפוואַכונג, וועלכע ס'האָט אַרויסגערופן אין מיר זיין און וואַריעס טויט, האָט זיך דאָס אַלץ, וואָס כ'האָב געלעזן, ווי איינגעקריצט אין אַ קריסטאַל. שפּעטער זענען אַדורך לאַנגע שווערע יאָרן, אָבער היינט דאַכט זיך מיר, אַז ס'איז מיר פאַרבליבן אין דער נשמה דער אומגעענדערטער אינהאַלט פון יענער איבערגעלאָזטער צוואה.

דאָס איז געווען האַלב — אַ טאָג-בוך, האַלב אַן אני-מאמין.

פאַרשטייט זיך, ס'קען קיין רייד נישט זיין וועגן ווערטלעכן איבערגעבן. כ'וועל מיך דאָך באַמיען אַראָפּצושרייבן דאָס, וואָס כ'באַקום אַרויס פון אונטער די זכרון-חורבות. כ'שרייב דעריבער אַזוי, ווי דאָס וואָלט גערעדט ברענאייזען אַליין. אויב זיין כתב-יד איז פאַרפאַלן געוואָרן, איז די איינציקע פאָרם, אין וועלכער זיין באַוווּסטזיין לעבט, מיין זכרון.

זאָל ער אַליין רעדן.

„מיין פאָטער האָט געשטאַמט פון אַן אַלטער דייטשער אַדע־ליקער פאַמיליע, וועלכע האָט זיך באַזעצט אין די פּאָליטישע גו־בערניעס. ער האָט געדינט אין דער גוואַרדיע, און ווערנדיק שפּע־טער אַ ציווילער באַאַמטער, איז ער געווען גובערנאַטאָר אין נאָוואָ־גראָד, וויאַטקע און גראָדנע. ער האָט חתונה געהאַט מיט מיין מוטער, אַ רייכן סוחרס אַ טאָכטער, צוליב נדן. די מוטער מיינע איז געשטאָרבן, בשעת כ׳בין נאָך געווען אַ קינד. מיין פאָטער פלעגט מיר קיינמאָל נישט דערציילן וועגן איר, איבעריקנס, האָט ער זיך ווייניק פאַרנומען מיט מיר.

דאָס איז געווען אַ שטרענגער, קאַלטער מענטש, וואָס איז געווען איינגעליבט אין זיך אַליין, מיך און מיין פאָטערס איבערי־קע קינדער האָבן דערצויגן פאַרשידענע מומעס זיינע, אַלטע אומ־גליקלעכע, וועלכע האָבן תמיד געציטערט פאַר אים, ווייל ער פלעגט זיי אומאויפהערלעך דערמאָנען, אַז ער האַלט זיי אויס אויס רחמנות.

אין זכרון האָט זיך באַ מיר איינגעקריצט דאָס געשטאַלט פון דער מומע קלאַרא.

אירע קאַנאַריקלעך האָט דער פאָטער געהייסן אַרויסטראָגן פון שטוב, ווייל זיי האָבן אים אויפגערעגט מיט זייער צוויטשערן, וועלכעס ער האָט, אגב, נישט געהערט און נישט געקענט הערן, נישט אַריינקומענדיק קיינמאָל אין יענער העלפט פון אונדזער הויז. אָבער ער האָט געהאַלטן, אַז דער יסוד פון אַלץ איז מאַכט, און ער האָט נישט דערלויבט די אַלטע אומגליקלעכע פרייליַנס זיי זאָלן פאַרגעסן, אַז די מאַכט געפינט זיך אין זיינע הענט.

נישט ווייניקער אומגליקלעך ווי מיינע מומעס זענען אויך געווען מיין פאָטערס געליבטע.

ער פלעגט זיי האַלטן אינדערהיים, און צוזאַמען מיט דער פאַמיליע זעצן צום טיש. ער פלעגט זיך אָבער באַגיין מיט זיי ערגער ווי מיט דינסטן.

כ׳געדענק דריי פון די דאָזיקע אומגליקלעכע פרויען, באַ־

זונדערס די לעצטע פון זיי, עפּעס אַ פראַנצויזישע גוווערנאַנטקע בלאַנש.

זי איז געווען אַ גרויסע שיינהייט, און ווי מיר דאַכט זיך, האָט זי אפילו ליב געהאַט דעם פאָטער מיינעם. זי האָט געליטן פון עפּעס נערוועזע אָנפאַלן און האָט געטרונקען עטער.

דאָס איז איר געווען שטרענג פאַרבאָטן און, ווי די דינער פלעגן פאַרזיכערן, האָט זי מיין פאָטער געשלאָגן פאַר דעם נישט פאָלגן. כ'שטעל מיר עס גאַנץ לייכט פאָר, ווייל דאָס באַהאַנדלען פרויען, מיט וועלכע ער פלעגט האָבן ליבעס-באַציונגען, ווי סאָלדאַטן אין אַן אויסבעסערונגס-באַטאַליאָן, איז געווען אין פולשטענדיקן הסכם מיט זיין כאַראַקטער. ער האָט אוודאי געמוזט האַלטן פאַר אַ פאַרברעך דאָס, וואָס אַ פרוי גיט זיך אָפּ אומגעזעצלעך און דאָס אַליין פאַרדינט שוין אַ גרויסע שטראָף.

כ'האָב צו פאַרדאַנקען מיין פאָטערס שטרענגקייט דאָס, וואָס כ'באַהערש עטלעכע שפּראַכן, ווי אויך מיין געזונט, וואָס כ'האָב פאַרהאַרטעוועט אַ דאַנק די גימנאַסטישע איבונגען, וועלכע מיין פאָטער האָט שטרענג אָפּגעהיטן. כ'האָב אים אפשר אויך צו פאַרדאַנקען מיין אויסגעהאַלטנקייט און די פעיִקייט צו הערשן איבער זיך.

איך האָב מיך צו קיינעם נישט געקענט צובינדן אין דערהיים, אַזוי אומאויפהערלעך פלעגט זיך אַלץ ענדערן אַרום מיר, אין ציטערן פאַר מיין פאָטער. דער ערשטער מענטש, וועלכן איך האָב ליב באַקומען, איז געווען דער סעמינאַריסט זוועניגאָרסקי; ער האָט מיך געלערנט רוסישע ליטעראַטור און געשיכטע, מאַטעמאַטיק און אַלטערטימלעכע שפּראַכן. ער איז געווען טויט-קראַנק, בשעת איך האָב מיך מיט אים באַקענט, און תמיד שיכור. ריכטיקער געזאָגט, האָט ער כסדר געטרונקען, ווייל שיכור איז ער קיינמאָל נישט געווען. אַ חוץ די אָבליגאַטאָרישע קעגנשטאַנדן, האָט ער מיך געלערנט נאָך אַ ווייסנשאַפט פון אומרחמנותדיקן קריטישן דענקען, פון אים האָב איך מיר אויסגעלערנט אָנערקענען בלויז דאָס, וואָס מיין געדאַנק וועט אויספאָרשן און געפינען פאַר קלוג. איך האָב מיך אויסגעלערנט נישט שעצן איינריכטונגען און מנהגים און געירשנטע

איבערצייגונגען. ער האָט מיר געבראַכט דאָבראָליובאָווס און טשער־ נישעווסקיס אַרטיקלען און אויך פייערבאַכס „Wesen des Christentums“

איך בין אַלט געווען 15 יאָר, ווען ער איז געשטאָרבן, און מיין פאָטער האָט מען דאמאָלס אַריבערגעשיקט קיין גראָדנע.

דאָס איז געווען ערב דעם פוילישן אויפשטאַנד.

אין משך פון אַ גאַנץ יאָר האָב איך געזען אַרעסטאַנטן, וועלכע מען האָט געפירט אין קאַנצעלאַריע אַריין.

איינמאָל האָט מיר איינער פון די געבראַכטע אַרעסטאַנטן אַ וואָרף געטון עפּעס אַ בריוול. איך האָב עס אויפגעהויבן, אָבער עמעץ האָט דאָס באַמערקט און איבערגעגעבן דעם פאָטער.

מען האָט מיך אַריינגערופן אין קאַבינעט.

איך האָב מיטגענומען פאַרבייגייענדיק דעם פּיסטאָלעט.

— דעם בריוו וועל איך נישט אַוועקגעבן, און אויב איר וועט מיר אים וועלן צונעמען מיט געוואַלט, וועל איך מיך דער־ שיסן.

דער פאָטער האָט מיר אַריינגעקוקט אין די אויגן און גע־ הייסן מיך אַוועקגיין. מען האָט מיך אַזוי געהיטן, אַז איך האָב נישט געקענט דערפילן דאָס, וואָס מען האָט מיך געבעטן. דער פאָטער האָט באַפוילן צוצונעמען מיר די ביכער.

אַזוי איז אַדורך דאָס יאָר פון אויפשטאַנד.

מיט אַ יאָר שפּעטער האָב איך פאַרלאָזט דעם פאָטערס הויז. מיר אין די אויגן האָט ער אויפגעהויבן די האַנט אויף דער פראַנ־ צויזין בלאַנש, איך האָב אים אָנגעכאַפּט באַ די אָרעם און מיט גע־ וואַלט אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול. דער פאָטער האָט מיר געגעבן אַ פּאַטש אין פּנים. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך פאַראַכט אים, און פון דאַמאָלס אָן האָבן מיר זיך שוין נישט געזען. מיין פאָטער איז געשטאָרבן אין אַ יאָר אַרום. איך בין שוין געווען אין פּעטער־ בורג. איך האָב נישט גוט געהאַנדלט דאַמאָלס מיט דעם, וואָס איך האָב געזאָגט, אַז איך פאַראַכט אים. ער איז געווען אַזוי, ווי ער האָט געמוזט זיין; ער האָט טאַקע געגלייבט, אַז מען מוז שלאָגן

פרויען און קינדער. פאַראַכטונג פאַרדינט בלויז דער, ווער עס ווייסט בעסער און טוט ערגער.

איך האָב באַשלאָסן נישט צו טון קיין זאַך, וואָס איך וועל נישט וועלן.

איך האָב געוווּסט, אַז אויף אַזאַ אופן וועט שווער זיין לאַנג צו לעבן, אָבער איך האָב באַשלאָסן צו לעבן, כּדי צו דענקען און פאַרשטיין, אָבער נאָר אַזוי לאַנג, ווי לאַנג דאָס געוויסן וועט מיר דערלויבן. איך ווייס, אַז מען קען לעבן דענקנדיק און גאָר נישט מישנדיק זיך אין גאַנג פון די געשעענישן. איך וואָלט געקענט לעבן, נישט נעמענדיק פון מענטשן גאָרנישט אַ חוץ דאָס, וואָס עס איז נייטיק צום לעבן און געבנדיק זיי בלויז דאָס, פון וועלכן זיי וואָלטן נישט געקענט אויסשמידן פאַר קיינעם קיין קייטן, קיין ווערקצייג פון פּיין פאַר זיך אַליין.

איך האָב געלעבט און נישט געקענט די פרוי, און וואָלט פעיִק געווען זי ווייטער נישט צו קענען. אַ מענטש קען זיך נישט בינדן, ווייל דאָס געפיל וועט פאַרביי און אַן ערלעכער מאַנספּערשוין קען היינט קיין פרוי נישט שטעלן אין געפאַר זי זאָל ווערן מוטער און נישט זיין זיין פרוי. ס'וואָלט מיר זייער געפעלן די ליבע, ווען זי וואָלט געווען מעגלעך פאַר מיר. אָבער כ'וואָלט סיי ווי נישט געקענט לעבן איבער די מענטשן ווי אַ שטערן, ווייל אַ שטערן ווייסט נישט, און איך ווייס, און די ווייטיק בלוטיקט מיר דאָס האַרץ, און אין מוח וואַקסט דער צאָרן.

יעדער מענטש, וועלכער גייט פאַרלוירן דאָרט אויפן גרונט, רעדט צו מיר מיט בלוטיקע אויגן:

— פאַרוואָס האָסטו דערלויבט?

און איך וואָלט נישט געקענט ענטפערן, אַז כ'האָב וויכטיקערע ענינים, אויב איך בין דאָ געשטאַנען און געזען. כ'קען נישט זיין קיין שטילער און לייכטנדיקער שטערן איבערן בלוטיקן ים, אַזוי, אַז ווען ס'וועט זיך מאַכן אַ געלעגנהייט. וועל איך אַראָפּגיין, כ'וועל קעמפן, ווי לאַנג די כּוחות וועלן מיך נישט פאַרלאָזן. קיינער דאַרף נישט ווערן קיין שקלאַף. ס'וועט מיך דעריבער קיין

מאָל נישט פאַרשקלאַפן דער צ אַ ר, ווייל כ׳וועל מיך נישט לאָזן בעמען לעבעדיקערהייט, און וועל זיך פאַרטיידיקן.״

דאָ איז איבערגעריסן געוועען דער ערשטער טייל פון כתב־יד. געשריבן האָט אים ברענאייזען אַ יאָר דריי אָדער פיר פאַר אונדזער באַקאַנטשאַפט. און דאַמאָלס האָט ער שוין פאַרויסגעזען מיט אַזאַ קלאָרקייט זיין גורל, און ער האָט אָנגענומען דעם פעסטן באַשלוס.

שפּעטער איז געגאַנגען אַ פראַגמענט, וועלכער האָט די אויפשריפט:

„אין אַ יאָר אַרום״.

און אָנגעהויבן האָט ער זיך. געדענק איך מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

„און ס׳האָט זיך דאָך געמאַכט אַזוי, אַז כ׳האָב געהאַט אַ ווייב. . . .

זי איז געוועען אַ גאַסן־מיידל און האָט געוווינט אין שכנות מיט מיר. כ׳פלעג זי באַגעגענען טייל מאָל אויף די טרעפּ און פלעג זי גריסן, דאַמאָלס פלעגט זי שנעל אַדורכגיין פאַרביי מיר, זיך פאַרויטלען, און ערשט, ווען כ׳בין שוין געוועען הינטער אירע פּליי־צעס, פלעגט זי זאָגן ווי צו זיך: — גוט מאָרגן.

כ׳האָב געוווּסט, אַז זי הייסט אַננאַ, ווייל אַזוי האָט זי אָנגע־רופן די הויז־וועכטערין.

אין אַ געוויסע צייט אַרום האָט זי מיר אָנגעשריבן אַ בריוו, אַז זי איז קראַנק און וועט אוודאי שטאַרבן.

כ׳בין אַרויפגעגאַנגען צו איר. איר קראַנקייט איז נישט גע־ווען געפערלעך, נאָר זי איז אויסגעגאַנגען פאַר הונגער.

דאָס געלט, וואָס זי האָט געהאַט, האָט זיך שנעל אויסגע־לאָזט. זי איז געלעגן אין היץ אָן רפואות און אָן אויפזיכט. כ׳האָב מיך פאַרנומען מיט איר, און ס׳איז געשען דאָס, וואָס האָט נישט באַדאַרפט געשען.

זי איז געוואָרן מיין ווייב.

דאָס האָט נישט באַדאַרפט זיין, ווייל מיט איר האָט מיך

ניכער געבונדן רחמנות. וואָס זי האָט געפילט איז מיר שווער פעסטצושטעלן. כ'מיין, זי וואָלט זיך געפילט אומגליקלעך, ווען כ'וואָלט מיך פון איר אָפּגעווענדט. כ'׳ רייב אַזוי, ווייל זי וואָלט עס אַזוי פאַרשטאַנען. זי איז געווען צופיל אומגליקלעך און גע־פאַלן בא זיך. מענטשן דאַרפן זיך נישט צענויפגיין בלויז אויס רחמנות. די ליבע איז שטאָלץ, און אָן שטאָלץ קען זי זיך נישט אַנטוויקלען, אַ ליבע אָן ווירדע איז קראַנק און דערנידערנדיק. דאָס צוזאַמענטרעפן זיך פון צוויי מענטשן, וועלכע דאַרפן זיך פילן געגנזייטיק פאַר די איינציקע, קען נישט ווערן קיין אמת אין זייערע אייגענע אויגן, בשעת ער און זי פילן זייער שוואַכקייט און צופעליקייט.

די ליבע פאָדערט דעם גאַנצן מענטש. אָבער צי בין איך געווען דער גאַנצער מענטש? איך, ברענאייזען, בין געווען איך, אַלס געדאַנק, מיין גוף איז געווען עפּעס, אין וואָס דער געדאַנק האָט געמוזט פאַרבלייבן, ווי אין זיין פערמענט, דער גוף האָט גע־הערט צו דעם, וואָס איך האָב פאַראַכטעט. פילאָזאָפן שרייבן וועגן ספּירטואַליזם און מאַטעריאַליזם. זיי האָבן אָבער נישט באַמערקט, אַז כדי צו גלייבן אין קערפּער, דאַרף מען אים באַזיצן, דאַרף מען זיך פילן פריי. צי קען איך מיך פילן פריי אין מיין קערפּער. מיין גוף קען דאָ אין רוסלאַנד ווערן אַריינגעשליידערט אין אַ גרוב, קען געשלאָגן, געוואַלגערט ווערן.

און זי?

איר בלאַסער קערפּער, דאָס איז געווען אַ זאַך, וואָס פלעגט ווערן פאַרקויפט און געשלאָגן.

עס האָבן זי געשלאָגן סוחרים, אָפיצירן, באַאַמטע, זעלנער. זיי האָבן זי געהאַט. דאָס איז נישט קיין חרפה פאַר איר. איך, ברענאייזען, אַ קערפּערלאָזער געדאַנק, קען פאַרשטיין, אַז דאָס איז נישט איר חרפה. איך האָב אַזוי געוואָלט איר אָרימע נשמה נעמען, צוטוליען, דערוואַרעמען. אָבער צי איז דאָס טאַקע געווען דער אומ־גליקלעכער בלאַסער ציטערנדער גוף, וועלכע האָט אויסגעשטרעקט צו מיר די הענט ווי אַ קינד.

און דאָס איז געשען.

מיר האָבן געוויינט אין אונדזער ערשטער ליבעס נאכט. מיר האָבן געוויינט אויס רחמנות צו זיך. מיר האָבן זיך באַדאַרפט דערהרגענען, אָבער זי האָט מורא געהאַט פאַרן טויט.

עס זענען אַדורך עטלעכע חדשים, זי האָט געזאָלט ווערן מוטער, איך האָב געזאַמלט געלט און געוואָלט אַרויספאָרן. איך האָב קיין רעכט נישט געהאַט דאָ צו הייסן לעבן מיין קינד. אָבער דאָס וואָלט אויך שלעכט געווען און עס וואָלט מיר צוגענומען די רו. איך בין אַנטלאָפן פון דאַנען און האָב איבערגעלאָזט הינטער זיך געוויין, הונגער און נויט. ווי קענען שקלאַפן האָבן קינדער? ווי קען מען היינט האָבן קינדער, און זיצנדיק באַם וויגל קלערן: דאָס קען אויסוואַקסן אַ פּראָסטיטוטקע, אַ שפּיאָן, אָדער אַ גלייכגילטיקער פּרעסער פון יענעמס אַרבעט, ווייל מיר זענען שוין מאַכטלאָז קעגן גורל, ווען עס באַווייזט זיך נאָר אויף דער וועלט אַזאַ העל קעפּל, וואָס געהערט שוין צו אונדז.

האָבן קינדער, הייסט געטרויען דעם לעבן.

איך האָב עס נישט געטרויט, און איך האָב עס פאַראַכטעט. איך האָב נישט געוווּסט פון אַזאַ ווינקל, וווּ מען וואָלט געקענט זיין אינגאַנצן זיכער. מיר דאַרפן בלויז דענקען, אַרבעטן און קעמפן, אָבער דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן אַ טויטס — און זי איז אויך געשטאָרבן. איך האָב געבענטשט דעם גורל, וואָס ער האָט מיר זיי צוגענומען. דאָס איז נישט געווען קיין אַכזריות און נישט קיין האַרצלאָזיקייט. צי קען היינט זיין עפּעס בעסער, ווי אַן אומשול-דיקער טויט; ער באַפרייט. ער עפנט די טיר און זאָגט: איצט ביסטו שוין פאַר קיין זאַך נישט פאַראַנטוואָרטלעך. כּל-זמן דו לעבסט, ביסטו פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלץ, פאַר יעדער זאַך, וועלכע וועט זיך וואַרפן אין די אויגן. און דאָס, וואָס עס איז אַרום אונדז, איז אַ שטענדיקע חרפּה און פאַרברעך. און מיר באַטייליקן זיך אין דעם. איך האָב געמיינט, אַז פון אונדזערע מעשים וואַקסט אַרויס עפּעס אַזוינס, פון וועלכן מיר ווייסן נישט. עפּעס אַזוינס, פון וועלכן מיר ווייסן נישט, וואַקסט אַרויס פון יעדער מאָמענט אונדזערן. די צייט

גנבעט אינדז אַליין בײַ אונדז און קלעבט צונויף פון די געגנבעטע רגעס איר שרעקלעך, עקלהאַפט ווערק.

ווו בין איך און ווו איז די וועלט? תמיד, תמיד נעמט זי מיך און פון מיר, קעגן מיין אייגענעם ווילן שמידט זי אויס עפעס. מ׳דאַרף קיין איין ווײַלע נישט לעבן פּאַסיוו, קיין איין רגע טאָר נישט פאַרבלייבן טויט, נישט אויסגעפילט מיט געדאַנק.

כ׳האָב געשריבן און נישט גוט געטראַכט. כ׳האָב געטרוימט וועגן אַנטלויפן, און האָב אין געדאַנק פאַראַטן די, וואָס קומען אום אין דער פינסטערניש. איך און זיי — מיר געפינען זיך אין אַ פינסטערן שטראָם. מיך וועט סיי ווי סיי איינשלינגען אַ פינסטערער כוח — אָבער איבער מיר שיינט נאָך דער געדאַנק. איך מוז דעריבער קעמפן און דערלאַנגען די האַנט די, וואָס קומען אום אַרום מיר.

דעם געדאַנק איז שווער צו לעבן אויף דער וועלט, ווייל די וועלט איז נישט צוגעגרייט צום געדאַנק, זי האָט אים געבוירן פון זיך אַליין, נישט וויסנדיק. דער א י ך איז געבוירן געוואָרן פון פינסטערער אַרבעט. אונדזער מאָדערנער פרייער א י ך איז אַ פועל־יוצא, ער איז אין דער געשיכטע נישט געווען. די געשיכטע, דאָס איז געווען אַ בלינדע ראַנגלעניש אין דער פינסטער. ראַנגלענדיק זיך מיט איר נאַטור, האָט דער מענטש זיך אויסגעלערנט הערשן. שטייענדיק אויפן אייגענעם, שפעטער באַאַרבעטן באָדן, האָט ער זיך געלערנט באַפעלן, זאָגן א י ך, פילן ז י ך. איך קען עס נישט אויסדריקן, אָבער איך פיל, אַז די אַלע פעלערן, וועלכע האָבן געטראָגן אויף זיך די פּיראַמידן, די אַלע וואָס האָבן זיך געבויגן און דרייען אונטער דער לאַסט, האָב איך צו פאַרדאַנקען דאָס, וואָס א י ך בין שוין דאָ, וואָס כ׳זאָג א י ך.

און וואָס וועל איך אויפטון, פינסטערע אומקומענדע ברודער מיינע?

דאָס, וואָס מיר פלעגן טון, פלעגט אַרויסוואַקסן פון דער פינסטערניש.

אָבער צי וועט עמעצער באַווייזן אויפצוהייבן די וועלט צום

ליכט? מיר מוזן דאָך דאָס אַלץ, וואָס איז דאָ, רירן פון אָרט, אויפהייבן און שוין נישט אומבאַווסטזיניק, נאָר באַוווּסטזיניק. — געדאַנק, קום אַראָפּ און רעגיר: געדאַנק, פאַרוואַנדל דיך אין לייב.

איך וועל לעבן, נישט איינגייענדיק אויף קיין שום הנחות. כּל־זמן די וועלט וועט מיך ליידן, איז גוט. ווען זי וועט שוין נישט קענען, וועט זי מיך מוזן דערהרגענען.

צי וואָלט נישט בעסער געווען צו מאַכן הנחות פאַר דעם, וואָס איז היינט נויטיק, וואָס מ׳קען נישט אָפּלייגן.

ס׳איז נישטאָ דאָ וואָס צו קלערן.

דאָס איז איבער מיינע פּוחות.

כ׳וועל אַלץ טון, וואָס דער געדאַנק באַפעלט מיר, אָבער ווען דער שׂכל וועט מיר זאָגן: שוין דיך פאַר שפּעטער, וועל איך אים נישט פאָלגן.

ווען כ׳וואָלט אים געפאָלגט, וואָלט איך שוין געווען צעבראָכן.

איך האָב איינמאָל געהאָרכט דאָס געוויין פון אַ פרוי און דאָס קול פון מיין אייגענער נאַטור, און אַ גאַנץ יאָר בין איך געווען נישט איך, כ׳בין געווען אָפּהענגיק פון דעם, וואָס איז געווען נישט איך.

דעריבער וויל איך שוין מער קיינמאָל נישט דאָס טון.

כ׳וועל שוין קיינמאָל נישט האָבן קיין געליבטע און, וועל איך ליב קריגן, וועל איך פרעגן, צי ווילסטו מיט מיר שטאַרבן?

דאַמאָלס וועלן מיר זיין גליקלעך, ווייל מיר וועלן האָבן אין די הענט דעם טויט און די פרייהייט. אָבער אַנגאַ האָט מורא געהאַט פאַרן טויט און פאַרן קבר.

צי האָב איך מורא?

ניין, כ׳האָב מיך דורכגעדרונגען דורך און דורך און ווייס, אַז כ׳בין יעדער צייט גרייט צום טויט.

איבעריקנס, צי לעב איך נאָך?

ס׳לעבט אין מיר דער געדאַנק — ס׳איבעריקע איז זיין

כלי-זין, אַז ס׳וועט אים איינפאַלן, וועט ער עס אונטערמינעווען און אויפרייסן.

כ׳פרעג מיך נאָכאַמאָל, צי דער געדאַנק וועט בלייבן און כ׳ווייס נישט.

כ׳קען נישט זאָגן, ניין.

דער גוף, דאָס איז דאָס, ווי איך אַליין פּאַס מיר אויף, איך קען זיך אַליין —

ווען ער וועט אומקומען, וואָס וועט דאַן בלייבן, און צי וועט עפּעס בלייבן — ווייס איך נישט.

אומבאַוווסט איז דאָס, וואָס ס׳איז היינט.

און דאַמאָלס וועט עס אויך זיין אומבאַוווסט.

אויב „איך" וועל זיין — וועל איך זיין דאַמאָלס אַזוי ווי כ׳בין היינט.

כ׳בין צו ווייט אַוועק און דעריבער איז מיר שווער צו לעבן. אַ מענטש, וואָס טוט שוין גאָרנישט מער, פּירט בלויז אויס, וועט שוין ווייניק אויפטון.

דער געדאַנק דאַרף זיין נאָך דער טאַט, נישט פאַר איר, דער געדאַנק — דאָס איז דעם זכרון. די מעשים דאַרפן זיין אַנדערע, אַלזאָ נייע.

איך וועל שוין קיין סך נישט אויפטון.

כ׳וועל אפשר פעיק זיין צו שטאַרבן.

איך האָב געטראַכט צו גיין און דערהרגענען דעם צאַר. און האָב אויפגעשריבן אַלץ, וואָס איך דענק.

און ווען כ׳האָב געוואָלט פאַרשטיין דאָס, וואָס כ׳וועל אויפשרייבן — האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס וואָלט שוין נישט געווען מיין טאַט.

צו וואָס דערהרגענען אַלעקסאַנדער דעם II-טן?

נישט אין אים לעבט דאָך דער צאַר.

ער לעבט אין אונדזער געדאַנק. נישט אין מיינעם. איך קען אים נישט. אַלעקסאַנדער דער II-טער, דאָס איז נישט קיין צאַר, נאָר אַ מענטש.

ווען כ׳וואָלט אים געטראָפן אויג אין אויג, וואָלט איך אים עס געזאָגט.

אָנשרייבן אים.

צי איז דען נישט אַלציינס, וואָס ער קלערט.

ער איז דאָס, וואָס רוסלאַנד טראַכט וועגן אים.

צי ווייסט ער און פילט, וואָס ער איז.

מיך גייט עס נישט אָן אינגאַנצן. כ׳וואָלט אים נישט געקענט דערהרגענען.

איך האַלט נישט, אַז מ׳מוז דווקא דערהרגענען.

מ׳דאַרף זיך פאַרטיידיקן.

טאָרסט מיך נישט אָנרירן, דערפאַר קומט דיר טויט, אונדזער ביידנס טויט. צַבער כל זמן כ׳לעב, בין איך אומבאַרירלעך.

איצט בין איך גליקלעך, כ׳ווייס, אַז קיינער וועט מיך נישט אָנרירן.

כ׳געהער צו קיינעם נישט, כ׳בין איינער אַליין. כ׳וועל טון אַלץ, וואָס כ׳וועל וועלן, בלויז דאָס, וואָס כ׳וועל וועלן.״

און נאָך עטלעכע טעג פאַרן טויט האָט ער געשריבן.

„איך האָב גערעדט מיט ניעטשאַיעוון, און ער ווייסט שוין, ער האָט געזאָגט, אַז איך האָב קיין רעכט נישט, מיר געהערן נישט זיך, מיר געהערן דער אידעע. ניין, די אידעע — דאָס בין איך.

שפּעטער האָט ער געענדערט זיין מיינונג.

גוט. דאָס וועט זיי נאָך דערשרעקן.

מיך גייט עס נישט אָן, כ׳טו, ווי איך וויל און וואָס איך וויל.

ניעטשאַיעוו איז אַ שטאַרקער מענטש, אָבער ער האָט זיך אַליין אָוועקגעגעבן דער אידעע. ער האָט אַ גאָט, דער גאָט איז שנאה. מ׳דאַרף קיינמאָל נישט האָבן קיין גאָט אפילו נישט אַזעלכן וועלכער לעבט אין אונדז. מ׳דאַרף זיין תמיד א י ך.

איצט ווייס איך שוין, אַז אַלץ וועט זיין געענדיקט, און כ׳האָב שוין אַלץ צוגעגרייט.

כ׳בין אין איצטיקן מאָמענט זייער גליקלעך, און כ׳ווייס, אַז כ׳בין פון קיין זאַך נישט אָפּהענגיק.

די האַנט וועט מיר נישט קיין ציטער טון און געווער האָב איך גוטס, כוועל שיסן אַזוי, אַז די וווּנד זאָל דורכויס זיין אַ שטערבלעכע.

ניעטשאַיעוו רופט דאָס אַלץ אַריסטאָקראַטיזם. איך האָב אים דערקלערט: דעם מענטש טאָר מען נישט איגנאָרירן ווען איך וואָלט דאָס נישט געטון, וואָלט איך געמוזט זיך איגנאָרירן. ניע־טשאַיעוו, אין גרונט גענומען, איגנאָרירט מענטשן. מ׳טאָר קיינמאָל נישט האַנדלען נידעריקער ווי מען איז, מ׳טאָר נישט, ווייל דאָס הייסט דינען עפּעס אַזוינס, וואָס איז נישט איך און וואָס איז שוין דורך אונדזער איך באַגראָבן געוואָרן.

וואָס גייט מיך אָן אייער איך? — זאָגט ניעטשאַיעוו — וואָס גייט מיך אָן וועמעס נישט איז איז איך, אפילו מיינער.

דאָס איז אַ טעות.

ווער עס דערנידערקיט אין אַ מענטש יענעמס איך, איז נישט ערלעך, ווייל ער טוט אַנדערע דאָס, וואָס ער פאַראַכט אין זיך אַליין דער, וואָס דערנידעריקט זיך כּאַר אַנדערע, ברעכט זיין כּבוד, דערנידעריקט אַנדערע, גרינגשעצט זיי, פאַראַכטעט זיי, ווייל ער גיט זיי פון זיך נישט דאָס, וואָס ער שעצט אין זיך.

איבעריקנס, איז שוין דאָס אַלץ נישט וויכטיק.

איצט גיי איך מיר אַרום איבער מיינע צימערן און איך זאָג: דאָ איז דאָס הייליקע לאַנד פון פרייהייט, דאָ קומט מען אַריין מיט געווער אין דער האַנט און מען פאַלט באַם אריינ־גאַנג; אויף דער שוועל. צי וואָלט דען נישט גלייכער געווען זיך באַלד צו דערהרגענען און נישט הרגענען קיינעם? ניין, נישט שטאַרבן וויל איך, נאָר לעבן פריי, אַזוי פריי, ווי דאָס איז דאָ מעגלעך. די שעה, אין וועלכער איך וועל דאָ שיסן און זיך פאַר־טיידיקן: דאָס איז מיין פרייהייט. איך באַגיי נישט קיין

זעלבסט־מאָרד. איך לעב בלויז אין רוסלאַנד. ווי אַ פרייער מענטש.

מ'דאַרף קיינמאָל נישט אויסקלויבן זיך קיין אָרט, נידעריקער פון אייגענעם איך.

מ'טאָר זיך אַליין קיינמאָל נישט מאַכן באַר קיין שקלאַף.

ק אַ ט י אַ

V

אין דער שווייץ האָב איך געפונען באַקאַנטע. זשעמשוזש־ביקאָוו האָט מיך באַגריסט מיט אַן אומעטיקן שמייכל. יאַשקאַ האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון דער ווירקונג, וואָס ס'האָבן נאָך געהאַט אויף אים די איבערגעבליבענע איינדרוקן און דערשיטערונגען: ער האָט זיך בלויז נ״ר בשום אופן נישט געקענט קיין עצה געבן מיט די שווייצאַרישע מנהגים. פון אינדערפרי ביז נאַכט פלעגט ער נישט אויפהערן אַלץ אינאיינעם צו שפּאַסן. קיינמאָל, האָט ער מ״ר געזאָגט אין לאָזאַן, האָב איך נישט געזען אַזוי פיל שרעקלעך מיאוסע פרויען. צי באַמערקסטו, אַז אַלע האָבן זיי וואָנסעס. און וועגן וואָס רעדן זיי? איך זאָג אייך, אַז אין קיין שום סאָלוויטשעגאָדסק אונ־דזערן איז נישט אַזוי לאַנגווייליק.

ער האָט זיך באמת שטאַרק געלאַנגווייליקט. די נאַטור האָט אים ווייניק אינטערעסירט. „אַ באַרג, נו אַ באַרג” נו וואָס וועט ער מיר איצט געבן — דער באַרג דיינער, נײַן, איך וועל מיר קיין קאָזע־אַטאַזיזמען גישט לאָזן אַנטוויקלען. דאָס איז אפילו נישט מאָראַליש! ואָס האָט אָבער געדויערט נישט איבעריקנס לאַנג.

אין אַ געוויסן פרימאָרגן איז ער אַ״ײנגעלאָפן אַ טריומפירנדיקער: נו יאָ, דאָס זענען מענטשן, דאָס פאַרשטײ איך, נעכטן האָט דאַ אײנער אַ „פּאַטראָן“, אַ שאָקאָלאַדע־שווײן אַזעלכער — נור, פאַרשטײסט אַ בורזשוי אַ גרויסער אין שאָקאָלאַד, מיט אײן וואָרט סוכארד, צי ווי דו ווילסט דאָרט. צוקערלעך אויך, נאָר נישט אין דעם גײט עס. אַלזאָ נעכטן האָט ער באַ זיך אין קאַבינעט — עפּעס דאָרט מיט אײנער אַן אַרבעטערין. טײל זאָגן, ער האָט זי אָנגעשיכורט און געשענדעט, אַנדערע ווידער — אַז דאָס מײדל אַלײן איז באַשטאַנען. אַזוי צי אַזוי, אַלץ אײנס: אויב זי איז אפילו אַלײן באַשטאַנען, קומט אים אויך דאָס זײניקע, נו גוט, הײנט שטײט די פאַבריק — אַ שטרײק.

און פון דאַן אָן איז מיר יאַשקאַ פאַרשוווּנדן פון די אויגן.

נאָכן שטרײק פון די שאָקאָלאַד־אַרבעטער איז געקומען דער שטרײק פון די בוי־אַרבעטער, שפּעטער פון די זײגער־מאַכער. יאַשקאַ האָט אומעטום געמוזט זײן.

אין משך פון דרײ וואָכן האָט ער זיך אויסגעלערנט שרײבן פּראָקלאַמאַציעס אויף פראַנצויזיש.

מיך האָט אין יענער צײט געפּײניקט אַן אַפּאַטיע און אַ גײסטיקער, נישט גוטער און פוילער צושטאַנד. זשעמטשוזשניקאָוו האָט געזוכט אײנזאַמקײט: כ׳פלעג אים טרעפן טײלמאָל באַ דער אַזערע מיט אַן אויסדרוק פון שטילער התלהבות אין די אויגן. ער פלעגט שווײגן ווי אַ גײסט, וועלכער איז פרעמד דעם אַלעם, וואָס רינגלט אים אַרום.

כ׳האָב מיך באַזעצט אין עפּעס אַ לאָזאַנער פּענסיאָנאַטל, כדי זיך מיט קײנעם נישט צו טרעפן.

און צוריק בין איך געווען באַ טאַרוטינאַן און מאַרטינאָוון. דער נאַיווער און יונגער ענטוזיאַזם פון דער קאָלאָניע, וועלכער פלעגט זיך צונויפקומען באַ זײ, האָט מיך איפּגערעגט.

זײ האָבן געגלײבט אין אַ זיכערן נצחון. זײ האָבן נישט געטראַכט וועגן אַזאַ קאַמף, וועלכער האָט זײ דערוואַרט. כ׳בין נישט געווען פאַר זײ קײן פּאַסיקער חבר.

איבעריקנס, האָט מען אין געוויסע קרייזן אויף אונדז גיע־שאַיעוועס דאַמאָלס אַ ביסל קרום געקוקט.

כ׳בין געווען איינער אַליין.

גאַנצע טעג פֿלעג איך זיצן פֿאַרמאַכט אין צימער. אין אָוונט פֿלעג איך אַרויסגיין און וואַנדלען איבער דער אומגעגנט.

כ׳האָב ליב געהאַט אַרויפֿצוקלעטערן אויף די בערג פֿון סינ־גאַל, וואָס שטייען איבער לאָזאַן, וואָס זיצן דאָרט אומבאַוועגלעך.

עטלעכע מאָל האָב איך דאָרט פֿאַרבראַכט די נאַכט.

פֿון דער דאָזיקער צייט איז מיר כמעט נישט געבליבן קיין זכרונות.

עמעצער האָט געבראַכט אַ ידיעה, אַז פּאָליציי זוכט מיך אומעטום. מען האָט מיך ענדלעך מתּרה געווען, איך זאָל ענדערן די פֿאַמיליע און דאָס וווינאָרט.

איך האָב זיך אַריבערגעצויגן קיין קלאַרענס, מען האָט מיר צוגעשטעלט עפּעס אַ פּאַס, איבעריקנס, דאָב איך זיך נישט געקענט צווינגען צו קלערן וועגן אַזעלכע זאַכן.

איך פֿלעג מיך כאַפּן באַם שאַפֿן לעגענדעס אויף אייגענע טעמעס. איך האָב מיך באַמיט צו פֿאַרשטיין מיין שטעלונג און מיין ראָל.

וואַנדלענדיק איבער די בערג האָב איך געטראַכט: ווער ביסטו? און די פֿאַנטאַזיע פֿלעגט געבן טויזנטער דראַמאַטישע תּשובֿות.

אויף דער דאָזיקער פֿראַגע ענטפֿערט נאָר די אוממיטלבאַרעווירקלעכקייט אַליין — דער געדאַנק קיינמאָל נישט. איך בין אָבער געווען אין יענער צייט אַ פֿאַרבלאָנדזשעטער דורכגייער, וועלכער האָט געזוכט. זונדז מאָדערנע מענטשן דראָט אומאויפֿהערלעך די סכּנה פֿון אויפֿוועקשטעלן אויפֿן אָרט פֿון אונדזער ווירקלעכן לעבן עפּעס אַ מוסטער, גענומען פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט. דערווייל איז אונדזער אויפֿגאַבע נישט ענלעך צו עפּעס אַנדערש. עס האַנדלט זיך נישט אין דעם, אַז מען זאָל צעשווימען ווערן אין עפּעס אַן אידעע. ניין. מען דאַרף דווקא אַלס יחיד פֿירן אַ קאַמף נישט פֿאַר דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון עפּעס אַן אידעע, ד. ה. פֿון עפּעס אַ

פאָרם, וואָס רעגירט מיטן מענטש, נאָר פאר א פרייען הערשן פון ווירקלעכע לעבעדיקע מענטשן איבערן לעבן, איבער אלע פאָרמען, דעריבער קומען מיר פאָר זיך אליין ווי פארברעכער און אַפּטרי-ביקעס. מיר באפרייען זיך פון אונטער דער שליטה פון אלע צוימען און פעסטגעשטעלטע פאָרמען.

איך בין דאַמאָלס אַרומגעגאַנגען גאַנצע טעג טראַכטנדיק. א סך מאָל האָבן שוין די געדאַנקען געזען דעם אמת און זיך צו-ריקגעצויגן פאַר אים ווי פאַר א טעות.

אזוי שווער איז צו גלייבן אין זיך.

דאָ זענען מיר געקומען אונטער דער האַנט ווערק פון אונד-זערע עמיגראַציע-פּאָעטן, און דער צוזאַמענגעשטויס מיט זיי האָט אַרויסגערופן אַן אינערלעכן סכסוך. עס האָבן אויפגעוואַכט די קינ-דישע געפילן און חלומות. זיי נעמען צו די ערלעכקייט און די געדאַנקען-קלאָרקייט, די דאָזיקע ביכלעך. זיי ברענגען אַריין אין דער נשמה אַן אויפרעגנדיקן און פאַרניכטנדיקן פערמענט פאַרן ווילן.

פון וואַנען האָבן זיי זיך גענומען?

די וועלט פון נד-ונדניקעס, פון בענקנדיקע אויסוואַנדערער האָט זיי געבוירן, ווי א זעלבסט-שוץ קעגן לעבן.

פארבליבן זענען זיי ווי אַ פאַרשטייבערטער ווילן פון א האַרץ, וואָס וויל נישט זען.

עס איז אַנטשטאַנען אַרום די דאָזיקע מענטשן א נייע וועלט.

די גאַנצע וועלט פון דער מאָדערנער מענשהייט — זי האָבן זיי נישט געזען, נישט געוואָלט זען. זיי האָבן געפרעגט באַם וואַקסנדיקן, זיך אַנטוויקלדיקן לעבן:

„וועסט מיר אומקערן פוילן?“

פאַרוואָס האָט מען שוין געהאַלטן פוילן פאַר פאַרפאַלן? און אויב שוין פאַרפאַלן, טאָ פאַרוואָס-זשע האָבן זיי שוין נישט אויפגענומען דעם דאָזיקן פאַרלוסט ווי אַ טייל פון דעם אַלגעמיינעם מענטשלעכן דראַנג צו דער צוקונפט? צי האָט א מענטש, אַ מאָ-דערנער מענטש, ערגעץ זיין היימאַט? און דערפאַר ווערן מיר אַזוי

לייכט פאַרטשאַדעט באַם צוזאַמענטרעפן זיך מיט דער חעלט פון בעקשאַפט און אַ צעבראַכענעם בלוטנדיקן געפיל. וואָס-זשע פעלט דיר? דאָס פאָטערלאַנד? בלויז דאָס פאָטערלאַנד? בלויז דאָס?

צו לייכט וואַרפט זיך אונטער דער געדאַנק.

דאָס האַרץ געוווינט זיך צו צו דעם אַמאָליקן אָרט פילן. מיר האָבן אַלע די טבע זיך צו טרייסטן, אַז מיר דאַרפן בלויז עפּעס אַ באַוווסטזיין. על כן עפּעס אַ פּאַרטיקע זאַך. נישט געזוכט שוין דעריבער און נישט געאַרבעט, בלויז געוואַרט, אונדזער געדאַנק איז פוילער פאַר די מוסקולן, ער איז מער איינגעזשבט אין די הילף-מיטלען, וועלכע העלפן אויסמיידן אַרבעט.

וואָס וויל איך?

עס פלעגט צוריקקומען די גרויזאַמע פראַגע.

און עס האָט זיך געדאַכט, אַז עס איז נישטאָ אין מיר קיין שום תשובה.

אין דער דאָזיקער צייט האָב איך באַגעגנט קאַטיען.

באַם table d'hote האָט זיך באַוויזן אַ נייע פּערזאָן, אַ שיינע הויכע ברונעטין, מיט נאַכלעסיק פאַרקעמטע האָר אין אַ קאָקס.

איך האָב באַלד געוווסט, אַז איך האָב שוין ערגעץ געמיזט זען אָט דאָס פּנים און די אויגן. איך האָב אויך געזען, אַז די אומבאַקאַנטע האָט אויף מיר אַ קוק געטון עטלעכע מאָל, ווי זי וואָלט זיך עפּעס דערמאַנט.

פלוצלינג איז זי רויט געוואָרן און האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. עפּעס אַן אומאָנגענעמער פיינלעכער שוידער האָט צונויפגעצויגן איר פּנים.

אין דער זעלבער רגע האָב איך מיך דערמאַנט:

דאָס איז געווען קאַטאַזשינאַ מאַראַשקינאָווא.

זי האָט זיך שטאַרק געענדערט, אַמתער געזאָגט, זיך אויסגעגלייכט און צעבליט.

דאַמאָלס האָט זי געמאַכט אַן איינדרוק פון אַן איבערגעשראָ-

קענעם שול־מיידל, וואָס האָט פּלוצלינג דערוואַכט אַלס פּרוי אין די קלאָען פון דער חיה.

זי איז מיר פּלוצלינג פאָרגעקומען מאָדנע נאָענט.

און כ׳האָב דערפילט אַ שרעק באַם געדאַנק, אַז זי וועט וועלן אויסמיידן דאָס באַגעגענען זיך מיט מיר און זי וועט פאַרשווינדן פון דאַנען.

כ׳האָב באַשלאָסן דאָס צו פאַרכאַפּן.

נאָך מי־אָג בין איך אַוועקגעגאַנגען צו איר, און נישט קוקנ־דיק אויף איר געזאָגט:

— אויב ס׳איז אייך אומאָנגענעם זיך צו טרעפן מיט מיר, זאָגט מיר אָפן, מיר איז נישט קיין נפקא־מינה, ווו איך וווין, כ׳וועל מיך אַוועקציען פון דאַנען, אָבי אייך קיין צער נישט צו פאַר־שאַפן. . .

זי האָט אָנגעהויבן פּראָטעסטירן.

אויף אַזאַ אופן האָט זיך באַגייט אונדזער באַקאַנטשאַפט.

ס׳זענען אַדורך צוויי טעג און כ׳האָב שוין נישט געקענט וועגן איר קלערן

זי פלעגט זיך מיט מיר גערן זען.

מיר האָבן גערעדט וועגן די אַלטע באַקאַנטע, אויסמיידנדיק פאַרזיכטיק אַלץ, וואָס האָט געקענט אויפברענ־ען פאַר אירע אויגן יענע שרעקלעכע סצענע.

נישט קוקנדיק אויף דעם, האָט זי זיך געפונען צווישן אונדז און כ׳האָב געזען ווי קאַטיעס פּנים ווערט פּלוצלינג פאַרצויגן מיט אַ רויטער שיין.

זי איז געווען אַ לערערין באַ עפּעס אַ פאַמיליע, שפּעטער אַ פאַרלעזערין באַ עפּעס אַ זקנה, וועלכע איז געשטאָרבן, איבער־לאָזנדיק איר אַ געוויסע געלט־סומע. איצט האָט זי זיך אָפּגערוט. כ׳פלעג איר ברענגען ביכלעך, נאָך וועלכע זי האָט זייער גע־בענקט.

איר אויסגעהונגערטער מוח האָט געשלונגען די וויסנשאַפט, מיט אַן אומוואַרש־נלעכער שנעלקייט.

בשעת זי פלעגט עפּעס פאַרשטיין צום ערשטן מאָל, פלעגט

זי ברייט עפענען די אויגן, וועלכע האָבן געקוקט אויף דער וועלט מיט עפּעס אַ דאַנקבאַרער התפּעלות.

אין יענער צייט פלעג איך אָפט באַגיין פעלערן, אָפּשאַצנדיק דעם געדאַנקען-צושטאַנד פון טייל מענטשן. כ'בין פּשוט געווען צו אָנערקערן פאַר אַלגעמיין באַוווּסט די געדאַנקען, מיט וועלכע כ'האָב מיך אַליין איינגעלעבט.

איצט ווייס איך, ווי גרויס עס איז געווען דער שפּרונג, וועלכן ס'האָט געמוזט מאַכן קאַטיעס געדאַנק. זי האָט געהאַט אין קאָפּ, בשעת כ'האָב זי באַגעגנט, אַ דורכשניטלעכן כאַאָס, וועלכער איז באַשטאַנען פון די אַזוי גערופענע ידיעות, וואָס מען באַקומט אין שול, פון אַ ביסל מאָדערנע געדאַנקען, צופעליק אַרויסגעלייענטע פון די ליבעראַלע מאָנאַט-שריפטן, פון עטלעכע צענדליקער דערציילונגען, וועלכע זי האָט פאַרגעלעזן דער אַלטער אויפן קול.

בלויז אַ שטאַרקער מוח האָט געקענט אויסהאַלטן די מעטאָדע, וועלכע כ'האָב אַזוי אומפאַרזיכטיק אָנגעווענדט.

אַריינגעפירט אין געדאַנקענגאַנג פון מאָדערנעם רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם, האָט קאַטיאַ אין אַ קורצע צייט אַלץ פאַרשטאַנען.

כ'פלעג האָבן אַן איינדרוק, אַז די גייסטיקע איבערקערעניש האָט זיך אָפּגערופן אפילו אויף איר אויסזען. בשעת כ'האָב זי דערזען ס'ערשטע מאָל, איז זי געווען מער פרוי. עפּעס באַאומרויִקנדיקס, באַרוישנדיקס איז געווען אין איר, אין איר אַרט קעמען זיך, אין אירע באַוועגונגען; עפּעס אַן אַרויסרופנדיקע ווייבקייט.

איצט האָט זי מסתמא נישט טראַכטנדיק וועגן דעם, זיך גענומען אַנדערש קעמען און אָנטאָן. אין אַ בלוזקע מיט אַ הויכן קאָלנער, אין אַ קליינעם היטעלע האָט זי אויסגעזען ווי אַ בילד-שיין יינגל.

איך ווייס נישט, ווי עס זעט אויס די וועלט פון ערנסטישע געדאַנקען בײַ אַ פרוי, איך ווייס אָבער, אַז אָן אונדזערע מענערישע ליבעס-געדאַנקען שליסן זיך אָן דאָס רוב עלעמענטן, וועלכע בעוולהן סיי אונדז, סיי די פרוי, יענע ווילדע סצענע, פון וועלכער איך

בין געווען אן עדות, האט געשפילט אין מיין באציונג צו קאטיען א פיינלעכע ראל, וועלכע איך האב נישט געקענט לייקענען איך קען עס באצייכענען אויף אזא אופן, אז אין א געוויסן ווינקעלע פון מיינע געפילן און געדאנקען האט קאטיע נישט אויפגעהערט צו זיין נאקעט, איך האב מיך באמת נישט צו קלערן קיינמאל וועגן דעם, וואס עס קומט דארט פאר אויף דעם געביט, אבער עס האט אין מיר געלעבט אומאויפהערלעך עפעס אן עלעמענט פון געשלעכטלעכער אויפרעגונג. איך האב געפילט, אז איך בין אומערלעך אין דער דאזיקער באציונג. היינט ווייס איך, ווי שווער עס איז צו בלייבן בא דער אינערלעכער געפילן-ערלעכקייט אין דער באציונג צו א פרוי, וועלכע מען באגערט. ווייל איך האב מיר נישט געשאפן קיין אילוזיעס וועגן דעם אז: אזוי איז עס — אז אומאפהענגיק פון אלע גייסטיקע סימפאטיעס — איז קאטיע טאקע דערפאר פאר מיר — די פרוי, וועלכע איך באגער.

איך בין געווען אין יענער צייט קינדיש אומגליקלעך.

נישט ווילנדיק, פלעגט אנטשטיין דער געדאנק, אז פונקט אזוי ווי אונטערן מאנטל פון גייסטיקער פריינטשאפט, וועלכע בינד מיך מיט קאטיען — איז באהאלטן גאר עפעס אנדערש, אזוי קענען אויך אנדערע מיינע איבערצייגונגען און שטרעבונגען זיין אן איינרעדעניש.

שוין דער פאקט אליין, אז א פרוי האט געקענט אזוי באהערשן מיינע געדאנקען, האט זיך געלייגט אויף מיר ווי א שווערע משא. אין אמתן, האב איך מיר געטראכט: ביסט עפעס א ליידיקגייער, א פריצל, וואס זוכט זיך אויף אזא אדער אויף אן אנדערן אופן איינדרוקן. דעם אלטן פאפאוו בינדן מיט דער רעוואלוציע און דער מענטשהייט א סך פעסטע פעדעם, און ווי דו האסט דיר עס דערלויבט אים גרינג צו שעצן! יא, אונדז — מענטשן, וועלכע זענען דערצויגן אויף די באגריפן פון ראמאנטישן אידעאליזם, איז שווער זיך צו גלייבן, אז אויך מיר ווערן אריינגערעכנט אין חשבון, אז אויך אונדזער רעאל,ווירקלעך, פערזענלעך לעבן איז נישט עפעס אפגעזונדערטס פונם אלגעמיינעם. דערמאנענדיק זיך ברענאיזענען, האב איך מיך באמת אנצונעמען א באשלוס, וואס זאל

זיין אין הסכם מיט דעם, ווי אזוי ער וואלט געהאנדלט אויף מיין ארט. מיין חוב, פלעג איך זאגן, איז אוועקצופארן און נישט באום־רויקן מער דאס דאזיקע הערלעכע באשעפעניש.

עס האבן אבער אנגעהויבן פארקומען זאכן, צוליב וועלכע אלץ האט אנגענומען אן אומגעריכטע ווענדונג.

שוין מיט א פאר טעג צוריק האב איך באקומען א געהיים נישפילע התראה, אין וועלכער עס האט זיך גערעדט וועגן עפעס א נאנטער סכנה.

כ'האט דערויף בשעת מעשה נישט געלייגט קיין גרויס אכט. כ'האב געהאלטן, אז פארזיכטיקייט דא אויפן אייראפעישן באדן איז א גוזמה, און כ'בין פשוט פיזיש נישט אומשטאנד געווען צו גלייבן אין דעם, אז ס'עקזיסטירן שפיאנען, וועלכע זענען נענטער פארמישט אין אונדזער לעבן.

אין א געוויסן פרימארגן האט מיך אויפגעוועקט א קלאפ אין דער טיר.

דאס איז געווען טארוטינא, וועלכע איז געקומען מיך מתרה זיין, אז די רוסישע רעגירונג פאדערט, מען זאל מיך ארעסטירן און ארויסגעבן, באשולדיקנדיק מיך אין דעם אטייל אין איוואנאוו מארד. לכתחילה האב איך טארוטינען שארף זיך געענטפערט, אז נישט מער ווי רכילות, ווייבערישע נערוון, אז כ'וועל נישט ארויס־פארן, כ'קלער נישט ארויסצופארן, און אז ס'דראט מיך קיין זאך נישט.

בלויז באם געדאנק, אז כ'וועל נישט זען קאטיען, איז מיר דאס הארץ אנטפאלן, וועגן דעם האט זיכער קיין רייד נישט גע־קענט זיין. אבער טארוטינא איז צוגעשטאנען צו מיר. זי האט גע־פאדערט די טעמים: כ'בין אין כעס געווארן, כ'האב באשלאסן איינצוגיין, ארויסצופארן און באלד צוריקצוקומען. כ'האב אנגעהויבן פאקן דעם טשעמאדאן, בשעת ס'האט זיך אין דער טיר באוויזן די באלעבאסטע א בלאסע, נאך איר ווידער עפעס א ציווילער הער און צוויי אגענטן.

— M-r Michel Kaniowski — n'est-ce-pas?

(הער מיכאל קאניאווסקי, נישט וואר?)

— Non, monsieur, Emanuel Rouh. (ניין עמאַנועל רצה)

— „Parfaitement, monsieur, c'est la meme chose“ (אייגנטלעך איז עס אַלצײנס) — האָט געזאָגט דער הער — איר וועט אַזוי גוט זײַן גײן מיט מיר.

אָן איבעריקער באַמערקונג האָב איך אָנגענומען די אײנלאַדונג. כ'האָב נאָך אַלץ נישט געגלייבט, אַז דאָס זאָל קענען האָבן וואָס פאַר עפּ זאָלן נישט זײַן קאָנסעקווענצן.

מיר האָבן זיך אַרײַנגעזעצט אין אַ דראָזשקע, וועלכע האָט זיך אָוועקגעלאָזט מיט אימפּעט. מיר זענען געפאָרן קיין לאָזאַן. דאָ האָב איך אויף עפּעס אַ פּלאַץ באַמערקט אַ מחנה מענטשן, צווישן וועלכע ס'האָט מיר אַ בליץ געטון יאַשקעס פּנים.

דער פורמאַן האָט אַײַנגעדרייט אין אַ שמאָל געסל, און אין דער אייגענער מינוט איז דאָס פערד געפאַלן.

— וואָס איז דאָרט — האָט אויסגעשריגן דער הער אין די ציווילע קליידער און איז פּלוצלינג אַנטשוויגן געוואָרן, מאַכנדיק משונהדיקע באַוועגונגען. פון המון האָט אים עמעצער אַ וואָרף געטון זאַמד אין די אויגן.

אין דעם מאָמענט האָב איך דערפילט, אַז עמעצער כאַפּט מיך בײַ דער האַנט און מ'שלעפּט מיך אַראָפּ פון וואָגן. כ'האָב מיך געפונען צווישן פינף אָדער זעקס מאַנסלייט, וועלכע האָבן אויסגערופן:

„לויפן מיט אַלע כוחות”.

הינטער מיר האָב איך דערהערט שיסערייען.

מיר זענען דורכגעלאָפן עטלעכע געסלעך און אַרײַן אין עפּעס אַ הויז.

— טו דיך איבער, און אין וועג אַרײַן — האָט אויסגעשריגן יאַשקאַ — מ'האָט מיר אָנגעטון אַן אַרבעטער-בלוזע און אַ געהעריקן קאָסטיום, מ'האָט מיר אַרײַנגערוקט אין קעשענע אַ פּאַס. — דו הייסט זשאַק לעבאָן. נו, און געגאַנגען — האָט קאָמאַנדעוועט יאַשקאַ — אָט די בירגערין וועט דיך אַרויספירן. האָסט נאָך גוט אָפּגעשניטן, בלויז אַ דרעי איז אַ ביסל פאַרוווּנדעט.

אין פינף מינוט אַרום בין איך געזעסן אויף עפּעס אַ וואָגן לעבן קוישן מיט גרינצייג און פלעשער מילך.

אויף אַזאַ אופן האָב איך פאַרלאָזט לאָזאַן.

ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן, איך זאָל אָפּזיצן אַ געוויסע צייט אין שטוב בא דער באַזיצערין פון וואָגן און די פלייש. ס׳האָט דאָרט געוואַרט אויף מיר עפּעס אַ שווייצער, וועלכער איז געווען שטאַרק פאַרליבט אין יאַשקען.

— מ׳וואָלט אייך אַרויסגעגעבן, חבר — האָט ער געזאָגט — ווי צוויי מאָל צוויי.

די ערשטע צוויי טעג האָב איך מיך פּשוט נישט געקענט אַרויסרירן פון שטוב. מ׳האָט מיך געהיטן, ווי דאָס אויג אין קאָפּ. בשעת כ׳פלעג אויפשטיין, פלעגט מען מיך פרעגן, וואָס מ׳זאָל מיר ברענגען.

יאַשקא פלעגט צושיקן שוידערהאַפטע בריוו. מ׳האָט איבערגעדרייט גאַנץ לאָזאַן און די אומגעגנט. מ׳האָט אַרעסטירט דריי צי פיר מענטשן, וועלכע זענען געווען ענלעך צו מיר: איינער פון זיי זיצט נאָך עד היום. ס׳איז אפילו געקומען צו פאָרן צו אים דיין כלה. מיר האַלטן די צונג צווישן די ציין, זאָל זי ווייגען אַ ביסל, ווייבערישע צונגען טויגן נישט. איבעריקנס, איז די בענקשאַפט אַ טייערע רפואה. די דאָזיקע הוספה צום בריוו האָט געווירקט אויף מיר ווי אַ מינע.

איך האָב באַשלאָסן פאַר יעדן פּרייז צו זען קאַטיען.

באַנאַכט האָב איך אָפּגעוואַרט דעם מאָמענט בשעת די גאַנצע שטוב איז שטיל געבליבן.

כ׳האָב מיך אויפגעהויבן און זיך אָנגעטון שטילערהייט. כ׳בין אַרויסגעשפּרונגען דורכן פענסטער.

ס׳איז געווען אַ ליכטיקע לבנה-נאַכט. דער וועג האָט זיך געשלענגלט צווישן בערגלעך, לענגאויס דעם ברעג פון אַ טייכל. כ׳בין געגאַנגען מיט אַן אומדערטלעך פאַרגעפיל פון גליק. אַ דופּטיקער שטרויך האָט מיר אַ שמיץ געטון איבערן פּנים מיט אַ נאַסער צווייג. כ׳האָב אָפּגעבראָכן און אָנגעריסן נאָך אַ הויפן בלומען.

ס׳איז נאָך געווען באַגינען, ווען כ׳בין געשטאַנען אונטער די פענסטער פונעם הויז. איר פענסטער איז געווען אויפן ערשטן שטאָק האַלב אָפן.

כ׳האָב צונויפגעבונדן די בלומען און זיי אַ וואָרף געטאָן.

כ׳האָב דערהערט אַ שוואַכן געשריי.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך געעפנט דאָס פענסטער. גע־שטאַנען איז דאָרט זי, מיט פאַרזשמורעטע אויגן, זי.

זי האָט מיך דערזען און אויסגערופן: „דו!“

כ׳האָב געזען, אַז זי האָט זיך נישט געריכט אויף דעם דאָ־זיקן אויסגעשריי.

מיטן אינסטינקט, וואָס מאַכט נישט קיין לאָגישע אויספירונ־גען, האָב איך געזאָגט: „קום אַראָפּ“.

ס׳איז אַריבער עטלעכע מינוט.

זי האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל.

מיר האָבן נישט געזאָגט איינער דעם צווייטן קיין איין וואָרט.

אין אַ ווײַלע אַרום האָב איך אויפגעהויבן די אויגן.

— דו ביסט געווען אין לאָזאַן.

זי האָט געענטפערט: יאָ.

— ווילסטו, דאָס זאָל זײַן אַן אמת.

נאָך דעם זעלבן טאָג זענען מיר אַרויסגעפאָרן קיין פראַנק־רײַך.

2

מיר האָבן זיך באַזעצט אויף דער סאַמער שווייצאַרישער גרענעץ. דאָ איז אין יענער צײַט געווען דער צענטער פון דעם אויפגייענדיקן אַרבעטער־באַוווסטזיין. ווער ס׳האָט נישט געקענט דעם ערשטן דור פון אינטערנאַציאָנאַל און דווקא נישט די אינ־

טעליגענטע פּרעדיקער, נאָר די אַרבעטער, באַזונדערס די — פון געוויסע אויסקוואַליפיצירטע אינדוסטריע־צווייגן, צום ביי־שפּיל — די זייגערמאַכערס, דער האָט אָנגעווירן די מעגלעכקייט צו באַקענען זיך מיט איינעם פון די אינטערעסאַנטסטע זייטן הער־לעכטע מאָמענטן אין דער אַנטשטייונג פון מאָדערנעם באַוווּסטזיין. מיר האָבן געלעזן און לעזן אַלע באַגייסטערטע כאַראַקטעריסטי־קעס פון די ענגלישע פּוריטאַנער אָדער די אַמעריקאַנער קאָלאָ־ניסטן, — די דערשיינונג, מיט וועלכער מיר האָבן דאָ געהאַט צו טון, איז געווען טיפער און אַ סך קאָמפּליצירטער. ביז אַהער איז בײַ אַלע באַוווּסטע טיפּן פון געזעלשאַפטלעכע טוער די פאַראַנט־וואָרטלעכקייט אַרויסגעטרעטן אין אַ פאַרמאַסקירטער פאָרם, די אידעע, וואָס האָט זיי געבראַכט אין דער באַוועגונג, איז געווען איי־סער זיי. ווען זיי האָבן זיך געפילט אַבסאָלוט פאַרייניקט מיט איר, איז זי נאָך אויך דאַמאָלס געווען אָנוועזנד אין זיי, ווי עפּעס אַ זאַך וואָס הייליקט זיי, וואָס שאַפט זייערע רעכט און פליכטן. דער שכל פון קאַמף איז געווען שטענדיק אויסער דעם קאַמף. דאָס זענען געווען לעבעדיקע מענטשן, וואָס האָבן געפילט זייער פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט, אַלס אַזעלכע, אַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט שוין נישט קעגן גאָט, קעגן אַן אידעע, נאָר קעגן מענטשן, אַזעלכע לע־בעדיקע ווי זיי אַליין. דער עלעמענט פון באַוווּסטזיניקן שאַפן בעשיכטע איז נאָך קיינמאָל נישט געווען דירעקט רעאַליזירט און דורכגעלעבט.

וואָס פאַר אַ שטאָלץ און דערהויבענע זעלבסט־ווירדע עס איז געווען בײַ די דאָזיקע מענטשן, וואָס פאַר אַ חוש פאַרן אמת, וואָס פאַר אַ פאַרשטענדעניש, אַז זיי שאַפן אומאויסהערלעך דאָס צוקונפטיקע לעבן פון דורות. דאָס איז נישט געווען קיין חילוק צווישן דעם געזעלשאַפטלעכן מענטש און דעם יחיד, צווישן גע־וויסן, וואָס שאַפט מאָראַלישע תקנות און דעם קאָנקרעטן, פּראַק־טישן לעבן.

אויף מיר האָט די דאָזיקע סביבה געווירקט, ווי אַן אויס־לייזונג אין אַנטפּרישונג. דאָס איז געווען אַ צייט פון פולשטענדי־קער האַרמאָניע אין מיין וועזן. כ'האָב געליבט און בין געווען

גליקלעך, כ'האָב געפילט, אַז מיין ליבע, איך, מיין פרוי, דאָס גאַנצע הויז אונדזערס, זענען אַרומגערינגלט מיט אַן אַטמאָספער פון דרך-ארץ מצד די דאָזיקע פיינע, שיינע מענטשן, וועלכע מיר האָבן געקענט, ס'זענען נעלם געוואָרן די גיהנומדיקע פיינלעכע שפּאַלטונגען. איך — מיכאל קאַניאָווסקי, אַלס אַזעלכער, האָב מיך געפילט מיט זיך. כ'האָב שוין נישט געזוכט קיין שליחות. כ'האָב איבערגעזעצט אויף רוסיש אַ גרויס נאַטורוויסנשאַפטלעך ווערק, כ'פלעג האָבן רעפעראַטן אין אַן אַרבעטער-קרייזל. קאַטיאַ האָט געאַרבעט גלייך מיט מיר. כ'וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן די דאָזיקע גליקלעכע טעג אין שויס פון דער פרישער גרינער נאַטור. כ'בין דאָס ערשטע מאָל אין לעבן געווען איבערצייגט, אַז כ'בין אַנוועזנד בײַ עפּעס, וואָס וועט ווערן צוקונפט. דאָ לעבט און ווערט געבוירן נאָר דאָס, וואָס האָט רעכט צו לעבן, נישט דאָס, וואָס איז פרעמד און פאַרניכטנדיק פאַרן לעבן.

אַ טיפן איינדרוק האָט געמאַכט אויף מיר די געשעעניש, וועלכע איז פאָרגעקומען אין אונדזער דערפל.

ס'האָט דאָ געוווינט צווישן אַנדערע אַן אַרבעטער אַלדי, אַ בוכבינדער מיט זיין פרוי. אַלדי איז געווען אַן אומגעוויינטלעכער מענטש. ער האָט געהערט צו די טיכטיקסטע פאַרשפּרייטער פון דער אַרבעטער-באַוועגונג אין דער צייט פון דער צאַרן-רעגירונג. ער האָט געהאַט אַ הערלעכן לייבן-קאָפּ מיט שוואַרצע געקרייזטע האָר, מיט וועלכע ס'איז אויך באַוואַקסן געווען זיין פּנים; פון אונטער די גרויזאַם אָנגעכמורעטע ברעמען און דעם מעכטיק געבויטן שטערן האָבן אַפּערגעקוקט אַ פּאָר ווייך-סאַמעטענע גרענעצלאָזע גוטע אויגן. אַלדי האָט שוין נישט געאַרבעט בײַ זיין פאַך. ער האָט געשריבן פלאַמענדיקע בראָשורן. דערביי איז ער געווען אַ קראַנקער. ס'איז נישט געווען קיין שום ספק, אַז אויב ער וועט אפילו לעבן, וועט ער שוין געזונט קיינמאָל נישט זיין. דאָס ווייב זיינס איז געווען אַ בילד-שיינע פרוי מיט קאַשטאַנען-האָר און מיט אויגן גרינלעכע, דורכזיכטיקע אין זיך בייטנדיקע, ווי דאָס וואַסער פון ים. קאַטיאַ האָט זייער ליב געקריגן עלעאָנאָרען, און יענע פלעגט אָפט זיין בײַ אונדז. זי איז געווען טרויעריק. מיר האָבן

עס אויסגעטײַטשט מיט דעם מאַנס קראַנקהייט. אַלדי פּלעגט אויך קומען צו אונדז, ער האָט מיך, דאַכט זיך, ליב געהאַט.

איינמאָל האָט ער געזאָגט צו אונדז:

— היינט קומט צו מיר. ס'וועלן מיר נייטיק זײַן פרײַנט.

מיר זענען געקומען צו דער באַשטימטער צייט. עלעאָנאָרא איז געווען צעמישט. איר פּנים האָט געפלאַמט. אין צימער האָט זיך געפונען אַן אומבאַקאַנטער מאַן, ער איז געווען אַזוי שיין, אַז ס'האָט זיך נישט געוואָלט פון אים אָפּרײַסן די אויגן.

ווען מיר זענען אַרײַנגעקומען, האָט אים אונדז אַלדי פאָרגעשטעלט.

— אַנרי ראַמען — האָט ער געזאָגט — ליבט אים, כ'בעט אײַך, ווי איך ליב אים. דאָס איז דער מײַן לעאָנאָרעס מאַן.

מיר זענען שטיין געבליבן דערשטוינטע.

אַלדי האָט זיך צעלאַכט מיט זײַנע גוטע אויגן.

— כ'האָב געוואָלט — האָט ער געזאָגט — דאָס איר זאָלט זײַן און זען, וואָס עס טוען מיט אַט די שלעכטע קינדער. זיי ליבן איינער דעם צווייטן. צי קען מען נישט ליבן ראַמענען? און איר ווייסט דאָך באַך גאָרנישט פון אים: ער האָט אויסגראַווירט „די אַרבעט”... ער איז אַ פּאָעט. מײַן טײַערסטער זון. כ'האָב תּמיד געטראַכט: וועסט שטאַרבן, אַלטער אַלדי, און וואָס וועסטו איבערלאָזן פאַר ראַמען: כ'האָב פאַרמאָגט איין אוצר, אָבער כ'האָב נישט געקענט מיט אים טון וואָס איך וויל. איך בין אַרומגעגאַנגען און געטראַכט, וואָס וועט זײַן מיט לעאָנאָרען. ווען ראַמען וואָלט זי געליבט, וואָס פאַר אַ לידער וואָלט ער געשריבן. און אָט מאַטערן זיי זיך, די נאַרישע קינדער, און זאָגן מיר גאָרנישט אויס. זאָל דער אַלטער אַלדי שטאַרבן אָן אַ נחמה. אָבער איך וויל דאָך זײַן אַ זיידע. ס'איז געווען אַ צייט — עלעאָנאָרע איז געווען מײַן פרוי... איצט איז די דאָזיקע צייט אַריבער. נו, נו ראַמען, האַלט נישט אַזוי הויך דעם קאָפּ. ס'איז געווען אַ צייט, ווען כ'וואָלט זי אָפּגעריסן פון דיר, אָבער איצט — האָב קיין מורא נישט. Le vieux Aldi ne danse plus. (דער אַלטער אַלדי טאַנצט שוין נישט מער). נאָך איינמאָל וועל איך אָבער אַ טאַנץ טון, ווען איך וועל

זיין אַ זיידע, נו און זאָגט זשע מיר, וואָס וויינט זי. און דער אויך. . . .

עלעאָנאָ־אַ האָט געשלוכצט ווי אַ קינד.

— נו וואָס־זשע וויינסטו, קליינטשיקע — האָט געזאָגט אַלדי — צי ליב איך דען דיך נישט? האָסט אַ טעות, כ'ליב, און ווען כ'וואָלט נאָך געווען יונג. . . נו, צעקושט זיך שוין אַמאָל — האָט ער זיי אַ שטופּ געטון איינער צום צווייטן, האָט זיי ג'נצווונגען זיי זאָלן זיך אַרומנעמען. און האָט צוגעדריקט צום האַרץ דיביידע פּראַכט־פולע קעפּ.

קאַטיאַ האָט אָנגעכאַפּט זיין האַנט און זי אויפגעהויבן צו די ליפּן.

— „Décidement" (ס'איז אַנטשלאָס) — האָט געזאָגט אַלדי — "je deviėns patriarche," (כ'ווער אַ זיידע). קוש זשע מיך אָבער נישט אין דער האַנט אַריין, מיין קינד — און ער האָט אַ קוש געטון דער פאַרויטלטער קאַטיאַ אין די ליפּן.

מ'האָט געבראַכט ווייַן.

און דערנאָך האָט שוין אין משך פון גאַנצן אָוונט געהערשט אַ פרייער פרייַלעכער טאָן.

אַזוי ווי עס האָט אויך עפּעטער קיין זאַך נישט צעשטערט די גוטע שטימונג, ווען אַלדי האָט זיך באַזעצט בײַם יונגען פּאָר ווי ער האָט זיי אָנגערופן.

אין אונדזער סביבה האָט דער דאָזיקער פאַקט זיך נישט גע־ בייטיקט אין קיין פרושים. דער דרך־ארץ פאַר אַלדין איז געשטיגן, און געווען איז עס דאָך צווישן פראַנצויזן. L'ésprit goulois האָט געהאט אַ גוטן געשמאַק און איז אַנטשוויגן געוואָרן. איך בין איבערצייגט, אַז די דאָזיקע פיינקייט און איידלקייט, וועלכע איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלעם אין דער פלאָרענצער קינסט און ליטעראַטור, האָבן אַריינגעטראָגן אין איר די עלעמענטן, וואָס זענען געזעלשאַפטלעך און גייסטיק פאַרבונדן געווען מיט דעם, וואָס האָט אונדז אַרומגערינגלט. דאָ צווישן די אַרבעטער האָט מען גע־ לעבט אין אמתן ווי אין די קרייזן פון דער העכסטער אַריסטאָ־

קראטיע. דאָס איז געווען די אמתע le pur sang (דאָס ריינע בלוט) פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט.

איך האָב שוין מער קיינמאָל נישט געזען — אַ חוץ אין געוויסע קרייזלעך אין פּאַריז בשעת דער „קאָמונע" — אַזאַ אָבסאָלוטע אויפריכטיקייט און אַזאַ אדל. דאָ פּ עגט איינער פאַרשטיין דעם צווייטן אָן ווערטער. יעדערער איז געווען תּמיד זיכער, אַז אַנדערע וועלן האַנדלען באַ אַלע אומשטענדן ווי צום פיינסטן, און ער האָט אויסגעשטעלט אויף דעם דאָזיקן מאַקסימום גרויסמוט.

מיר פלעגן אָפט שמועסן מיט אַלדין.

ער האָט געהאַט אַן אויסערגעווייגלעך קלאָרן שכל. אין די בראָשורן און אַרטיקלען, וועלכע ער פלעגט שרייבן, פלעגט ער שיסן מיט צאָרן, ווען ער פלעגט זיך צוזאַמענשטויסן מיטן בייזן ווילן, אָדער מיט געוואַלט. ווען ער פלעגט אָבער צוריקקומען צו זיינע אייגענע אָנשווינגען, פלעגט ער ווערן שטיל, ווי אַ ליכטיקער זומער-אָוונט. דעם נצחון פון זיין אידעע פלעגט ער זיך קיינמאָל נישט פאָרשטעלן ווי אַ בלוטיקן אויפרייס. ווען זיינע לויטערע געדאַנקען פלעגן נאָר אַריינקומען אין דער וועלט פון פרייער, מיט זיך אָנפירנדיקער אַרבעט, פלעגט זיי שוין אַרומרינגלען אַ קרישטאָלענע אַטמאָספער און אַן אויסגעשטערנט גליק.

— אַ ריין געוויסן — פלעגט זאָגן אַלדי, — איז דער לויטערסטער קוואַל. אַ מענטש פאַרגעסט דאַמאָלס אַזוי שנעל, ביי בלוט הייבט אָן צו פליסן אין די אָדערן, און מיט דעם צוזאַמען אַ נייע נשמה, וועלכע האָט שוין נישט אין זיך קיין סם פון עוולות, און ווייסט נישט פון קיינע בעלי-עוולות. די אַרבעטנדיקע מאַסן ווייסן נישט פון קיין נקמה. אין נקמה און אין בלוט גלייבט נאָר דער, ווער עס קען נישט די אַרבעט, ווער עס האָט אַ ווילן און קען אים נישט אויסנוצן. אַרבעט לערנט אַזוי ווייזן, ווי עס וואַקסט אויף לאַנגזאַם פון איטער אונדזערע הענט ווי אַ קינד אונדזערס דאָס, וואָס מיר פאַרלאַנגען. צי קען מען האָסן אַן אייגן קינד? איך האָב אָן איינדרוק, אַז אין דער באַציונג פון אַרבעטער צו דער וועלט און צום לעבן איז דאָ עפּעס ווי פאָטערלעכס. קיינער ווייסט נישט וואָס עס קומט הייגט פאָר אין די מוחות פון די אַרבעטער אין

פראַנקרייך. דאָס גייט נישט אַזוי גיך. דאַ האַנדלט זיך שוין נישט אין קיין פאָרם. דער מענטש אַליין דאַרף זיך ענדערן. דאָס איז אַזוי ווי באַניייונג פון בלוט.

בשעת עס פלעגט אים פון אַזעלכע רעפלעקסיעס אָפּרייסן עפּעס אַ פּאַקט, וועלכער האָט דערמאַנט אָן געוואַלט-טאַטן און אונטערדריקונג, פלעגט אַלדי בלאַס ווערן און זיך ענדערן. דאַן אַלס פלעגט ער זיך כאַפּן צו דער פעדער און שרייבן אַרטיקלען, וואָס פלעגן שפּעטער ווערן פאַרשפּרייט איבער אַלע קעלערן און וואַרשטאַטן.

און ס'איז טאַקע געשען אין דערבייִיקן שטעטל, וואָס געפינט זיך אויף דער טעריטאָריע פון פראַנקרייך, אַ שרעקלעכע זאַך.

ס'האָט דאָרט עקזיסטירט עפּעס אַ קינדערהיים, מיט וועלכער ס'האָט אָנגעפירט איינע אַ מאָנאַכין אָדער אַ געוועזענע מאָנאַכין. ס'האָבן זיך דאָרטן געפונען קינדער פון בעלי-מלאכות, קינדער פון נויט. שוין פון אַ געוויסער צייט אָן זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר אין דער קינדערהיים, קלאַנגען אומדייטלעכע און באַאומרויִקנדיקע.

און פּלוצלינג האָט אויסגעבראָכן אַ שטורם.

זיבעצן מיידלעך אין עלטער פון דריי ביז אַכט יאָר זענען אָנגעשטעקט געוואָרן מיט כיפיליס. זיי זענען אַלע געשענדעט געוואָרן דורך צוויי אָדער דריי גלחים, אונטער וועמענס אויפזיכט ס'האָט זיך געפונען דער אַנשטאַלט. די קינדער פלעגן דערציילן שרעקלעכע מעשיות, פון וועלכע ס'פלעגן זיך שטעלן קאַפּויער די האָר אויפן קאָפּ.

מיר האָבן געהאַט באַקאַנטע אין שפּיטאָל, זענען מיר אַהין געגאַנגען, איך, קאַטיאַ און אַלדי.

דער דאָקטאָר, אַן עלטערער מענטש, וועלכער איז באַוווּסט געווען מיט זיין פרומקייט, איז אַרומגעגאַנגען איבערן אויפנאַם-צימער, בלייך ווי אַ טויטער, מיט בלויע צייכנס אויפן פּנים. ער האָט געקענט אַלדין, מיט וועלכן ער פלעגט נישט איינמאָל פירן וויכוחים אויף אַרבעטער-פאַרזאַמלונגען אין זשענעוו. איצט דערזעענדיק אים,

איז ער צוגעגאַנגען, און דריקנדיק אים די האַנט, עאָט ער געזאָגט:

— דאָס איז שרעקלעך, ש־עקלעך! איך קוק אויף די אומגליקלעכע נפשות און קלער, אַז עס קען נישט זיין אמת, עס זאָל דאָרט אויבן נישט זיין קיינער, און דערנאָך קלער איך ווידער, אַז אויב יאָ, אויב דאָס אַלץ איז נישט מער ווי אַ ריזיקער נאַטירלעכער פּראָצעס אָן אַ סיבה, אָן אַ סוף, אויב אין די אַלע אומוואַנדלונגען איז נישטאָ קיין שום געדאַנק, קיין געוויסן, טאָ ווער וועט זיך נוקם זיין פאַר די גרויזאַמע אכזריותן קעגן אָט די קינדער.

זיי וועלן אַזוי אָפּלעבן און בלייבן אויף אייביק גרענעצלאָז באַעוולטע.

די קליינע דרייײעריקע קלאַרטשאַ מיט רויטע אויגן פול מאַטעריע, מיט אַ מויל, וואָס איז באַדעקט געווען מיט ווייסע קרעץ, האָט געקוקט אויף אונדז מיט אימה, ווען מיר זענען אַריין. זי האָט זיך אַריינגעשפּאַרט אין אַ ווינקל פון איר בעטל און איר קערפּער, אַ סקעלעטל, באַדעקט מיט געלער הויט, האָט געציטערט.

— נו... קלאַרטשאַ, האָב קיין מורא נישט — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר — דאָ אַהער וועט נישט קומען נישט דער פאָטער לין, נישט די שוועסטער עלזשביעטאַ.

דאָס קינד האָט אים ערנסט אָנגעקוקט און געזאָגט:

— כ'האָב מורא.

ווען מיר האָבן זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו איר, האָט זיך פון דעם מיידלס האַלדז אַרויסגעריסן אַ שרעקלעכער, הייזעריקער, פאַרצווייפלטער געשריי, דאָס פּנים איז געוואָרן שאַרלאַךרויט.

— קלאַרטשאַ, קלאַרטשאַ, — האָט זי באַרויִקט דער דאָקטאָר — זע, דאָס בין איך דאָך, דיין פריינט.

— דאָס האָסטו אַרויסגעטריבן עלזשביעטען — האָט געזאָגט דאָס קינד, דערמאַנענדיק זיך עפּעס מיט אַנטציקונג — זי איז געוואָרן אַזאַ קליינע, אַזאַ גרויסע, ווי אַ מייזל, ווען דו האָסט אויף איר אַ געשריי געטון.

— יאָ, — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר — און פאַר אים — דאָ האָט ער אָנגעוויזן אויף אַלדין — האָט זי נאָך מער מורא.

אַלדי איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך און האָט געוויינט.

— וואָס וויינט ער? — האָט געפרעגט די קליינע... — אַז ער האָט נישט מורא, נישט פאַר עלושביעטען, נישט פאַר לין, טאָ פאַרוואָס-זשע וויינט ער, ער איז דאָך אַ גרויסער.

ס'האָבן אונדז אַרומגערינגלט אַנדערע קינדער.

— און מיר — האָט געזאָגט אַן עלף-יעריק מיידל — האָט דער פּאַטער לין געזאָגט, אַז כ'האָב שיינע און הערלעכע אויגן, אָבער כ'דאַרף נישט שטאָלצירן מיט דעם.

— דער פּאַטער פיליפּ איז געווען אַ פריילעכער — האָט דערציילט אַ דיקע בלאָנדיקע: ער האָט געזונגען: „Viens poupoule, viens poupoule” (קום מיין קינד, קום מיין קינד) און האָט געטערנט טאַנצן. אַך, ווי קאָמיש דאָס איז געווען. ער האָט דאַמאָלס געקויפט זיסן וויין און האָט אַליין אַזוי אונטערגעקאַשערט זיין לאַנגן שוואַרצן מאַנטל — זי האָט אָנגעוויזן אויף זיך — און ער האָט געטאַנצט אָט אַזוי — און די קליינע האָט אָנגעהויבן פינקטלעך אַ קאַנקאַן.

— הער אויף — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר.

— דער פּאַטער פיליפּ איז געווען אַ פריילעכער.

אָן אַ זייט האָט זיך געהאַלטן אַ פערצן-יעריק מיידל אין אַ שוואַרץ קליידל מיט אַ דאַר פּנים.

דערזעענדיק דעם דאָקטאָר, האָט זי אויסגעשריגן:

— כ'וועל נישט דערלויבן מיך אויסצופאָרשן, לאָזט מיך אַרויס פונדאַנען!, וואָס האָט איר געטון מיט דער שוועסטער עלושביעטע. מיטן פּאַטער פיליפּ? לאָזט מיך אַרויס, איך וויל דאָ נישט זיין. איר זענט אַלע פראַנק-מאַסאָנען, אפּיקורסים, דער פּאַטער פיליפּ האָט מיר דערציילט. לאָזט מיך אַרויס, כ'וועל מיך נישט לאָזן אויספאָרשן.

— זי ליידט שטאַרק פון היסטעריע — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר, ווען מיר זענען אַרויס — און דאָך טוט זי דאָס אייגענע

וואָס די אַנדערע: זי שרייט, ווען מ׳האַרכט זי אויס, ווען מ׳פרעגט זי עפּעס. זי שרייט, אַז דער פּאַטער פיליפּ האָט שוין אַלץ דער־ציילט יעזוסעס זיסן האַרץ, און אַז דאָס איז אַ סוד.

ווען מיר זענען אַרויס אויף דער גאַס, האָט קאַטיען געפּלאַמט דאָס פּנים.

— וואָס וועלן מיר איצט טון? דאָס קען דאָך אַזוי נישט בלייבן. מיר מוזן עפּעס טון.

—אומבאַדינגט — האָט געזאָגט אַלדי.

די שטאָט האָט געקאָכט.

אויף אַלע פּלעצער האָבן זיך כּסדר געשאַפן קרייזלעך מענטשן, וועלכע די פּאָליציי און די זשאַנדאַרמעריע פלעגט צע־טרייבן.

ס׳האָבן זיך געהערט געשרייען:

„נידער מיט די קלויסטערס!" „אַ טויט די יעזויִטן!"

אויף איינעם פון די פּלעצער האָט דער המון אַרומגערינגלט אַ קאָשטשיאָל און געוואָרפן שטיינער אין די פענסטער אַריין. די שויבן האָבן געפּלאַצט מיט אַ טראַסק — די נשמה פון המון האָט זיך צעפּלאַמט אין דער דאָזיקער אַטמאָספער פון דעם אַלגעמיינעם צאָרן.

פּרויען האָבן כּמעט אומעטום אָנגעפירט.

— אונדזער בלוט זייגן די פּיאַווקעס!

— גיט אונדז אָפּ אונדזערע קינדער!

— טראָגט אַרויס אייער יעזוסן, און זאָל ער אונדזערע קינ־דער צוריק געזונט מאַכן. אויב ער קען נישט, איז אַלץ ליגנט.

— איר האָט אים דאָך דאָרט אינעם גאָלדענעם כּוס.

— איר האָט אונדז געהייסן מאַכן אַ זאַמלונג אויף אַ כּוס.

— זאָל ער אונדז איצינד צוריק געזונט מאַכן די קינ־דער.

— נו, אויב ער איז דאָרט דאַ, זאָל ער אַרויסגיין! — האָט אויסגערופן דער המון מיט אַ געלעכטער.

זיי האָבן זיך איצט באַהאַלטן, ווי אַ שנעק אין זיין שאָל.

— נו, נו... איצט איז די פּאַסיקע צייט פֿאַר אַ נס.

איך דער שוועל פֿונם קלויסטער האָט זיך באַוויזן אַ מענטש מיט גרויע האָר, אין אַ פּיזאָלעטענעם גלחישן מלבוש.

— דערהרגענען — האָט געשריגן דער המון.

— "Mort aux calotins„ דערהרגענען די שענדער פֿון אונדזערע קינדער...

— ברידער מיינע — האָט געזאָגט דער אַלטער — איך לייד אינאיינעם מיט אייך.

— נישט גערעדט! נישט גערעדט! — האָט געהיילט דער המון — וווּ איז דיין גאָט, זאָל ער באַווייזן אַ נס.

— גאָט קען קיינער נישט באַפֿעלן, דאָס איז אַ פּרווו, וועלכן ער שיקט אַראָפּ אויף אונדז.

— זאָל ער געזונט מאַכן אונדזערע קינדער, אָדער פֿאַרמאַכט די בויד.

— נידער מיט די גלחים!

— דערהרגענענען, דערהרגענען די שענדער!

דער גרויזאַמער המון האָט זיך דערנענטערט צום אַלטן.

אַלדי איז אַרויפֿגעשפּרונגען אויף עפּעס אַ העכער אָרט.

— כ'בין דער סאָציאַליסט אַלדי — האָט ער אויסגעשריגן — אַן אַרבעטער, אייער פֿון אייך: לאָזט אָפּ דעם דאָזיקן מענטש. זאָל ער גיין מיט דער לאַסט פֿון אייער פֿאַראַכטונג.

— איך נעם אַלץ אָן ווי אַ שליחות פֿון גאָט.

— גענוג גערעדט — האָט געזאָגט אַלדי.

— איר זאָגט, אַז איר זענט גאָטס משרתים, אַז איר ווייסט בעסער פֿון אַנדערע, וואָס גאָט וויל. איר לעבט צוליב דעם, כּדי ער זאָל קענען קוקן אויף אייך מיט ליבשאַפֿט, איר גלייבט אין גאָט בײַ און לייג אַרויף די הענט אויף די קעפּ פֿון אָט די מיידלעך אין בעט, אַז גאָט זאָל זיי צוריקקערן די אומשולד פֿון די נשמות און דאָס געזונט פֿון די קערפּערס.

— ווּ זענען אייערע הייליקע, וועלכע גאָט הערט, זאָלן זיי אַרויסטראָטן און באַווייזן אַ נס...

— די הייליקע, די הייליקע, די הייליקע! — האָט געשריגן דאָס פאָלק — מיר צאָלן אייך דערפאַר, איר זאָלט זיין הייליקע.

— הייליקע ווערן נישט אַלע טאָג געבוירן — האָט געענט־פערט דער אַלטער גלח.

— איר האָט נישט קיין גלויבן און איר האָט נישט קיין הייליקייט... פאַרנייג דיך פאַרן פאָלק און זאָג, אַז דו האָסט פאַר־בלאָנדזשעט. זיי דיך מודה, אַז איר האָט נישט קיין גלויבן,

— אַ, אַ.. איצט איז נישט לייכט זיך אַרויסצודרייען.

— מ׳דערציילט וועגן ניסים אין פּאַלעסטינע.

— דאָ באַווייז אַ נס!

— ברידער — האָט געזאָגט אַלדי — קערט אייך אָפּ פונם הויז פון די טויטע. דאָ וווינט קיינער נישט. דאָ וווינט פאַלשקייט און צביעות. דאָ וווינט פוסטקייט און ליגנט. איר האָט זיך אײַ־בערצייגט, אַז אָט די מענטשן גלייבן אַליין נישט אין דעם, וואָס זיי זאָגן.

— איך גלייב — האָט אויסגעשריגן אַ יונגע און ליידנשאַפט־לעכע שטימע — אַ יונגער גלח מיט אַן ענערגיש פנים און מיט פלאַמענדיקע אויגן איז געשטאַנען לעבן דעם זקן.

— באַווייז מיר דיין גלויבן — האָט געזאָגט אַלדי, — ביי אין שפּיטאָל אַריין און מאַך געזונט די קינדער.

— ניין — האָט געזאָגט דער גלח — גאָט האָט אייך פאַר־שאָלטן און אייערע קינדער, אומגלייביק פאָלק. גאָטס קללה איז אויף אייך. גאָטס צאָרן דערגרייכט אפילו אייערע קינדער. פאַר־פוילטקייט איז אין אייך און פאַלט אויף אייערע נשמות. אין קאָש־טשאָל אַריין און אויף די קני פאַלן, בעטן מחילה בא גאָט.

— מיט שטיינער, דעם הינט!

— איר פאַרשפּרייט פאַרפוילטקייט!

— דערהרגענען אים, דערהרגענען!... צום טייך אים!

דער המון האָט געכאַפּט דעם גלח און איידער מיר האָבן

נאָך באַוויזן זיך אַרומצוקוקן, האָט מען אים שוין געשלעפּט איבער דער גאַס. דער קערפּער האָט זיך געשלעפּט איבער דר'ערד.

אַלדי איז אַריינגעלאָפן אין המון!

קלעפּ האָבן זיך געשאָטן אויף אים.

— לאָזט אים אָפּ, לאָזט אים אָפּ!

און ניט גרויס מי איז אונדז געלונגען אַרויסצורייסן דעם גלח עטלעכע פרויען פון די הענט. מיר האָבן אים געמוזט אַהיים־פירן אין זיין וווינונג, ווייל ער האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס.

דער המון איז אים נאָכגעלאָפן, שרייענדיק, הײלנדיק און וואַרפנדיק מיט שטיינער.

איינער פון זיי האָט שטאַרק פאַרוווּנדעט אַלדין אין קאָפּ. דער גלח האָט דורכויס געוואָלט, מיר זאָלן אַריינגיין צו אים אין וווינונג.

קאַטיאַ האָט נישט געוואָלט אפילו הערן פון דעם. זי איז געשטאַנען אַ בלאַסע מיט גלאַמענדיקע אויגן.

— איך קען נישט מוחל זיין — האָט זי געזאָגט, — עוולות, וועלכער מען באַגייט קעגן קינדער און פרויען, קען מען נישט מוחל זיין. מ'דאַרף נישט מוחל זיין אַזעלכע עוולות.

— נישט איך — האָט געזאָגט דער גלח.

— איר — האָט זי געענטפערט — איר, אויב איר פאַרשטייט דעם שקר. איר זענט באַצאָלט דערפאַר, אויך איר רעדט פון דער בימה אַראָפּ: דערלויבט די קליינע צו קומען צו מיר. און זיי האָבן אייך אָנגעטרויט אָט דאָס קליינוואַרג. עס דערציילט דאָך איינע פון זיי:

„דער פעטער פיליפּ האָט דאָך שוין דאָס אַלץ יעזוסעס זיסן האַרצן דערציילט."

— אַלדי האָט אייך געשיצט, מען האָט עס נישט באַדאַרפט.

— קאַטיאַ! — האָב איך געזאָגט אַ דערשטוינטער — כ'האָב זי נישט דערקענט.

— דו ווייסט נישט — האָט זי מיר געזאָגט יענעם אָוונט,

בשעת מיר זענען צוריקגעגאַנגען אַהיים — דו ווייסט נישט, וואָס דאָס איז אַ פרוי, וועלכע מ'האָט אַזוי באַוואָלהט, דו ווייסט נישט, וואָס עס הייסט אַזוינס אַן עוולה. איך מענער וועט קיינער נישט וואַגן צו באַוואָלהן אויף אַזאַ אופן: קיינער קען אייך נישט אַזוי ביזן גרונט, אַזוי אײַנגאַנצן פאַרסמען דאָס לעבן. דאַכט זיך, יעדער טראָפּן בלוט ווערט סם, אַז יעדער פאָדעם פון דער נשמה איז צעטרעטן און פאַרשמוצט. דאָס פאַרשטייסטו נישט, און דערפאַר קען בלויז אַ פרוי האָבן די אמתע, די נישט פאַרצײַענדיקע שנאה. אייך מענער קען זײַן באַקאַנט דער כעס פון פאַראַכטונג. עס האָסט בלויז נאָר דער, וועלכער פילט, אַז ער וועט שוין קיינמאָל נישט קענען ענדערן, נישט קענען מאַכן פאַר נישט געשען דאָס, וואָס איז געשען.

— ביזן סוף פון מײַן לעבן וועל איך שוין זײַן דאָס, וואָס איך בין: אַ פרוי, וועלכע איז געשלאָגן געוואָרן פון איר מאַן, ניין, איר האַר, איר באַזיצער, זי האָט אים אָנגעכאַפּט בײַ די הענט, בײַ די פיס, און האָט געקושט די עקלדיקע, מיט האָר בײַוואַקסענע הענט, געקושט און געוואַרעמט אַזוי לאַנג, ביזוואַנען ער האָט נישט אָוועקגעוואָרפן די נאַהייקע און זי באַוויליקט צו באַשענקען מיט זײַן ליבע די פאַרשטייסט, כ'פלעג אַרומפלעכטן אָט מיט די הענט זײַן עקלדיקן קאַרק. כ'האָב מיך אַנטציקט מיט זײַן מויל, יאָ, אַנטציקט. הערסט, כ'בין געווען זײַן שמאַטע, זײַן זאַק. כ'האָב מיך געפילט גליקלעך, ווען ער פלעגט נאָכדעם ווי ער האָט מיר צעבלוטיקט די הענט מיטן קאַנטשוק, מיך נעמען אין זײַנע אָרעמס. דאַמאָלס, דאַמאָלס, אין יענעם אָוונט, וואָלט איך געווען אַן אָנגעשלאָגענע, אַ פאַרווונדעטע, אַ צעטראָטענע, אַ ציטערנדיקע אין זײַנע אָרעמס, וואָלט אים געקושט, ער וואָלט מיך געהאַט אײַנגאַנצן אַ באַזיגטע, יאָ, אַ געהאָרכזאַמע. צי פאַרשטייסטו דאָס, צי וועל איך קענען אַמאָל אַרויסרייסן פון מיר די דאָזיקע זכרונות. פאַרגעסן קען מען נאָר דאָס, וואָס מ'האָט אַליין געטון, אָבער קיינמאָל נישט דאָס, וואָס ס'איז מיט אונדז געטון געוואָרן, וואָס ס'איז אין אונדז אַרײַנגעוואַקסן געוואָרן. די דאָזיקע דערינערונגען, דאָס איז דאָך נישט קיין געדאַנק, קיין עפּעס אַזוינס, וואָס כ'קען אָפּוואַרפן —

דאס איז אין מיין בלוט. און אפילו איצט, ווען איך גיב זיך דיר אפ, פיל איך דאך אין מיר דאס זעלבע קעבסווייב פון יענעם, כ׳פיל אז דאס לעבט זי תמיד אין מיר, זי אטעמט מיט תענוג, זי ציטערט אינם קוש, חלשט — דאס אלץ איז אין מיר. איך קען נישט שענקען, מוחל זיין, פארגעסן. דאס וועט שוין זיין אין מיר ביזן טויט. כ׳האס, כ׳האס מיך אליין, אלץ. צי ווייס איך, אפשר פארלאנג איך ערגעץ אויפן גרונט פון דער נשמה עפעס. אפשר כ׳זאל געשלאגן ווערן, געטראטן ווערן, כ׳זאל מיך ווידער פילן ווי א זאך, א שקלאפין, א חיה, וועלכע גיט תענוג. איר מענער קענט נישט וויסן, וואס ס׳קומט פאר אין דער פרויען-נשמה. איר נעמט לייכט דאס לעבן. איר רעדט וועגן רעכט, וועגן איינריכטונגען, וועגן פארמען עקאנאמישע און מלוכהשע. דאס אלץ שאפט דער מענטש אויף דער לייכטיקייט. דאס אלץווארפט זיך אינטער זיין ווילן, ס׳איז אפהענגיק פון אים, עקזיסטירט אויסערלעך כלומרשט אויסער דעם מענטש. דאס איז דאס, וואס ער טוט. ער צעשטערט איין וועלט פון שקר און שאפט א צווייטע. אזוי איז לייכט צו פארגעסן און לעבן רויק. אבער ווער וועט ענדערן דאס בלוט פון דער מענטשהייט? ווער וועט אונדז געבן ניי בלוט, מיר זענען דער לעבנסשטראם אליין, וואס שפראצט ארויס פון זיינע טיפענישן. מיר זענען דאס קול פון בלוט, וואס רופט נאך נקמה. מיר זענען די דינערינס פון יענער געטין העקאטע, וועמענס נאמען ס׳פלעגן מיט אימה ארויסריידן די פארצייטישע מענטשן. זי קומט, די נקמה-נעמערין, פארן צעטרעטענעם לעבן, פאר אומזיסט פארגאסן מענטשלעך בלוט. זי באפרידיקט זיך נישט מיט קיין אויסערלעכע ענדערונגען, ס׳באגנוגענען נישט די קרבנות, וועלכע ווערן געבראכט, זי פאדערט א נקמה, אזא שרעקלעכע, ווי שרעקלעך ס׳איז די מיאוסקייט, וועלכע די נאכט פירט אויס איבער די מענטשן. בלוט מוז זיין, דאס פילן בלויז פרויען: דאס בלוט גופא פון דער מענטשהייט מוז געענדערט ווערן. פארשטייסט, דאס לעבן גופא פון די שענדער און טיראנען איז א סכנה, זיי זענען תמיד געפערלעך פאר אונדז, ווייל זיי פארסמען מיט זייער זיין שוין אליין דאס בלוט פון דער מענטשהייט, דאס בלוט פון קומענדיקע דורות. בלוט דארף פליסן. די

פּינסטערניש דאַרף איינשלינגען, אויב ס'דאַרף זיין אַ נצחון: כ'רוף אַרויס די געטין העקאַטע, זי זאָל דורכגיין דורך די שטעט, זאָל קלויבן קרבנות, זאָל זי זיך נוקם זיין!

אויפן צווייטן טאָג איז קאַטיאַ ווידער אַוועקגעפאָרן אין שטעטל, אין וועלכן די אויפרעגונג איז געשטיגן. אומזיסט האָב איך מיך באַמיט איינייגעם מיט אַלדין זי צו באַרויקן. קאַטיאַ, די איצטיקע, איז נישט ענלעך געווען צו יענער. וועלכע מיר האָבן געקענט. איצט האָט זי עפּעס ווי אויסגעגלייכט זיך אין אונדזערע אויגן, איז אויסגעוואַקסן און דערהויבן געוואָרן צו אַ געשטאַלט פון אַ פרוי, וואָס איז זיך נוקם.

כ'האָב זי געזען, ווי זי איז בראש פון אַ מחנה פרויען געגאַנגען שטורמען עפּעס אַ קלויסטער.

די ערשטע איז זי געגאַנגען אין דער ריי מיט אַ שטורקאַץ אין דער האַנט.

— טויט, טויט פאַר די פאַרניכטער פון לעבן! זיי וועלן שוין קיינמאָל נישט זיין ריין און געזונט. אין זיי האָט מען אוועקגעהרגעט די יוגנט און די ליבע. טויט דערפאַר! מ'האָט אין זיי אוועקגעהרגעט דאָס גליק פון מוטערלעכקייט — טויט!

דער קלויסטער איז איינגענומען געוואָרן, אַזוי ווי ס'וואָלט אים פאַרגאָסן אַ כוואַליע.

ס'האָבן זיך אַ שאָט געטון אויפן הויף אַסקעטן-ביכער, בילדלעך, צלמים. קאַטיאַ האָט אונטערגעצונדן אַ שייטער. די מאָנאַכינס זענען זיך פונאַנדערגעלאָפן איבערגעשראָקענע. דער אַלטער קאַפּעלאַן האָט זיך געקאָרטשעט פאַר שרעק, בשעת מ'האָט אַרויסגעזעצט דאָס קלויסטער-טויער. די פּאָליציי האָט נישט געוואַגט צו אַטאַקירן דעם המון. הינטער די פרויען איז געשטאַנען אַ שוואַרצע געשלאָסענע וואַנט פון אַרבעטער. מ'האָט געשיקט נאָך מיליטער — אַלדי האָט שוין פריער געהייסן דורכשניידן די טעלעגראַפישע דראָטן.

דאָס שטעטל איז געווען אין די הענט פון די מאַסן, און מיט די מאַסן האָט אָנגעפירט קאַטיאַ.

נאָכן פרויען-קלויסטער האָט מען זיך גענומען צום סעמינאַ-

ריע. די גלחים האָבן זיך באמיט צו אָרגאַניזירן אַ זעלבסטשוץ פון די קלעריקאַלן, אָבער דאָס זענען געווען דאָס רוב קינדער, זין פון דער דאָרטיקער באַפעלקערונג, זייערע מוטערס זענען געגאַנגען אין דער ערשטער ריי פון די אָנפאַלער.

דער עלטערער וויקאַרי האָט באַקומען פעטש פון זיין מוטער, אַ פישערן אינעם טויער פון כעמינאַר.

— Tu vas défendre ces saletés-la — Les saligands! — דו וועסט באַשיצן דעם שמוץ, די שמוציקע מענטשן. — האָט זיך געריסן די אַלטע, און דער המון האָט איר צוגעשאָקלט מיט די קעפ.

— צי אים אויס אויף דער קני, מוטער ליגאַ, זאָל ער פאַרזוכן; בעסער דאָרט, בעסער זאָל ער וויסן וואָס דאָס איז אַ מאַמע. מיר דערציִען דאָך זיי מיט דעם, וואָס מיר שפּאָרן אָפּ פון דער האַרבער אַרבעט, פון דעם אָנגעקליבענעם גראָשן — און זיי באַדעקן שפּעטער מיט חרפּה אונדזער עלטער.

— זאָלסט אַראָפּוואַרפן דיינע קליידער שונה — האָט געזאָגט די מוטער ליגאַ צום זון, — וואַרף אַראָפּ, זאָג איך דיר, די פאַסקודסטווע. איך דערלויב דיר נישט צו פאַרבלייבן אין דעם שמוץ.

— דאָס איז געהייליקט — האָט געיאָמערט דער גלח.

— דו ביסט אינגאַנצן אַ געהייליקטער — האָט געשריגן די פישערקע — אָט קוק, נאַ דיר איבער דיין געהייליקטן פּנים.

דער גלח האָט זיך באַמיט עפּעס צו זאָגן. אין זיין קאָפּ האָבן געמוזט שימערן פאַרצווייפלטע געדאַנקען, וועגן דער אויף אייביק געפּטרטער קאַריערע: מען וועט דאָך נישט מאַכן פאַר אַ בישאָף אַ מענטש, וועלכער איז אַזוי ראַדיקאַל אויסגעלאַכט געוואָרן.

— אונדזער האַר האָט אונדז געזאָגט: וועסט פאַרלאָזן דאָס הויז דיינס און די מוטער דיינע — האָט ער געזאָגט.

— איך וועל דיך פאַרלאָזן, איך האָב דיך ערגעץ — האָט אויסגעשריגן די אַלטע, באַגלייטנדיק די ווערטער דעמאָנסטראַטיוו: „ad oculos".

אָבער דאָס איז נאָך נישט געווען דער סוף פון די געשע־ נישן.

אין דער טיר פון סעמינאַר האָט זיך פאַרצווייפלט אַנטקעגנ־ געשטעלט א יונגערמאַן אין אַ וועלטלעכן אנצוג, אַן אַמאָליקער שטאַרקער, און ער האָט זיך צוגעגעבן מוט מיט די אויסגעשרייען אויף עפּעס אַ דיאַלעקט, וועלכן קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען.

— דאָס איז אַ געשמדטער כינעזער — האָבן אויסגעשריגן די פרויען.

— דאָס איז אַ דרעסירטער טייוול — האָבן געלאַכט אַנדערע, די, וועלכע זענען געווען ווייטער, ווייל דער דרעסירטער אָדער אומדרעסירטער באַשיצער פון גלויבן האָט נישט געשפּאַסט.

— סוואָלאָטש! — האָט ער אויסגעשריגן — די הייליקע אמונה, גאָטס הייליקע אבות! אַוועק איר, געמיינע!

— ער איז משוגע געוואָרן — דער גולם — האָט קאַטיאַ אויסגעשריגן אויף רוסיש — קאָרוטאַ, אייזל איינער, צו וואָס שיצסטו אָט די טויגענישטן. זיי האָבן קינדער געשענדעט.

— קאָרוטאַ — ער אַליין איז עס געווען, ער אַליין, און דערהערנדיק דעם רוסישן נאָמען, איז ער געבליבן שטיין ווי אַ נאַר אַזוי אַ רגע מיט אַן אָפענעם מויל און אַ פאַרשטאַרטן בליק.

— נו שלאָג־זשע די געמיינע — האָט געשריגן קאַטיאַ — העריסט דאָך, מיידלעך האָט ער געשענדעט!

קאָרוטאַ האָט אַרויסגעלאָזט עפּעס אַ הייזעריקן אויסגעשריי, מיט אַ קלאַפּ פון פוס אויסגעזעצט די טיר, און אין אַ רגע אַרום האָט מען אים געזען, ווי ער האָט געשטיקט באַם האַלדז עפּעס אַ הויכן גלח.

— און דו האָסט געשענדעט קינדער — האָט ער זיך געריסן — דו בייזער רוח!

קאָרוטאַ, ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז געווען אַ גוווערנער באַ עפּעס אַ גענעראַלשע. וועלכע האָט באַוויזן אַריבערצוגיין צום קאַטאַליציזם. זי האָט עס אים געשיקט באַשיצן דעם סעמינאַר, וועלכן די בונטאָווטשיקעס האָבן באַלאַגערט.

קאָרוטאַ האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט תּמיד געגלייבט אין גאָט און איז געלאָפן שיצן. די גענעראַלשע איז איצט געשטאַנען אויף דער פּלאַטפאָרם פון די טרעפּ און האָט געקוויטשעט:

— Monsieur Koruta! Monsieur Koruta!

אויף דער האַנט האָט זי געהאַלטן עפּעס אַ הונט אָן האָר, וועלכער האָט געבילט.

אין אמתן, קאָרוטאַ האָט נישט געלייגט קיין אכט אויף די געשרייען, דאַמאָלס האָט די דאַמע אים אָנגעהויבן ציפּן בײַ דער האַנט, דער הונט האָט איר געהאָלפן מיט די ציין.

— צוריק, חזיר איינער, — האָט אויסגעשריגן קאָרוטאַ איר עקסעלענץ אין פּנים אַריין. — צו וואָס ביסטו דאָ אַהער אַריינגעקראָכן, רעמאַנסן האָבן זיך דיר פאַרגלוסט! און דו אויך — האָט ער אַ געשריי געטון אויפן הינט, און אָנכאַפּנדיק אים בײַ די הינטערשטע פיס, האָט ער זיך אַ לאָז געטון פאָכנדיק איבער די קעפ פון המון מיט דעם בילנדיקן און זיך קאָרטשנדיקן באַשעפעניש ווי מיט אַ בייטש.

— מיינע קינדער — האָט אָנגעהויבן זיין רעדע אַ דיקער דזשעקאָן, ער איז אָבער תּיכּף שטום געבליבן: איבער די קעפּ פון המון איז עפּעס דורכגעפלויגן קאָרטשנדיק זיך און בילנדיק און אים געטראָפן אין זיין אַראָפּהענגנדיקן בויך.

ס׳האָט זיך אויך געריסן צום דזשעקאָן די אַלטע לינאַ:

— דו מוזט מיר אויך אַ קוש טון!

קאַטיאַ האָט דערווייל פאַרניכטעט ביכער אין רעליגיעזע עמבלעמעס.

אין אָוונט פון דעם טאָג האָבן מיר זיך געפונען אין תּפיסה.

מ׳האָט מיך איינגעזעצט מיט קאַטיען, אַלדין און קאָרוטאַן אין איין קאַמער.

אין זעקס וואָכן אַרום האָט אונדז באַפרייט דער המון. נאַפּאָלעאָן דער III-טער האָט קאַפּיטולירט אונטער סעדאַן. אין פּאַריז האָט מען דערקלערט די רעפּובליק. מיר האָבן זיך אַ לאָז געטון

אַלע קיין פּאַריז, נישט אויסשליסנדיק קאַרוטאַן, וועלכער האָט אויסגעדריקט געוויסע ספקות, אָבער דערהערנדיק פון קאַטיען, אַז ער איז אַ גנאַר, האָט ער געשמייכלט און איז געגאַנגען נאָך אונדז.

3

איך וועל נישט דערציילן וועגן דער קאָמונע, יעדער פון אונדז ווייסט די געשיכטע פון דער שטאָט, וועלכע האָט געזען, ווי עס רינגלט זי אַרום דער פאַראַט, ווי עס באַדעקט זי מיט אַ כיטרער נעץ דער שקר, ווי די רכילות גראָבט אויס דעם אָפּגרונט צווישן איר און דעם איבעריקן טייל פון פראַנקרייך.

ווער עס ווייסט, וואָס עס איז אַזוינס די געשיכטע פון דער בייער צייט, זאָל זיך פאַרקוקן אויף דעם בילד פון דער שטאָט פון העלדן און דענקער, וועלכע איז אָפּגעגעבן געוואָרן אויף פאַרניכטונג דורך דעם עקלדיקן מענטשעלע. דער סקראָפולישער, מיט ציניזם דורכגעפרעסענער זקן Thiers — דער מערדער פון פאָלק — דאָס איז דאָס סימבאָלישע געשטאַלט פון דעם מאָדערנעם בירגערטום.

קוקט זיך צו צום דאָזיקן מענטש.

ער האָט שוין געהאַנדלט מיט אַלץ: מיט מיליטערישן רום און מיט פחדנות פון ספעקולאַנטן, מיטן פרייען געדאַנק, מיט כריסטוסן. ער האָט שוין געזאָגט אַזוי פיל ליגנט, אַז ער ווייס שוין אַליין נישט, בשעת ער טראַכט פאַר זיך, וואָס פאַר אַן אויסדרוקן צו באַנוצן. ער דאַרף עס נישט, זיין געדאַנק — דאָס איז אַן אומאויפהערלעכע צופרידנקייט מיט זיך, מיט זיין אייגענער כיטרעקייט, שאַרפזין און שכל. דער דאָזיקער מענטש האָט קיינמאָל נישט געהאט קיין פריינט, איז קיינמאָל מיט קיין שום זאַך נישט געווען צונויפגעוואַקסן, ער איז געקראָכן אויף אַלע פיס נאָכן באַנקנאָט און נאָכן גינסטיקן אונטערשיד אויף דער בירזשע; פון וואָס דאָס

קומט — איז אַלציינס. פּאַטריאָטיזם און רעוואָלוציע. קירך און אפּיקורס׳ות, דעספּאָטיזם און רעפּובליק: אַלץ האָט אים גע־געבן ריווח. ער איז נישט אומשטאַנד געווען צו גלייבן, אַז ס׳עק־זיסטירט עפּעס, אין וואָס מ׳קען זיין נישט פאַראינטערעסירט. בעת ביסמאַרק האָט צעשטערט די רעגירונג פון געקרוינטן סוטענער, דעם אַלפאָנס פון אַלע אידעען — איז Thiers אינגאַנצן צעטיילט געוואָרן צווישן צוויי געפילן: צווישן קנאה צום גליקלעכן זיגער און דעם דורכגעטריבענעם געדאַנק, ווי אַזוי אָפּצוזוכן עפּעס ריווח פאַר זיך. און אים טאַקע, אין זיין אויסגעריבענער נשמה האָט זיך אויפגעהאַלטן דאָס אַלץ, וואָס לעבט פון פרעמדער אַרבעט, וואָס לעבט פון דער פינסטערניש און נויט פון פאָלק. דאָס אַלץ האָט געציטערט איבערן פאָטערלאַנד, איבערן טייערן פראַנקרייך, וואָס גיט דעם ריווח. אויף זייער וועג איז אויסגעוואַקסן אַ ריזיק גע־שפּענסט פון אַ העלדן־שטאָט, אַ שטאָט, וואָס האָט געקעמפט ביזן סוף, אַ שטאָט, וואָס האָט געבראַוזט, ווי אַ פייערשפּייענדיקער באַרג און געשפּריצט מיט אידעען איבער דער גאַנצער וועלט.

פּאַריז, די הייליקע שטאָט פון דער מענטשהייט, איז קיינ־מאָל נישט געווען אַזוי גרויס, ווי אין דער צייט פון דער אומפאַר־געסלעכער קאָמונע. דער פאַרצווייפלטער קאַמף האָט אָפּגערייניקט די אַטמאָספער. מענטשן האָבן אין דער סכנה זיך דערפילט ווי ברידער. פּאַריז איז אויפניי געבוירן געוואָרן אונטער די האַרמאַטן און באָמבעס, ווי די הויפּט־שטאָט פון שכל און מענטשלעכקייט. מענטשן האָבן זיך דאָ אויסגעלערנט פאַרלאָזן זיך אויף זיך אַליין, האָבן זיך אויסגעלערנט פאַרייניקן זיך אין איין גרויסן אַלטעגלעכן ווערק, האָבן זיך אויסגעלערנט שטאַרבן אין שרעק. די נשמה פון דער קאָמונע איז אַנטשטאַנען פון די העלדישע אויספלוגן. בשעת די באָמבעס פון די פּרייסן האָבן צשטערט הייזער, האָבן די פּא־ריזער פרויען אויסגעשריגן:

— פּאַרן געווער און אין די אָקאָפּעס.

דאָס אַרבעטער־פּאַריז וואָלט זיך פאַר קיין זאַך נישט דער־שראָקן, דאָס אַרבעטער־פּאַריז וואָלט זיך באַגראָבן אין די חורבות

פון די הייזער — א שטויס פון מתים וועלכע זענען געפאַלן אין קאַמף פאַר דער פרייהייט.

ווען די מענטשן האָט מען גערעדט, אַז זיי האָבן נישט ליב געהאַט דאָס פאַטערלאַנד. ווען זיי, וועלכע האָבן גערופן צו גאַנץ פראַנקרייך.

„קום אום מיט אונדז!"

כ'האָב געהערט Blanqué, ווי ער האָט גערופן:

— געווער פאַר אַלע פראַנצויזן, מיר וועלן שיצן יעדעס פיצל ערד. געווער פאַרן פאָלק, געווער פאַר די אויסגעהאָרעוועטע הענט!

אָבער געווער — דאָס איז מאַכט.

Thuérs האָט געוואָלט בײַ פּאַריז צוגנבענען אפילו זײַנע אייגענע האַרמאַטן.

כ'האָב געזען, ווי דער פּאַריזער אַרבעטער-עולם האָט זיי אַרומגענומען, ווי לעבעדיקע נפשות, ווי פריינט, פרויען האָבן זיי געוואָרפן אונטער די רעדער בײַ מען אין דעם טאָג, ווען ס'האָט אָנגעהויבן געבוירן ווערן די הייליקע קאָמונע.

קאַטיאַ איז געשטאַנען אויף איינעם פון די האַרמאַטן און גערופן:

— פרויען פון פּאַריז, קיין איין קוש פאַר די קנעכט און פּחדנים. ס'קענען קיין קנעכט נישט זיין די פאָטערס פון אונדזערע קינדער, ווייל מיר ווילן נישט רויט ווערן פון חרפה צוליב זיי. פרייע מענטשן ווילן מיר געבוירן, פרייע, נישט אַזעלכע, וואָס לעבן מיט מענטשלעך בלוט. אַרבעטער-פרויען, אַרבעטער-טעכטער, געבוירן ווילן מיר קינדער פאַר דער צוקונפט, אין וועלכער די אַרבעט וועט זיין פריי. די פרויען האָבן געפּאַטשט מיט די הענט — און זי האָט געשריגן:

— צום געווער! צום געווער!

אַזעלכע האָב איך זי געזען די גאַנצע צייט.

ווי נאָר ס'פּלעגט שוואַכער ווערן אַן אָפּטײלונג פון פאַרײ־ניקטע — פּלעגט זי כאַפּן די פאָן און רופן:

— אַ חרפה וועט זײַן פאַר אײַך, אַז איך וועל אומקו־מען.

נאָך איר איז געלאָפן דער ריזיקער צעהיצטער קאַרוטאַ, רופנדיק:

— Vive la Commune! — זאָל לעבן די קאָמונע. דער אײנציקער זאַץ אוודאי, וואָס ער האָט געקענט אויף פראַנצויזיש. כ'האָב געזען, ווי זי פּלעגט זיך שטעלן הינטער די פעלד־ביקסלעך, אויף וועלכע מ'האָט געטראָגן פאַרוואונדעטע און דערהרגעטע, און האָט געשריען:

— נקמה, נקמה! פאַרגעסט נישט וויפיל ס'זענען שוין אומ־געקומען. מוטערס! שיקט די זין! שוועסטער — די ברידער, פרויען — די מענער! מיר פרוּוון וועלן אויסקעמפן די צוקונפט, מיר האָבן קינדער, מיר ווילן נישט קײן קנעכטשאַפט אויף דר'ערד!

— פּאַריז וועט זיך נישט אונטערגעבן — האָט זי אויסגע־רופן, ווען די ווערסאַלער האָבן אָנגעהויבן אַרײַנגײן — מיר ווילן נישט, מיר קענען נישט לעבן אין קנעכטשאַפט, מיר וועלן שטאַרבן, מיר וועלן אומקומען, כדי צו פאַרבלײַבן אין זכרון, ווי די גרויסע שטאָט פון צוקונפט, די הויפּט־שטאָט פון דער פרײַהייט.

און מיט אַ שטורקאַץ אין דער האַנט איז זי געלאָפן אונ־טערצינדן הײַזער, האָט געפאָדערט פּולווער, דינאַמיט און נאַפט.

— אומקומען, אומקומען אונטער די חורבות, און נישט לעבן אין בענקשאַפט!

— רופט דעם טויט, דעם טויט רופט, טעכטער פון פּאַריז.

אַ גאַס נאָך אַ גאַס זענען אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון די ווערסאַלער. דער יאוש האָט זיך אָנגעהויבן אַרײַנרײַסן אין די מוטיקע נשמות.

קאַטיאַ איז איבערגעגאַנגען פון באַריקאַדע צו באַריקאַדע.

— מיר וועלן זיך נישט אונטערגעבן, מיר וועלן זיך נישט

אונטערגעבן, מיר וועלן שטאַרבן פרייע. Elle ne se rend pas
— זי גיט זיך נישט אונטער, די פּאַ־ la Commune de Paris!
ריזער קאָמונע! — און זי האָט אויסגערופן:

— פאַרוואָס האָט איר מורא: פאַרן טויט? זי וועט סיי־ווי־סי קומען די ציינלאָזע זקנה מיטן שרעק, זי וועט קומען, וועט זיך זעצן בײַ אייער קישן, גוססן וועט איר טאָג און נאַכט אין דער פינסטער. צי איז נישט בעסער צו שטאַרבן אַזוי, ווי מיר זענען איצט האַלבע געטער, פרייע אויף שטענדיק, אַזעלכע פאַר־בלייבן?

פאַריזער איך וועל מיך פאַרטיידיקן ביזן סוף, אפילו אַליין. ווער איז מיט מיר? און ס'האָבן זיך געהויבן צו איר פון פולווער שוואַרצע הענט, און ס'האָבן געגרופן פאַרברענטע ליפּן:

— אויף טויט! מיר וועלן שטאַרבן פרייע!

— פרויען — האָט געגרופן קאַטיאַ. — אין די גאַסן, אין די גאַסן, שטאַרבן לעבן די ברידער און מענער. די ביקסן פאַלן אויפן ברוק, פאַרוואָס הייבט איר נישט אויף די ביקסן? פרויען וועלן קעמ ן, אַז ס'וועלן אויספעלן מאַנסלייט, געמיין זענען די, וועלכע ווילן איבערלעבן פאַריז!

פאַריז, צי ווייסט איר, וואָס ס'איז אַזוינס פאַריז?

די שטאָט, וועלכע שרייט מיט יאָרהונדערטער: — ס'איז קיין זאַך נישט העכער פון מענטש. פאַריז, אַזאַ הייליק וואָרט, ווי דאָס הייליקסטע פון אַלע ווערטער איז דער מענטש.

מיר רופן נישט אויס: „גאָט און דאָס פאָטערלאַנד“. אַזוי רופן אויס די וואָס לעבן פון רויב און מערדעריי. גאָט, דאָס איז די קנעכטשאַפט פון נשמות, נשמות מוזן ציטערן, כדי די קערפּערס זאָלן אַרבעטן. די נשמה פון פאַריז ציטערט נישט.

מיר וועלן שוין נישט וויסן פון קיין קנעכטשאַפט, ס'וועלן זיך נישט בייגן אונדזערע רוקנס. גראַדע און שטאָלצע וועלן מיר גיין אויפן טויט.

זי האָט מיך באַגעגנט דעם פאַרלעצטן טאָג אין ווינקל פון עפּעס אַ געסל.

— מיכאל — האָט זי אַ רוף געטון, בשעת כ׳בין פאַרבייגע־גאַנגען, נישט באַמערקנדיק זי.

— כ׳האָב געמיינט, אַז דו ביסט שוין געפאַלן, — האָט זי געזאָגט — און איך האָב מיך געוואָלט נוקם זיין פאַר דיין טויט: דו לעבסט נאָך?

פּולווער האָט זיך געשפּירט פון אירע הענט, איר פּנים, פון די האָר, דער ריח פון פּולווער, די לופט פון קאַמף האָט מיך אַרומ־גענומען פון איר קוש.

— איצט לעב איך, — האָט זי געזאָגט מיט צעשפּרייטע באַזלעכטר, אָנגעשפּאַרט אויף דער ביקס. — איצט לעב שוין אין נישט מאַראָשקינס שקלאַפין. זינט כ׳ווייס, אַז כ׳וועל שטאַרבן מיטן געוועהר אין דער האַנט אַ זיגערישע און אומדער שראַקענע — קען איך ווידער קלערן וועגן זיך אָן עקל. איך קוש דיך מיט פרייע ליפּן. מיט ליפּן, וועלכע דער טויט וועט אויף אייביק שליסן. איך דאַנק דיר פאַרן לעבן פון קאַמף, איך דאַנק דיר פאַר די טעג אין פּאַריז, וואָס פלאַקערט.

די קוילן האָבן אונדז געפייפט איבערן קאָפּ, בשעת זי האָט נאָך געזאָגט:

— איך האָב דיך געליבט שטאַרק, שטאַרק האָב איך דיך געליבט, מישוק.

און מיר זענען געגאַנגען אויף אונדזערע פּאָסטנס.

יעדערער איז געגאַנגען אַהין, וווּ עס איז געווען צום ביי־טיקסטן.

די פּאָדערשטע באַריקאַדע האָט געשיצט קאַרוטאַ: Le prince Calmuc, ווי ס׳האָבן אים גערופן די פּאַריזער. ווען עס האָבן אים געפעלט קוילן, האָט ער אַרויסגעריסן שטיינער פון ברוק און געוואָרפן.

צווישן איין סאַלווע און דער צווייטער האָט ער אויס־גערופן:

— ווערסאַלסקאַיאַ סוואָלאָטש!

און ווען ער פלעגט אָפּשטויסן די אַטאַקע, האָט ער גע־שריגן:

— טיער סווינייאַ!

די באַריקאַדע זיינע איז צוויי מאָל גענומען געוואָרן. צוויי מאָל האָט ער אַראָפּגעיאָגט פון איר די ווערסאַליער. און האָט זיי געטריבן ביז צו זייערע פּאָזיציעס. צום דריטן מאָל האָט אים גע־טראָפן אַ קויל אין האַרץ, ער איז געפאַלן מיטן אויסגעשריי אינם אָפענעם מויל:

— ווערסאַלסקאַיאַ סוואָלאָטש!

כ׳האָב געזען אַלדין, ווי ער האָט געשאָסן, זיצנדיק, די פיס זענען בײַ אים געווען צוגעקוועטשט, בײַ זיינע פיס איז געלעגן ראַמען מיט אַ קליינע שוואַרצע ווונד אין דער שלייף. כ׳האָב געזען ווי אַ קויל האָט דורכגעשאָסן אַלדיס האַרץ, בשעת ער האָט אויסגערופן:

— שטאַרבן, שטאַרבן מיטן געווער, אַרבעטער.

און כ׳האָב ענדלעך געזען זי אויפן ברוק. די ברוסט דורכ־געשטאָכן מיט אַ שפּיז: זי איז געלעגן מיט פאַרגלאָצטע אויגן, אַ האַרמאַט איז אַרויפגעפאָרן אויף איר קערפּער; לעבן מיר זענען געשטאַנען אַ צוואַנציק אַרבעטער, כ׳האָב אַ געשריי געטון און זיך אַ לאָז געטון פאָרויס.

דער האַרמאַט איז געווען אונדזערער: אין זיינע רעדער איז געבליבן שטעקן קאַטיעס קערפּער, צעדריקט אויף אַ שוידער־האַפטן אופן.

דאָס איז געווען דער לעצטער נצחון.

כ׳בין געפאַלן אַ פאַרוווּנדערטער. ס׳האָט מיך מציל געווען כּמעט ווי דורך אַ נס אַ פאַמיליע פון עפעס אַן אַרבעטער.

צוויי אַלטע מענטשן האָבן מיך געהיטן אין משך פון צוויי חדשים אין עפעס אַ גרוב.

ווען כ׳בין אויפגעשטאנען פון בעט און געהאלטן בא אוועקפארן האבן זיי געוויינט: זיי האבן געהאט פינף זין פאר דער קאמונע, זענען זיי געבליבן נישט מער, ווי זייערע העלדישע נעמען.

דער לעצטער, א צוועלפיעריקער, איז געווען יענער, וועלכער האט, ווערנדיק פארהאלטן דורך די ווערסאלער, ג׳בעטן אן ערלויבעניש ז פצוגעבן דער מוטער זיין זייגערל, און איז נאכן אפגעבן צוריקגעקומען, כדי צו פאלן אונטער עפעס א מויער, א דורכגעשאסן פון קוילן.

4

אין צוריק האב איך געפונען א גאנצע מענגע באקאנטע. א צוריקקומענדיקן פון דעם קאמונע-שלאכטפעלד, אן אפגעברענטן אין דעם גרויסן היסטארישן פלאם פלעגט מען אויפנעמען מיט אפענע ארעמס אומעטום. איך האב מיך איצט באקאנט מיטן גרויסן רוסישן פילאזאף לאווראוו. אמאל, ווען די מענשהייט וועט שוין אפשאצן און פארשטיין דעם ריזיקן און הערלעכן פראצעס פון דעם שאפן זיך און אנטשטיין פון מאדערנעם באוווסטזיין, פון דער וועלט-אנשויונג פון פרייער, מיט זיך אליין רעגירנדיקער ארבעט, וועט לאווראוו פארנעמען דאס געהעריקע ארט לעבן די גרעסטע און צום מערסטן פארדינטע: דאס ארט געהערט אים מיט רעכט, ווי דעם, וועלכער האט דערמאנט אומאויפהערלעך, אז דער אינהאלט פון דער היסטארישער אויפגאבע, אויב זי זאל ווערן אויסגעפירט, מוז ווערן דער לעבנס-אינהאלט פון די מענטשן, וועלכע ווילן זיין באוווסטזיניקע שעפער פון דער געשיכטע. אין דער צייט, בשעת די אלגעמיינע מעכאניזירונג דראט אפילו יענע פארמען פונם גייסטיקן לעבן, אין וועלכע די זעלבסטשטענדיקייט איז צום נייטיקסטן,

אין דער צייט, בשעת דער מענטש לערנט זיך דענקען אפילו וועגן דעם היסטארישן פראצעס, פון וועלכן ער דארף זיין דער באוווסטזיניקער מיטשעפער, ווי וועגן עפעס, וואס ווערט אומבאוווסטזיניק אויסגעפירט הינטער זיינע פלייצעס, האט לאווראוו פארטיידיקט די פרינציפן פון דער זעלבסטשטענדיקייט פונם מענטש. דאס, וואס א מענטש טוט, דארף ער באטראכטן אלס זיין פארענטווארטלעכקייט, ער מוז נעמען די אחריות פאר אלץ, אין וואס ער נעמט אנטייל, וואס ער רופט ארויס מיטן גאנצן לעבן זיינעם, — ווייל אנדערש דעמאראליזירט ער זיך אליין.

דאס ארויפווארפן פון מענטשן די אחריות פאר זייערע מעשים, דאס צוגעווינען זיי צו דעם געדאנק, הייסט בויען און אנטוויקלען אין זיי די שקלאפישע פסיכיק. אינדזער פרייהייט גרייכט אזוי ווייט, ביז צו דעם זעלבן פעריאד, וואס אונדזער געפיל פון פאראנטווארטלעכקייט. אין די וכּוחים מיט די דארטיקע אייראפעישע סאציאליסטן פון א נייעם מאדערניזירטן פארלאמענטאריזירנדיקן מין, האט לאווראוו אויסגעצייכנט אנטפלעקט דעם אמתן אינהאלט, וואס איז באהאלטן אונטערן מאנטל פון וויסנשאפטלעכן גלויבן.

די עקאנאמישע באדינגונגען ווירקן כסדר. ווי עפעס משונהדיקע האמערס הערן זיי נישט אויף צו שמידן און ארבעטן אין דער גרויסער מינצארניע פון דער מענטשהייט, פלעגט ער זאגן, שמייכלענדיק איראניש: יא, יא, מיינע ליבע, לאמיר זיך באגנוגן מיט די עקאנאמישע באדינגונגען, זיי וועלן שוין אליין אן אייער ווילן און וויסן אויסשמידן פון אייך: וועלער, וועלער, וועלער.

די עקאנאמישע באדינגונגען, פלעגט ער זאגן, זענען ווי א מינצארניע, וועלכע ארבעט אויס אין א געאמעטרישער פראגרעסיע ביולעטינען, די ביולעטינען וואקסן, אז ביסמארקן קריכן זשוש אויס די האר פון קאפ, נישט אמת, מיינע פריינט?

אין יענער צייט האט דער פארלאמענטאריזם געשטעלט די ערשטע טריט אינם אייראפעישן סאציאליזם. לאווראוו איז אבער אויך שוין דאמאלט געווען גערעכט זאגנדיק:

זאלן בלויז די עקאנאמישע באדינגונגען נישט פארגעסן אויס-

צושמידן די אינטעליגענץ און די הערן דעפּוטאַטן, דער אָרטיקער לידער פון דער סאָציאַליסטישער גרופּע, דער אַדוואָקאַט ערליך, אַ העל מיט אַ שיינער באָרד און מיט גרויס אינטעליגענץ, וועלכע האָט אים דערלויבט חתונה צו האָבן מיט אַ טאָכטער פון אַ מיליאָנער, אַ ביר-ברויער, וועלכער איז נאָצויבערט געוואָרן פון דער טיפקייט פון זיין פילאָזאָפישער וועלט-אָנשויונג, די הערלעכע שטימע און נישט ווייניקער שיינע פיס, מיט וועלכע ער שטאָלצירט, קליידנדיק זיך אין אַ טוריסטן אַנצוג, — איז ער געווען אויסער זיך פון כעס אויף דעם דאָזיקן רוסישן קאָנסערוואַטיזם.

ערליכס פאַרטגעשריטנקייט האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט אָפּצושאַצן בײַ אַ געלעגנהייט, נאָך מער ווי אַן ערנסטער.

אין צוריך האָב איך ווידער באַגעגנט ניעטשאַיעוון.

ער איז געווען אויפגערעגט און גייסטיק צעבראָכן. די אייראָפּעישע פאַרהעלטענישן האָבן אים צוגעקלעמט. ער האָט געטאַט הינטער זיך עפּעס אַ שווערע איבערלעבעניש מיט באַקונינען, וועגן וועלכן ער פלעגט זיך אויסדריקן מיט גרויס פאַרביטערונג.

מיין באַגעגעניש מיט אים איז געווען אין יענער צייט אַן אומאָנגענעמע.

ניעטשאַיעוו, נישט האָבנדיק קיין שום באַשעפטיקונג, האָט פאַרמאָגט עפּעס אַ קראַנקהאַפטע ליידנשאַפט צו גריבלען זיך אין יענעמס אינערלעכן לעבן. אויפן גרעבסטן אויפן פלעגט ער אַרומרעדן יענעמס צום מערסטן אָנגעווייטיקטע זכרונות.

פון דער פּאַריזער קאָמונע בין איך אַרויס אין אַ צושטאַנד פון פולשטענדיקער באַרוישונג.

כל-זמן כ'בין געווען קראַנק און בין געלעגן אין אַ באַהעלטעניש, פאַר וועלכער ס'איז געקומען אַ דאַנק מיינע חשובע אומגליקלעכע פריינט, האָט דער געדאַנק אויפגעהאַלטן זיך אַליין אין צושטאַנד פון אומאויפהערלעכן עקסטאַז, ער האָט זיך באַמיט אויסצואַרבעטן און אויפהאַלטן די שטימונג, וועלכע האָט געהערשט אויף די לעצטע זיך נאָך פאַרטיידיקנדיקע באַריקאַדן. קיין שום האָפענונג איז שוין נישטאָ, מ'קעמפט נישט פאַר קיין שום נצחון,

אָבער מ׳האָט דאָך דאָס, וואָס מען איז, די פרייהייט איז נישט ערגעץ אָרט אין דער ווייטער צוקונפט; דאָ לעבט זי דאָך נאָך אויף שטויסן מיט שטיינער, וואָס זענען נאָך פאַרגאָסן און רייכערן זיך מיטן אַדליקסטן בלוט. די פרייהייט איז שוין רעאַליזירט, און זי האָט נאָך איר ממשלה איבער דעם דאָזיקן מיט ביקסן אָנגעשפּיקטן אייל-ערד.

מיט דער דאָזיקער פרייהייטס-לופט, אויף דער וואַך פון וועלכער ס׳איז געשטאַנען די פאַרצווייפלונג, האָב איך נאָך געאָטעמט, כל-זמן איך בין נאָך געלעגן אַליין אין ווייַן קעלער, כל-זמן די איינציקע געזעלשאַפט מיינע זענען געווען די פינף-פאַכיקפאַריתומטע זקנים. סיי זיי, סיי איך האָבן זיך געניטיקט אינם גלויבן, אַז דער טויט איז בעסער ווי דאָס לעבן, אַז ער האָט אין זיך קיין שום שרעקלעכע זאַך נישט, אַז ער איז עפּעס ווי אַ ווייסער שנייִקער באַרג-שפּיץ איבער דער פאַרבלוטיקטער ערד.

איך האָב נישט געטראַכט וועגן דעם, אַז עס איז פונדעסטוועגן נישט קאָנסעקווענט פונם דאָזיקן שטאַנדפּונקט די מי, מיט וועלכער עס זען מיך אַרויסצוּרייסן מיינע בעלי בתים בײַ דעם דאָזיקן אויסלייזער. פאַר זיי בין איך געווען ווי אַ פאַרטרעטער פון דיזין, ווי אַ זעקסטער ברודער:

עס פלעגט דאָך מיר זאָגן די אַלטעטשקע, אַז איך בין אַ ברודער פון אירע פינף יונגע לייבן, ווייל ס׳האָט מיך גענומען פאַר אַ זון די פאַריזער קאָמונע.

דאַמאָלס האָבן מיר נאָך נישט געטראַכט פון קיין אַנדער לעבן, ווי דאָס אומאויפהערלעכע שטאַרבן מיט געווער אין דער האַנט, און דאָס האָט זיך אויסגעזען אַזוי לייכט. פון שטאָט צו שטאָט, פון לאַנד צו לאַנד גיין מיטן לידל אויף די ליפּן:

„Elle ne se rend pas la Commune de Paris”

נישט פילן זיך קיינמאָל געענטפערט, אָפּהענגיק, צוזאַמענגעוואַקסן מיט קיין שום ווירקלעכקייט, לעבן אומאויפהערלעך מיט אָט דער לופט פון דער צוקונפט, וועלכע וועט געבוירן דאָרט,

ווי מענטשן קומען אום פאַר דער אייגענער נשמה און פאַר דער פרייהייט.

אָבער איך בין אַרויסגעפאָרן פון פאַריז און האָב דערזען דאָס לעבן. איך האָב דע־זען, אַז דאָס לעבן איז פונקט אַזוי אַל־טעגלעך, זאַרגלאָז, גלייכגילטיק, ווי עס וואָלט נישט איינגעשלונגען די דאָזיקע שטראָמען פון מענטשלעך בלוט.

אויף דעם גרונט, וואָס איז באַפרישט געוואָרן מיט די מתים פון פאַריזער אַרבעטער האָט זיך אָנגעהויבן פונאַנדער־וואַקסן אַ רייכע געזונטע אַלטעגלעכקייט, אָן אַ שום סימן פון דע־מאָניזם.

און מענטשן האָבן ווידער נישט געוווסט פון קיין זאַך.

זיי האָבן נישט געוווסט, אַז אַלע צוזאַמען באַטייליקן זיי זיך אין אַן אָפּמאַך, און זיי האָבן נישט געוווסט, אַז די רוחים פון זייערע הייזער — דאָס איז אַ פועל יוצא פון אַ געזעץ, וואָס פאַרמשפט מיליאָנען קינדער אויף קראַנקהייט און טויט צוליבן מאַנגל פון לופט און זון.

זיי האָבן ווידער נישט געוווסט פון קיין זאַך.

זיי האָבן געלעבט ווי לונאַטיקער, טרייסטנדיק זיך מיט דעם, וואָס זייער לעבן איז באַדייטונגסלאָז, אַז זיי באַגייען נישט קיין שום גרויסע פאַרברעכנס. קיין שום אויסער־אָרדנטלע־כע אַכזריות.

זיי זענען אפילו געניגט געווען צו אָנערקענען, אַז Tiers האָט אפשר איבערגעכאַפּט די מאָס; בפרט, בשעת די פאַרדאָרבע־נע לופט פון די מתים האָט אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן די מגפה. זיי אַלע האָבן זיך געפילט פאַר דורכשטניטלעכע אַלטעגלעכע מענטשן. אויף אַ דורכשניטלעכן אופן האָבן זיי אויסגענוצט, ליציטירט, גע־האַנדלט מיט פרויען, גיליאָטינירט פאַרברעכער, אויף אַ דורכשניט־לעכן אופן פלעגן זיי געבוירן ווערן, ליבן און שטאַרבן. איך האָב ווידער דערזען אונדזער טייער געזעלשאַפטלעך אייראָפּאַ: די סביבה, אין וועלכער אַלע געדאַנקען, אַלע באַגריפן האָבן פאַר־לוירן זייער באַדייטונג, דאָס אייראָפּאַ וואָס האָט גאַלוואַניזירט

אַלע אירע אָפּגעשטאַרבענע גלויבנס און דענקען־סיסטעמען. כּדי נאָר נישט צו פאַרשטיין די אייגענע אויפגאַבע, דעם איינציקן וועג.

איצט האָב איך דערפילט די גאַנצע ביטערניש פון עלנט־קייט.

קאַטיאַ, וועלכע איז אַזוי פאַרברענט געוואָרן אין דער שרפה — איז נעלם געוואָרן, ווי אַ גאָלדערנער שטרייף אין די פאַריזער פלאַמען, איז אַריינגעזונקען אין דר'ערד, ווי איין טראָפּן בלוט, וואָס האָט אַרויסגעטריפט פון דער ברוסט פון פאָלק, איינער פון די קערנער, וועלכע זענען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין באָדן פון דער געשיכטע, דאָס איז געוואָרן אויפסניי מיין קאַטיאַ, מיינע און אויף אייביק פאַר מיר פאַרלוירענע. כ'האָב מיך דערמאָנט, ווי אַ קורצן חלום אונדזער גליק, אונדזער תפיסה־אידיליע.

ניעטשאַיעוו האָט געזען, אַז כ'פייניק מיך מיט עפּעס, וואָס איז אים אומבאַוווּסט.

איינמאָל האָט ער מיר געזאָגט מיט אַ בייזן שמייכל:

— צי איז אייך מער די קאָמונע אַ שאָד, צי יענץ קליידל?

כ'האָב מיך שטאַרק אויפגערעגט, און מיר האָבן זיך אויפגע־הערט צו זען.

אין עפּעס אַ וואָך אַרום נאָך דער סצענע, בין איך געזעסן אין אַ קאַוויאַרניע, בשעת ס'איז אַריין אין איר דער בלאַסער מאַר־טינאָוו, זאָגנדיק:

— מ'האָט אַרעסטירט ניעטשאַיעוון, מ'וויל אים אַרויסגעבן רוסלאַנד.

כ'בין אויפגעשפּרונגען.

ניעטשאַיעוו איז שוין געווען אין תפיסה.

באַלד האָט זיך אָנגעהויבן דעם פּראָצעס. דאָס פעדעראַלע געריכט האָט געזאָלט אַנטשליסן, צי ער איז אַ פּאָליטישער פאַר־ברעכער, צי אַ קרימינעלער.

מיר האָבן זיך באַמיט מיט אַלע כּוחות צונויפֿצוקלויבן ווי צום מערכסטן באַווייזן, דאָקומענטן, וועלכע האָבן געזאָלט פֿעסט־שטעלן דעם פּאָליטישן כאַראַקטער פֿון ניעטשאַיעווס טעטיקייט. דאָס איז געווען אָבער אומזיסט.

שוין עטלעכע טעג פֿאַרן משפּטן האָבן מיר געזען, אַז דער טריבונאַל וועט אַרויסטראָגן אַ משפּט נישט קיין גינסטיקן פֿאַר ניע־טשאַיעוון. ס'איז שווער געווען צו גלייבן. אָט די זעלבע ליבעראַ־לע זשורנאַליסטן, אַדוואָקאַטן, וועלכע זענען אַלע מאָל גרייט געווען מיט שטאָלץ צו רעדן וועגן די פֿרייהייטן, וואָס זייערע אבות האָבן אויסגעקעמפֿט, די זעלבע אַדוואָקאַטן, רעדנער, וועלכע האָבן דעקלאַמירט וועגן דעם באַרבאַריזם פֿון רוסישן צאַר, וועגן דער געפֿערלעכקייט וואָס עס איז פֿאַר דער פֿעלקער־פֿרייהייט דער משוגעדיקער מאָסקווער דעספּאָטיזם — האָבן אַרויסגעגעבן אין די הענט פֿון דער דאָזיקער שרעקלעכער חיה אַ מענטש מיט דער פֿולער רויִקייט, מיט קאַלטבלוטיקייט, ווי זיי וואָלטן נישט געוווּסט, אַז זיי שפּילן אַ פּאָליצייִשע, נאָך ערגער — אַ מערדערישע ראָל, דינענדיק דעם צאַר.

— וואָס איז עס פֿאַר אַ נייעס? — האָט מיר געזאָגט באַל־כאָווסקי — איר האָט געזען, ווי מען דערהרגעט אַ גאַנצע שטאָט, און ס'וווּנדערט אייך, וואָס מ'דערהרגעט דאָ בלויז איין איינציקן מענטש? הערט־זשע, טייערער פֿריינט, נעמט אייך אין זין אַריין, אַז ווער ס'טרעט אַרויס אין נאָמען פֿון אַרבעטס־רעכט, דראָט דעם לעבן פֿון די אַלע, וועלכע לעבן פֿון דער אַרבעט, גראָבט אונטער די באַדינגונגען פֿון זייער עקזיסטענץ. ער איז אַ שונא, וועלכן מ'דאַרף פֿאַרניכטן, דערהרגענען, אַזוי ווי מ'דערהרגעט אַ געפֿער־לעכע חיה. מיר אַלע ווערן נאָר טאָלערירט אין אייראָפּע. אין אַ מאָמענט, ווען ס'שאַפֿט זיך די מעגלעכקייט פֿון אַן אָפֿענעם אַרויס־טריט, וועלן זיי אונדז נישט שוינען.

איצט איז אָנגעקומען אַ תקופה פֿון אַ נייעם זאָאָלאָגישן קאַמף.

מענטשן קעמפן שוין נישט פאַר אידעען, זיי קעמפן פּראָסט פשוט פאַר זייער עקזיסטענץ.

די גייסטלעכקייט, די רעגירונג, די גאַנצע מאַשין, וועלכע זיי האָבן געשאַפן, די משונהדיקע מאַשין, וועלכע באַשטייט פון טויזנטער אויטאָמאַטיש-טעטיקע מענטשן, ווי רעדער און שרייפלעך, אַלע פאַרהיפּנאָטיזירטע דורך דער אידעע פון אייגנטום, זיי זענען תמיד גרייט צו צערייסן אַ רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליסט, וועלכער שטעלט אַן אַקטיוון ווידערשטאַנד אָדער קלערט, וועגן אַן אָנגרייפנדיקן קאַמף.

אין פאַרשטענדיקונג מיט צען ביז צוואַנציק שווייצאַרישע אַרבעטער האָבן מיר באַשלאָסן אָפּצושלאָגן ניעטשאַיעוון.

די אַרבעטער האָבן געזאָגט, אַז זיי מוזן אַראָפּוואַשן די חרפּה פון זייער לאַנד. דאָס לאַנד געהערט צו די אַרבעטנדיקע.

— מיר וועלן נישט דערלויבן קיין פּחדנים דערין צו באַלעבאַטעווען.

אַלץ איז געווען אָפּגערעדט.

אין באַשטימטן טאָג בין איך געשטאַנען פאַר דער געביידע פון געריכט, כּדי מיט דער געדונגענער דראָזשקע זיך צו לאָזן נאָך דער קאַרעטע, אין וועלכער מ׳האָט געפירט ניעטשאַיעוון.

אין ווינקל פון איינער אַ גאַס האָט מען זי געזאָלט מיט געוואַלט פאַרהאַלטן און אַרויסרייסן אים בײַ די מערדער פון די הענט.

די קאַרעטע איז אָפּגעפאָרן, איך בין געפאָרן נאָך איר מיט אַ שוידער. האָב איך באַמערקט, אַז זי פאָרט פאַרבײַ דעם באַשטימטן ווינקל.

ס׳איז נישט געווען קיינער פון אונדזערע באַקאַנטע שווייצאַרן, ס׳איז בלויז געשטאַנען באַלכאָווסקין מיט צוויי צי דריי רוסן.

כ׳בין אַראָפּגעשפּרונגען פון דער דראָזשקע.

— וואָס איז? — האָב איך אויסגעשריגן.

— זיי זענען נישט געקומען — האָט געזאָגט באַלכאָווסקי.

אויסער זיך פון צאָרן און ווייטיק האָב איך געכאַפּט אַ שטיין און אַ וואָרף געטון אין פענסטער פון דער קאַרעטע.

דער שטיין האָט דאָס פענסטער אַרויסגעהאַקט, עפּעס אַ באַקאַנט פּנים האָט אַ שימער געטון הינטער דער שויב:

— Plus vite (גיכער) — האָט אויסגעשריגן עמעצנס קול.

באַם אַריינגאַנג אין גאַס האָט זיך באַוויזן אַן אָפּטיילונג פּאָליצײַ, מען האָט באַדאַרפט אַוועקגיין מיט דער פײַנטלעכער איבערצייגונג, אַז צווישן אונדז און דעם פרייען אייראָפּע האָט די בלוטיקע צאַרישע נקמה באַוויזן אַרויסצורייסן אַ מענטש.

— מיר זענען געגאַנגען נידערגעשלאָגענע.

אויף עפּעס אַ פּלאַץ האָבן מיר באַגעגנט אונדזערע אַרבעטער, וועלכע האָבן עפּעס אָפּגעוואַרט מיט גרויזאַמע פּנימער.

— וואָס איז? — האָבן זיי אונדז געפרעגט — טאַרוואָס זענט איר נישט געקומען?

— וואָס הייסט? — האָט זיך פאַרוווּנדערט באַלכאָווסקי.

— ערליך האָט דאָך געזאָגט, אַז מ׳האָט געענדערט דעם מאַרשרוט.

מיר האָבן אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן.

דער אַרבעטער האָט נישט געזאָגט קיין ליגנס.

— קומט צו ערליכן.

מען האָט אונדז נישט געוואָלט אַריינלאָזן, אָבער מיין חבר האָט, מיט דער שווייצאַרישער פּאַראַכטונג פאַרן גוטן טאָן, באַזייטיקט די באַלבאָסטע פון וועג ווי אַ פּופּע, און איז אַריין אין קאַביגעט.

— וואָס באַטייט דאָס? — האָט ער געזאָגט צו ערליכן.

יענער האָט באַלד גענומען דעם פּייערלעכסטן טאָן:

— כ׳שוין דאָס טייע־ע בלוט פון פּראָלעטאַריאַט.

— דער פּראָלעטאַריאַט האָט אייך נישט געבעטן איר זאָלט אים אָפּשאַצן מיט דער מאָס פון אייער אייגענער פּחדנות.

— מיין הער! — האָט געזאָגט ערליך.

— הערט אויף מיט די זשעסטן. אזוינע ווי איר, האָבן גע־וויינט אין ווערסאַל אויף די גאַלערן פון פאָלק, און Thiers האָט זיי אָפּגעווישט די טרערן פון די אויגן מיט פאַלשע ביוללעטינען וועגן די פאַרברעכנס פון דער קאָמונע.

— פראַזן, — האָט אַ קוועטש געטון מיט די פּלייצעס ערליך.

— איך ווייס שוין, וואָס כ׳האָב צו טון. — האָט געזאָגט מיין פריינט שאַמפּיאָן — וועסט מיט אונדז מיטגיין, ליבינקער.

— וווהין — האָט געפרעגט ערליך.

— אויפן פּאָליצײ־פּאָסטן. מיר וועלן אָפּשלאָגן דעם אַרעסטאַנט.

— סײַדן איר זענט משוגע געוואָרן — איז אויפגעבראַכט געוואָרן דער אַרבעטער־פירער, — אונדזער טאַקטיק פאַרטראָגט נישט אַזעלכע פּראָזאָקאַטאָרישע שפּיצלעך. יענע הערן פון רוס־לאַנד. . .

— יענע הערן פון רוסלאַנד וועלן האָבן דאָס רעכט אונדז צו שפּייען אין פּנים, ווי איך שפּיי אייך, אויב מיר וועלן נישט אָפּוואַשן זיך פון דער דאָזיקער חרפּה.

— איך וועל שיקן נאָך פּאָליצײ — האָט געשריגן ערליך. — מיר האָבן די פרייהייט אָפּצוהיטן דאָס בירגער־רעכט.

דעם זעלבן אָוונט האָט אַ המון פון פופציק אַרבעטער, פון צען ביז צוואַנציק סטודענטן, רוסן און פּאָליאַקן, געפּרוווט זיך אַרײַנרײַסן אין תּפיסה.

ערליך האָט שוין פאַרויס טעלעפאָנירט צו דער רעפּובלי־קאַנער רעגירונג. די וואַך איז געווען פאַרטאָפּלט.

ס׳איז געווען גרייט אַן אָפּטיילונג סאָפּערן. שאַמפּיאָן איז גע־וואָרן שווער פאַרוווּנדעט. באַלאַכוּוסקין האָט אַ קויל דורכגעשאָסן אַ פוס. מיר האָט זי אָפּגעריסן אַ שטיקל אויער. צוויי אַרבעטערינס זענען דורכגעשטאָכן געוואָרן מיט שווערטן.

אין פינף וואָכן אַרום האָט שאַמפּיאָן אויסגעפּאַטשט ערליכן, און אין אַ יאָר אַרום האָט שוין ערליך רעפּרעזענטירט דעם פראַ־

לעטאריאַט אין אַן אַנדערן קאַנטאָן, מיך אין באַלכאָוסקין האָט מען געהאַלטן א חדש אין אַרעסט, שפּעטער האָט מען אונדז אַרויסגעפירט אויסער די גרענעצן פונם קאַנטאָן, כּ׳בין אַוועקגעפאָרן קיין איטאַליע.

די גאַס פֿון הייליקן מאַרטען

VI

דאָס איז אוודאי געווען די שווערסטע תקופה אין מיין לעבן.

נאָך היינט דערמאָן איך זי מיט צער און שרעק. זי איז פֿאַרבליבן אין מיין זכרון ווי אַ פֿיינלעכער געשוויר. כ׳מין געקומען צו פֿאָרן קיין גענף ווי אין אַ פֿאַרגליווערטן צושטאַנד. אין קאָפּ האָבן זיך ג ביטן בילדער קרענקלעכע, פּיינלעכע. בײַנאַכט האָב איך מיך געוועקט מיט אַ געשריי, אין קאָפּ האָבן געהילכט שאָסן. אונטערן שיידל איז שטיין געבליבן דאָס בילד פֿון הייזער, וואָס ברענען פֿון מענטשלעכע קערפּערס, וועלכע ווערן צעקוועטשט דורך אַרויפֿט־עטנדיקע פּערד. ס׳איז פֿאַרשוווּנדן די אינערלעכע באַדייטונג פֿון דעם אַלעם; כ׳האָב מיך געפֿילט צעריסן אויף שטיקער און אַרויסגעוואָרפֿן אויסער דעם לעבן דורך די משוגנהדיקע, מיט בלוט דורכגעזאַפּטע מאַשינען. אַזוי האָבן זיך ביז גאָר פֿאַרוואַנדלט אין אַש דאָס התלהבֿות פֿון יענע חדשים, דער ווינט האָט צעבלאָזן דאָס אַש, און כ׳בין געווען איינער אַליין מיט עפּעס אַ טשאַד, וועלכער האָט זיך געקנוילט אין האַרץ. אין יענער צייט

האָט זיך אפילו נישט געוועקט די בענקשאַפט נאָך קאַטיען. ס'איז פֿאַרשוווּנדן דער אָנדענק פֿון אירע שמייכלען און אירע בליקן, פֿון אירע האָר און אירע קושן, פֿון איר געדאַנק דעם יונגן, וואָס האָט זיך געריסן ווי אַ שטראָם. זי איז מיר געשטאַנען פֿאַר די אויגן אַזעלכע, ווי כ'האָב זי געזען דאָס לעצטע מאָל אויף יענער גאַס: מיט שרעק אין די אויגן, מיט אַ צעריסענער ברוסט, אונטער די פֿערדישע קאָפּיטעס געוואָרפֿן. כ'האָב זי געזען אונטער די בלוטיקע רע- פֿון יענער געווער-מאַשין, כ'האָב געהערט דעם שרעקלעכן טראַסק. כ'האָב געפֿילט אַ ווייטיק אין דער האַנט, וועלכע האָט אָנגעכאַפּט די ספּריכעס.

דאָס געלט האָט זיך אויסגעלאָזט. אויף די בריוו פֿלעגט נישט אָנקומען קיין תּשובֿה. די פּאָליציי האָט שוין דאַמאָלס אַרויסגעלייגט איר לאַפּע אויף מיין קאָרעספּאָדענץ. פֿון געוווינהייט פֿלעג איך נאָך גיין אויף פּאָסט און פֿלעג מיך צוקוקן צו די אָנפּאָרנדיקע פֿורן. כ'פֿלעג צוגיין צום פֿענסטערל און באַקומען תּמיד איינע און די זעלבע תּשובה:

—Niente.

פֿון האָטעל האָב איך זיך געמוזט אַרויסציִען. פּאָליציי האָט מיר אָנגעהויבן נאָכקוקן. ס'האָבן געטאָגט אין קעשענע די לעצטע לירעס. כ'האָב אָנגעהויבן נעכטיקן אין פּאַרק אויף די שטיינערנע בענק פֿון עפּעס אַ פּלאַץ. ס'איז מיר געווען אַגב אַלץ איינס. ס'איז געווען זומער, און ביינאַכט פֿלעגט זיך נאָך לאָזן פֿילן די היץ. כ'האָב איבעריקנס נישט געדאגהט וועגן דעם. די געדאַנקען האָט איינגעשלונגען אַן אומדייטלעכער און עקלהאַפֿטער ווייטיק, ווי דאָס לעשן זיך פֿון אַ רויכערנדיקן שייטל האָלץ. די פֿאַרצווייפֿלונג איז געוואָרן אַ קערפּערלעכער צושטאַנד. כ'האָב זי געשלעפּט מיט זיך איבער אָט דער פֿאַרפֿלוכטער שטאָט. כ'האָב אינערלעך געקריצט מיט די ציין, זעענדיק מענטשן, און אַריינגעקוקט זיי טיף אין האַרץ אַריין. דאָס איז נישט געווען קיין מיזאַנטראָפּישע פֿילאָזאָפֿיע, קיין בייראָנישע פֿאַראַכטונג און שנאה, גיכער עפּעס אַ מין פֿיזישער עקל. די אינערלעכע באָאָבאַכטונגס-קראַפֿט איז אַזוי עמפּינדלעך געוואָרן, ווי ס'ווערט אַמאָל עמפּינדלעך דער חוש-הריח. ס'האָט

אַרויסגעקוקט צו מיר פון אומעטום דער גרויל פון לעבן, און גלייכ-צייטיק בין איך געווען צונויפגעוואַקסן מיט אים צוליב אַט דעם אָנגעווייטיקטן ליידנדיקן שטיק פלייש.

ס׳פלעגט מיר נישט קומען אין זין דער געדאַנק פון זעלבסט-מאָרד. מיט וואָס פאַר אַ באַגער פלעג איך דאַן וואַרטן אויף דער נאַכט און איר שטילקייט.

כ׳האָב געשאָלטן אין אָוונט יעדן קלאַנג, יעדן שטאָטישן רעש, וועלכער האָט עדות געזאָגט אויף דעם ז י י ן פון לעבן:

אַ פאַרבייגייער, וואָס פלעגט לעבן מיר דורכגיין, איז געווען מיין שונא.

ס׳פלעגן פאַרבייגיין לעבן מיר שרייענדיקע שיכּורע באַנדעס מאַטראָסן. ס׳האָבן זיך פאַרבייגערוקט געשטאַלטן פון פאַרט-נע-ונדניקעס, זייער געזעלשאַפט איז מיר געווען צום דערטרעגלעכסטן. זיי פלעגן זיך באַהאַלטן אין שאָטן אַזוי ווי איך.

כ׳האָב געהאַט אין דער דאָזיקער סביבה אייניקע באַ-קאַנטע.

לכתחילה האָט מען מיך געפּרוווט באַגנבענען.

אינגיכן האָט מען זיך אָבער איבערצייגט, אַז דאָס איז אומ-מעגלעך, כ׳האָב מיך אַפילו צעטיילט מיט דעם איבערגעבליבענעם קליינגעלט מיט איינעם פון די שנאָרערס.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען אויפגעהערט צו לייגן אַכט אויף מיר. מ׳האָט זיך איבערצייגט, אַז כ׳טרעט נישט אַרויס אַלס קאָנקורענט אין קיין שום דעראָבערונגען.

אין דער דאָזיקער סביבה האָט מען קיין זאַך נישט געפאָ-דערט פון מענטש.

מ׳האָב באַ אים נישט געמאָנט קיין שום מעלות.

אויפן מיסטקאַסטן אַרויסגעוואָרפענע שמאַטעס קריגן זיך נישט צוליב זייערע פאַרבן.

אַרום מיר האָט געלעבט אַט דער עולם פון מענטשלעכן אָפּ-פאַל. כ׳האָב געזען, ווי ער וואַקסט אָן און צעטשייט איינגאַנצן אוי-טאָמאַטיש. כ׳האָב געזען מענטשן, באַ וועלכע דאָס לעבן איז אַוועק

אין אויסלאַדענען סחורות. זיי פלעגן איבערטראָגן אויף זייערע פלייצעס פּראָדוקטן פון אַלע וועלט־טיילן, אָבער זייערע געדאַנקען האָבן געקענט גישט מער ווי יענץ שטאָט־ווינקעלע, ווו זיי האָבן געוווינט, דאָס ווינקל פון עפּעס אַ שטיבל צום שלאָפן, די יענץ, אין וועלכער זיי פלעגן גיין אַלע טאָג און די אומדייטלעכע זכרונות אפשר פונם דאָרף, פון וועלכן זיי האָבן געשטאַמט.

אַ מענטש דענקט נישט נאָר מיט קאָפּ, נאָר אויך מיטן גאַנצן גוף.

קראַנקע פלייצעס, וועלכע גלייכן זיך נישט אויס דאָס גאַנצע לעבן, פיס, וועלכע האָבן זיך אויסגעקרומט אונטער דער לאַסט פון משאות. הענט, באַדעקטע מיט מאָזאָליעס — שאַפן אויך זייער אייגענע וועלטאַנשויונג.

אין יענעם טאָג, ווען עפּעס אַ פּאַק צעקוועטשט אַ פוס באַ אַ טרעגער, אָדער, ווען דער רוקן הויקערט זיך איין און בלייבט אָנמעכטיק — וואָס ווערט אים פאַרבלייבן אַ חוץ דער גרויסער פאַרמאַטערטקייט און דער ריזיקער אייבטאַניקער פוסטקייט, וועלכע איז געווען זיין לעבן?

ס׳האָבן מיך דאָ אַרומגערינגלט מענטשן, וועלכע דאָס לעבן האָט דאָך אַזוי פולשטענדיק אויפגעגעסן, צעריבן. דאָ אויפן ברוק פון אַ שטאָט מיט אַ פילהונדערטיעריקער פאַרגאַנגענהייט האָבן זיי פאַרמאָגט די נאַיוויטעט פון נאָמאַדן, וועלכע זענען אומפעיק צו באַגרייפן די וועלט, וואָס האָט זיי געשטיקט, צוגעקלעמט, געוואָרגן מיט איר לעבן.

כ׳האָב מיך געפילט פונקט אַזוי צעבראָכן ווי זיי.

דאָס, מיט וואָס ס׳האָבן אַמאָל געלעבט די געדאַנקען, האָט מיר אויסגעזען פרעמד, אומנוצלעך. ס׳האָט זיך מיר נישט געדאַכט אפילו. כ׳בין אין אמתן געווען אַ פרעמדער און איינער אַליין. אַליין מיט מיין איבעריקן לעבן אַנטקעגן אַ ריזיקן שטיין.

באַנאַכט האָב איך געקוקט אין הימל אַריין און געטראַכט. כ׳האָב געטראַכט מיט עפּעס אַ קערפּערלעכער משוגעת, אַז כ׳וועל אַזוי אוועקגיין פון דער וועלט, נישט וויסנדיק קיין זאַך. אַלץ וועט זיך דורכקאָכן, דורכברענען, ס׳וועט בלויז איבער-

בלייבן אַ פּערמאַנענטירנדיקע מאַסע, וועלכע איז געווען איך, מיין נשמה, מיין געדאַנקען.

און אַזוי אַלץ אַרום.

ס'וועט דאָך קומען דער טאָג, אין וועלכן ס'וועט צעפאַלן, פאַרגליווערט ווערן די ערד.

אָדער ס'פּלעגן ווידער קומען אַנדערע מאָמענטן.

דאָס איז געווען צום מערסטן אין די נעכט, בשעת, ס'האָט גערוישט דער ים.

דאַמאָלס פּלעגט מיך איינטוליען דער הויך פון חיות און ווייכע פליגלען.

כ'פּלעג פאַרגעסן, כ'פּלעג פאַרגעסן, ווער כ'בין געווען און וואָס כ'בין געווען.

דער געדאַנק פּלעגט אויוועבן משונהדיק פלינקע אויספּי־רונגען.

אין דיר בלויז איז די גאַנצע טויטע וועלט: קוק און הער זיך צו.

דו וועסט נישט אַריבער די גרענעצן פון דיין פאַרמאַ־טערטן מוח.

און אַרום אים הערשט דאָס, וואָס שלאָגט זיך אָן אָן מיר מיט טויזנטער כוואַליעס און אויפציטערונגען.

און דאַמאָלס האָב איך מיטגעפילט דעם גרויסן, מעכטיקן באַשעפעניש.

אין אַזאַ מאָמענט פּלעגט געבוירן ווערן אין מיר די בענק־שאַפט נאָך קאַטיען.

כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז ס'איז דאָרט אומגעקומען אויפן ברוק נישט בלויז אַן איידעלע מוטיקע, העלדישע נשמה, נאָר אויך די הערלעכע זאַך, די אומבאַגרייפלעכע, דאָס גליק מיינס.

אָ, ווי באַגערט כ'האָב איצט גליק! ווי באַגערט איך האָב אַ לעבן אָן אַ רייסן זיך פון דעם קעגנווערטיקן מאָמענט אַרויס, אָן בענקשאַפט און אינערלעכער צעשפּאָלטנקייט.

דאַמאָלס פּלעג איך מיך אויפהייבן און שווערן.

כ׳פלעג שווערן בא מיין איינציקן לעבן, וואָס וועט אומקו־מען, אַז כ׳וועל נישט קלערן וועגן קיין שום זאַך, א חוץ גליק.

כ׳פלעג שווערן דעם האַרץ, וואָס האָט געלעכצט נאָך ווייב־לעכער ווייכקייט, אַז כ׳וועל דערהרגענען דעם זכרון און כ׳וועל עס געבן פרייד.

כ׳פלעג שווערן די ליפּן, אַז זיי וועלן קושן, אַז זיי וועלן טרינקען פון ליפּן נישט באַרירטע.

כ׳האָב געטרוימט, אַז כ׳וועל אַוועקגיין פונדאַנען און וועל מיך אַוועקלאָזן אין עפּעס אַן אומבאַקאַנט לאַנד.

דאָרט וועל איך פאַר אַלץ זיין פרעמד, כ׳וועל וועגן קיין זאַך נישט קלערן, א חוץ וועגן איינס: צו זיין גליקלעך.

כ׳האָב דאָך געהאַט אין זיך די זאָרגלאָזיקייט פון אַ בעטלער, וועלכער האָט נישט וואָס צו פאַרלירן.

זאָל קומען דער טויט, אָבער אין ווייכע, ווייבלעכע אָרעמס זאָלן זיך לעשן די אויגן, אָבער נאָכן אָנטרינקען זיך מיט שיינ־קייט.

מיין גאַנץ וועזן האָט געבעטן ליבע.

כ׳האָב מיך באַקלאָגט פאַרן רוישנדיקן ים, כ׳האָב מיך גע־קלאָגט פאַרן שווייגנדיקן הימל — פאַר זיי די אייביקע, איך — דער פאַרבייגייענדיקער.

און כ׳האָב מיך אַליין באַוויינט אין דער וויסטער נאַכט, ליגנדיק דאָ אויפן קאַלטן מארמל־שטיין.

כ׳פלעג הערן פונדערווייטנס אַ הייזעריק געלעכטער, דאָס האָט אַ הייפל וואַנדערער געזוכט גליק בא צווייי גאַסן־מיידלעך.

אָבער אין דעם מאָמענט האָט עס מיך נישט אויפגערעגט.

ס׳איז מיך נישט אָנגעגאַנגען קיין זאַך, כ׳האָב נישט געפילט קיין זאַך אַ חוץ גרויס רחמנות אויף זיך.

כ׳האָב געטראַכט, אַז כ׳האָב געקענט חתונה האָבן מיט עפּעס אַ שיין, יונג, ווי אַ חלום ריין מיידל.

כ׳בין געווען רייך און מיין פאַמיליע איז געווען באַקאַנט אין לאַנד.

כ׳פלעג עס זיך אַליין דערציילן, ווי מ׳דערציילט אַ קינד מעשהלעך.

און אינערלעך האָט עפּעס געגרילצט אין מיר און גע-היילט.

דעם גאַנצן טאָג צומאָרגנס האָב איך געבלאָנדזשעט אָן באַ-וווסטזיין איבער דער שטאָט.

כ׳האָב אויסגעגעבן דעם לעצטן גראָשן און האָב נישט גע-קענט בשום אופן קאָנצענטרירן די געדאַנקען אויף דער דאָזיקער פראַגע.

ס׳האָט אָנגעהויבן טונקל ווערן, בשעת כ׳בין כ׳בין צוגעגאַנ-גען צום פּאָרט דורך איינער פון די שמאָלע גענווישע געסלעך.

איך האָב מיך אָנגעשטויסן אויף עפּעס אַ געשטאַלט און בין געבליבן שטיין.

עס האָבן מיר גלייך אין די אויגן געקוקט אַ פּאָר אויגן — אַ יונגע פרוי.

די שוואַרצע האָר זענען אַפּערגעפלאָסן פון אונטערן הוט מיט אַ צעשויבערטן צאָפּ, אויף די פּלייצעס האָט זי געטראָגן פאַר-וואָרפן אַ העלע שאַל. די אויגן האָבן געקוקט מיט אַ חוצפּהדיקער, בריעדיקער דרייסטקייט. זי האָט אַרומגענומען מיט איר בליק מיין געשטאַלט, זי האָט מיט פאַראַכטונג אָנגעבלאָזן די ליפּן, דערזעענ-דיק מיינע קליידער. עס איז געווען עפּעס אַרויסרופנדיקס אין איר בליק.

איך געדענק נישט וועגן וואָס איך האָב זי אַ פרעג געטון, דאַכט זיך, וועגן דעם וועג צום פּאָרט.

זי האָט אַרויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער און אָנגעהויבן רעדן מיט אַן אומדערהערטן אומפּעט, אָן אַ שיעור. די נאָזלעכער האָבן זיך פונאַנדערגעבלאָזן, בשעת זי האָט גערעדט.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי מיך געפרעגט:

— האָסט געלט?

— ניין.

— גאָרנישט, גאָר אינגאַנצן נישט?

דאַמאָלס האָט זי אַריינגעשטעקט די האַנט אין מײַן קעשענע און האָט אַרויסגעשלעפּט אַ ביסל קליינגעלט:

— עס איז ווייניק — האָט זי געזאָגט.

און אָנכאַפּנדיק מיך בײַ דער האַנט, האָט זי געזאָגט ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך:

— וועסט גיין מיט מיר.

זי האָט זיך אויסגעצייכנט פון די גאַסן-מיידלעך מיט עפּעס, וועלכן עס איז שווער אַ נאָמען צו געבן.

איבעריקנס, האָט זי כמעט באַלד אָנגעהויבן דערציילן.

זי איז געווען אַ נעאַפּאָליטאַנערין.

בשעת זי איז אַלט געווען 17 יאָר, האָט זי די מוטער פאַרקויפט אַן אַלטן דײַטשן הער. דער אַלטער איז געווען זייער רייך און זייער מיאוס.

„אין צוויי וואָכן אַרום בין איך אַנטלאָפן פון אים. — איך הייס ליאַ — האָט זי אַרײַנגעזאָגט אינמיטן.

דערנאָך איז זי אָנגעקומען אויף דער בינע, אָבער זי האָט נישט געהאַט קיין טאַלאַנט. דערבײַ האָט דער דירעקטאָר געהאַלטן זײַן טרופּע פאַר אַ האַרעם. און געווען איז ער מיט אַ געפּליכטן קאָפּ און מען האָט אים געשפּי'רט פון מויל.

זי איז ווידער אַנטלאָפן.

דערנאָך איז זי געפאָרן מיט איינעם אַן ענגלענדער קיין סיציליע. אָבער דער ענגלענדער איז געשטאָרבן. איצט געפינט זי זיך דאָ. — ווען זי האָט נישט פון וואָס צו לעבן, קלויבט זי זיך אויס אַ מאַנספּערשוין. מאַנכעסמאָל קלויבט זי זיך אויס עמעצן גלאַט אַזוי, ווייל ער געפעלט איר.

— ווילסט גיין מיט מיר? יאָ. אָבער דאָס בינדט אונדז נישט. דו ביסט פריי און איך בין פריי.

כ'האָב זיך געפרעגט, וווהין זי פירט מיך.

— אויף דער גאַס פון הייליקן מאַרטען, — האָט זי געענטפערט. — דאָ איז אַלעמאָל דאָ אָרט. דער אַלטער משוגענער האָט בענוג צימערן.

אויף אַזאַ אופן בין איך געקומען אין אַסטס אורחים־הויז.

אַסט איז געווען דער אָביעקט פון שנאה בײַ דער גאַנצער שטאָט. פאַרשטייט זיך, בײַ איר פאַרמעגלעכן, פּריווילעגירטן, צנועותדיקן טייל. ווייל די בעלער און פאַריעס האָבן פאַר אים געהאַט דרך־ארץ. צום טויט פאַרמשפּטע מערדער פלעגן אָפּגעבן אין זײַן רשות זייערע קינדער און מוטערס.

ס׳איז געווען אַ צײַט, ווען אַסט איז געווען באַרימט.

ער איז געווען אַ באַוווּסטער און געשעצטער זאָאָלאָג.

ווען מ׳האָט פאַרפירט קעגן אים אַ פּראָצעס, וועלכער האָט געקענט האָבן אַ מיאוסן סוף, האָט זיך אין די צײַטונגען באַוויזן אַ פּראָטעסט. אונטער וועלכן ס׳האָבן זיך געפונען די אונטערשריפטן פון Darwin, Huxley, Milne-Edwards א. א. וו.

אַסטס וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן האָבן געהאַט אַן ענגן פאַך־כאַראַקטער.

אַ רושם האָט ער אָנגעמאַכט אין קרייז פון נישט פאַך־מענער דאָס ערשטע מאָל, ער האָט, זייענדיק נאָך דאַמאָלס אַ פּראָפעסאָר פון אַ דייטשן אוניווערסיטעט, אויף אַ פייערלעכן אַקט, אויף וועלכן ס׳זענען געווען אָנוועזנד אַ חוץ וויסנשאַפטלעכע און ליטעראַרישע שטערן, אויך הויך־געשטעלטע גייסטלעכע פּערזענלעכקייטן און דריי צי פיר קעפּ אין קרוינען, געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן אַנטראָפּאָפאַגיע. מ׳האָט זיך געוואָלט באַווייזן מיט אַסטן, און מ׳האָט געבעטן, ער זאָל אויסקלויבן עפּעס פּאָפּולערס. ס׳איז אָבער שווער צו באַשרייבן דעם איינדרוק, וועלכער ס׳האָט זיך באַקומען, בשעת ער האָט אָפּגעהאַלטן דעם פאָרטראַג, אין וועלכן דער גרונט־געדאַנק איז באַשטאַנען אין דעם, אַז מענטשן־פרעסעריי האָט נישט אויפגעהערט עד־היום אויף קיין איין רגע אין לעבן פון דער מענטשהייט, עס האָבן זיך בלויז געענדערט די פאָרמען. די פיינסטע און שפּאָרזאַמסטע, האָט אַסט געזאָגט, איז אַפשר געווען די אוממיטלבאַרע פאָרם. כ׳גלייב, אַז יעדער פון די אָנוועזנדע דאָ האָט אויף אַזאַ אָדער אַנדערן אופן אַרום זיך מער אַ תל געמאַכט פון מענטש־

לעכע לעבנס, ווי דער גרעסטער פרעסערישער קאַבינאַל. און מיט אַ רויִקער שטימע האָט ער אָנגעהויבן אויסרעכענען פאַקטן

ער האָט גערעדט וועגן פּראָדוקציע, וועגן מלחמה, וועגן געזעצן, וועגן דער קירך.

ס'איז אַנשטאַנען אַ שטורם.

מ'האָט אַסטן נישט דערלויבט צו רעדן. מ'האָט אים צוגעזאָגט אַ פּענסיע אויפן גאַנצן לעבן און צוגעזאָגט פּראָטעקציע, אַבי ער זאָל וועלן גיין אין שפּיטאָל פאַר גייסטיק-קראַנקע און אין אַ געוויסער צייט אַרום געזונט ווערן.

אַסט האָט עפנטלעך באַדאַנקט פאַר דער ראַנג פון אַן ערן-משוגענעם זיין קעניגלעכער מאַיעסטעט און האָט געבעטן מ'זאָל געבן די דייטשע פילאָזאָפן יענע פרייהייט, וועלכע ס'האָבן געהאַט אין מיטלאַלטער די הויף-לצים.

זיינע קאָלעגן האָבן זיך דערווייטערט פון אים.

די צוהערער האָבן אים אויסגעהאַקט די שויבן. מען האָט אים דערקלערט פאַר אַ פּראַנצויזישן שפּיאָן.

יעדער נומער פון דער צייטונג פלעגט ברענגען ידיעות וועגן עפּעס אַ שרעקלעכער זאַך, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט.

אַמאָל פלעגט ער זאָגן, אַז נאָר אַ דאַנק דער אומערלעכקייט האָט די עקזיסטירנדיקע פאָרם פון פאַמיליען-לעבן, אַזוי ווי דער דאָזיקער אינסטיטוט זעט אויס בײַ די פאַרמעגלעכע קלאַסן, נישט דערפירט די מענשהייט צו דעגענעראַציע. אַן אַנדערש מאָל האָט ער באַהויפּטעט, אַז קיינער פון די מענטשן, וועלכע אַרבעטן נישט פיזיש, ווייסט נישט, צי זיי גנבענען נישט. אָדער ווידער, אַז צום ווייניקסטן איז פאַראַכטונגס-ווערט אַזאַ גנבה, וועלכע ווערט באַשטראָפט מיט געזעץ. אורטיילן, וועלכע דאָס געריכט פלעגט אַרויסטראָגן, האָט ער אָנגערופן מאָרד, ווייל די געזעלשאַפט פלעגט דאָס, ווייל די געזעלשאַפט האָדעוועט דאָס, וואָס זי רופט אָן פאַרברעך, און נאָר אַ דאַנק דער גרויסער ערלעכקייט פון אָרימע לייט, איז דאָ אַזוי ווייניק פאַרברעכנס.

מיט איין וואָרט, אַסט פלעגט אַרויסזאָגן די באַנאַלסטע זאַכן, און ער פלעגט עס אַליין פעסטשטעלן.

דערמיט טאקע פלעגט ער דערפירן די אַזוי־גערופענע געזעל־שאַפטלעכע מיינונג צו דער אַנדערער משוגעת. צום סוף האָט ער דערקלערט, אַז דער מענטש איז נישט דער עצם־אָביעקט פון זיינע וואָלאָגישע שטודיעס, און ער איז אַרויסגעפאָרן.

אין משך פון דריי צי פיר יאָר האָט מען קענען אים פאַר־פירט עטלעכע פראָצעסן וועגן אונטערהעצן צו אַ קעניג־מאָרד, וועגן אונטערגראָבן דאָס גלויבן און ד. גל.

מען האָט זיך באַמיט אים צו דערקלערן פאַר אומנאָרמאַל, אָבער מען האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַזאַ גרויזאַמער און אַנטשי־דענער דערקלערונג פון עטלעכע גרויסע פסיכיאַטרן, אַז מען האָט זיך געמוזט אָנטזאָגן פון דעם דאָזיקן פּלאַן.

אַסט האָט אָנגעשריבן אַן עפנטלעכן בריוו צו די געלערנטע, וועלכע זענען אַרויסגעטרעטן אַלס זיינע פּאַרטיידיקער. זייער פּראָ־טעסט האָט ער אָנגערופן פאַר אַ ריזיקאַלישן, ווייל ער האָט נישט געקענט, ווי ער האָט געשריבן, זיך אויסטייטשן די עקזיסטענץ און דאָס אויפהאַלטן זיך פון דער איצטיקער אָרדנונג אַנדערש, ווי אַ קאָלעקטיווע משוגעת פון דער מענטשהייט.

עס וואָלט געווען אַן אומנאָרמאַלע דערשיינונג, ווען עס וואָלט געקענט עקזיסטירן בײַ דער היינטיקער לאַגע אַ פסיכיש־געזונטער מענטש, ווייל אויך דאָס פיזישע געזונט איז שוין אַן אומזין און עקזיסטירט אַלס אַבסטראַקציע. נאָך מער, מען דאַרף מודה זיין, אַז פאַר פאַרשידענע פאַכן און פאַרמען פונם איצטיקן לעבן פאָדערן זיך, כדי מ׳זאָל זיי אויסהאַלטן, פאַרשידענע מדרגות פון גייסטיקער צע־שטערונג. כ׳האַלט, למשל, אַז דעם אמט פון אַ מאָנאַרך, אַ גלח, אָדער אַ פויפּסט, (וועלכע עס האָט אויסגעאַרבעט די מענטשהייט אין דער לעצטער תקופה פון איר לעבן), קען פאַרנעמען נאָר אַ פערזאָן, בײַ וועלכער די אַלע העכערע פסיכישע קאָאָרדינאַציעס זענען אויפן העכסטן אופן צע־שטערט. יערע געלעגנהייט, וועלכע ס׳פלעגט אים געבן די מאַכט פון דער היינטיקער אָרדנונג, פלעגט אַסט תיכף אויסנוצן. און די בעסטע זאַך איז געווען לאָזן אים צו רו און דערלויבן מ׳זאָל תּעגן אים פאַרגעסן.

ער האָט זיך ענדלעך באַזעצט אין גענוא, ווו ער זאָל זיך האָבן געפונען אונטער גאַריבאַלדיס אַפּיטראָפּסות. איבעריקנס, איז די לעצטע צייט אַדורך געגוג רויק פאַר אסטן.

ער האָט באַארבעט זיין גרויס ווערק וועגן דער מאָרפאָלאָגיע פון אַנבייניקע און פלעגט בלויז פון צייט צו צייט איבערייסן די דאָזיקע פאָרשונגען צוליב עפּעס אַ פּובליציסטישן אַרויסטריט.

באַלד אָבער נאָכדעם ווי עס איז דערשינען דאָס גרויסע ווערק, ווי נאָר די פרעסע האָט גאַוויזן צו פאַרשפרייטן די גוטע בשורה, אַז סאמועל אסט האָט זיך צוריקגעקערט אויפן וועג פון ווינשאַפטלעכע און געוויסנהאַפטע פאָרשונגען, באַ וועלכן מען פלעגט אונטערשטרייכן, אַז זיין ווערק האָט פיר בענדער in quarto, איז דערשינען אַ קליין ביכל מיטן נאָמען:

ס. אַסט „די רעליגיע און דאָס געזעץ פון שטאַנדפּונקט פון דער זאָאָלאָגיע".

די געדאַנקען פונם ביכעלע האָט מען נישט געקענט אָנרופן נייע.

אַסט האָט אַרויסגעזאָגט אויף זיין שטייגער אמתן פעסטגעשטעלטע און באַוווסטע פאַר אַלע, וואָס האָבן זיך נישט אָפּגעזאָגט פון דער ערלעכקייט אין דענקען. דאָס געזעץ פלעגט ער באַשטימען אַלס אַ פּאַראַזיטישע אָנוואַרפונג פון אַזעלכע נאָרמען און לעבנסבאַדינגונגען פאַרן באַשעפעניש, אויף וועלכן עס לעבט דער פּאַראַזיט, דעם באַשעפענישס אייגענע לעבנס־פונקציעס זאָלן ווי צום ווייניקסטן שאָדן דעם פּאַראַזיט גופא און די באַדינגונגען פון זיין אַנטוויקלונג.

די רעליגיע איז געווען לויט אַסטס מיינונג אַ פּועל־יוצא פון דער דעגענעראַציע פון אינסטינקטן. דער קרבן פון פּאַראַזיטיזם פלעגט אין דער רעליגיע זיין לעבן איבערשאַפן אויף אַזאַ אופן, אַז ער זאָל ווערן אַ שפּייז פונם פּאַראַזיט. שפּייזן אים מיט זיך אַליין פלעגט איר אויסווייזן פאַרן גרעסטן תענוג. איך ווייס נישט צי אַסט האָט געהאַלטן, אַז מיר קענען ערגעץ־ווו אין דער וועלט פון די בעלי־חיים באַגעגענען די דערשיינונג, וועלכע שטעלט פאָר מיט זיך דעם עצם פונם קולטורעלן לעבן באַ דער מענשהייט און

וועלכע באַשטייט דערין, אַז די פּאַראַזיטישע פאָרמען האָבן באַוויזן צו דערציִען אין זייערע קרבנות אַלע פּאַר דער אַנטוויקלונג און פאַרן נצחון פון זייער פּאַראַזיטיזם נייטיקע אינסטינקטן.

דאָס ביכל האָט פאַרמאָגט אַ סך מער אָדער ווינציקער שאַרפזיניקע פאַרגלייכן און אַפאַריזמען.

נישט אַ סך שפּעטער האָט אַסט אַרויסגעגעבן אַ גרויס ווערק וועגן דעם וואַנדער־אינסטינקט באַ די פייגל — ווי אויך אַ בראָשורע פליי און דער קאַטאָליציזם.

ער האָט גערעדט דערין וועגן דער השפּעה פון שמוץ אויף דער אַנטוויקלונג פון רעליגיעזע געפילן.

„איך צווייפל נישט, האָט ער געשריבן, אַז עטלעכע מענטש־לעכע דורות, דערצויגן אין ריינקייט און אין היגיענע, וואָלטן דערפירט צו אַ פולשטענדיקער ענדערונג פון געדאַנקען און מאָראַלישע געוווינהייטן באַ דער מענשהייט. די היגיענע פון וווינונגען און די בעדער זענען אומבאַדינגט שעדלעך פון שטאַנדפּונקט פון רעליגיעזן לעבן. פליי, לייז און אַנדערע ווערעם זענען געטלעכע אינזעקטן און בלי שום ספק האָט קיין איין מיסיאָנער און קיין איין קלויסטער־געמיינדע נישט געהאָלפן אין אַזאַ מאָס אָפּצוהיטן די קריסטלעכע רעליגיע, ווי די דאָזיקע נוצלעכע אינזעקטן — religionsbefördende Insekte.

סאַמועל אַסט איז געווען אַ זון פון אַ רייכן באַנקיר און ער האָט אין אָנהייב פון זיין לעבן געהאַט אַ באַדייטנדיק פאַרמעגן. וויסנשאַפטלעכע נסיעות, מכשירים, די איינריכטונג פון די לאַבאָראַטאָריעס און אַ גאַנצע רייע פון משוגעתן האָבן אַ תּל געמאַכט פון די דאָיקע אוצרות.

ער איז אָבער נישט געווען אויך דאַמאָלס, ווען כ׳האָב מיך מיט אים באַקאַנט אָן מיטלען.

קודם־כּל האָט ער פאַרמאָגט אין אַ געניוישער פאַרשטאָט אויף אַ קליינעם, ביזן שפּיץ פון אַ באַרג זיך שלענגלענדיקן געסל אַ גרויסן חרובן שלאָס מיט אַ גאָרטן. דעם גאָרטן און דעם ערשטן שטאָק האָט פאַרנומען אַסט אַליין צוזאַמען מיט זיינע ביכער און חיות, און די איבעריקע גאָרנס האָבן באַזעצט לאָקאַטאָרן.

אַססס לאָקאַטאָר פּלעגט קענען ווערן יעדערער, ווער ס'האָט געװאָלט.

מ'האָט זיך בלויז באַדאַרפט אַריינצי:ען און באַזעצן. געוווינט האָבן דאָ אָבער אַזעלכע קבצנים, אַז קיין שום מענטש מיט בירגערלעכע פּרינציפּן פלעגט זיך נישט אַנטשליסן אפילו אין ערגסטן פאַל אויסצונוצן דעם דאָזיקן מקום-מקלט. די גלחים פלעגן דערציילן שרעקלעכע מעשיות וועגן דעם, וואָס ס'טוט זיך אָפּ אין דעם דאָזיקן גהינומדיקן הויז פונם אלטן פאַרברעכער. באַזונדערס זענען זיי געווען אויפגעבראַכט אויף אסטן, ווען ס'האָט זיך דאָ באַזעצט און באַפריינדעט מיט אַסטן דער יונגער Guido Rienzi אַ געוועזענער גלח, וועלכער האָט זיך אַהער אַריינגעצויגן מיט דער „צירקווקע", ווי ס'האָבן געשריבן די צייטונגען — אייגנטלעך מיט אַ יונגער טאַלאַנטפולער אַרטיסטין פון דער נעאַפּאָליטאַנער בינע.

קיין שום טעאַטער האָט נישט געוואָגט זי איינצולאַדן, און דאָס יונגע פּאָר וואָלט אויסגעגאַנגען פאַר הונגער, ווען נישט די אַפּיטרופּסות און פריינטשאַפט פונם אַלטן זאַאָלאָג.

אין דער דאָזיקער „גהינומדיקער הייל" האָט מיך אַוועקגעפירט ליִאַ.

ס'איז שוין געווען אינגאַנצן פינסטער, ווען מיר זענען אַהער אַריין. אין אַ ברייטן פאָרהויז זענען מיר פאַרבייגעגאַנגען לעבן אַן אַלטן מענטש מיט אַ גרויסער, גרויער באָרד.

מיר האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט.

מיר זענען אַרויף איף פּראַכטפולע טרעפּ.

פון די נישעס האָבן אַרויסגעקוקט אָפּגעבראָכענע זיילן. מיר זענען אַדורך אַ גאַנצע רייע צימערן און זאַלן. ס'האָבן דאַ געוואַנדערט אויפן פּאַרקעט און אויף פאַרשידענע פאַנטאַסטישע מעבלשטיק פון פאַרשידענע סטילן און אָפּשטאַמונג פאַרשידנאַרטיקע מענטשן.

קינדער האָבן זיך געדרייט איבער די גרויסע שטובן. ווו נישט ווו האָט געברענט פייער. לעבן דעם פייער האָט עפּעס אַ פּרוי פאַריכט קליידער.

אויפן צווייטן שטאָק איז גרוימער — האָט עמעץ געזאָגט.

אַרבעטסלאָזע איז דאָ אַ סך — האָט געזאָגט ליזאַ — זיי פאַרנעמען אָט די טייל פון הויז. איצט זענען בלויז דאָ די פרויען און די קינדער, אָבער באַנאַכט וועט דאָס אַלץ פאַרפולט ווערן.

מיר זענען אַרויף אויפן צווייטן שטאָק.

עפעס אַ יונגע פרוי מיט אַן איבערגעשראָקענעם בליק האָט זיך באַגריסט מיט ליזען.

— ווידער דאָ? — האָט זי געזאָגט — די רויטע שטוב איז פריי, דאָרט איז אפילו פאַרהאַן אַ בעט.

מיר זענען פאַרבייגעגאַנגען פיר צי פינף צימערן. אין איינעם פון זיי איז געלעגן אויף אַ מאַטראַץ אַ מאַנספּאַרשוין מיט אַ שוואַרצער באָרד און מיט ווונדערשיינע אומעטיקע אויגן.

— ווידער דאָ, Signorina, האָט ער זיך אָנגערופן — און ווידער; la donna e mobile — האָט ער אַ שמייכל געטון.

— ער האָט געקעמפט פאַר דער קאָמונע — האָט געזאָגט ליזאַ, ווייזנדיק אויף מיר, ווי אין דעם וואָלט געווען עפעס אַ באַרעכטיקונג.

— אַ פראַנצויז? — האָט געפרעגט דער מאַנספּערשוין.

— ניין, אַ פּאָליאַק.

— ווו האָט איר זיך געשלאָגן? — האָט ער געפרעגט ווייטער, אָנרופנדיק עטלעכע גאַסן.

איך האָב געענטפערט.

— איך בין דאָרט נישט געווען, — האָט ער געזאָגט, — איך בין געווען אויף דער גאַס פון וואַלענטין, אַ באַריקאַדע איז דאָרט געווען: מיר האָבן זיך געשלאָגן דריי טעג. עס האָט אָנגעפירט מיט אונדז עפעס אַ יונגער רוס, בלויז עטלעכע ווערטער האָט ער געקענט אויף פראַנצויזיש.

— Le prince Calmuc — האָב איך געזאָגט

— C'est ça! Le prince Calmuc!

— דערנאָך בין איך פאַרוווּנדעט געוואָרן. די וווּנד האָט מיר איבערגעבונדן אויך עפעס אַ רוסישע דאַמע. זי איז געגאַנגען איבער אַלע באַריקאַדן. געווען פאַרוווּנדעטע — איבערגעבונדן די

וונדן, נישט געווען — פלעגט זי נעמען די ביקס אין האַנט. אַ וונדערשיינע געווען.

— קאַטיאַ, — האָב איך אויסגעשריגן.

— יאָ, יאָ, — האָט געזאָגט דער מאַזביל, — טאַקע אַזוי, איר האָט זי געקענט, חבר, — וואָס איז מיט איר?

— זי איז אומגעקומען, — האָב איך געזאָגט, — אין פאָרלעצטן טאָג.

— אונדזער קאַטיאַ לעבט נישט, — האָט געזאָגט דער מאַנספערשוין צו דער פרוי, וועלכע האָט זיך געפּאָרעט באַם קומען...

מיר זענען אַוועק ווייטער.

ענדלעך האָבן מיר געפונען דאָס רויטע צימער. רויט איז עס געווען אַמאָל. איצט זענען פון די טאַפּעטן געבליבן נאָר סמנים. די שויבן אין די פענסטער זענען געווען אויסגעהאַקט. דורכן פענסטער האָבן אַריינגעקוקט צווייגן פון עפּעס אַ בוים, פון וועלכן עס האָבן זיך געשאָטן בלומען. מיר האָבן זיך דאָ איינגעאָרדנט.

— כ׳בין אַ פאַרכישופטע בת מלכה, — האָט געזאָגט ליזאַ — און דאָס איז מיין שלאָס.

2

איצט האָבן זיך אָנגעהויבן פאַר מיר טעג און נעכט, וועגן וועלכע כ׳קלער היינט, ווי וועגן אַ שרעקלעכן חלום אינדערפרי פלעגט מיך וועקן אַ ווידערקול פון שווערע טריט, דאָס פלעגן גיין די אַרבעטסלאַזע אַלע טאָג זוכן אַרבעט.

זיי פלעגן גיין מיט שווערע טריט, מיט געבויגענע רוקנס, וויסנדיק שוין פאָרויס. אַז זיי גייען אומזיסט, אַז זיי וועלן ווידער פאַרברענגען דעם טאָג אויף גוצלאַזע וואָגלענישן איבער דער שטאָט, ליגן אויף שטיינערנע בענק אונטער די ברענענדיקע זונען־שטראַלן.

זיי האָבן עס געוווסט, און נישט געקענט בלייבן: די פרויען און די קינדער האָבן געקוקט אויף זיי און געוואַרט.

זייער אַפּוועזנהייט איז געווען אַ האָפנונג.

אין יענער צייט איז אַסטס קאַסע געווען פולשטענדיק לייַדיק. מיט גרויס מי פלעגט ער זאַמלען, כמעט שנאָרען, קליינע געלט-סומען, וועלכע פלעגן קוים קלעקן אויף ברויט פאַר די צום מערסטן הונגעריקע. אויף אַ ביסל מילך פאַר די קינדער.

ס'פלעגט קומען דער אָוונט, און כ'האָב ווידער געהערט די זעלבע טריט.

זיי פלעגן צוריקקומען מיט ליידיקע. די פרויען פלעגן שוין נישט פרעגן, זיי פלעגן געפינען דאָס וואָרט נייַן אינם אייגנ-בויגענעם האַלדז, אין די אַראָפּגעהאָנגענע הענט.

און דאָס איז געווען טאָג ווי נאַכט.

דער ריטם פון היגן לעבן, כּוּן מיינע געדאַנקען דאָ — די דאָזיקע טריט פון מענטשן, וועלכע האָבן נישט געקענט קריגן קיין אַרבעט. ס'פלעגט אויסזען, ווי אַ פאַנטאַסטישער משונהדיקער חלום, בשעת מ'פלעגט זיך נאָענט צוקוקן צו דעם האָפנונגסלאָזן הקדש, אין וועלכן ס'האָבן זיך אַרומגעדרייט אָט די מענטשן מיט שטאַרקע אָרעמס.

דאָס איז אָבער ערשט געווען דער הינטערגרונט.

אויף דעם דאָזיקן הינטערגרונט איז אַרויסגעטרעטן דער אמתער אינהאַלט. דער טויט, דאָס טאָגטעגלעכע אָפּוואַרטן אין הונ-דערטער הערצער.

אין אונדזער טייל הויז האָבן געוווינט מענטשן פּריווילע-גירטע. זיי האָבן ווי עס איז געהאַט פון וואָס צו לעבן. די פרוי פון פיער סאַבאַטיע (אזוי האָט געהייסן דער אַרבעטער מיט דער שוואַרצער באָרד) פלעגט נעמען וועש צום וואַשן. פון דעם פלעגט זי אויסהאַלטן זיך, דעם מאַן און צוויי קינדער: אַ צוועלפיעריק מיידל און אַן אַכטיעריק יינגל. איר מאַן איז געווען פאַרווונדעט אין אַ האַנט און אין דער פלייצע. די דאָזיקע וווּנד האָט זיך אויס-געזען אין אַ היב נאָר אַ ראַץ. אין אַ פּאָר חדשים אַרום האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז די קויל זאָל האָבן געשאָדט דעם חוט

השדרה. סאבאטיע האָט פאַרלוירן די קראַפט אין די פיס. איצט האָט ער דערוואַרט דעם טויט, ווייל ס'פלעגט זיך אַנטוויקלען אין אים נאָך אַן אַנדערע קרענק: אַ פאַרלענגערטע אומויסהייל־באַרע נירן־קראַנקהייט. פון צייט צו צייט פלעגט ער פאַרדינען עטלעכע פראַנק, מ׳ לנדיק פעכערס. בעת ער פלעגט נישט האָבן קיין אַרבעט, פלעגט ער אַרויסבאַקומען אַן אַלטן אָפּגענוצטן עקזעמפּלאַר פון פּרודאָנס ווערק וועגן גערעכטיקייט אין דער רעוואָלוציע און אין דער קירך, און ער פלעגט לייענען, אַוועקלייגנדיק אַלע ווײַלע דאָס בוך אין אַ זייט. געלעזן האָט ער שוין דאָס בוך מער ווי אַ מאָל צען, און ער האָט עס געהאַלטן פאַר אַ הייליק בוך פון דער מאָדערנער מענטשהייט.

אין אָוונט פלעג איך הערן, ווי ער רעדט מיט די קינדער.

די קינדער זענען געווען זיין גרעסטע דאגה. וואָס וועט פון זיי ווערן? צי וועלן זיי זיך קענען פאַרהיטן פאַר דער דעמאָראַליזירנדיקער השפעה פונם לעבן? כ׳האָב געזען מיט דער גרעסטער התפעלות און דרך ארץ, אַז סאַבאַטיען איז נישט אַזוי געגאַנגען אין דעם, אַז די קינדער זאָלן זיין געזונט און גליקלעך, ווי אַז זיי זאָלן נישט פאַראַטן די הייליקע אַרבעטער־זאַך. יעדער מענטש לעבט נישט מער ווי איין מאָל, און אַז ער וועט זיין לעבן נישט אָפּהיטן, אַז ער וועט דערלויבן זיין לעבן זאָל זיין אַ שעדלעכע שוואָם אויפן גוף פון דער טענטשהייט — וועט עס שוין אַזוי פאַרבלייבן אויף אייביק.

כ׳האָב געהערט, ווי ער פלעגט זיי דאָס כסדר דערקלערן.

שטארבן איז גאָרנישט, פלעגט ער זאָגן. מ׳שטאַרבט תמיד, נישט באַמערקנדיק דאָס. ס׳איז וויכטיק, וואָס מען איז.

אומויפהערלעך פלעגט ער איבערחזרן:

לעבן תמיד פון ארבעט־נעמען, בלויז אַרבעט פאַר אַרבעט — אָבער די אייגענע רעכט פאַרטיידיקן. געדענקט, אַז אַלץ האָט איר צו פאַרדאַנקען פונקט אַזעלכע ווי איר זענט — אַרבעטנדיקע. איר זאָלט קיינמאָל נישט גלייבן אין קיין שום גאָט. אַ מענטש, וועלכער רעדט וועגן גאָט, פאַרגעסט וועגן מענטשן, ער טוט אומאויפהערלעך עוולות. דער איינציקער גאָט איז די מענטשלעכע אַרבעט, זי

בלויז באשיצט מענטשן אויף דער וועלט. די קינדער פלעגט ער אַלץ דערקלערן. ער פלעגט פאַר זיי נישט האָבן קיין שום פאַר־באָרגענע געדאַנקען. ער האָט פאַר זיי נישט באַהאַלטן אמעליעס לעבנס־געשיכטע. אמעליא, דאָס איז געווען יענע יונגע פרוי, וועל־כע האָט אונדז באַגעגנט באַם אַריינגאַנג. בעת מ'פלעגט קוקן אויף איר, פלעגט זי אַראָפּלאָזן די אויגן, וועלכע זענען געווען אָפּטער פאַר אַלץ פאַרוויינט.

איר געשיכטע איז געווען מער ווי איינפאַך.

זי איז געווען אַ לערערין, זי האָט געגעבן לעקציעס, פון אַלץ צו ביסלעך: מוזיק, געזאַנג, חשבון, צייכנען. זי איז געלאָפן פון איין גאַס אויף דער אַנדערער. זי פלעגט אויסהאַלטן פון די לעקציעס אַ קראַנקע מוטער. זי איז אַלט געווען זעקס און צוואַנציק יאָר, זי איז נישט געווען קיין שיינע, זי האָט בלויז פאַרמאָגט אַ געוויסע זיסקייט אין פנים, און דעם חן פון גרויסער גוטסקייט אין די אויגן.

און אָט האָבן איר אָנגעהויבן פעלן לעקציעס.

צו יענער צייט האָט זי זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט איינעם, וואָס האָט זי פאַרזיכערט, אַז זי וואָלט געקענט פאַרדינען עטלעכע הונדערט פראַנק אַלס זינגערין אין עפּעס אַ פּראָווינציעלן שטעטל. די נויט איז געווען וואָס אַמאָל פיינלעכער. זאָגנדיק דער מוטער, אַז זי פאָרט אַרויס אויף אַ פּאָסטן אַלס לערערין, האָט זי זי אײַ־בערגעלאָזט אין רשות פון עפּעס אַ קרובה, האָט אונטערגעשריבן עפּעס אַ קאָנטראַקט, און זי איז אַוועקגעפאָרן.

ווען זי איז אָנגעקומען, האָט זי באַלד פאַרשטאַנען פון דער ערשטער רגע אָן, אַז ס'דערוואַרט זי דאָ עפּעס אַ צרה. דער די־רעקטאָר פונם כאָר, צי פון דער פילהאַרמאָניע, ווי דאָס האָט גע־הייסן, איז געווען אַ באַזיצער פון אַ רעסטאָראַן. אין אָוונט האָט מען איר געבראַכט עפּעס אַ קאָסטיום און געהייסן זי גיין אויף דער עסטראַדע. זי האָט געזונגען, אַליין נישט געוווּסט וואָס. נאָכן קאָנצערט זענען אירע חברטעס אַראָפּגעלאָפן און זאָל אַריין און זיך פונאַנדערגעגאַנגען צווישן די געסט.

זי איז געשטאַנען הילפלאָז.

ענדלעך איז זי צוריק אַרײַן אין דער גאַרדעראָבע.

אין אַ ווײַלע אַרום איז נאָך איר צוגעלאָפן דער דירעקטאָר.

— איך זאָל אַרײַן, איך זאָל אַרײַן!

זי האָט נישט געוואָלט גיין. זי האָט אים געקושט די הענט.

דער דירעקטאָר האָט ענדלעך פֿאַרשטאַנען, וואָס פֿאַר אַ סחורה ס׳איז אים אַרײַנגעפֿאַלן אין די הענט. אַן אומשולדיקע, אומבאַוווּסטזיניקע לערערין.

אויף איין ווײַלע האָט ער אויפֿגעהערט צוצושטיין, און ער איז ערגעץ פֿאַרשוווּנדן געוואָרן אַ פֿאַרשמײַעטער.

אַן ערך אין אַ האַלבע שעה אַרום איז ער צוריקגעקומען.

— דאָ שפּאַסט מען נישט, — האָט ער געזאָגט — איך זאָל אַרײַן!...

בעת ער האָט זיך אָנגעהויבן ראַנגלען מיט אַמאַליען, האָט זיך געעפֿנט די טיר — עפּעס אַ יונגער הער האָט אַ געשריי געטון אויפֿן גראָבן יונג.

דאָס מיידל האָט זיך דערפֿילט מוטיקער.

דער יונגער הער איז געווען זייער ליבנסווירדיק, אַלע ווײַלע האָט ער דעקלאַמירט: „Mademoiselle“ ער האָט געזאָגט, אַז ער איז אַן אַדוואָקאַט, אַז ער וועט אָנשרײַבן אַ מסירה. זיי זענען אַרײַנגעגאַנגען אין עפּעס אַ צימער. און דאָ האָט זיך אַמאַליע דערוווּסט דאָס ערשטע מאָל פֿון דער „ליבע“ פֿון אַ מאַנספּערשוין. דעמזעלבן אָוונט האָבן זי נאָך געהאַט אין זײַערע אָרעמס אַ יונגער פֿאָרוטשניק און אַ אָנגעפּרעסענער מער. פֿון דאַמאָלס אָן איז אין דער מענער־וועלט פֿונם שטעטל געוואָרן דער באַליבסטער ספּאָרט צו „פֿאַרווונדערן“ די לערערין. מ׳פֿלעגט צוטראַכטן גאַנצע קאָמבינאַציעס פֿון געמיינקייט און שמוץ... אַזוי זענען אַוועק חדשים, ביז אַמעליקע האָט זיך געפֿונען אין לאַזאַרעט.

דאָ האָט זי זיך דערוווּסט וועגן דער מוטערס טויט.

אַרויסגעקומען פֿון שפּיטאָל, איז זי געבליבן איינע אַליין אַ דערשראָקענע, אַ צעבראָכענע. אויף איר פּנים איז פֿאַרבליבן דער

אויסדרוק פון דער אַמאָליקער קינדישער גוטסקייט. בעת זי האָט נישט געהאַט פּין וואָס צו לעבן און פלעגט גיין „פאַרדינען", האָט זי געטראַכט נאָר וועגן דעם, אַז מ'זאָל זיך איבער איר נישט פריי־לעך מאַכן און זי נישט שלאָגן. אָבער דווקא די מאָדנע פּשוטקייט אָרע, די גוטסקייט און שרעקעוודיקייט פלעגן אָנרעגן צו ווילדקייט, און אַמעלקעס קערפּער איז שטענדיק געווען באַדעקט מיט בלויע צייכנס, די אויגן תמיד פאַרוויינט.

ס'האָט זיך איר נאָכגעשלעפּט איצט עפּעס אַ גרוזין, צי אַן אַרמענער, וועלכער האָט געוווינט מיט אונדז צוזאַמען, אַ מענטש, וועלכער איז שוין אומעטום געווען, זיך שוין מיט אַלץ צונויפגע־טראָפן, און וועלכער פלעגט איצט מאַכן אַן איינדרוק פון אַ פאַר־פלעקטן, אָפּגעניצטן באַנקנאָט.

— זי ווייסט נישט — פלעגט ער זאָגן — קוקנדיק אויף אַמאַליען און טשמאָטשקענדיק — זי ווייסט נישט, וואָס זי האָט אין זיך. זי איז שוין אַ פּראָסטיטוטקע אַ גאַנץ יאָר, און זי איז נאָך אַלץ ווי אַ מיידל. די באַנעמונג און אַלץ איז „aller causer" זי וואָלט געקענט האָבן אַ פאַרמעגן.

דער מזרח־מענטש האָט, דערווייסנדיק זיך, אַז כ'בין פון רוסלאַנד, באַקומען צו מיר צוטרוי. זעענדיק מיינע באַציִונגען מיט ליִען, האָט ער מיך געהאַלטן פאַר אַ סוטענער.

ער פלעגט זיך פאַר מיר אין אַלעם מתוודה זיין אַזוי לאַנג, ביז כ'האָב אים גוט אָנגעהרגעט פאַר דעם פאָרשלאַג, צו שאַפן אַ קאָמפּאַניע מיט ליִען און אַמאַליען אַלס גרונט־קאַפּיטאַל.

דער אַרמענער האָט זיך גאָרנישט פאַרטיידיקט.

ווען כ'האָב געענדיקט, האָט ער געזאָגט:

— ניין — איז ניין, אָבער צי וואָס זיך שלאָגן? און דאָס איז דאָך אַזאַ קאָנטראַסט, אַזאַ קאָנטראַסט. יעדער וועט עס דערפילן.

אין איין זאַך האָט ער אָבער קיין טעות נישט געהאַט.

מיין באַציִונג צו ליִען האָט מען געקענט אָנרופן אַזוי, ווי ער האָט באַשטימט.

כ'האָב געוווּסט, אַז זי ווערט ערגעץ פאַרשווינדן, אַז זי האָט

געלט, כ'האָב מיך דאָך נישט צעשיידט מיט איר, כ'האָב בײַ איר קיין זאַך נישט געפרעגט.

זי פלעגט קומען אין אָוונט, פלעגט זיך לייגן לעבן מיר, פלעגט מיך ארומפלעכטן מיט אירע אָרעמס, מיט איר גאַנצן בויגזאַמען קערפּער.

זי איז געווען ווי אַ זומערנאַכט פול מיט ריחות און צערטלעכקייטן, תמיד אַ נייע און זיך בייטנדיקע.

כ'בין ארומגעגאַנגען ווי אין היץ, וואַרטנדיק, ביז ס'וועט צו מיר קומען דער געגאַרטער, מיט תענוג דערשטיקנדיקער שגעון.

מיר פלעגן ווייניק רעדן איינער מיטן צווייטן.

טיילמאָל פלעגט זי באַנאַכט אָנהייבן פאַנטאַזירן.

זי פלעגט זאָגן, אַז זי וואָלט געוואָלט זיין אַ האָרין, אייביק יונג און האָבן לעבן זיך אַלעמען, וועמען זי ליבט.

אין איינער אַ נאַכט איז זי געווען עפּעס צערטלעכער, ליידנשאַפטלעכער ווי תמיד. אינדערפרי ווידער האָט זי געזאָגט:

בלייב געזונט, כ'וועל שוין נישט צוריקקומען...

— דו גייסט — וווהין?

— ניין.

— וואָס-זשע דען?...

זי האָט אַ שמייכל געטון:

— דו ביסט פריי און איך בין פריי.

דעמזעלבן טאָג איז געקומען צו מיר פּאַאָלאָ.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און אַ ווײַלע געשוויגן.

דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— כ'בין דיר געקומען זאָגן: איך און ליזאַ ליבן זיך.

כ'בין געבליבן איינער אַליין.

ערגער ווי איינער אַליין, דאָ וווּ די לופט איז פול געווען מיט ליזען, ווייל כ'האָב געהערט הינטער דער וואַנט איר געלעכטער און אירע קושן.

ס'זענען געווען נעכט, ווען כ'האָב געטראַכט, אַז כ'וועל אויפשטיין, כ'וועל אַריינגעזעצן פּאַאָלאָן אַ מעסער אין האַרץ אַריין און

װעל אָננעמען, כ׳װעל צונעמען בײַ די האָר די פּראַכטפֿולע לאַנג־ דיקע שלאַנג.

קײנמאָל, קײנמאָל האָב איך מיך אַזױ שטאַרק נישט גע־ האַסט.

כ׳בין קראַנק געװאָרן.

כ׳בין געלעגן אין היץ. ס׳האָט מיך געהײלט און באַזוכט דער צעלטער אַסט.

ער האָט זיך באַפֿרײַנדעט מיט מיר, און כ׳האָב אים ליב באַקומען.

אים האָט מען אַלץ געקענט זאָגן.

כ׳האָב אים דערצײלט װעגן ליען, װעגן דער אײפּערזוכט. ער האָט זיך אױף קײן זאַך נישט געװונדערט. ער האָט קײנמאָל נישט פֿאַרורטײלט קײנעם גישט. כ׳האָב נישט געזען, אַ מענטש זאָל זײַן אַזױ קלוג און פֿול מיט גוטסקײט.

אַמאָל באַנאַכט איז צו מיר אַרײַנגעלאָפֿן ליזאַ.

— ער װעט מיך דערהרגענען!... — האָט זי געשריגן.

ס׳איז טאַקע אַרײַנגעלאָפֿן פּאַאָלאָ.

— צזיג!

כ׳האָב געזען, װי זײַן פֿױסט איז געפֿאַלן אױף די פּראַכט־ פֿולע הענט, װי זי האָט געשלאָגן אין פּנים אַרײַן.

כ׳בין אױפֿגעשפּרונגען.

כ׳האָב מיך אַ װאָרף געטון אױף אים, אָבער מיט אײן שטױס האָט ער מיך אומגעװאָרפֿן. כ׳האָב מיר צעשפּאָלטן דעם קאָפּ אָן עפּעס אַ קאַנט, כ׳האָב געחלשט.

כ׳בין צו זיך געקומען אין פּאַאָלאָס אָרעמס.

— פּראַטעלאָ, — האָט ער געזאָגט, — זײַ מיר מוחל. כ׳בין אין כּעס געװאָרן צוליב דער שלאַנג.

ליזאַ איז אַנטלאָפֿן.

דער מזרח־מענטש האָט זי פֿאַרקױפֿט עפּעס אַ רוסישן פּירשט.

אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך מיך דערװוסט, אַז פּאַאָלאָ

איז אויף צוויי וואָכן אַרעסטירט געוואָרן דערפאַר, וואָס ער האָט שטאַרק אָנגעהרגעט דעם פּאַרמינטלער.

כ׳בין געלעגן קראַנק און האָב געערדט פון היץ.

ס׳איז צוריקגעקומען פּאַאָלאָ.

טיילמאָל, בעת כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט, פלעג איך זען איבער מיר אַמעלקעס פּנים, אַמאָל פלעג איך געפינען לעבן בעט בלומען.

כ׳האָב מיך געפרעגט אויף זיי אַסטן, אָבער ער האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

אַ געררירטער פלעגט ער דערציילן, אַז אין תּפיסה אַריין פלעגט אים אַמעלקע ברענגען ריינע וועש, וועלכע זי האָט אַליין געוואַשן. וויין, אויבסט, ברויט, ווורשט און בלומען.

אַמעלקע פלעגט נעלם ווערן, בשעת ער פלעגט רעדן וועגן דעם, און מיר האָבן בלויז געהערט פון הינטער דער וואַנט איר שרעקלעך קינדיש געוויין, אַ פיינלעך, רחמנותדיק שלוכצן.

פּאַאָלאָ האָט געקלאַפּט מיט דער פויסט אין טיש און האָט געזוכט אַ מעסער.

— זאָג דו מיר, — האָט ער געפרעגט — ווו האָט זי דאָס האַרץ.

— ווער?

— Questa infame vita, כ׳וויל טרעפן גלייך אין האַרץ פון דער שלאַנג. איך מוז דערזען די גערעכטיקייט.

— בלוט איז נוצלאָז, בלוט איז תּמיד נוצלאָז, — האָט געזאָגט סאַבאַטיע.

פּאַאָלאָ האָט נישט געוואָלט הערן.

— כ׳וויל קיין זאַך נישט הערן, איר גייט מיר ווידער דערציילן, ווי ס׳וועט אַמאָל זיין. איר גייט מיר זאָגן, וואָס ס׳איז קלוג, וואָס האָט אַמעלקע דערפון. ווער וועט איר צוריקקערן דאָס לעבן. פאַרוואָס האָט מען זי אַריינגעטראָגן אין דער בלאָטע. זי איז אפילו קיין שיינע נישט געווען. זי איז זיי געפעלן, ווייל זי איז ווי אַ קינד. עמעץ מוז שולדיק זיין.

— קיינער איז נישט שולדיק. אַלע זענען דאָס, וואָס זיי

מוזן זיין. אומשולדיקערהייט דערהרגעט איינער דעם אנדערן. און דערויף איז נישטאָ קיין עצה.

— דו ביסט א פילאָזאָף, — האָט געזאָגט פּאָלאָ — אַזוי, צי אַזוי, מיר מוז ימעץ ענטפערן. אַלע זענען אומשולדיק, ס'איז נישט אמת. דו ביסט שולדיק, איך בין שולדיק, ער — יעדער פון אונדז איז שולדיק, וואָס ער טראָגט אַריבער. פאַר יעדער עוולה — טויט. פאַר יעדן געפאַלענעם מיידל, יעדן מאָל ליידן — טויט.

— אָבער ווער דאַרף אומקומען?

— עמעץ מוז זיין פאַראַנטוואָרטלעך. ס'קען אַזוי נישט זיין. דער גלח דעקלאַמירט וועגן גערעכטיקייט. עס קומט מיר דעריבער גערעכטיקייט. די רעגירונג באַשטראָפט און אורטיילט. ווער ס'האָט מאַכט, ווער ס'וואַגט צו האָבן מאַכט און פאַרטראָגט אָט דאָס לעבן, דער איז שולדיק.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ טעאָרעטישער וויכוח.

אָבער פּאָלאָ האָט נישט אַרגומענטירט, נאָר ברייזאַם געשאָקלט מיטן קאָפּ.

טויט, טויט דערפאַר, וואָס דאָס אַלץ לעבט.

ב

דער אַלטער אָסט האָט געשטראָלט.

זינט דריי טעג האָט ער שוין געהאַט געלט. די רעגירנדע שיכטן האָבן געציטערט פאַר כעס. דער אַלטער משוגענער, דער דעמאַגאָג און די עכטע פרינצעסין, די פירשטין יאַלאַנטאַ. דאָס איז געווען פשוט שרעקלעך, ווי אַזוי האָבן זיי זיך געקענט באַגעגענען. מען האָט זיך באַמיט צו איבערצייגן די פרינצעסין. די זאַך האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן פאַר נישט לייכט.

אַזוי מוז זיין, די פרינצעסין איז געווען אַ גאַסט — זי איז אַלט געווען צוואַנציק יאָר, האָט געהאַט אַ שטאַרקן ווילן און הער-

לעכע אויגן. ווען דער שאמבעלאַן, אַ בכבודיקער זקן, האָט אויס־שטעלנדיק אויף זיינע יאָ־ן, געמאַכט איר אַ פאָטערלעכע באַמערקונג, האָט די פרינצעסין געהייסן דערלאַנגען זיך די רשימה פון די מענטשן, וועלכע זי האָט נישט געוואָלט זען און איינגעשריבן אלס דעם ערשטן נומער דעם שאַמבעלאַנס פאַמיליע.

דעם גלח, וועלכער איז געקומען צו איר, זי זאָל זיך מתוודה זיין, האָט זי געפרעגט, פון ווען אָן עס איז אַן עבירה צו געבן עסן אָרימע לייט, און זי האָט אים געראַטן, ער זאָל זיך מער פאַר־טיפן אין קריסטלעכער פרומקייט. זי האָט טעראָריזירט די גאַנצע סביבה און פלעגט זיך אַלע טאָג זען מיט אַסטן.

אַסט האָט אויך געמאַכט געוויסע הנחות:

ער האָט זינגעטון אַ שוואַרצע טוזשורקע, האָט געטראָגן אין דער לאָך אַ נעגעלע (אַ בלום) און פלעגט צעקעמען ז ן פראַכט־פולע באָרד. דערביי איז ער געוואָרן מאָדנע רעדעוודיק און האָט תמיד חשק געהאַט צו רעדן.

אין יענער צייט האָב איך מיך, אַ דאַנק אים, באַקאַנט צום ערשטן מאָל מיט דעם גרויסן ווערק פון מאַרקס. אַסט האָט עס שוין געלעזן, און איך האָב געזען אויף זיין עקזעמפּלאַר אַ סך נאָ־טיצן, אויסרופצייכנס און גאַנצע פאַלעמישע רעפסאָדיעס, וועלכע זענען געווען צוגעשריבן אויף די ברעגעס.

אויף מיר האָט דאָס בוך געמאַכט אַ געוואַלטיקן רושם.

איך האָב נישט געקענט באַהערשן דעם אינהאַלט און האָב געפילט גאַנץ דייטלעך, אַז איך האָב צו טון מיט אַ געדאַנקען־גאַנצקייט, וואָס שטייגט איבער מיין געדאַנקען־וועלט. איך האָב געזען די געדאַנקען־צעגלידערונגען, וועלכע פלעגן מיר פאַרשווינדן פון די אויגן. אַסט האָט געהאַט גרויס דרך־ארץ פאַר מאַרקסן. אַן אויסערגעוויינלעך אָרגאַניזירטער קאָפּ: עס איז פשוט אַן אומ־מעגלעכע זאַך, מען זאָל דאָס קענען פאַרשטיין. סוף כל סוף זענען די גרענעצן פון אונדזער פאַרשטיין אָפּהענגיק פון דער סטרוקטור און דעם פונקציאָנירן פון אונדזער מוח. ווער עס קען קאָאָרדינירן העכסטנס צוויי אָדער דריי רייען באַגריפן, דער וועט נישט זיין אומשטאַנד צו פאַרשטיין די געדאַנקען פון דעם, וואָס קאָאָרדינירט

זעקס אָדער זיבן פון זיי. ער וועט בלויז אַלעמאָל האָבן דעם אויס־וואַל צווישן צוויי איינזייטיקייטן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט ער מיר געבראַכט אַ פראַנצויזיש אַרטיקל וועגן מאַרקסן:

זיי מאַכן שוין פון אים אַ גלויבן. די מאַשין אַנטוויקלט זיך, ווערט פאַרפולקאָמט, ענדלעך איז די גאַנצע וועלט אַ גוט־פונקציאָנירנדיקער מעכאַניזם, וועלכער ווערט געבערנגט אין באַוועגונג דורך אַ דריק־קנעפּל. די גאַנצע אַרבעט ווערט רעדוצירט ביז דעם דריק טון יענץ קנעפּעלע, און די מענטשהייט ווערט פאַרוואַנדלט אין לאַזאַראָנען, וועלכע קומען אַלע טאָג נאָך זייערע שכירות, וואָס ווערט מעכאַניש פּראָדוצירט און צעטיילט גלייך „אין נאַטור".

זיי וועלן פון אים מאַכן אַ נייע טעאָלאָגיע, וועסט זען!

אין עטלעכע טעג ארום האָט ער געזאָגט:

— מ'דאַרף בכלל נישט האָבן קיין צו גרויסע פאָדערונגען —.

מ'דאַרף געדענקען, אַז דער מענטש האָט נישט קיין שום, טאָקע קיין שום ערבות, אַז ער וועט עפּעס דערגרייכן — אָט שפּילט ער אין „קאָפּ־און־שלאַק" מיט אַ זאַך, וועלכע עס גייט גאָרנישט אָן, נישט ער, נישט דאָס געווונענע, אָדער פאַרשפּילטע.

ער האָט געשריבן אין יענער צייט אַ זאָאָלאָגישע, ווי ער פלעגט זאָגן, קריטיק איבער העגעלן. העגעל, פלעגט ער זאָגן, האָלט: אַלץ איז קלוג. מיין שכל איז אַנטשטאַנען פון אַלץ. איצט קוק זיך צו צו אַ שפּין, קוק זיך גוט צו צו זיין גאַנצן בוי און זיינע מנהגים, און פאַרשטיי: פון אַזאַ גליטשיקער מאַסע, פון אַזאַ האָריקן גוף, ווי ס'איז למשל אַ שפּין, האָט זיך אַרויסבאַקומען און איז אויסגעוואַקסן דער באַרימטער שכל, מיט וועלכן איך שטאָלציר. דער געדאַנק איז אַנטשטאַנען פון אַלץ, ער איז נישט אַראָפּגעפאַלן פון הימל, נישט פון קיין עטער־וועלטן, נאָר דווקא פון אָט דעם באַוועגלעכן שמוץ איז ער אַרויסגעוואַקסן. אָט האָסטו דעם אמתן זין: אַלץ איז קלוג. און העגעל האָט געטראַכט, געטראַכט אַזוי לאַנג, ביז וואַנען אַ סאָליטער אָדער אַפילו אַ לויז האָבן זיך פאַר־וואַנדלט באַ אים אין אַ געטלעכקייט, און דערנאָך האָט ער אויס־

גערופן: אַלץ איז קלוג; אַזוי איז עס געווען נישט קיין שווערע זאַך. ס'איז נישט קיין שווערע זאַך צו זאָגן צו אַ שפּין: כ'ליב דיך, ווייל דו ביסט גאָט, וועלכער קען זיך נישט, אָדער צו אַ שטיקנדיקער שלאַנג: דו ביסט אַ פאַרבאָרגענער שכל.

ס'וואָלט ריכטיקער געווען צו זאָגן:

מיר וועלן זיך נישט פאַרשטיין, אָבער אויב דו ביסט אַנטשטאַנען פון דער זעלבער וועלט וואָס איך, מוז אויך אויפן גרונט פון מיין נשמה זיין עפּעס אַזוינס, וואָס עס איז דאָ בײַ אַ שפּין. און מ'וואָלט זיי געקענט געפינען אַ סך אָט די היהשע זאָאָלאָגישע קאַטעגאָריעס אין דער מענטשלעכער נשמה, אין די געדאַנקען און אין זיין פאַרשטאַנד.

און איך ראַט נישט צו גלייבן אין געדאַנק.

דער געדאַנק איז אַנטשטאַנען בלויז פון די פּאַראַלגעמיינונגען פון די לעבנסבאַדינגונגען, פון די באַדערפעניש, אונטערן דרוק פון וועלכע ס'איז אויסגעוואַקסן דער מענטש. מ'פלעגט אים אויסאַרבעטן נישט נאָר אין די קאַבינעטן. ניין — דער קאַבינעט פון אַ געלערטן, פון אַ שרייבער, דאָס איז שוין, אויב מ'קען זיך אַזוי אויסדריקן, אַ דיסטילאַרניע, וועלכע פּראָדוצירט פון פאַרשידענעם נישט ווייל־שמעקנדיקן שמוץ אַ ריינע און פאַרבלאָזע פליסיקייט. ניין, זי פלעגט געבוירן ווערן אומעטום. אין די קעפּ, פון וועלכע פאַרשידענע טשינגיז־כאַנען פלעגן בויען פּיראַמידן פון אינם קאָפּ פונם טשינגיז־כאַן אַליין. אין די קעפּ און גופים פון די שקלאַפן, וועלכע מ'פלעגט פאַרקויפן אויף די מערק, פון פרויען, וועלכע מ'פלעגט פאַרקויפן אין האַרעמען אַריין — אומעטום האָט זיך געשאַפן דער געדאַנק. איצט ווידער קומט דער מענטש צו אים און זאָגט: לייז מיך אויס. אויף אים זענען דאָ אַלע אונדזערע שמוציקייטן, שראַמען און קרעץ פון אַלע אונדזערע קראַנקהייטן. וואָס דער מענטש זאָל נישט האָבן איבערגעלעבט — דאָס לעבט היינט אין זיין געדאַנק און דורכגעלעבט האָט דער מענטש אומגעהייער אַ סך זאַכן, וועגן וועלכע דער אויפגעקלערטער געדאַנק דערוועגט זיך אַפילו נישט צו דערמאָ־

נען, אַזוי שרעקלעך זענען זיי. און זיי געפינען זיך אין אים, און ער האָט אויפן גרונט דאָס אַלץ.

אָפטער פאַר אַלץ פלעגט ער איבער רעדן וועגן יאָלאַנ-טאַן.

ער האָט גערעדט וועגן דעם, אַז זי איז ענלעך צו שעק-ספּירס אַ געשטאַלט, אַז ער האָט זיך קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט דאָס מענטשלעכע מין זאָל קענען שאַפן ענלעכע באַשאַפענישן גלייך אין דער נאַטור, אין דערווירקלעכער וועלט, און נישט אינם מוח פון אַ געניאַלן פּאָעט.

— דאָס איז נישט קיין ווירקלעכע וועלט, — פלעגט זאָגן פּאַאָלאָ — דאָס איז די גרויסע לעבנס-בינע. אַ בינע, וועלכע ס'האַלטן אויס אויפן חשבון פון בלוט און אומצייליקע אָנשטרענ-גונגען די פעלקער, און דערנאָך, אַז אַלץ גלאַנצט דאָרט, שמעקט, שימערט און פינקלט פון פאַרבן און פּראַכט, חידוש זיך דער אָרי-מער קאַליבאַן, וואָס זיינע פּשוטע אויגן האָבן דאָס גליק צו זען אַזעלכע וווּנדער.

— שיינהייט פאַרדינט תמיד התפעלות, — האָט געזאָגט אַסט, — און זי בלייבט תמיד באַ דער מענטשהייט. ווו ס'זאָל נישט וווינען אַ שיינער מענטש, וועלכן מ'קען באַוווּנדערן, אין אַ קעניגלעכן שלאָס, צי אין אַ פינסטערן קעלער, אומעטום, פאַרגרע-סערט ער די אינערלעכע אוצרות און דעם ווערט פון דער מענטש-הייט.

— וויפיל מענטשלעכע לעבנס ווערן אויסגענוצט צוליב איינער אַזאַ פּרינצעסין יאָלאַנטאַ.

— מענטשלעכע לעבנס וואָלטן סיי ווי צעשטערט געוואָרן, ווען זי וואָלט אַפילו געווען אַ געוויינטלעך סאַלאָנען-קאַלב מיט אַ פלאַכער נשמה און הויכע פיס.

פּאַאָלאָ איז געווען אומרחמנותדיק.

וואָס פאַר אַ נעמען זיי טראַכטן זיך אַלץ אויס: „יאָלאַנטאַ" האָט ער געזאָגט. אַזוי קען הייסן אַ בלום אָדער אַ שטערן, קען דען אַזוי הייסן אַ מענטש?

כ'האָב זי געזען אויף דער ערד.

זי איז אין אמתן אזוי ווי א שטערן און ווי א בלום, זי איז הערלעך, ווי א בת מלכה פון א מעשהלע, מ׳קען זיך פארקוקן אויף איר, מ׳קען מתפלל זיין, בשעת זי גייט דורך. דאס מויל רעדט ארויס אומבאוווסטזיניק: געבענטשט איז דאס לאנד, וואס האט דיך געהאט, געבענטשט איז די שעה, אין וועלכער די אויגן מיינע זען דיך, געבענטשט איז דער ווינט, וועלכער גלעט דיינע האר. בשעת זי האט מיך אנגעקוקט, האב איך מיך געפילט שולדיק אנטקעגן איר, כ׳בין גרייט געווען צו זאגן: ס׳איז מיר גוט, צו גוט. כ׳פארדין אפילו נישט אזא מזל. איך, וועלכער בין פול מיט שמוץ, צארן און שנאה, איך דארף נישט לעבן אויף דער וועלט, נישט טרעטן אויף דער ערד, ווו דו טרעטסט, אטעמען מיט דער לופט, מיט וועלכער דו אטעמסט. כ׳בין נישט ווערט די זכיה צו לעבן, אזוי קליין בין איך.

— דו רעדסט וועגן איר מיט מער התלהבות ווי אסט אליין, — האט געלאכט סאבאטיע.

— דערפאר טאקע דארפן נישט לעבן אזעלכע באשעפענישן, ס׳דארפן נישט לעבן מענטשן, וועלכע מוזן ווערן געטריי דער אמונה פון אביונים. קיינער איז נישט אזוי אביעקטיוו, אזוי געניי גט צו חלומות, ווי אן ארימאן. אין יענעם טאג, ווען מיין ארימע אמעלקע האט זיך באמיט צו פארדינען פאר מיר ערגעץ עטלעכע סאלדן, פארקויפנדיק זיך אינגאנצן, בין איך גרייט געווען צו בענטשן די ערד און די זון און צו שווערן, אז אלץ איז הערלעך שיין און גוט, אבי ס׳זאל זיין גליקלעך די בת מלכה יאלאנטא.

— אלץ איז שיין און גוט, זאל בלויז די בת מלכה יאלאנטא זיין גליקלעך — האט איבערגעחזרט אמעלקע, ארויסרוקנדיק פון הינטער דער טיר איר פנימל, וואס איז אין דער רגע געווען באדעקט מיט העלע קאלירן. אירע אויגן האבן געשמייכלט פרייליך, ממש שטיפעריש.

זי האט געהאלטן אין דער האנט א שטרויס בלומען, און אויפהייבנדיק זיי אין דער הייך, האט זי אויסגערופן:

— היינט וועל איך א ווארף טון אט דעם שטרויס דער

בת מלכה יאָלאַנטאַ אין דער קאַרעטע אַריין און וועל אויסרופן, אַז דאָס זענען בלומען פון מיין פּאַאָלאָ.

— זי האָט געזאָגט: „פון מיין פּאַאָלאָ”, און זי איז שטיין געבליבן אינגאַנצן פאַרפלאַמט.

אָבער פּאַאָלאָ האָט אַ שמייכל געטון.

— דו מעגסט זאָגן: זאָל לעבן די בת מלכה יאָלאַנטאַ, אָבער נאָר ווען דו לאַכסט, ווען דו וויינסט, טאָרסטו עס קיינמאָל נישט זאָגן.

— ווען כ׳בין פריילעך, קען איך נישט קלערן וועגן יאָלאַנטאַן — האָט געענטפערט אַמעלקע און זי איז אַרויסגעגאַנגען זינגענדיק שפּעט.

יענעם אָוונט איז זי נישט צוריקגעקומען.

מיר האָבן זיך נישט באַאומרויִקט, נאָר פּאַאָלאָ איז געווען צעטראָגן און פאַרחושכט.

— זי איז גרייט זיך אַליין צו פאַרקויפן, כדי צו קויפן פאַר זיך בלומען; אַזעלכע זענען דאָך די מיידלעך.

— ווען אַמעלקע וואָלט נישט געווען אַזעלכע ווי זי איז, וואָלט זי נישט געקענט פאַרבלייבן אַזאַ פולשטענדיק ערלעכער מענטש — האָט געזאָגט סאַבאַטיע. כ׳קען ווייניק אַזעלכע ערלעכע ווענטשן ווי זי.

די תורה פון גרויסן פּרודאָן האָט אים נישט דערלויבט אָנצורופן ערלעכע פרוי אַ מיידל, וועלכע האָט פאַרקויפט איר ליבע. דאָס ווייכע האַרץ ווידער האָט אים נישט דערלויבט צו פאַראורטיילן אַמעלקען, וועלכע ער האָט געליבט און באמת געשעצט. ער האָט זיך אַלזאָ נעשאַפן זיין פאַרייניקנדיקע פאָרמול.

— איר דערגייט צו געוויסע סאָפיזמען, פאָטער סאַבאַטיע — האָב איך געשפּאָט.

ער האָט אַ שמייכל געטון צו מיר. דאָס איז געווען אוודאי זיין לעצטער פריילעכער שמייכל.

באַנאַכט איז אים פּלוצלינג געוואָרן ערגער און אַסט האָט באַקלערנדיק זיך, געזאָגט:

— זיי מוטיק, אַלטער פריינט.

סאַבאַטיע האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל אים צו וויסן געבן ווען דער טויט וועט זיך אָנהייבן דערנענטערן.

דער אַלטער ארבעטער האָט אים אָנגעקוקט מיט אַן אומבאַשרייבלעכן בליק, אַזוי שטאַרק איז געווען זיין יאוש.

כ'האָב געוווּסט די סיבה דערפון.

ער האָט געציטערט פאַר די קינדער. ער האָט מורא געהאַט, אַז דאָס לעבן וועט זיי באַ אים נאָכן טויט צונעמען, אַז דאָס לעבן וועט זיי פאַרטרייבן אויף די בלוטיקע, שמוציקע דרכים. ווי אַזוי פאַרהיט מען זיי?

דער איינציקער, איינציקער כוח, וועלכן ער האָט געקענט, זענען געווען די מענטשן אַליין.

זיי אַליין און די מוטער מוזן ווערן פאַר זיך אַליין די איינציקע שוץ.

סאַבאַטיעס טויט איז געווען איינע פון די סצענעס, וועגן וועלכער ס'דערציילן אונדז די קלאַסישע שרייבער, שילדערנדיק די צניעות פון די לעצטע רוימישע רעפובליקאַנער און גריכישע חכמים.

ער האָט אָנגעוווירן דאָס באַוווּסטזיין. די אויפגעוועקטע קינדער זענען געשטאַנען אַרום זיין בעט. די פרוי האָט געקניט לעבן אים.

— זיי רויק, פּיאָטר, — האָט זי געזאָגט רויק און שטרענג — כ'וועל אָפּהיטן אונדזערע קינדער. כ'וועל פאַר זיי זיין א טאַטע און א מאַמע. און אויב כ'זאָל אפילו שטאַרבן, וועלן זיי שוין נישט פאַרגעסן קיין זאַך. שרעק דיך נישט: אומגליקלעך וועלן זיי זיין, אָבער דעם אמת וועלן זיי נישט פאַראַטן, זיי וועלן נישט פאַראַטן די אַרבעטער-זאַך, דעם קאַמף פאַר פרייהייט.

אינדערפרי האָט סאַבאַטיע אָנגעוווירן דאָס לשון.

דאַמאָלס טאַקע איז געקומען פּאָליציי. אַמעלקען האָט מען געפונען אין איינער פון די פּאַרט-באַהעלטענישן א דערהרגעטע מיט סימנים פון עקלהאַפטן און חיהשן שענדן איר גוף.

פּאָליציי איז זיך געקומען דערוווסן, צי עמעץ קען פעסטשטעלן די אידענטישקייט פון איר פּערזאָן.

בשעת דער בריגאַדיר האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף איר, האָט ער זי צונגערופן — קלאָגעדיקע פּראָסטיטוטקע. נישט מער, ער האָט באַנוצט אַן אַנדערן פֿאָלקסטימלעכן אויסדרוק.

— ווי אַזוי רעדסטו? — האָט אויפגעברילט פּאַאָלאָ.

דער בריגאַדיער האָט געענטפערט מיט עפּעס אַ קללה, און באַשרייבנדיק דערנאָך, ווי אַזוי מ'האָט געפונען אַמעלקעס קערפּער, אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד ס'האָט איבערגעלאָזט דער מערדער איר עלנטן מת, — האָט ער געענדיקט מיט אַן אַרויסרוף, קוקנדיק אויף פּאַאָלאָן:

— אַ צויג קומט אַ הונטישער טויט.

פּאַאָלאָ האָט גאָרנישט געענטפערט, ער האָט נאָר משונה־דיק אַ שמייכל געטון.

אינדערפרי איז ער נעלם געוואָרן. נאָכדעם ווי ער האָט געדריקט די האַנט דעם גוטסדיקן סאַבאַטיע.

ס'איז אַוועק עטלעכע שעה, און פּלוצלינג האָט זיך פּאַר־שפּרייט אַ ידיעה: אַז די בת מלכה יאָלאַנטאַ האָט עמעץ, בעת זי איז דורכגעפאָרן אין דער קאַרעטע, געשטאָכן מיט אַ שווערט.

— פּאַאָלאָ! — האָב איך אויסגעשריגן.

און אַזוי איז עס טאַקע געווען.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז דאָס הויז פֿול געווען מיט פּאָ־ליציי־אַגענטן.

סאַבאַטיעס טויטער קערפּער האָט געקוקט מיט פאַרגלאָצטע אויגן, בשעת מ'האָט בײַ אים קאָנפיסקירט דעם עקזעמפּלאַר פֿון פּרודאָנס ווערק.

מ'וואָלט אויך אַרעסטירט אַסטן, ווען נישט דאָס, וואָס מען האָט אים אַרויסגעפאָדערט אין פּאַלאַץ צו דער גוטסדיקער בת מלכה.

פּאַאָלאָ האָט אַ האַלבע שעה פאַרן אַטענטאַט אַרייַנגעוואָרפן אין בריוו־קאַסטן אַ בריוו אויף יאָלאַנטעס אַדרעס.

„כ'וואָלט געוואָלט אַרייַנזעצן אַ מעסער אינם האַרץ פֿון דער גאַנצער שטאָט. דו ביסט די שענסטע.

און ווען די שטאָט וואָלט פאַרמאָגט אַ האַרץ, וואָלט זי גע־

ווייטיקן און געקלאָגט פאַר יסורים, ווען דו וועסט שטאַרבן. כ'באַ־
דויער דיך נישט, ווייל דער טויט איז נישט קיין אומגליק. דו
וועסט שטאַרבן אַ שיינע, אַן אומשולדיקע, נישט האָבנדיק פאַרזוכט
קיין צער, ווייל ס'האָט דיך נאָך נישט געטראָפן קיין אמתע צרה.
כ'וואָלט נישט געוואָלט דו זאָלסט ליידן. ליידן דאַרף מען נישט,
נישט דיך דערהרגעט איך אין דיר, נאָר די גרויסע עוולה פון דער
וועלט. דאָס מיידל, וואָס מ'האָט דערהרגעט היינט אין פּאַרק און
געשענדט זי נאָכן טויט — האָט פאַרמאָגט נישט קיין מיאוסע־
רע נשמה פון דיר. נעכטן האָט זי דיר געוואָלט אַ וואָרף טאָן בלו־
מען פון איר פּאַלאַץ. היינט ברענג איך דיר דעם טויט פון מיין
אַמעלקע. און דאָס איז אפשר אַ בעסערע מתנה."

יאָלאַנטאַ איז געשטאָרבן אין אָוונט.

אַסט איז אַהיימגעקומען אַן איינגעהויקערטער. זיין פּנים האָט
באַקומען עפּעס אַ קאָליר פון אַש און ערד.

יאָלאַנטען האָט מען מקבר געווען אין צוויי טעג אַרום.

נאָכן ארון איז געגאַנגען דער המון, דראָענדיק און שריי־
ענדיק:

טויט פאַר די מערדער, טויט — דעם אַלטן מוילוואָרף, די
אפיקורסים, טויט די פריינט פון שטן.

אַסט האָט באַשלאָסן צו רעדן אויפן קבר.

אומזיסט האָב איך אים פאַרזיכערט, אַז מ'וועט אים נישט
לאָזן זאָגן קיין וואָרט, אָדער ס'וועט געשען עפּעס אַן ערגערע זאַך,
ער האָט נאָר געשמייכלט און געזאָגט, אַז ער קען זיך באַגיין מיט
חיות.

נאָך צוויי דרשות פון עפּעס הויכגעשטעלטע גייסטלעכע
פּאַרשוינען, האָט אַסט אַרויפגעקלעטערט אויף אַ העכער אָרט און
אָנגעהויבן מיט אַן איבערגעריסענער שטים רעדן מיט טרערן:

כ'האָב געליבט אָט דאָס שיינע און פיינע קינד, וואָס איז
אומגעקומען צוליב די פאַרסמטע אויסאָטעמונגען, וואָס הערשן אין
אונדזער געזעלשאַפט, אַזוי ווי ס'קומען אום די אַרבעטער אין די
קוילנגרובן...

דער המון האָט אים אָנגעהויבן דראָען.

נידער מיטן מערדער!

עמעץ מיט אַן ערנסט פּנים און אין קליידער פון אַ גייסט־לעכן האָט באַפוילן דעם המון זיך צו באַרויקן, זאָגנדיק: דאָס איז אַ פּריינט דער פּרינצעסינס.

— ער האָט דערצויגן די שלאַנג, וועלכע האָט זי דער־הרגעט — האָט געשריגן דער המון.

— נישט פּאַלאַ האָט זי דערהרגעט — האָט געזאָגט אַסט — ס'האָט זי דערהרגעט די עוולה, וועלכע האָט פאַרסמט פּאַלאַס האַרץ; זי און פּאַלאַ און דאָס אַנדערע אָרימע מיידל, וועמענס קערפּער מ'האָט געפונען אין פּאַרט, דאָס זענען אַלץ קרבנות פון איינעם און דעם זעלבן פאַרברעך. און מיט דעם דאָזיקן פאַרברעך אָטעמען מיר אַלע, מיר אַלע באַגייען אים אומויפהערלעך. מיר האָבן דערהרגעט פּאַלאָן, אַמעליען, יאָלאַנטען.

— דאָס איז שוין צו פיל — האָט געשריגן עפּעס אַן אָפי־ציר. — ער באַדעקט זי מיט שאַנד נאָכן טויט. ער פאַרגלייכט זי מיט פּראָסטיטוטקעס...

דערהרגענען אים, דערהרגענען! טויט אים!

עמעץ האָט אַ קלאַפּ געטון אַסטן מיט אַ שטעקן פון הינטן, אַזוי אַז ער איז געפאַלן דאָס האָט אים אומגעברענגט.

דער המון האָט באַדעקט זיין קערפּער און אים דערהרגעט, כ'בין אים געלאָפן צו הילף, און מ'האָט מיך אומגעוואָרפן, כ'האָב געחלשט. מ'האָט מיך דערמ'נטערט בערך אַ האַלבע שעה אינם מתים־שטיבל.

— אייער פאַמיליע? — האָט בא מיר געפרעגט עפּעס אַ פּאָליציי־באַאַמטער.

— מיכאַל קאַניאָווסקי — האָב איך געענטפערט.

עמעץ מיט אַ שיין ערנסט פּנים האָט זיך דערנענטערט צו מיר.

אַ זון פון אָקטאַוויאַן? — האָט ער געזאָגט אויף פויליש.

— יאָ.

— איך בין אַלויזי קאַניאָווסקי — דיין פעטער — איך וועל זיך פאַרנעמען מיט דעם הער — האָט ער געזאָגט צום קאָמיסאַר.

— און אַסט? — האָב איך אַ פרעג געטון,

דער פעטער אַלויזי האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ צימער, ווו ס'איז געלעגן צוגעדעקט מיט אַ ראָגאָזשע זיין טויטער קערפּער.

סוף פון דער ערשטער טייל.